STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00747

TILIM

Permanent preservation of this book was made possible by
Ralph Gorin
in memory of
William & Helaine Falkson Gorin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס סֵפֶר תְּהִלִּים

תהלים

איבערגעזעצט

און מיט אן אַרײַנפיר פון

נפתלי גראָס

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
פון שרײַבער און קולטור־טוער

THE BOOK OF PSALMS

TRANSLATED AND WITH
AN INTRODUCTION BY

NAFTOLI GROSS

Copyright 1948
by
NAFTOLI GROSS
New York, N. Y.

PRINTED IN THE U.S.A. BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

די איבערזעצונג
פאר דעם ספר תהלים
ווידמע איך דעם געדעכעניש
פון מיין ברודער
פנחס יעקב
1940-1893
מיין שוועסטער
שרה בלומע
1943-1898
איר מאַן
אייזיק וועלצער
1943-1896
און זייער טעכטערל
מירעלע
1943-1929
זיי זענען אַלע
אומגעקומען
אף קידוש-השם

פאַרצייכעניש

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער 7
אַ וואָרט פון דעם איבערזעצער. 8
אַריינפיר:
דאָס ספר תהלים 12
די באַדייטונג פון די איבערשריפטן אַף די מזמורים 13
ווער ס'האָט דאָס ספר תהלים געשריבן און צוזאַמענגעשטעלט . 18
דער אינהאַלט פון דעם ספר 22
ווען מ'האָט געזונגען די מזמורים, זייער פאָרעם און דער
צוזאַמענשטעל פון דעם ספר 27
די איבערזעצונג און דער אָריגינאַל. 34

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

אין 1936 האָט דער בילדונג־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג, צוזאַמען מיט אַ קאָמיטעט פון חשובע שרייבער און קולטור־טוער, געהאָלפן אַרויסגעבן די פינף מגילות אין דער איבערזעצונג פון נפתּלי גראָס.

איצט, מיט עלף יאָר שפּעטער, גיבן מיר אַרויס דאָס ספר תהלים, דאָס ספר פון געזאַנג און געבעט, אין דער איבערזעצונג פון דעמזעלבן דיכטער.

עס זענען געווען אַ סך שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן דידאָזיקע איבערזעצונג. נאָך מיט אַכט יאָר צוריק איז דאָס ספר געווען טיילווייז אופגעזעצט. נאָר דער דרוקער האָט פּלוצים אופגעגעבן זיין דרוקעריי, און די אַרבעט איז געבליבן נישט פאַרענדיקט.

דאָס ספר איז שפּעטער געזעצט געוואָרן אַפּסניי אין אַ צווייטן פּלאַץ, נאָר אָן די קאָמענטאַרן, צוליב דעם גרויסן יקרות אַף דרוק־אַרבעט.

מיר זענען צופרידן, וואָס מיר האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן די פינף מגילות, און איצט — דאָס ספר תהלים. נפתּלי גראָס, איינער פון די אָנגעזעענסטע דיכטער אין אונזער פּאָעזיע, האָט זיך שוין לאַנג קונה־שם געווען מיט זיינע מייסטער־האַפטע איבערזעצונגען פון תּנ״ך. זיינע פינף מגילות זענען פון די לייענער, פּונקט ווי פון די שרייבער, אופגענומען געוואָרן מיט אמתן ליבּ. די איבערזעצונג פון די דאָזיקע ספרים, און פון די אַנדערע ספרים פון תּנ״ך, איז אַ טייל פון נפתּלי גראָס׳ לעבנס־אַרבעט. ער גיט אַוועק אַף דעם לאַנגע יאָרן, כּוח און קענשאַפט. די, וואָס שטייען נאָענט צו דער אַרבעט פון דעם דיכטער, ווייסן מיט וויפל אַחריות און ליבשאַפט ער טוט דידאָזיקע אַרבעט.

דאָס איבערזעצן אין יידיש די ספרים פון תּנ״ך איז אַ גרויסער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור און אַ געווינס פאַר די טויזנטער יידישע לייענער.

די יידן, וואָס קענען דעם אָריגינאַל, און נאָך מער די, וואָס קענען נישט די אַלטע קוואַלן, וועלן פון דידאָזיקע איבערזעצונגען אַ סך לערנען און האָבן אַ נחת־רוח, און זיי וועלן מיט ליבע אָפּשאַצן די שווערע אַרבעט פון נפתּלי גראָס.

דאָס ספר תהלים וועט אויך זיין אַ הילף פאַר אונזערע קינדער אין די שולן צו באַקענען זיך מיט אונזערע גייסטיקע אוצרות פון פאַרצייטנס.

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ דאַנק, יעדן איינעם, וואָס האָט אַף אַזאַ, אָדער אַנדערן אופן געהאָלפן אין דער אַרבעט אַרויסצוגעבן דאָס ספר.

אין נאָמען פון קאָמיטעט,

נ. כאַנין,

בילדונג־דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג.

ניו־יאָרק 1948.

פון דעם איבערזעצער

פירוואָרט

אַף דער איבערזעצונג פון דעם ספר תּהלים האָב איך געאַרבעט אַ סך יאָרן. דעם ערשטן אָנוואָרף האָב איך געמאַכט נאָך אין 1934 — 1935.

פון די ערשטע זאַכן, וואָס איך האָב געלערנט אין די קינדעריאָרן, ליגט מיר אין טעם תּהלים. אָנהייבן האָב איך אָנגעהויבן קודם חומש. נאָר תּהלים באַלײַט מיך פון די פריסטע יאָרן אָן. סע קאָן זײַן, אַז דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס איטלעכער מזמור האָט זיך געהאַט זײַן באַזונדערן ניגון ביים לערנען.

אין דער שטוב פון מײַנע עלטערן איז די סדרה און שיר השירים געווען דאָס געזאַנג פון יעדן פרײַטיקצונאַכטס. תּהלים איז געווען דאָס טעגלעכע געזאַנג פון אַלע פרימאָרגנס.

פון אַלע ספרים אין נ״ך איז תּהלים דאָס שווערסטע, און אין דער־זעלבער צײַט — דאָס לײַכטסטע. דאָס ספר איז רײַך אין לשון און אין פאָרעם. אַן אַנדער ספר פון נ״ך איז אַ שאַפונג פון אַ באַשטימטער צײַט און האָט, מער־ווייניקער, אַן אייגנהייטלעכע פאָרעם. תּהלים איז אַ שאַפונג, וואָס נעמט אַרום אַ משך פון טויזנט יאָר. איין מזמור איז אַנדערש פון דעם צווייטן מזמור. שיר השירים האָט אַן אייגנהייטלעכן סטיל. אַזוי אויך רות, איכה, קהלת, משלי, איוב, און אַזוי אויך די מערסטע רייד פון איטלעכן נביא. תּהלים האָט אַ סך סטילן און אַ סך פאָרמען. דער מזמור אַשרי האיש איז אַנדערש פון למה רגשו גוים; השמים מספרים כבוד־אל איז אַנדערש פון ה׳ רועי לא אחסר; די הללויהס זענען אַנדערש פון די שירי־המעלות. די מזמורים זענען אַזוי פאַרשידן סײַ אין תּוך און סײַ אין טאָן און סײַ אין פאָרעם ווי ס׳איז געווען דאָס לעבן פון דעם ייִדישן פאָלק אין משך פון הונדערטער יאָרן. בלויז טייל מזמורים זענען ענלעך איינע צו די אַנדערע.

דאָס לשון אין תּהלים איז אַזוי רײַך, אַז כּדי איבערצוגעבן די סינאָנימען מיט ענלעכע עקוויוואַלענטן אין ייִדיש, האָב איך גענוצט ייִדישע ווערטער, וואָס זענען ווינציק באַקענט. איך האָב צוליב דעם אויך געשאַפן נײַע בײַגונגען פון ווערטער, און האָב מיך נישט געהאַלטן בלויז אין חדר־טײַטש. איך האָב מיך אָבער געהיט פון קינסטלעכקייט, צו וואָס אַזאַ פּינקטלעכקייט קאָן פירן.

פאַראַן ווערטער, וואָס איך זעץ זיי איבער אַנדערש ווי ס׳איז ביי אונז געווען אָנגענומען צו טײַטשן. איך טו דאָס, כּדי איבערצוגעבן די פּינקטלעכקייט פון איטלעכן וואָרט. עטלעכע אויסדרוקן זעץ איך דאָ איבער אַנדערש ווי איך האָב זיי איבערגעזעצט אין די פינף מגילות. אויך דאָס טו איך צוליב מער פּינקטלעכקייט.

נאָר איך האָב מיך געהיט און אויסגעמיטן דעם וועג פון גלאַט מאַכן.

פירוואָרט

איך וויל דאָ איבערחזרן, וואָס איך האָב געזאָגט אין מיין וואָרט צו די פינף מגילות: ביים איבערגיסן די פערזן און פסוקים פון איין כלי אין דער אַנדערער — האָב איך מיך געמיט איבערצוגעבן אין ייִדיש דאָס געזאַנג און דעם באַזונדערן נוסח פון איטלעכן מזמור. נישט קיין פרעמדס ביי פרעמדע האָב איך גענומען, נייַערט אייגנס, און איך האָב דאָס איבערגעגאָסן פון איין אייגענער כלי אין אַן אַנדערער אייגענער כלי. איך האָב מיר פירגענומען צו מאַכן אַ גרינטלעכע און אַ געטרייַע איבערזעצונג לויט דער מסורה, נישט צו מינערן און נישט צו מערן, און איבערצוגעבן אין ייִדיש דעם אויסנווייניקסטן און אינעווייניקסטן ריטם פון איטלעכן פערז און פסוק ווי אין אָריגינאַל.

אין מיין אַרבעט האָב איך מיך סומך געווען אַף אונזערע אָנגענומענע מפרשים. אויך דאָס גוטע, וואָס איך האָב געקאָנט אָפּלערנען פון מאָדערנע ביבל־פאָרשער, האָב איך נישט פאַרוואָרפן. איך האָב מיך אויך גערעכנט מיט די אַלערליי אַלטע און נייַע ייִדישע איבערזעצונגען און אויסטייטשונגען פון תהלים.

צו דעם ספר האָב איך געשריבן אויספירלעכע קאָמענטאַרן: אַן אַרייַנפיר צו איטלעכן קאַפּיטל באַזונדער און נייטיקע דערקלערונגען און באַמערקונגען צו יעדן פסוק, ווי צו דעם ספר איכה אין מיין איבערזעצונג פון די פינף מגילות. זיי זענען כולל מיינונגען פון אונזערע אַלטע און נייַע מפרשים און ביבל־פאָרשער. צוליב כמה טעמים גייען די קאָמענטאַרן נישט אַריין אין דעם ספר.

די אויסדרוקן הללויה, שיר המעלות און ממעקים גיב איך סיי אין אָריגינאַל און סיי אין ייִדיש. איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצט אין אונזער לשון. דאָס וואָרט נחלה, אומעטום, וואו סע גייט אַרויף אַפן פאָלק, זעץ איך עס איבער אַרבטייל, און וואו סע באַציט זיך אַפן לאַנד, לאָז איך נחלה. פאַראַן נאָך עטלעכע אַנדערע ווערטער, וואָס איך זעץ איבער אַמאָל אַף איין אופן און אַמאָל אַף אַן אַנדערן אופן. ס׳איז געווענדט וועגן וואָס סע ווערט גערעדט.

דעם שם הוויה זעץ איך איבער גאָט, אונטערגעשטראָכן, ווי מיר האָבן אַלעמאָל געטייטשט און ווי סע פאָדערט די ייִדישע טראַדיציע. שרייבן יהוה, און לייענען יאַהוועה, צי יעהאָוואַ, אָדער אַפילו השם — איז קעגן ייִדישן גייסט און קעגן גייסט פון ייִדישן לשון. יאַהוועה קאָן אפשר זיין אַ בוך־וואָרט, נאָר נישט קיין לעבעדיק וואָרט אין מויל פון פאָלק. און השם? — דער אויסדרוק אין ייִדיש איז תמיד פאַרבונדען מיט אַ צווייטן וואָרט. מיר זאָגן: ברוך־השם, השם־יתברך, חילול־השם, קידוש־השם. נאָר השם אַליין — נישט.

אין אַ לאָנדאָנער אויסגאַבע פון חומש: „חמשה חומשי תורה — די פינף ביכער פון משה רבינו, איבערזעצט פון לשון הקודש,״ געדרוקט אין תרל״ט, האָט דער איבערזעצער, ער גיט נישט אָן זיין נאָמען, געלאָזט אין דער איבער־זעצונג דעם שם־הוויה און אלהים ווי אין אָריגינאַל. יהואָש, ע״ה, זעצט אַמאָל יאָ איבער דעם שם און אַמאָל — נישט.

פירוואָרט

דער שם־הויה, וואָס מיר לייענען אין אָריגינאַל אדני — האַר, און אַז יהוה און אדני קומען צוזאַמען, ווערט דער שם נקודירט און געלייענט אלהים, ווי אין בראשית טו, ב און ח; עובדיה א און חבקוק ג, יט, גיט נישט איבער די אורשפּרינגלעכע אויסשפּראַך.

די אַלטע איבערזעצונגען, די גריכישע און די לאַטיינישע ווערזיעס, זעצן איבער דעם שם נאָך דעם אָנגענומענעם קרי נאָך: קוּריאָס, דאָמינוס — האַר. אַזוי אויך אין די קאַנאָניזירטע איבערזעצונגען פון די אייראָפּעאישע לשונות, און אַזוי אין די איבערזעצונגען פאַר יידישן ריטואַל אין אַנדערע לשונות. דער באור זעצט איבער דעם שם אַמאָל הער, אַמאָל אייביקער און אַמאָל גאָט; צונץ — אייביקער; ראָזענצווייג און בובער גיבן איבער דעם שם מיט אַ פּראָנאָמען: איך, דו, ער, אים. ווי סע פאָדערט דער פסוק. דער תרגום גיט איבער דעם שם געקירצט, אין צוויי יודן.

ביי די שומרונים אין דער תורה ווערט דער שם איבערגעגעבן מיט דעם אויסדרוק שימא — דער נאָמען. הרב ר׳ חיים העלער און דר. הירש לייב גאָרדאָן ווייזן מיר אָן, אַז ר׳ סעדיה גאון האָט די דריי נעמען אל, אלהים, יהוה איבער־געזעצט אין אַראַביש מיט איין און דעמזעלבן וואָרט. אין דער פשיטא ווערן אַלע דריי נעמען איבערגעזעצט מיט צוויי אויסדרוקן.

די אָריגינעלע אויסשפּראַך פון דעם שם, ווי ער איז פאַרצייטנס איין מאָל אין יאָר, יום־כיפור, געוואָרן אַרויסגערעדט פון דעם כוהן־גדול אין קדשי־קדשים, איז נאָכן חורבן פון בית־שני אין גאַנצן פאַרלוירן געוואָרן. דער רמב״ם ברענגט אין יד חזקה, פרק י״ד, אַז שוין מיט שמעון הצדיק איז געוואָרן פאַרלוירן די אָריגינעלע אויסשפּראַך פון דעם שם. די תורה זאָגט אָן, אַז גאָטס נאָמען, דעם שם־הויה, זאָל מען נישט אַרויסרעדן (שמות כ, ז; ויקרא כד, יא און טז). אַף דעם גרונט האָבן יידן פון תמיד אָן אויסגעמיטן, פון גרויס פאָרכטיקייט, צו גריבלען זיך אין דעם שם. (זע יוסיפון, אַלטערטימלעכקייטן, צווייט בוך, קאַפּיטל 12, פּאַראַגראַף 4). די חז״ל האָבן אַלעמאָל גענוצט אַן אַנדערן אויסדרוק אַנשטאָט דעם שם־המפורש.

די אויסשפּראַך נאָך די נקודות נאָך, „יעהאָוואַ״, וואָס איז צום ערשטן מאָל געוואָרן איינגעפירט אין יאָר 1520, לויט אַנדערע — אין 1270, האָט נישט קיין גראַמאַטיקאַלישן אָנהאַלט, און ווערט שוין לאַנג פאַרוואָרפן. די פיר אותיות פון דעם שם־המפורש קאָנען ווערן געלייענט אַף אָן אַ שיעור אופנים. פאָרשער און פילאָלאָגן, וואָס מיינען, אַז מ׳דאַרף דעם שם לייענען יעהאָוואַ, אָדער יאַהוועה, די פאַרטיידיקער פון איין פאָרעם, אָדער פון דער צווייטער פאָרעם, באַשטרייטן איינע די אַנדערע און וואַרפן נישט גענוג ליכט אַף דעם ענין. אַ סך פון זיי זענען גאָר אויסן צו באַווייזן, אַז דער שם־הויה שטאַמט פון אַנדערע לשונות, און — אַז ער וואָרצלט נישט אין דעם לשון פון דער תורה. נאָר די חקירות זייערע האָבן נישט קיין אמתע האַפט.

פירוואָרט

דער נאָמען יהוה, דריטע פערזאָן איינצאָל, קל, פון דעם ווערב הוה — זיין, מיינט ער איז, אָדער ער וועט זיין. דאָס הייסט, דער, וואָס איז, דער באַשטענ־דיקער, דער אייביקער, אומפאַרענדערלעכער, אָדער — דער, וואָס לעבט. דאָס שטימט מיט דער דערקלערונג פון דעם שם אין שמות ג, יד, וואו גאָט זאָגט צו משהן „אהיה אשר אהיה — איך וועל זיין דער, וואָס איך וועל זיין״, אָדער „איך בין דער, וואָס איך בין״. אהיה פון היה, פון דעם אַרכאַאישן שורש הוה.

איך גיב איבער די איבערזעצונג פון דעם ספר תהלים צום דרוק מיט דעם גלויבן, אַז די יודעי־חן וועלן זען וואָס איך האָב מיט דער איבערזעצונג דערגרייכט סיי אין פינקטלעכקייט בנוגע דער אָריגינעלן טעקסט, סיי אין לשון, און מיט וויפל אַנדערש מיין איבערזעצונג איז פון אַנדערע איבערזעצונגען.

צום סוף וויל איך דערמאָנען מיט דאַנק פאַר ניצלעכע באַמערקונגען מיינע פריינט און קאָלעגן: ראובן אייזלאַנד, דר. ל. שוואַרצבורג, גרשם באַדער, מ. איוועגסקי, חיים ליבערמאַן, י. קיסין, דר. צבי כהן און א. ביק. אַ דאַנק דר. ל. קאָפּעלאָוויצן, דר. י. בלאָכן און א. ראַפּאַלאָווסקין פאַר די נייטיקע ספרים, וואָס איך האָב באַקומען פון זיי בעת דער אַרבעט, און ישׂראל גאָטליבן, וואָס איז מיר שטאַרק באַהילפיק געווען ביים לייענען די קאָרעקטור. אַ באַזונדערן דאַנק דעם קינסטלער נטע קאָזלאָווסקין פאַר דער טעכנישער צוגרייטונג.

די אָרטאָגראַפיע אין דעם ספר איז ווי אין די פינף מגילות און אין מיינע ביכער יידן, דער וויסער רייטער און מעשׂות.

איך דאַנק יעדן איינעם פון דעם קאָמיטעט, וואָס האָט אַף איין אופן, אָדער אַן אַנדערן געהאָלפן שאַפן דעם נייטיקן פאָנד פאַר דער אויסגאַבע. איך וויל באַזונדער דערמאָנען מיינע פריינט: מאַני לייב, חיים ליבערמאַן, יוסף באַסקין, דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, א. זאַלצמאַן, א. מילער, הערמאַן ליבמאַן, דעם בילדונג־דירעקטאָר פון די אַמאַלגעמייטעד הייזער, דעם י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, און אַחרון אַחרון — נ. כאַנין, דעם בילדונג־דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג, וואָס האָט נישט געשפּאָרט קיין מי, אַרויסצוגעבן דאָס ספר.

די שער־בלעטער און קעפּלעך האָט געמאַכט מיין ברודער, דער סקולפּטאָר, חיים גראָס.

נפתלי גראָס.

נויאָרק, דאָס יאָר פון דער גאולה, תש״ח.

אַריינפיר

דאָס ספר תהלים

דאָס ספר תהלים, אָדער ווי מיר רופן עס בלויז תהלים, די מענלעכע פאָרם פון תהילות — לויבגעזאַנגען, ווערט אויך אָנגערופן תּלים און מיט דער אַראַמישער מערצאָל־ענדונג תּלין, און שטייט אין אָנהייב פון די כתובים, דעם דריטן טייל פון תנ״ך. דער נאָמען דריקט אויס דעם תּוך פון דעם ספר. דאָס איז די זאַמלונג פון לויבגעזאַנגען, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דער עבודה פון דער יידישער געמיינדע.

דאָס ספר האָט 150 קאַפּיטלען, און קומט גלייך נאָך די ספרים פון די נביאים. נאָר אין די נביאים רעדט גאָט צו דעם מענטש, און אין תהלים רעדט דער מענטש צו גאָט. תהלים און די צוויי ספרים נאָך אים, משלי און איוב, ווערן פון פאָרשער אָנגערופן די פּאָעטישע ספרים. אין טייל כתב־ידן ווערן די דריי ספרים באַצייכנט מיטן וואָרט אמת, לויט די ראָשי־תּיבות פון די דריי נעמען: תהלים, משלי, איוב.

אין די 150 קאַפּיטלען זענען פאַראַן לירישע און באַלערנדיקע און עלעגישע דיכטונגען פון טיפן תּוך און טאָן, און פון דער העכסטער שלמות פון לירישער פּאָעזיע. און הגם נישט אַלע מזמורים זענען לויבגעזאַנגען, דאָך רופן מיר דאָס ספר תהלים. דאָס נעמט זיך מסתּמא פון דעם, וואָס די מערסטע מזמורים זענען לויבגעזאַנגען.

מעגלעך, אַז אַ פריערדיקער נאָמען פון דער זאַמלונג איז געווען תּפילות, ווי מיר געפינען דאָס אָפּן סוף פון דעם צווייטן ספר, אין עב, כ: „געענדיקט זענען די תּפילות פון דוד בן־ישי.״

אין די לשונות פון די אומות־העולם ווערט דאָס ספר אָנגערופן פּסאַלמען, נאָך דעם נאָמען, וואָס דאָס ספר טראָגט אין גריכיש און לאַטייניש. דאָס איז אַן איבערזעצונג פון דעם וואָרט מזמור, וואָס געפינט זיך אָף 57 קאַפּיטלען און וואָס מיינט אַ ליד, געזונגען מיט דער באַגלייטונג פון אַ סטרונע־אינסטרומענט — אַ האַרף, אָדער אַ ציטער.

תהלים איז פון פאַרצייטנס אָן איינגעטיילט אין פינף ספרים. דאָס איז קעגן די פינף ספרים פון תּורת־משה. דער מדרש זאָגט: משה האָט געגעבן די יידן די חמישה חומשי תּורה, און דוד האָט זיי געגעבן דאָס ספר תהלים, וואָס איז איינגעטיילט אין פינף ספרים.

דאָס ערשטע ספר פון תהלים האָט 41 מזמורים, א — מא, וואָס אַלע פון זיי, אַחוץ די ערשטע צוויי אַריינפיר־קאַפּיטלען און דאָס קאַפּיטל לג, טראָגן דעם נאָמען לדוד — פון דודן. דאָס צווייטע ספר האָט 31 מזמורים, מב — עב.

אַרײַנפֿיר

פֿון זײ טראָגן 18 קאַפּיטלען, נא — סה און סח — ע, דעם נאָמען לדוד; זיבן, מב און מד — מט, לבני קרח — פֿון די זין פֿון קורחן; קאַפּיטל נ טראָגט דעם נאָמען לאסף—פֿון אָספֿן; קאַפּיטל עב לשלמה — פֿון שלמהן, און פֿיר קאַפּיטלען, מג, סו, סז, עא, זענען אָן נעמען.

דאָס דריטע ספֿר האָט 17 מזמורים, עג — פּט. עלף פֿון זײ, עג — פּג, טראָגן דעם נאָמען לאָסף; דרײַ, פּד, פּה, פּז, לבני קרח; קאַפּיטל פּו לדוד; פּח — פֿון הימן דעם אזרחי און לבני קרח, און פּט — פֿון איתן דעם אזרחי. דאָס פֿערטע ספֿר האָט 17 מזמורים, צ — קו. קאַפּיטל צ טראָגט דעם נאָמען למשה; קא און קג — לדוד, און די אַנדערע 14 קאַפּיטלען זענען אָן נעמען.

דאָס פֿיפֿטע ספֿר האָט 44 מזמורים, קז — קנ. 15 פֿון די קאַפּיטלען, קח — קי, קכב, קכד, קלא, קלג, קלח — קמה, טראָגן דעם נאָמען לדוד; קאַפּיטל קכז — לשלמה, און די אַנדערע 28 קאַפּיטלען ווערן קיינעם נישט צוגעשריבן. 15 פֿון זײ געהערן צו די שיר־המעלות.

אַזוי ווערן הונדערט מזמורים צוגעשריבן צו באַשטימטע דיכטער: דודן 74 מזמורים; משהן איין מזמור, צ; אָספֿן צוועלף, נ, עג — פּג; הימן דעם אזרחי איין מזמור, פּח, וואָס ווערט אויך צוגעשריבן צו די בני־קורח; איתן דעם אזרחי איין מזמור, פּט; די זין פֿון קורחן צען מזמורים, מב, מד — מט, פּד, פּה, פּז מיט פּח עלף. פֿון די אַנדערע פֿופֿציק מזמורים, וואָס האָבן נישט קיין נעמען, טראָגן 16 פֿון זײ פֿאַרשידענערלײ איבערשריפֿטן, און 34 זענען אין גאַנצן אָן נעמען און אָן איבערשריפֿטן. זײ ווערן פֿון אונדזערע חכמים אָנגערופֿן „פֿאַריתומטע״.

עס איז מעגלעך, אַז דידאַקטישע מזמורים האָט מען צוגעגעבן נאָך דעם ווי די קאַפּיטלען, וואָס האָבן געטראָגן די נעמען לדוד, לבני־קרח, לאָסף און די אַנדערע, זענען שוין געווען צוזאַמענגעשטעלט און זענען דורך דידאַקטיק נעמען געווען כאַראַקטעריזירט ווי רעליגיעזע געזאַנגען. די צוגעגעבענע מזמורים האָבן זיך דעריבער נישט געביטיקט אין קיין איבערשריפֿט, מחמת דאָס, וואָס מ׳האָט זײ אַרײַנגענומען צווישן די רעליגיעזע געזאַנגען, האָט שוין עדות געזאָגט אױף זייער כאַראַקטער.

די באַדײַטונג פֿון די איבערשריפֿטן אױף די מזמורים

די אָריגינעלע איבערשריפֿטן און נעמען אױף די מזמורים זענען פֿאַר אונדז הײַנט נישט אין גאַנצן קלאָר. זײ באַצייכענען אַמאָל די פֿאָרעם און כאַ־ראַקטער פֿון דעם מזמור; די מוזיק און ניגון, וואָס מיט זײ האָט מען געזונגען און באַגלייט דעם מזמור; אַמאָל זײַן מחבר, און אַמאָל די געלעגנהייט, וואָס צוליב דעם האָט מען געשאַפֿן און געזונגען דעם מזמור.

לַמְנַצֵּחַ — פֿאַר דעם געזאַנגמייסטער, וואָס האָט אָנגעפֿירט דאָס געזאַנג

אַרײַנפֿיר

מיט די לוויִים אין בית־המקדש, געפינט זיך אַף 55 קאַפּיטלען. צוויי פון זיי, סו און סז, טראָגן אויך דעם נאָמען לדוד. דער אויסדרוק למנצח געפינט זיך אויך אין חבקוק ג, יט און אין דברי הימים ב׳ לד, יב, וואו דאָס באַציט זיך אַף די אָנפירער פון די לוויִים־זינגער, און אין עזרא ג, ח—ט, דברי הימים א׳ כג, ד און ד״ה ב׳ ב, א און יז, וואו דער אויסדרוק באַציט זיך אַף די אופזעער ביים בויען דאָס בית־המקדש.

דער מנצח מיינט דער אָנפירער, דער דיריגענט, וואָס האָט מיט די לוויִים־זינגער איינגעשטודירט דאָס געזאַנג.

טייל רעכענען, אַז למנצח מיינט פון דעם געזאַנגמייסטער, און האָט באַצייכנט, אַז דער מזמור האָט באַלאַנגט צו אַ פריערדיקער זאַמלונג, וואָס איז געווען באַקענט מיטן נאָמען דעם געזאַנגמייסטערס זאַמלונג. ווי אַשטייגער לדוד, לאָסף, לבני קרח האָבן מעגלעך באַצייכנט, אַז דאָס זענען מזמורים פון די זאַמ־לונגען, וואָס האָבן געטראָגן דידאָזיקע נעמען.

דער תּרגום זעצט איבער למנצח—צום שבח, צום לויב. אַנדערע אַלטע ווערזיעס, די סעפּטואַגינטע און וואולגאַטע, זעצן איבער אַף אייביק, ווי לנצח. זיי לייענען למנצח, מיט אַ חיריק אונטער דער מ׳ און אַ פּתח אונטער דער צ׳. אַנדערע אַלטע זעצן איבער: פאַר דעם נצחון, אָדער פאַר דעם זיגער.

דידאָזיקע מזמורים מיט דער איבערשריפט למנצח זענען מסתּמא געווען באַשטימט בלויז פאַר דער עפנטלעכער עבודה.

מִזמור — אַ לויבליד, באַגלייט מיט מוזיק אַף אַ סטרונע־אינסטרומענט — אַ האַרף, אָדער אַ ציטער. דער אויסדרוק געפינט זיך אַף 57 קאַפּיטלען, און קומט פאַר, אָדער נאָך דעם נאָמען פון דעם דיכטער. ווי אַשטייגער: מזמור לדוד, קאַפּיטל ג, לדוד מזמור, קאַפּיטל כד. די חז״ל זאָגן אַף דעם: אומעטום, וואו סע ווערט געזאָגט מזמור און דערנאָך לדוד, איז געדרונגען, אַז קודם האָט דוד געזאָגט שירה, און ערשט נאָך דעם האָט גערוט אַף אים די שכינה; און אומעטום, וואו סע ווערט געזאָגט לדוד און דערנאָך מזמור, איז געדרונגען, אַז קודם האָט גערוט אַף אים די שכינה, און ערשט נאָך דעם האָט ער געזאָגט שירה. פּסחים, דף קיז.

שיר — אַ געזאַנג, וואָס ווערט געזאָגט מיט התלהבות, געפינט זיך אַף דרייסיק קאַפּיטלען, און קומט אַמאָל פאַר מזמור, קאַפּיטל סו, און אַמאָל נאָך מזמור, קאַפּיטל ל, און תּמיד פאַר המעלות. זע פון קכ ביז קלד.

מִכתָם — אַ קעסטלעך, גילדן ליד. פון כּתם — פּײַן גאָלד (ראַב״ע, רד״ק און אַנדערע). פון דעם נאָמען איז געדרונגען, אַז דער מזמור איז זייער חשוב און טייער (ראַב״ע). דער אויסדרוק געפינט זיך אַף זעקס קאַפּיטלען: טז, נו — ס. טייל פאַרשער פאַרבינדן כּתם מיט כּתב. דאָס הייסט, מכתּם ווי מכתּב—אַ געשריפטס. אַזוי דער תּרגום: גליפא תּריצא—אַ גלייכע, אַן אויס־

אַרײַנפֿיר

געצייכנטע אויסקריצונג. דאָס מיינט אַ דערהויבן געשריפטס.

מַשׂכּיל — אַ באַקלערונג, אַ ליד אַף צו באַקלערן, געפינט זיך אַף 13 קאַפּיטלען: לב, מב, מד, מה, נב — נה, עד, עח, פח, פט און קמב. חוץ דעם, אין מז, ח. משׂכּיל מיינט געוויינלעך קלוג, אַ קליגונג. נאָך אונזערע ראשונים נאָך מיינט משׂכּיל אַ באַקלערנדיקער מזמור. פאַרגלייך לב, ח. דער מצודת דוד דערקלערט: „מיט דעם וועט מען קליגן דאָס פאָלק, צו לערנען זיי פאַרשטאַנד.״ נאָר פון די 13 מזמורים טראָגן בלויז צוויי פון זיי, לב און עח, אַ דידאַקטישן כאַראַקטער. מעגלעך, אַז מיט דעם אויסדרוק האָט מען באַצייכנט אַ מין שטייגער פון דיכטונג. בובער און אַנדערע נעמען אָן, אַז משׂכּיל באַצייכנט אַן איינגעגעבן ליד, ווי זמרו משׂכּיל אין מז, ח.

שִׁגָיוֹן — אַ דיטיראַמביש, באַגייסטערט ליד. פאַרגלייך חבקוק ג, א. דער אויסדרוק געפינט זיך בלויז אַף דעם זיבעטן מזמור.

תּפילה — געבעט, באַציט זיך אַף אַלערליי תּפילות, תּחינות, לויב־געזאַנגען און דאַנקלויבן, און געפינט זיך אַף פינף קאַפּיטלען: יז, פו, צ, קב און קמב.

תּהילה — אַ לויבליד, געפינט זיך בלויז אַף קאַפּיטל קמה. רש״י מאַכט גאָרנישט ניט וועגן דעם אויסדרוק. די חז״ל רופן דאָס ספר תּהלים, אין לשון־רבים, איבערצוגעבן די לויבלידער, וואָס די עשׂרה זקנים האָבן מחבר געווען.

נגינות — סטרונע־אינסטרומענטן. דער אויסדרוק געפינט זיך אַף זעקס קאַפּיטלען: ד, ו, נד, נה, סז און עו.

נחילות — ווינט־אינסטרומענטן, פלייטן, געפינט זיך בלויז אַף קאַפּיטל ה. פאַרגלייך: שמואל א׳ י, ה; מלכים א׳ א, מ; ישעיה ל, כט.

עֲלָמוֹת — יונגפרויען. אַ מוזיקאַלישער טערמין. זע מו, א. דער אויסדרוק ווייזט אָן באַשייַנפּערלעך, אַז דער מזמור האָט באַדאַרפט געזונגען ווערן פון פרויען־שטימען, אָדער אין טאָן פון פרויען, סאָפּראַנאָ, אָדער אַלטאָ. פאַרגלייך: סח, יב און כו; דברי הימים א׳ טו, כ. נאָך רש״י נאָך, רד״ק און אַנדערע איז עלמות געווען אַ שפּיל־אינסטרומענט.

שמינית — די אָקטיקע, אַן אינסטרומענט מיט אַכט סטרונעס. דער אויסדרוק געפינט זיך אַף צוויי קאַפּיטלען: ו און יב. מעגלעך, אַז שמינית מיינט אַף דער נידעריקער אָקטאַווע.

גתּית — אַ שפּיל־אינסטרומענט פון דער פּלשתּישער שטאָט גת (תּרגום), אָדער נאָך אַ גתער ניגון. דער אויסדרוק געפינט זיך אַף דריי קאַפּיטלען: ח, פא, פד. די סעפּטואַגינטע און וואולגאַטע לייענען: „על־הגתּית — איבער די וויינקעלטערס״, דאָס געזאַנג, וואָס מ׳האָט געזונגען ביים טרעטן דעם וויינ־קעלטער. אַזוי אויך בובער: „נאָך דער קעלטער־מעלאָדי.״ נאָר די מיינונג

ווערט פאַרוואָרפן פון ראַב״ע און אַנדערע, מחמת דער מזמור האָט נישט קיין שום שייכות מיט טרעטן דעם קעלטער. מעגלעך, אַז גתית איז געווען אַן אויסגעטיפטער, מולטער־אַרטיקער שפּיל־אינסטרומענט. פון גתת — אויסהוילן, אויסטיפן.

ידותון — אַף דעם אופן פון ידותון, וואָס איז געווען איינער פון די דריי געזאַנגמײַנסטערס פון די לוויִם אין די צייטן פון דעם מלך דוד. די אַנדערע צוויי געזאַנגמײַנסטערס זענען געווען הימן און אָסף (דברי הימים א׳ טז, מא; כה, א; ד״ה ב׳ ה, יב; לה, טו). דער נאָמען געפינט זיך אַף דריי קאַפּיטלען: לט, סב, עז. ידותון איז, ווייזט אויס, אויך גערופן געוואָרן איתן (דברי הימים א׳ טו, יז — יט). ידותון ווערט אויך דערמאַנט מיט דעם טיטל „דער חוזה פון דעם מלך״ (דברי הימים ב׳ כה, טו). אין די קאַפּיטלען לט און עז איז דער כתיב ידיתון. דאָס ווערט דערקלערט מיט דעם, וואָס י׳ און ו׳ פאַרבייטן אָפט איינע די אַנדערע. אַזוי איז אויך אין ד״ה א׳ טז, לח; נחמיה יא און יז. נאָר דער קרי איז מער אין דעם נוסח פון זבולון, ישורון.

עַל־אַיֶּלֶת־הַשַּׁחַר — אַף, אָדער נאָך אַילת השחר, נאָך דעם ניגון פון דעם ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אַילת השחר — אינדין פון דעם מאָרגנשטערן״. אַזוי ראַב״ע, וואָס נעמט אויך אָן רש״יס מיינונג, אַז אַילת השחר איז געווען אַזאַ שפּיל־אינסטרומענט. דער אויסדרוק געפינט זיך אַף קאַפּיטל כב. אַ צווייטע מיינונג פון רש״ין, אַז אַילת השחר באַציט זיך אַף דער כנסת ישׂראל. און דער רד״ק באַמערקט, אַז דער מזמור איז געזאָגט געוואָרן אַף דער כנסת ישׂראל אין גלות, וואָס איז ווי אַן אינדין אין פעלד און וואָס איז לויטער ווי דער מאָרגנשטערן. פאַרגלײַך: שיר השירים ב, ז; ו, י. טייל רעכענען, אַז דער אויסדרוק איז געווען אַ צייכן פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער צו זינגען דעם מזמור פאַרטאָג, ביים אופגיין פון דעם מאָרגנשטערן.

עַל־שׁוֹשַׁנִּים — נאָך דעם ניגון פון דעם ליד „שושנים — ליליעס״. דער אויסדרוק געפינט זיך אַף דריי קאַפּיטלען: מה, סט און מיט אַ קלײנער ענדערונג אַף פ. אַן ענלעכער אויסדרוק איז אַף קאַפּיטל ס: על־שושן עדות — נאָך דעם ניגון פון דעם ליד „ליליע פון באַצייגונג״, אָדער: „נאָך דער ליליע, אַ באַצייגונג״.

טייל מפרשים נעמען אָן, אַז שושנים איז געווען אַזאַ שפּיל־אינסטרו־מענט, אין דער פאָרעם פון אַ ליליע. אַנדערע ווידער נעמען דעם אויסדרוק מעטאַפאָריש, דאָס זאָל מיינען, „וועגן דער, וואָס איז ווי די ליליעס״, ווי דאָס ווייזט די פאַרבינדונג מיט דער ווייטערער איבערשריפט אין קאַפּיטל מה שיר ידידות אַ געזאַנג פון ליבשאַפטן, אָדער פון געזעליקייטן.

עַל־יוֹנַת אֵלֶם רְחוֹקִים — נאָך דעם ניגון פון דעם ליד „פאַרשטומטע טויב פון די ווייטן״, בלויז אַף נו. נאָך די אַלטע ווערזיעס, סעפּטואַגינטע,

אַרײַנפֿיר

תּרגום, באַציט זיך טויב אַף דעם פֿאָלק ישׂראל, וואָס איז פֿאַרוואָגלט אין די ווייטן, אין פֿרעמדע לענדער. נאָך טייל מפֿרשים נאָך באַציט זיך דאָס אַף דודן, וואָס איז צוליב די רדיפֿות פֿון שאולן געווען פֿאַרוואָגלט אין דער פֿרעמד.

אַל־תַּשְׁחֵת — דו זאָלסט נישט פֿאַרדאַרבן. נאָך דעם ניגון פֿון דעם ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט דידאָזיקע ווערטער. די איבערשריפֿט געפֿינט זיך אַף פֿיר קאַפּיטלען: נז, נח, נט און עה. אל־תשחת זענען באַשײַנפּערלעך די ערשטע ווערטער פֿון אַ ווײַנקעלטער־ליד. אַ סברה, אַז אַ טייל פֿון דעם אָריגינעלן ליד איז דער פּסוק אין ישעיה סה, ח: „אַזוי ווי מ׳געפֿינט דעם מאָסט (דעם נײַעם ווײַן) אין הענגל, דעמאָלט זאָגט מען: ,דו זאָלסט אים נישט פֿאַרדאַרבן, וואָרן אַ ברכה איז אין אים׳.״

עַל־מוּת לַבֵּן — נאָך דעם ניגון פֿון דעם ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „שטאַרב פֿאַר דעם זון״, אָדער „טויט פֿון דעם זון״, געפֿינט זיך אַף קאַפּיטל ט. נאָך די מערסטע פֿון אונזערע מפֿרשים איז לבן געווען איינער פֿון די שׂונאי־ישׂראל, וואָס מיט אים האָט דוד מלחמה געהאַלטן. אַזוי רש״י, רד״ק און אַנדערע. דער תּרגום פּאַראַפֿראַזירט דעם אויסדרוק: „אַפֿן טויט פֿון דעם מענטש, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צווישן די לאַגערן,״ צווישן די קריגערישע מחנות. דאָס איז אַ רמז אַף גליתן. זע שמואל א׳ יז, ד. טייל מפֿרשים מיינען, אַז מות לבן איז געווען אַ שפּיל־אינסטרומענט. זע פֿריער עלמות. פֿאַרגלײַך: דברי הימים א׳ טו, כ. דער רד״ק באַמערקט, אַז לבן קאָן זיך באַציען אַף דעם משורר בן, וואָס ווערט דערמאָנט אין ד״ה א׳ טו, יח.

עַל־שׁוּשַׁן עֵדוּת — זע פֿריער על־שושנים.

עַל־מַחֲלַת — נאָך דעם ניגון פֿון דעם ליד, וואָס הייסט, אָדער וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „מחלת — שלאַפֿקייט״. דער אויסדרוק געפֿינט זיך אַף קאַפּיטל נג. פֿאַרגלײַך:

עַל־מַחֲלַת לְעַנּוֹת — אין פּח, נאָך דעם ניגון פֿון דעם ליד, וואָס הייסט, אָדער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „שלאַפֿקייט, צום וועטזינגען״. מעגלעך: „צום פּייניקן״. לויט טייל מפֿרשים זענען די אויסדרוקן געווען נעמען פֿון שפּיל־אינסטרומענטן.

שִׁיר־הַמַּעֲלוֹת — אַ געזאַנג פֿון די אַרופֿגאַנגען, דאָס הייסט, פֿון עולה־רגל זײַן. די איבערשריפֿט געפֿינט זיך אַף פֿופֿצן קאַפּיטלען, קכ — קלד, וואָס ווערן אָנגערופֿן די „שירי המעלות״. די עולי־רגל האָבן געזונגען דידאָזיקע מזמורים אַף די וועגן קיין ירושלים. נאָך די חז״ל נאָך, אַ טראַפּנגעזאַנג, וואָס די לוויִם האָבן געזונגען ביים אַרופֿגיין אַף די פֿופֿצן האַלב־קײַלעכדיקע טרעפּ אין בית־המקדש, פֿון דער עזרת נשים צו דער עזרת־ישׂראל.

פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז זיי ווערן גערופֿן שירי המעלות צוליב דעם

שטײגעדיקן ריטם פֿון די ווערטער און פֿערזן. דער צווייטער פּסוק הייבט זיך אָפּט אָן מיט די לעצטע ווערטער פֿון דעם ערשטן פּסוק. ווי אַ שטייגער אין קכא, א — ב:

איך הייב אויף מײַנע אויגן צו די בערג:
פֿון וואַנען וועט קומען מײַן הילף?
מײַן הילף איז פֿון גאָט,
וואָס האָט געמאַכט הימל און ערד.

זע אויך: קכב, ב — ד; קכג, ג — ד; קכד, א — ב, ד — ה; קכו, ב — ג; קכט, א — ב. אַזאַ פֿאָרם געפֿינען מיר אויך אין שירת דבורה, שופֿטים ה. נאָר די מיינונג איז טאַקע בלויז אַ מיינונג.

סֶלָה — אַרוף, העכער. פֿון סלל — אופֿהײבן (רד״ק). דאָס איז אַ מוזיקאַלישער טערמין, וואָס געפֿינט זיך 71 מאָל אין תהלים און איין מאָל אין חבקוק ג, ט. דער אויסדרוק באַצייכנט ביים שפּילן און זינגען דאָס אופֿהייבן דאָס קול, אָדער די מוזיק. דער תרגום נעמט סלה אין דעמזעלבן זין ווי לעולם — אַף אייביק. דאָס הייסט, אַז דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, איז אַף אייביק. אַזוי אויך טייל גריכישע און לאַטיינישע איבערזעצונגען.

הִגָּיוֹן — אופֿקלינגען, אופֿשפּילן. אַ מוזיקאַלישער צייכן. אין ט, יז קומט דער אויסדרוק צוזאַמען מיט סלה, און מיינט אַ יובלענדיקער צווישנרוף, צו פֿאַרשטאַרקן דאָס שפּילן און צו פֿייערן דעם זיג פֿון דער געטלעכער גע־רעכטיקייט (תרגום). געוויינלעך מיינט דאָס וואָרט נאָכטראַכטן (יט, טו), נאָכצוטראַכטן וועגן גאָטס משפּט (רש״י), אָדער דאָס שטילע קלינגען פֿון אַ האַרף (צב, ד).

טייל איבערשריפֿטן ווײַזן ביי וואָסער געלעגנהייט מ׳האָט געזונגען דעם באַשטימטן מזמור. אַשטייגער: להזכיר — פֿאַר אַ דערמאָנונג, לח און ע, און לתודה — צום דאַנק־אָפּער, ק. די צוויי אויסדרוקן ווײַזן, אַז מ׳האָט זיי געזונגען ביים ברענגען באַשטימטע קרבנות.

הַלְלוּיָהּ — לויבט גאָט, קד — קו, קיא — קיג, קטו — קיז, קלה, קמה — קנ, ווייזט אָן אַף אַ באַלױמטער אַרבעט פֿון די כּוהנים, אָדער לוויִים ביי דער עבֿודה. אַזוי איז מסתּמא מיט די מזמורים, וואָס הײבן זיך אָן מיט דעם אויסדרוק הודו, קז, קיח, קלו. ביידע אויסדרוקן ווייזן, אַז דאָס זענען נישט אויסרופֿן פֿון באַזונדערע בעטער.

ווער ס׳האָט דאָס ספֿר תהלים געשריבן און צוזאַמענגעשטעלט

נאָך דער מסורה נאָך איז דאָס ספֿר תהלים געשריבן פֿון דוד המלך. די כּנסת־הגדולה, וואָס האָט שפּעטער מסדר געווען די כּתבֿי־הקודש, האָט דאָס ספֿר אַרײַנגעשטעלט אין אָנהייב פֿון די כּתובֿים.

אַרײַנפֿיר

דוד, דער מלך־זינגער, דער „יודע נגן, וגבור חיל, ואיש מלחמה, ונבון דבר, ואיש תּואַר — ער, וואָס קען שפּילן, און איז אַ גיבור — אַ העלד, און אַ מענטש פֿון מלחמה, און פֿאַרשטייט אַן ענין, און איז אַ מענטש — אַ פּאַרשוין," ווי מ׳שטעלט אים פֿאָר פֿאַר שאולן (שמואל א׳ טז, יח); דוד, וואָס איז באַליבט ביים פֿאָלק נישט נאָר פֿאַר זיינע העלדישע מלחמות, נאָר ווי דער „נעים זמירות ישׂראל — דער ליבלעכער שפּילער פֿון ישׂראל" (שמואל ב׳ כג, א), און וואָס דער נביא דערמאָנט אים שפּעטער ווי דעם שאַפֿער פֿון מוזיק־אינסטרומענטן (עמוס ו, ה); דוד, וואָס האָט איינגעפֿירט דאָס געזאַנג ביי דער עבודה און האָט געזעצט געזאַנגמייַנסטערס איבער די לוויִם (דברי הימים א׳ טו, טז און ווייטער, און די קאַפּיטלען טז און כה); דוד, וועמען דער בן־סירא ליבט ווי אַ הייליקן שפּילער און וואָס האָט געשטעלט זינגער, אַז זיי זאָלן יעדן טאָג לויבזינגען צו גאָט (בן־סירא מז, ח — ט); אויף זיין נאָמען איז אַרום אַ העלפֿט פֿון דעם ספֿר. גאַנצע 74 מזמורים טראָגן דעם נאָמען לדוד.

און אַז דוד איז דער דיכטער פֿון אַ טייל פֿון תּהלים — אויף דעם זאָגט עדות דער מזמור יח, וואָס געפֿינט זיך אין שמואל ב׳ כב, און וואָס ווערט דאָרט צוגעשריבן דודן. אַזוי זעען מיר אויך אין דברי הימים א׳ טז, ח און ווייטער דאָס ליד, וואָס ווערט צוגעשריבן דודן און איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון די קאַפּיטלען תּהלים צו, קה און קו, הגם די קאַפּיטלען טראָגן נישט דודס נאָמען. אַן עדות אויף דעם איז אויך דודס קלאָגליד אויף שאולס און יונתנס טויט (שמואל ב׳ א, יז און ווייטער). פֿון דעם איז געדרונגען, אַז דוד איז דער זינגער פֿון מזמורים, וואָס ווערן סיי יאָ און סיי נישט אָנגערופֿן אויף זיין נאָמען.

נאָר אויב לדוד מיינט, אַז דוד איז דער דיכטער פֿון דעם מזמור, באַווייַזן די אַנדערע נעמען, אַז טייל מזמורים געהערן אַנדערע דיכטער: די בני־קורח, אָסף, ידותון, הימן דעם אזרחי, איתן דעם אזרחי. און די גמרא זאָגט שוין, אַז דוד האָט דורך דער האַנט פֿון צען זקנים געשריבן דעם תּהלים: „דוד כּתב ספֿר תּהלים על ידי עשׂרה זקנים," און רעכנט דערנאָך אויס די נעמען פֿון די צען: אָדם הראשון, מלכּי צדק, אַברהם, משה, הימן, ידותון, אָסף און שלושה בני קורח (בבא בתרא, דף יד). אויך אין מדרש שיר השירים ווערט געזאָגט, אַז דאָס ספֿר תּהלים האָבן געשריבן דוד און אַנדערע.

דאָס, וואָס גאַנץ תּהלים ווערט צוגעשריבן דודן, דאָס איז, ווייל די מערסטע מזמורים זענען אויף זיין נאָמען.

פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז עס זענען געווען באַזונדערע זאַמלונגען אויף די נעמען דוד, אָסף, ידותון, הימן, בני־קורח, און אַז פֿון די אַלע זאַמלונגען האָט מען צוזאַמענגעשטעלט דאָס ספֿר תּהלים. לויט דעם איז מעגלעך, אַז נישט איטלעכער מזמור האָט געטראָגן דעם נאָמען לדוד, אָדער לבני קרח. נאָר אַז

אַרײַנפֿיר

דאָס זענען געווען די טיטלען פֿון די באַזונדערע זאַמלונגען, און ערשט דעמאָלט, ווען מ׳האָט צונויפֿגעשטעלט דאָס גאַנצע ספֿר — האָט מען צוגעגעבן די נעמען אויף די מזמורים. מחמת אין די באַזונדערע זאַמלונגען, וואָס האָבן געהערט צו דודן, צו אָספֿן, אָדער צו די בני־קורח, איז דאָך נישט נייטיק געווען צו באַצייכענען איטלעכן מזמור מיט דעם נאָמען פֿון דעם זינגער, וואָס אים האָט געהערט די גאַנצע זאַמלונג.

נאָך דער השערה נאָך באַשטייט דאָס ספֿר תּהלים פֿון עטלעכע זאַמ־לונגען. דאָס איז אויך געבויט אויף דעם, וואָס שוין אין לעצטן קאַפּיטל פֿון דעם צווייטן ספֿר, אין עב, כ, ווערט געזאָגט: „כלו תּפֿלות דוד בן־ישי — געענדיקט זענען די תּפֿילות פֿון דוד בן־ישי.“

און היות אין די אַנדערע דריי ספֿרים פֿון תּהלים געפֿינען זיך נאָך אַכצן קאַפּיטלען מיט דער איבערשריפֿט לדוד, קאָן מען דאָס דערקלערן, אַז שפּעטערדיקע זאַמלער האָבן צוגעשטעלט נאָך קאַפּיטלען פֿון פֿריערדיקע זאַמלונגען.

ווען מ׳האָט געמאַכט די לעצטע צונויפֿשטעלונג — קאָן מען נישט פֿעסט־שטעלן גענוי. בעת מ׳האָט מיט אַן ערך פֿון 22 הונדערט יאָר צוריק, אין די צייטן פֿון תּלמי דעם צווייטן פֿילאַדעלפֿוס, געמאַכט די ערשטע גריכישע איבער־זעצונג, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם נאָמען סעפּטואַגינטע, אָדער תּרגום השבעים, העתּקת השבעים, די איבערזעצונג פֿון די זיבעציק זקנים, איז תּהלים שוין געווען צונויפֿגעשטעלט. און הגם די גריכישע איבערזעצונג האָט 151 קאַפּיטלען, ווערט אָבער בפֿירוש געזאָגט אין לעצטן קאַפּיטל, אַז דער מזמור גייט נישט אַריין אין דער אָריגינעלער צאָל.

פֿאַראַן מזמורים, וואָס גיבן אָן די געלעגנהייט, ביי וועלכער דוד האָט געזונגען דעם מזמור. אַשטייגער: „אַ מזמור פֿון דודן, ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַר זיין זון אַבשלום“, קאַפּיטל ג; „אַ שגיון פֿון דודן, וואָס ער האָט געזונגען צו גאָט, פֿונוועגן די רייד פֿון כּוש, דעם בנימינער“, קאַפּיטל ז; און אַזוי יח, לד, נא, נב, נד, נו, נז, נט, ס, סג און קמב. אין דער סעפּטואַגינטע זענען פֿאַראַן נאָך עטלעכע קאַפּיטלען מיט איבערשריפֿטן, וואָס זאָגן, ביי וואָסערע געלעגנ־הייטן דוד האָט זיי געזונגען.

דאָך וואַרפֿן די אַלע איבערשריפֿטן ווינציק ליכט אויף דעם אָפּשטאַם פֿון די מזמורים. אָנגענומען, אַז לדוד מיינט, אַז דעם מזמור האָט געשריבן דוד; למשה, אַז דעם מזמור האָט געשריבן משה, און אַזוי מיט אַלע אַנדערע נעמען אויף די קאַפּיטלען. נאָר צי קאָן לבני־קרח מיינען, אַז די זין פֿון קורחן האָבן צוזאַמען געשריבן די מזמורים, וואָס טראָגן דידאָזיקע איבערשריפֿט?

טייל פֿאָרשער רעכענען דעריבער, אַז די „ל“ ביי דעם נאָמען לדוד, לשלמה באַציט זיך נישט אויף דעם נאָמען פֿון דעם דיכטער, נייערט אויף דער

אַרייַנפֿיר

כּיתּה זינגער אין בית־המקדש. דאָס זאָל מיינען, אַז דאָרט זענען געווען כּיתּות לוויִים אַף דודס נאָמען, אַף שלמהס נאָמען און אַף די נעמען פֿון די אַנדערע. די מיינונג ווערט אָבער לײכט פֿאַרוואָרפֿן, מחמת סע פֿרעגט זיך, פֿאַרוואָס האָט מען דער כּיתּה אַף דודס נאָמען געגעבן 74 מזמורים, און דער כּיתּה אַף שלמהס נאָמען בלויז צוויי מזמורים, און משהס כּיתּה בלויז איין מזמור? צי זענען די מערסטע מזמורים אַף משהס נאָמען און אַף שלמהס נאָמען פֿאַרלוירן געוואָרן?

אין מלכים א׳ ה, יב — יג ווערט דערמאָנט, אַז שלמה המלך האָט אויסער דריי טויזנט משלים וועגןביימער און גראָזן, וועגן חיות און פֿייגל און פֿיש און ווידמונגען, אויך געמאַכט טויזנט מיט פֿינעף געזאַנגען.

דער מזמור צ, וואָס איז אַף משהס נאָמען, און די צוויי מזמורים, עב און קכז, וואָס זענען אַף שלמהס נאָמען, האָבן גיכער צו טון מיט דעם לעבן פֿון משהן און שלמהן. אין צ, ט״ו זענען פֿאַראַן אויסדרוקן, וואָס באַציִען זיך אַף די ליידן פֿון וואַנדערן דורך דער מדבר, און אין עב, י און ט״ו איז פֿאַראַן אָנווייז אַף דער מלכּה שבֿאָס קומען צו שלמהן, און אין קכז, א — אַן אָנווייז אַף שלמהס בויען דאָס בית־המקדש. דעמאָלט פֿאַלט אָפּ די מיינונג, אַז אין בית־המקדש זענען געווען כּיתּות פֿון לוויִים־זינגער אַף דעם נאָמען פֿון משה, דוד, שלמה און פֿון אַנדערע.

נאָר וואָלטן אין בית־המקדש געווען אַזעלכע כּיתּות, ווי וואָלטן אונזערע חכמים נישט גערעדט וועגן דעם, אָדער דאָס נישט דערמאָנט צום ווינציקסטנס?

וועגן דער צייט, ווען איטלעכער מזמור איז געשאַפֿן געוואָרן, וועלכע פֿאַר גלות־בבֿל און וועלכע נאָך שיבֿת־ציון, און ווען דאָס גאַנצע ספֿר איז געוואָרן פֿאַרחתמעט, וועגן דעם זענען פֿאַראַן חילוקי־דעות. עס איז בכּלל שווער געבוי פֿעסטצושטעלן אַזאַ זאַך. נאָר די גרויסקייט און שיינקייט און טיפֿקייט פֿון דעם ספֿר איז נישט געוועגדט אין דעם עלטער פֿון די מזמורים.

מע רעכנט, אַז צו די צייטן פֿון שלמהן געהערן די צוויי מזמורים, פּח און פּט, וואָס זענען אָפּן נאָמען פֿון הימן דעם אזרחי און איתן דעם אזרחי. צו יענע צייטן געהערן אויך די מזמורים עג, עח, פּא.

די זיגלידער מו, מז, מח, עו זענען מסתּמא געשאַפֿן געוואָרן אין דער צייט פֿון סנחריבֿס מפּלה. צו גלות בבֿל רעכנט מען די מזמורים כּב, סט, קב. אַ סך מזמורים געהערן צו דער צייט פֿון שיבֿת־ציון. דאָס איז קודם־כּל דער מזמור על נהרות בבֿל, קלז, און דערנאָך — די פֿריידיקע שירי־המעלות, קכ — קלד.

טייל מזמורים ווערן אין דער סעפּטואַגינטע צוגעשריבן די נבֿיאים חגי און זכריה. אין דידאַזיקע מזמורים ווערט אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז די וועלטשטאַמען, די אומות־העולם, וועלן דערקענען דעם גאָט פֿון ישׂראל, און

אַרײַנפֿיר

אַז גאָט וועט זיך לאָזן דערקענען צו זיי. דידאָזיקע האָפֿענונג ווערט אויך אויסגעדריקט אין צג, צה — ק.

אַנדערע מזמורים שטאַמען פֿון אַזוי שפּעט ווי פֿון דער צייט פֿון די חשמונאָים, ווען ס׳איז ווידער אופֿגעקומען אַ גרויסע צייט פֿאַר ייִדן, די צייט, וואָס די נביאים האָבן פֿאָראויסגעזאָגט. צו דער צייט רעכנט מען די מזמורים עד, עט, פּג, פּה, צט. טייל פֿאָרשער רעכענען, אַז די ערשטע פּסוקים פֿון מזמור ק״י טראָגן דעם נאָמען פֿון שמעון, דעם חשמונאי. צו יענער צייט געהערן אויך די קאַפּיטלען כ, כא, ס, סא, סו, קלב.

דער אינהאַלט פֿון דעם ספֿר

תּהלים איז די שאַפֿונג פֿון טויזנט יאָר ייִדיש לעבן. דאָס איז דער אוצר פֿון פֿרומע געזאַנגען און לויבלידער פֿון פֿאַרשידענע צייטן. תּהלים איז דאָס פּרימסטע פֿון אַלע ספֿרים. דאָס פֿאַרזיכערן זיך אַף גאָט האָט אַרויסגעבראַכט די שענסטע תּפֿילות און תּהילות פֿון דער טיפֿסטער פֿרומקייט. אין זיי ווערן אויסגעדריקט די פֿאַרבאָרגנסטע געפֿילן פֿון האַרץ ביי אַלערליי טרעפֿענישן אין לעבן.

דידאָזיקע אַלע מזמורים זענען געשאַפֿן געוואָרן און וואָרצלען אין דעם לאַנד יהודה און ישׂראל, וואו דער קלימאַט איז פֿאַרשידן: טרוקענע מדבר, און בערג באַדעקט מיט אייביקן שניי, ווייַנגערטנער און סעדער, בערג מיט וועלדער מיט לייבן און לעמפּערטן און אַנדערע ווילדע חיות און רויבפֿייגל, פֿעלדער מיט שאָף און מיט רינדער, טאָלן מיט לאַנען ווייץ און גערשטן, שטורעמדיקע ימים און רוישיקע שטראָמען, און בלומען — טויזנטער מינים אַף באַרג און אין טאָל.

דאָס אַלץ ווערט געמאָלן אין תּהלים מיט די איינפֿאַכסטע ווערטער, אין וואויל־קלינגענדיקע פֿערזן און אין שפּיל פֿון וואָרט, און זיי זענען היינט ניי פּונקט ווי דעמאָלט, ווען מ׳האָט זיי געשריבן. זיי זענען לויטער לעבן און נשמה, און זיי פּאַסן זיך פֿאַר יעדער פֿרייד און יעדער נויט.

די מזמורים שפּיגלען אָפּ אַלערליי פּאַסירונגען און איבערלעבונגען, און זיי זענען דער אויסדרוק פֿון דעם כּלל פּונקט ווי פֿון דעם יחיד. איך און מיר פֿאַרבײַטן איינס דאָס אַנדערע. דער זינגער איז נישט אָפּגעזונדערט פֿון דער געמיינדע. די יסורים און צרות פֿון דעם יחיד זענען די יסורים און צרות פֿון דעם כּלל. איך גייט אָפּט אַרויף אַפֿן גאַנצן פֿאָלק. דער דיכטער, דער זינגער, דער פֿירער, איטלעכער פֿון זיי איז דער פֿאָרשטייער פֿון דעם פֿאָלק און ער רעדט פֿאַרן פֿאָלק.

די חז״ל זאָגן: אַלע מזמורים, וואו סע רעדט זיך אין לשון־יחיד — גייען אַרויף אַף דעם יחיד; און אַלע מזמורים, וואו סע רעדט זיך אין לשון־רבים — גייען אַרויף אַף דעם כּלל (פּסחים קיז).

אַרײַנפֿיר

אין די 150 מזמורים זענען פֿאַראַן געזאַנגען און קלאָגן, לידער פֿון טרויער, פֿון פֿרייד, פֿון האָפֿענונג און פֿון יום־טוב, געשריי און פֿאַרצווייפֿלונג פֿון דורות, מזמורים פֿון ליבע און בענטשונג, פֿון קללה און פֿלוך; זאָגן און וויסן און ווײַזהייטן. דאָס פֿאָלק גיסט אויס זײַן האַרץ פֿאַר גאָט. אַ סך מזמורים גיבן איבער פֿערזענלעכע איבערלעבונגען, וואָס קענען טרעפֿן אומעטום און אין איטלעכער צײַט.

די מזמורים רעדן וועגן צײַטן פֿון שלום און שלווה, פֿון מלחמה און חורבן, פֿון רדיפֿות און דריקונג און אומגליק, פֿון נצחון, זיג און פֿרייהייט, פֿון גע־ונד זײַן, פֿון וואָגלען און וואַנדערן, פֿון גלות און שיבת־ציון, פֿון בויען און באַנייען; געזאַנגען פֿון וועלט־באַשאַף און געשיכטע; דאָס לעבן פֿון די יידן אין כנען, אין מצרים, אין דער מדבר און ווידער אין כנען אַף דער אייגענער נחלה; דערהויבענע געזאַנגען וועגן דער נאַטור מיט אירע געוויטערן, ועטערן און געוועסערן; שטאָרעם און שטילע רו, אומרו און מנוחה; ליבע פֿאַר די פֿרומע און גערעכטע, טאַדל און מוסר פֿאַר די רשעים און שאַלקהאַפֿטיקע.

טייל מזמורים, ז, לד, נב, נד, נו, נז, נט, קמב, באַציען זיך אַף די רדיפֿות, וואָס דוד איז אויסגעשטאַנען פֿון שאולן. מזמור יח באַציט זיך אַף דעם טאָג, ווען דוד איז אויסגעלייזט געוואָרן פֿון זײַנע פֿײַנט. קאַפּיטל ס גייט אַרויף אַף יואָבס זיג איבער אדומען אין טאָל פֿון זאַלץ; ג און סג — אַף דודס אַנטלויפֿן פֿאַר זײַן זון אַבשלום, און נא באַציט זיך אַף דודס זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען מיט בת־שבע.

אַנדערע מזמורים, א, לז, עה, עז, צ, צב, דערציילן פֿון גאָטס גערעכטער אָרדענונג. עח, פֿא, קה, קו, שילדערן פֿאַסירונגען מיט דעם יידישן פֿאָלק אין די צײַטן פֿון אַמאָל, און גיבן איבער פֿאַרשידענע באַטראַכטונגען וועגן דער געשיכטע פֿון די יידן, און קכח און קלג, מאָלן די שיינקייט פֿון פּריוואַטן איינפֿאַכן לעבן.

פֿאַראַן מזמורים, וואָס באַהאַנדלען אַלגעמיינע טעמעס און פֿראַגן, און דריקן אויס אַלגעמיינע געדאַנקען און געפֿילן. צו זיי געהערן די תּפֿילות און הודיות, די הילף־געבעטן און דאַנקלויבן; די נאַטור־מזמורים, ח, יט, לג, סה, קד, וואָס אין זיי אַנטפּלעקט זיך גאָט דורך די מעשים פֿון זײַנע הענט: זון, לבנה און שטערן, ווינט און רעגן, אַלע זינגען אַ ליבע צו גאָט.

דער ייד זעט אין איטלעכער זאַך די האַנט פֿון גאָט: אין די דער־שיינונגען פֿון דער נאַטור, אין די שטאָרעמס, פֿאַרפֿלייצונגען און ערדציטערנישן, אין די טרעפֿענישן מיט דעם פֿאָלק ישׂראל, אין די מלחמות און צרות און אין אַלע פֿאַסירונגען מיט דעם מענטש — דעם יחיד.

גאָטס גרויסקייט אַנטפּלעקט זיך אין וואַסער און אין וואַלד, אין ווינט און אין דונער: דאָס קול פֿון גאָט איז איבער די וואַסערן... דאָס קול פֿון גאָט

אַריינפיר

טוט צעברעכן צעדערן, כט, ג — ה; ער איז דער, וואָס שיקט אַרויס די קוואַלן אין די באַכנבעטן, קד, י ; ער צעוואַרפט זיין אייז ווי ברעקלעך... ער שיקט אַרויס זיין וואָרט און סע צעשמעלצט זיי, ער לאָזט בלאָזן זיין ווינט — רינען וואַסערן, קמז, יז—יח; געפּלייצט האָבן די וואָלקנס וואַסער...דאָס קול פון דיין דונער איז געווען אין דעם געדריי, עז, יח—יט; אופגעהויבן האָבן די שטראָמען זייער קול, סע הייבן אוף די שטראָמען זייער געברויז, צג, ג.

און ביי קריעת ים־סוף און ירדן: דער ים האָט געזען און איז אַנטלאָפן, דער ירדן האָט זיך פאַרדרייט אַהינטער, קיד, ג; מעגן ברומען, מעגן ברויזן זיינע וואַסערן, מעגן וויטערן די בערג פאַר זיין האָפערדיקייט, מו, ד.

אין דעם ספר תהלים ווערט אויסגעדריקט די באַציאונג פון דעם מענטש צו גאָט. דער מענטש רעדט צו גאָט, וואָס איז דערבאַרעמדיק און גוט צו די, וואָס האָבן אַ שווער געמיט און אַ צעבראָכן האַרץ. גאָט איז פאַר דעם מענטש אַ פעסטונג און אַן אַנטרינונג אין צייטן פון נויט, יא, א; טז, א; כז, א; לא, ג—ה; לז, לט; מג, ב; עא, ג; צ, א; דער מענטש גייט אויס פון בענקשאַפט צו זיין נאָענט צו גאָט און צו זיינע וואוינונגען, מב און קכב; בעסער איין טאָג אין די הויפן פון בית־המקדש, איידער טויזנט צווישן די פעלקער פון דער וועלט, פד, יא.

אין תהלים ווערט געשילדערט דער גאַנג פון דער וועלט און ווי אַזוי זי ווערט געפירט. גאָט האָט באַשאַפן די ערד פאַר די מענטשן מיט זייער פי, פאַר די חיות פון וואַלד און די פייגל פון הימל. די ערד, איבער וואַסערן, איז געגרונטפעסטיקט אַף זיילן, וואָס וואָרצלען אין די ימים; די בערג זענען די אַרויסשטאַרצנדיקע זיילן, און זיי טראָגן אַף זיך דעם הימל מיט זיין געלייכט. אַרום און אַרום איז וואַסער אין דעם אומענדלעכן חושך. צו מזרח ליגט דאָס גן־עדן מיט זיין וואונדערלעכן שטראָם. אונטן, אונטער דער ערד און די וואַסערן, ליגט די נידערוועלט, דער שאול. איבער דער ערד, אין דער הייך, שפרייטן זיך די הימלען. זיי האָט גאָט אויסגעוועלבט, אַז זיי זאָלן זיין אַ באַשירעמונג קעגן די אור־כוחות, וואָס זענען פיינדלעך צו אים און צו די מענטשן. אויבן, אין די הימלען זענען די הימלישע הערשאַרן, די מלאָכים. דאָרט זענען אויך די וואַסער־רערן, די קאַמערן פון רעגן, די שפייכלערס פון שניי, פון פראָסט און פון האָגל; דאָרט זענען די בליצן, דאָס פייער און די ווינטן, וואָס זענען גאָטס שלוחים; דאָרט איז דער הימלישער קאָרן, וואָס מיט אים האָט גאָט געשפייזט די יידן אין דער מדבר; און דאָרט זענען אויך די קאַמערן פון דעם גרויסן געלייכט: די זון, לבנה און שטערן.

איבער זיי אַלע איז גאָט, דער באַשאַפער. ער פירט און רעגירט און האַלט אויס די וועלט, וואָס באַשטייט אַף אייביק. ער זעטיקט און טרינקט אָן די מענטשן און די חיות. ער שיקט אַרויס די בליצן און די ווינטן, זייט אויס

אַרײַנפיר

דעם פראָסט און דעם האָגל, גיסט אויס דעם רעגן און באַפרוכפּערט מיט אים די ערד, כּדי אַרויסצוברענגען פּיטערונג און שפּײַז פאַר די לעבעדיקע.

פאַר די מענטשן האָט ער געגעבן צוויי וועגן: אַ גוטן וועג און אַ שלעכטן. נאָר נישט אַלע מענטשן קלייבן אויס פאַר זיך דעם גוטן וועג, צו גיין אין אים. גאָט מוז שטענדיק היטן די מענטשן און האַלטן אַף זיי אַן אויג. ער פּריווט זיי און פאָרשט זיי. ער באַשטימט פאָראויס דעם גורל פון דעם מענטש. אַף די רשעים רעגנט ער אַראָפּ פײַער און שוועבל. ער טוט, וואָס ער וויל. און וואָס ער באַשליסט איז גילטיק. זײַן ווילן באַשטייט אַף אײביק. און וואו איינער זאָל זיך פּרובירן פאַרבאָרגן פאַר אים, וועט ער פון אים נישט קענען אַנטרינען.

גאָטס הערשאַרן זענען זײַנע באַדינער. ער שיקט זיי, צו באַשירעמען זײַנע פרומע פון איטלעכער סכּנה, די פרומע, וואָס זיי רינגלט ער אַרום מיט זײַן ליבשאַפט און געטרײַשאַפט. די אָפּטריניקע פאַרטיליקן זיי. גאָטס וואָרט לויפט פאָראויס און פירט אויס זײַן באַפעל, אַף צו באַלערנען דעם מענטש זײַנע געזעצן און לערנונגען.

אַף דער ערד הערשן די מענטשן. נאָר זיי זענען פאַרגעגלעך ווי דאָס גראָז אַף דעם פעלד. זייערע טעג זענען ווי דער שאָטן, וואָס בייגט זיך. אַ הויך און — זיי פאַרגייען און מוזן זיך אומקערן צוריק צו דער ערד.

די ייִדן קאָנען וואוינען אומעטום. נאָר זייער מוטערשטאָט, וואָס פאַראייניקט זיי, איז ציון, די שטאָט פון גאָט. דער אײבערשטער איז טאַקע אין הימל, נאָר ער רוט אויך אין ציון. זײַן פוסבענקל איז דאָס בית־המקדש, דאָס הייליקע הויז פון גאָט אַף דעם באַרג ציון. דאָס בית־המקדש איז אַ צווייט גן־עדן מיט אַ שטראָם פון גאָט.

גאָטס וואָרט האָט זיך נאָך אַנטפּלעקט צו די אָבות און זיי באַלײט ווי אַ באַשירעמדיקער מלאך. די תּורה מיט די מצוות, דעם שׂכר און עונש, וואָס קומט פאַר פאָלגן די געבאָטן און פאַר נישט פאָלגן, האָט גאָט געגעבן, ווען די ייִדן זענען אַרויס פון מצרים און זענען געוואָרן אַ פאָלק. די צייט, פון יציאַת־מצרים אָן ביז די ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין דעם לאַנד פון די אָבות, איז געווען אַ צייט פון צײכנס און וואונדער.

גאָט האָט זיך אויסדערוויילט זײַן זיץ אין יהודה, הגם די ערשטע צייט איז שבט יוסף געווען זײַן ליבלינג. ירושלים איז געגרונטפעסטיקט ווי די וועלט. די שופטים, דוד און די נביאים זענען געווען גאָטס פרומע און זענען געגאַנגען אין זײַנע דרכים. גאָט האָט זיי און די ייִדן באַשירעמט מיט זײַן ליבשאַפט, און זײַן גערעכטיקייט איז זייער הילף און באַפרייאונג.

די ייִדן לויבן אים און דאַנקען אים דערפאַר אין בית־המקדש ביים אופשטיין און ביים לייגן זיך. לויבגעזאַנגען און דאַנקלויבן זענען ביי גאָט

אַ ר י י נ פ י ר

וויכטיקער און אַנגענומענער ווי קרבנות. איטלעכער ייִד, ער מעג וואוינען ווי ווייט, גאַרט שטענדיק עולה־רגל צו זיין צו גאָטס הויז. ער דאָרשט צו זען דאָס פּנים פון גאָט און זיינע וואוינונגען, ווי אַ טרוקן שטיק ערד דאָרשט נאָך רעגן. אין נויט און באַדרענגונג איז גאָט זיין אַנטרינונג. גאָט וועט דערהערן זיינע געבעטן און וועט אים העלפן און באַפרייען.

אין טייל מזמורים ווערט אַרויסגעבראַכט דער וועג פון דעם מענטש, וואָס איז רעכטפאַרטיק און טוט גערעכטיקייט. וואָרן ווער איז דער, וואָס קאָן זיך פאַרלאָזן אַף גאָט? דאָס איז דער, וואָס האָט ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ, וואָס רעדט נישט פון קיין באַטרוג און נעמט נישט קיין שוחד. דאָס העכסטע, וואָס צו דעם גלוסט דער גערעכטער, איז נאָכצוטראַכטן טאָג ווי נאַכט אין דער תּורה פון גאָט. וואָרן דער, וואָס לעבט אַ ריין און פרום לעבן, וועט נישט ווערן געשטרויכלט. ער מעג זיין פעסט ביי זיך, אַז ער וועט קריגן זיין שׂכר: גאָט וועט אים נישט פאַרלאָזן. ער וועט האָבן קינדער און ברויט צו דער זעט, ער וועט ווערן אָפּגעהיט פון קראַנקהייטן, און ער וועט לעבן לאַנג. און זיינע פיינט, זיי וועלן ווערן פאַרשעמט און פאַרטיליקט.

נאָר סע טרעפט, אַז דער פרומער ווערט געשטרויכלט. די רשעים ברענגען אַף אים אומגליק, און ער ליידט פון אַלערליי קראַנקהייטן. דאָס קומט אַף אים פאַר זיינע זינד. דער פרומער זינדיקט אַמאָל, און ווייסט אַליין נישט פון דעם. וואָרן דער מענטש איז נאָר אַ מענטש. ער ליידט פון שוואַכקייטן, און איז נישט גאַנץ. די אָנשיקענישן אַף אים זענען אַ וואָרענונג פון גאָט, אַז ער זאָל נאָכזוכן זיינע מעשׂים און גיין אין רעכטן וועג. אויב ער איז קלוג, איז ער זיך מודה אין זיין זינד און ער נעמט אַף זיך אַ נדר. דעמאָלט פאַרשווינדט דאָס אומגליק, און זיין זינד ווערט פאַרגעבן. וואָרן גאָטס צאָרן איז נאָר אַף אַ רגע, און זיין גוטסקייט, זי געוועדט אַף אייביק.

די רשעים, די זינדיקע און שפּעטערס, זיי מוזן ווערן פאַרלוירן. באַלד וועט זיך צעברענען גאָטס צאָרן. גוטס מוז ביַיקומען שלעכטס. און אַפילו, אַז די רשעים גייט גוט אַ צייט, און זיי רעדן זיך איַין, אַז ס'איז נישטאָ קיין דין און קיין דיַין אַף דער וועלט, זייער טאָג פון שטראָף מוז קומען, און די גערעכטע און די קליינמוטיקע, זיי וועלן ירשענען דאָס לאַנד.

גאָט, דער מלך אין הימל, וועט באַגרינדן זיין מלוכה אַף דער ערד. ער קומט, צו משפּטן די וועלט אין גערעכטיקייט. ירושלים וועט ווערן אופגעבויט, און די ערד וועט אַרויסשפּראָצן גליק און שלום. די גערעכטע, די קליינמוטיקע, זיי וועלן ירשענען דאָס לאַנד. די האָפענונג אַף שיבת־ציון דערגרייכט דעם מענטשלעכסטן אויסדרוק אין מזמור בשוב ה׳ את־שיבת ציון — ווען גאָט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון (קכו).

אַרײַנפֿיר

װען מ׳האָט געזונגען די מזמורים, זײער פֿאָרעם
און צונויפֿשטעל פֿון דעם ספֿר

אומעטום און בײַ יעדער געלעגנהייט האָט בײַ די ייִדן אין ארץ ישׂראל געשפּילט אַ ראָלע דאָס ליד, די מוזיק. פּונקט ווי דאָס איז געווען נישט לאַנג צוריק אין אונזער אַלטער היים, אין די לענדער פֿון אייראָפּע, וואָס דער שׂונא, דער דײַטש, מיט זײַנע העלפֿער האָבן חרב געמאַכט ביזן גרונט. יעדער יום־טוב, יעדע שׂמחה, סײַ אין עפֿנטלעכן לעבן, סײַ אין רעליגיעזן און סײַ אין פּריוואַטן לעבן, זענען געפּײַערט געוואָרן מיט לידער, מיט מוזיק און געזאַנגען.

ישעיה רעדט וועגן די פֿרײלעכע געזאַנגען פֿון יום־טוב פּסח (ישעיה ל, כט); עמוס זאָגט, אַז ער וויל נישט הערן די געזאַנגען און לידער: „הסר מעלי המון שריך, וזמרת נבליך לא אשמע — טו אָפּ פֿון מיר דאָס ברומען פֿון דײַנע געזאַנגען, און דאָס שפּילן פֿון דײַנע ציטערס וויל איך נישט הערן" (עמוס ה, כג); ער זאָגט, גאָט וועט פֿאַרקערן די פֿײַערטעג אין טרויער, און אַלע געזאַנגען אין קלאָגלידער... די זינגערנס וועלן האָילן אין בית־המקדש (עמוס ח, ג און י).

יעדע צערעמאָניאַלע סעודה איז געווען באַלייט מיט געזאַנג און מוזיק; חתונות האָט מען דורכגעפּירט מיט כאָר־געזאַנג, מיט מוזיק און טענץ; און בײַ דעם אָרון פֿון אַ מת האָט געוויינט דאָס קלאָגליד און די פֿלייט.

מיט טאַמבורינס און מיט געזאַנגען פֿון פֿרייד האָט מען געשוירן די שאָף און געטרעטן דעם ווײַנקעלטער; מיט מוזיק האָט מען געפּײַערט דאָס זאַלבן אַ מלך, זײַן חתונה און זײַן קרוינונג (מה).

די זיגערישע קריגער איז מען געגאַנגען אַנטקעגן מיט מיידלשע כאָרן, מיט געזאַנג און טענץ. אַז יפֿתּח האָט זיך אומגעקערט אַ זיגרייכער פֿון דער מלחמה אַהיים — איז זײַן טאָכטער אים געגאַנגען אַנטקעגן מיט געזאַנג און טאַנץ (שופֿטים יא, לד—לה); אַז דוד איז צוריקגעקומען פֿון דער מלחמה, נאָך דעם ווי ער האָט געשלאָגן די פּלשתּים, זענען די פֿרויען אין אַלע שטעט אים געגאַנגען אַנטקעגן מיט טענץ און האָבן געזונגען: „שאול האָט געשלאָגן זײַנע טויזנטער, און דוד זײַנע צענטויזנטער" (שמואל א׳ יח, ו—ז); משה און מרים האָבן געזונגען שירה, ווען די ייִדן זענען בשלום אַריבער דעם ים־סוף (שמות טו, כ).

ייִדיש געזאַנג איז געווען באַרימט אויך אין אַנדערע לענדער. די פֿענגער פֿון בבל הייסן די געפֿאַנגענע ייִדן זינגען. זיי זענען בײַגעריק צו הערן זייער געזאַנג, „דאָס געזאַנג פֿון ציון" (תּהלים קלז).

אויסער די רעליגיעזע לידער האָבן מיר אין די צײַטן פֿון בית־המקדש אויך געהאַט פֿאָלקסלידער און צײַטלידער. אַף דעם זענען עדות די ספֿרים ספֿר הישר (יהושע י, יג; שמואל ב׳ א, יח) און ספֿר מלחמות יהוה (במדבר כא, יד).

אַרײַנפֿיר

נאָר דידאַקטיק לידער האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו די טיף־רעליגיעזע געזאַנגען און לויבלידער פֿון תּהלים. אין די צייטן פֿון בית־שני האָבן די לוויִים יעדן טאָג פֿון דער וואָך געזונגען אַ באַשטימטן שיר ביים מקריב זיין דעם קרבן תּמיד.

דער מזמור צב טראָגט די איבערשריפֿט, אַז דאָס איז אַ „מזמור, אַ שיר פֿאַר דעם טאָג שבת״. אין דער סעפּטואַגינטע ווערט דער מזמור כד באַצייכנט, אַז דאָס איז פֿאַר דעם ערשטן טאָג פֿון דער וואָך; דער מזמור מח פֿאַר דעם צווייטן טאָג; צד פֿאַר דעם פֿערטן טאָג; צג פֿאַר דעם זעקסטן טאָג. אין דער וואולגאַטע ווערט דער מזמור פּא באַצייכנט פֿאַר דער פֿיפֿטן טאָג. דאָס שטימט מיט דעם ווי מיר זאָגן עד־היום ביים דאַווענען דעם שיר של יום, און ווי דאָס ווערט אויסגערעכנט אין דער מסכתא תּמיד. דאָרט ווערט אויך געזאָגט, אַז דער מזמור פּב איז פֿאַר דעם דריטן טאָג פֿון דער וואָך.

פֿאַראַן מזמורים, וואָס מ׳האָט געזונגען ביי פֿייערלעכע פּראָצעסיעס און קאַראַהאָדן. דאָס געזאַנג איז געווען באַלייט מיט האַרפֿן, ציטערס און אַנדערע סטרונע־אינסטרומענטן, און אויך מיט פֿלייטן, פּויקן און צימבלען.

טייל מזמורים פֿון ספֿר תּהלים האָט מען מסתּם קיינמאָל נישט געזונגען, נייערט מ׳האָט זיי געזאָגט. צו זיי געהערט זיכער קאַפּיטל קיט, וואָס האָט 176 פּסוקים, און איז דער לענגסטער מזמור אין גאַנצן ספֿר. סע קאָן זיין, אַז דער אַכטפֿאַכער אַלף־בית סדר אין דעם מזמור איז געמאַכט, כּדי צו קענען לײַכטער געדענקען דעם סדר פֿון די פּסוקים.

דער מזמור איז אַ לויב צו די מענטשן, וואָס פֿירן זיך לויט דעם „וואָרט פֿון גאָט״, און היטן אָפּ זיינע געבאָטן און געזעצן. דער אַכטפֿאַכער א״ב סדר איז געבויט אַף אַזאַ אופֿן: די ערשטע אַכט פּסוקים הייבן זיך אָן מיט דער אַלף, די אַנדערע אַכט — מיט דער בית, און אַזוי ווייטער. אין די צוויי און צוואַנציק מאָל אַכט פּסוקים ווערט אַף פֿאַרשידענע אופֿנים איבערגעחזרט איין־איינציקער גרונט־געדאַנק. אין יעדן פּסוק, אַחוץ פּסוק קכב, ווערט גע־בראַכט אַ סינאָנים פֿאַר דעם „וואָרט פֿון גאָט״: תּורה, וועג, שטעג, עדות, באַפֿעל, געבאָט, זאָג, וואָרט, רעכט, רעכטשפּראַך (משפּט), גערעכטיקייט, געטריישאַפֿט און געזעץ. פֿאַרגלייך די זאָגן פֿון גאָט אין יט, ח און ווייטער. די פּסוקים זענען דורכגעמישט מיט געבעטן, ניצול צו ווערן פֿון אַלדאָס בייז, און צו קענען לעבן אין דעם וועג פֿון דער תּורה.

חוץ קיט זענען פֿאַראַן נאָך זעקס אַנדערע מזמורים, וואָס זענען געבויט לויט דעם א״ב סדר: כה, לד, לה, קיא, קיב און קמה. טייל זעען אויך דעם א״ב סדר אין די קאַפּיטלען ט און י, וואָס זענען אין דער גריכישער ווערזיע איין מזמור.

די פּאָעטישע פֿאָרעם פֿון די מזמורים אין תּהלים, און אַזוי אויך אין די

אַרײַנפֿיר

אַנדערע פּאָעטישע טײלן פֿון תּנ״ך, איז אין גאַנצן אַנדערש פֿון דער פֿאָרם פֿון פּאָעזיע אין אַנדערע לשונות. נישטאָ אין איר קיין געמאָסטענער מעטער. איר וויכטיקסטע כאַראַקטעריסטיק איז דער ריטם, די אינטאָנאַציע.

כּמעט אַלע מזמורים אין דעם ספֿר האָבן צו עטלעכע סטראָפֿן. יעדער סטראָף האָט פֿון צוויי, דריי ביז צען פּסוקים. יעדער פּסוק איז געטיילט אין צוויי און דריי פֿערזן, און איטלעכער פֿערז האָט מערסטנס צוויי, דריי און פֿיר הײבונגען.

דער ריטם איז אַזוי פֿאַרשידן ווי די בילדער און געדאַנקען, וואָס דער פּסוק דריקט אויס. אַשטייגער, דער פֿייערלעכער ריטם אין ערשטן טייל פֿון דעם ערשטן קאַפּיטל, וואָס איז אַ לויב צו דעם רעכטפֿאַרטיקן מענטש:

וואויל איז דעם מענטש,
וואָס איז נישט געגאַנגען אין דעם ראָט פֿון רשעים...
און ער וועט זײַן
ווי אַ בוים, געפֿלאַנצט בײַ בעכן וואַסער,
וואָס זײַן פֿרוכט גיט ער אַרויס אין זײַן צײַט,
און זײַן בלאַט וועט נישט פֿאַרוועלקן:
און אַלץ, וואָס ער טוט, וועט באַגליקן.

גאַנץ אַנדערש איז דער ריטם אין די ערשטע דריי פּסוקים פֿון דעם צווייטן קאַפּיטל, וואָס גיט איבער דאָס פֿילדערן פֿון די פֿעלקער:

פֿאַרוואָס שטאָרעמען װעלטשטאַמען,
און אומות טראַכטן אייטלקייט?
סע שטעלן זיך אַוועק מלכים פֿון דער ערד,
און ראָטהאַרן פֿאַרטרויען זיך אינאיינעם
קעגן גאָט און קעגן זײַן געזאַלבטן:
„לאָמיר צערײַסן זייערע בענדער,
און לאָמיר אַראָפּוואַרפֿן פֿון אונז זייערע שטריק!“

אין פֿערטן פּסוק בײַט זיך דער געדאַנק און צוזאַמען מיט אים דער ריטם, וואָס גיט איבער די רואיקייט און מלכותדיקייט פֿון גאָט אין הימל:

דער, וואָס זיצט אין הימל, לאַכט,
גאָט טוט שפּעטן פֿון זיי.

אין דעם פֿיפֿטן פּסוק איז ווידער אַן אַנדערער ריטם.

אָדער דער רואיקער ריטם אַפֿן סוף פֿון פֿערטן קאַפּיטל, וואָס גיט איבער דאָס אַנידערלײגן זיך אַפֿן געלעגער אַ זיכערער אין דעם פֿאַרטרויען זיך אין גאַנצן אַף גאָט.

אַרײַנפֿיר

אין פֿרידן װעל איך מיך באַגלײך אַנידערלײגן און װערן אַנטשלאָפֿן,
װאָרן דו, גאָט, אַלײן,
לאָזסט מיך זיצן אין זיכערקײט.

און אַזױ איז דער האַרציקער ריטם אין אָנהײב פֿון דעמזועלבן מזמור, װאָס איז לױטער געבעט.

אַנדערש איז דער ריטם פֿון קלאָגלידער. ער איז קורץ, אָפּגעהאַקט, און גיט איבער דעם טרױער, װאָס די געדאַנקען און בילדער דריקן אױס.

די פֿערזן אין תּהלים זענען רײך אין אַליטעראַציעס, װאָרילקלאַנג און װאָרטשפּיל, און אָפֿט אױך אין גראַמען.

אין תּהלים, װי אין אַנדערע ספֿרים פֿון תּנ״ך, גײט דורך די פֿאָרעם פֿון פּאַראַלעליזמען. זי װערט גערופֿן דער פּאַראַלעליזם פֿון פֿערזן. דער געדאַנק, װאָס װערט אױסגעדריקט אין ערשטן פֿערז, װערט איבערגעחזרט און פֿאַרשטאַרקט מיט אַנדערע װערטער אין צװײטן פֿערז.

די פּאַראַלעליזמען זענען פֿאַרשידן: פֿאַראַן סינטעטישע, אַנטיטעטישע און סינאָנימישע.

דער סינטעטישער פּאַראַלעליזם:

און איך, איך האָב באַשטימט מײַן מלך
אַף ציון, דעם באַרג פֿון מײַן הײליקטום (ב, ו).

די תּורה פֿון גאָט איז גאַנץ, זי דערקװיקט דאָס נפֿש.
די באַצײגונג פֿון גאָט איז באַגלײבט, זי מאַכט קלוג דעם טראָפּ (יט, ח).

דער אַנטיטעטישער פּאַראַלעליזם:

װאָרן גאָט קען דעם װעג פֿון צדיקים;
און דער װעג פֿון רשעים װעט װערן פֿאַרלױרן (א, ו).

דער סינאָנימישער פּאַראַלעליזם:

נײערט נאָר אין דער תּורה פֿון גאָט איז זײַן באַגער,
און אין זײַן תּורה טוט ער נאָכטראַכטן טאָג און נאַכט (א, ב).

זײ מיך מציל פֿון די װערקער פֿון אומרעכט,
און פֿון די בלוטשולדיקע מענטשן באַפֿרײ מיך (נט, ג).

אַז ישׂראל איז אַרױסגעגאַנגען פֿון מצרים,
דאָס הױז פֿון יעקבֿ — פֿון אַ שטאַמלדיק פֿאָלק (קיד, א).

אַרײַנפֿיר

אָפֿט קומט דער פּאַראַלעליזם מיט אַן אַרײַנפֿיר:

> שטײ אויף, גאָט, באַפֿרײַ מיך, מײַן גאָט!
> דו האָסט דאָך געשלאָגן אַלע מײַנע פֿײַנט די קינבאַק,
> די צײן פֿון די רשעים האָסטו צעבראָכן (ג, ח).

אָדער מיט אַ דריטער שורה אַ דערגאַנצונג:

> סע שטעלן זיך אַװעק מלכים פֿון דער ערד,
> און ראָטהאַרן פֿאַרטרויען זיך אינאײנעם
> קעגן גאָט און קעגן זײַן געזאַלבטן (ב, ב).

דאָס זענען בלויז עטלעכע בײַשפּילן פֿון פּאָעטישע פֿאָרמען אין די מזמורים.

װעגן צוזאַמענשטעל. געװיס, װען מ׳האָט צוזאַמענגעשטעלט תּהלים אין דער פֿאָרעם װי דאָס ספֿר איז אַרײַן אין די כּתבֿי־הקודש, קאָן מען נישט פֿעסטשטעלן. אין ספֿר השמונאים ב׳ ב, יג װערט געזאָגט, אַז נחמיה האָט געשאַפֿן אַ בית־הספֿרים, אַ ביבליאָטעק, און דאָרט האָט ער צונויפֿגעזאַמלט די מעשׂים פֿון דודן און זײַנע שרײַבונגען.

ס׳איז קלאָר, אַז װען די ייִדן האָבן זיך אומגעקערט פֿון בבֿל, האָבן זײ מיטגעבראַכט מיט זיך זאַמלונגען פֿון תּהלים. ס׳איז זיכער מעגלעך, אַז נאָך פֿאַר גלות־בבֿל זענען שוין געװען זאַמלונגען פֿון תּהלים צוזאַמען מיט די היסטאָרישע ספֿרים און די נבֿיאים.

אין דעם צוזאַמענשטעל פֿון תּהלים איז פֿאַראַן אַ פּלאַן צו געבן אַן אַרײַנפֿיר צו יעדן באַזונדערן טײל פֿון דעם ספֿר. הלל, קיג—קיח, װערט אײַנגעפֿירט פֿון די צװײ קאַפּיטלען קיא און קיב. בײדע מזמורים זענען פֿון דעמזעלבן געבױ. דער ערשטער מזמור איז אַ לויב צו גאָט פֿאַר זײַנע מעשׂים און פֿאַר דער גוטסקײט צו זײַן פֿאָלק; דער צװײטער איז אַ לויב צו דעם מענטש, װאָס איז גאָטספֿאָרכטיק.

פֿאַר די לעצטע הללויהס, קמו—קנ, קומט װי אַן אַרײַנפֿיר דאָס קאַפּיטל קמה. דער מזמור איז אַ באַטראַכטונג װעגן גאָטס הערלעכקײט און חסד.

מעגלעך, אַז קאַפּיטל קי״ט איז געשטעלט אויך װי אַן אַרײַנפֿיר צו די שירי־המעלות, קכ—קלד. געװײנלעך דאַרף מען באַטראַכטן דאָסדאָזיקע קאַפּיטל, װאָס אָטעמט מיט אַ טיף־פֿרומען גײַסט, װי אַ מזמור פֿאַר זיך אַלײן.

צו דעם אין גאַנצן קומען װי אַן אַרײַנפֿיר די ערשטע צװײ קאַפּיטלען. דאָס ערשטע קאַפּיטל מיט זײַן לויב צו דעם מענטש, װאָס טראַכט טאָג װי נאַכט אין דער תּורה פֿון גאָט. נאָר נישט אַזױ זענען די רשעים, װאָס זענען אָפֿן פֿאַר יעדער שלעכטער השפּעה. זײער װעג װעט װערן פֿאַרלוירן. דאָס צװײטע

אַרײַנפיר

קאַפּיטל איז אַ וואָרענונג צו די פעלקער און די מלכים, וואָס שטייען אויף קעגן גאָט און זיין געזאַלבטן. נאָר גאָט שפּאָט פון זיי. ער אַליין האָט געזעצט זיין מלך אין ציון, אַף זיין הייליקן באַרג. און אויב די מלכים פון דער ערד וועלן זיך נישט אַראָפּנעמען אַ מוסר און ווערן קליגער, וועט ער זיי פאַרברענען מיט זיין גרימצאָרן, און זיין אויסדערוויילטן וועט ער געבן די פעלקער פון דער וועלט פאַר אַ נחלה.

וועגן דעם פּלאַץ, וואָס תהלים פאַרנעמט אין אונזער לעבן. קיין שום אַנדער ספר ווערט נישט אַזויפיל געלייענט און געזאָגט ביי אונז ווי דאָס ספר תהלים. חוץ דעם, וואָס אַ סך מזמורים און הללויהס גייען אַריין אין דאַווענען פון יעדן וואָכנטאָג און פון שבת און יום־טוב, זאָגן פרומע ייִדן יעדן טאָג אַ פּרק, אָדער אַ „יום” תהלים.

אויב שיר השירים איז דאָס געזאַנג פון פּסח און פון יעדן פרייטיק־צונאַכטס, איז תהלים דאָס געזאַנג פון יעדן טאָג. תהלים זאָגט מען ביי איטלעכער געלעגנהייט, אין פריידן, אין טרויער און אין יעדער עת־צרה. מ׳זאָגט תהלים ביים אופשטיין און ביים לייגן זיך. גייט אַ מוטער שווער צו קינד—זאָגט מען תהלים, אַרום דער קימפּעטאָרנס בעט הענגט מען אויס שיר־המעלותן, איז איינער קראַנק—זאָגט מען תהלים. שטאַרבט מען—זאָגט מען פאַר דעם טויטן תהלים.

אין טייל מקומות איז איינגעפירט פון חברה־תהלים צו זאָגן תהלים יעדן טאָג בחברותא אין בית־מדרש. און אַפילו די, וואָס פאַרשטייען נישט דעם פּירוש־המילות, זאָגן תהלים מיט האַרץ און בטחון. וואָרן זאָגן תהלים דערהייבט און שטאַרקט דאָס שווערע און געדריקטע געמיט.

טייל האָבן איינגעטיילט תהלים אין דרייסיק חלקים, כדי אין משך פון יעדן חודש איבערצוזאָגן אַלע 150 מזמורים. אַנדערע האָבן איינגעטיילט דאָס ספר אין זיבן חלקים, כדי איבערצוזאָגן גאַנץ תהלים יעדע וואָך.

אויסערדעם, וואָס תהלים פאַרנעמט דעם אויבן־אָן פון דעם דריטן טייל אין תנ״ך, ווערט דאָס ספר געדרוקט אין אַלע סידורים און אין אַלערליי באַזונדערע אויסגאַבן, אַז מ׳זאָל עס קענען טראָגן מיט זיך אין קעשענע, און אַז מ׳זאָל עס קענען מיטנעמען אין וועג אַריין אַף נסיעות.

נפתלי גראָס.

דאָס ערשטע ספר

אַשְׁרֵי הָאִישׁ

א וואויל איז דעם מענטש,
וואָס איז נישט געגאַנגען אין דעם ראָט פון רשָעים,
און אין דעם וועג פון זינדיקע איז ער נישט געשטאַנען,
און אין דער זיצונג פון שפּעטערס איז ער נישט געזעסן.
ב נייַערט נאָר אין דער תּורה פון גאָט איז זיין באַגער,
און אין זיין תּורה טוט ער נאָכטראַכטן טאָג און נאַכט.
ג און ער וועט זיין
ווי אַ בוים, געפלאַנצט ביי בעכן וואַסער,
וואָס זיין פּרוכט גיט ער אַרויס אין זיין צייט,
און זיין בלאַט וועט נישט פאַרוועלקן;
און אַלץ, וואָס ער טוט, וועט באַגליקן.

ד נישט אַזוי זענען די רשָעים!
נייַערט נאָר ווי שפּריי, וואָס אַ ווינט טוט אים פאַרווייַען.
ה דעריבער וועלן רשָעים נישט באַשטיין ביים משפּט,
און זינדיקע – אין דער געמיינדע פון צדיקים.
ו וואָרן גאָט קען דעם וועג פון צדיקים;
און דער וועג פון רשָעים וועט ווערן פאַרלוירן.

ב לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם

א פאַרוואָס שטאָרעמען וועלטשטאַמען,
און אומות טראַכטן אייטלקייט?

סֵפֶר רִאשׁוֹן

אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר ׀ לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וּבְדֶרֶךְ
חַטָּאִים לֹא עָמָד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב׃ כִּי ׀
אִם בְּתוֹרַת יְהוָה חֶפְצוֹ וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה׃
וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל־פַּלְגֵי־מָיִם אֲשֶׁר פִּרְיוֹ ׀ יִתֵּן בְּעִתּוֹ
וְעָלֵהוּ לֹא־יִבּוֹל וְכֹל אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ׃ לֹא־כֵן
ה הָרְשָׁעִים כִּי אִם־כַּמֹּץ אֲשֶׁר־תִּדְּפֶנּוּ רוּחַ׃ עַל־כֵּן ׀ לֹא־
יָקֻמוּ רְשָׁעִים בַּמִּשְׁפָּט וְחַטָּאִים בַּעֲדַת צַדִּיקִים׃ כִּי־יוֹדֵעַ
יְהוָה דֶּרֶךְ צַדִּיקִים וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים תֹּאבֵד׃
ב לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם וּלְאֻמִּים יֶהְגּוּ־רִיק׃ יִתְיַצְּבוּ ׀
מַלְכֵי־אֶרֶץ וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ־יָחַד עַל־יְהוָה וְעַל־מְשִׁיחוֹ׃
נְנַתְּקָה אֶת־מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ׃ יוֹשֵׁב
ה בַּשָּׁמַיִם יִשְׂחָק אֲדֹנָי יִלְעַג־לָמוֹ׃ אָז יְדַבֵּר אֵלֵימוֹ בְאַפּוֹ
וּבַחֲרוֹנוֹ יְבַהֲלֵמוֹ׃ וַאֲנִי נָסַכְתִּי מַלְכִּי עַל־צִיּוֹן הַר־קָדְשִׁי׃

ב סע שטעלן זיך אַוועק מלכים פון דער ערד,
און ראַטהאַרן פּאַרטרויען זיך אינאיינעם
קעגן גאָט און קעגן זיין געזאַלבטן:
ג „לאָמיר צערייסן זייערע בענדער,
און לאָמיר אַראָפּוואַרפן פון אונז זייערע שטריק!"

ד דער, וואָס זיצט אין הימל, לאַכט,
גאָט טוט שפּעטן פון זיי.
ה דעמאָלט וועט ער רעדן צו זיי אין זיין צאָרן,
און אין זיין גרימצאָרן וועט ער זיי פּלעפן:
ו „און איך, איך האָב באַשטימט מיין מלך
אַף ציון, דעם באַרג פון מיין הייליקטום."

ז –איך וויל דערציילן פון דער פעסטזעצונג,
גאָט האָט געזאָגט צו מיר: „מיין זון ביסטו,
היינט האָב איך דיך געוואונען!
ח פאַרלאַנג פון מיר, און איך וועל געבן וועלטשטאַמען דיר אַן ארבטייל,
און דיר אַן אַרבגעזעס–די ראַנדן פון דער ערד,–
ט דו זאָלסט זיי צעשמעטערן מיט אַן אייזערנער רוט,
ווי אַ געשיר פון אַ טעפּער זאָלסטו זיי צעפּיצלען.״

י און אַצינדערט, מלכים, באַקלערט אייך,
לאָזט אייך וואָרענען, ריכטער פון דער ערד!
יא דינט גאָט אין פאָרכטיקייט,
און זייט לוסטיק אין ציטערניש!
יב באַוואָפנט אייך מיט לויטערקייט, טאָמער וועט ער צערענען,
און איר וועט ווערן פאַרלוירן פון וועג,
אַז סע וועט זיך צעברענען איבער אַ קליניקייט זיין צאָרן.

ווארל איז אַלע, וואָס באַשירעמען זיך אין אים!

ג מִזְמוֹר לְדָוִד, בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ

א אַ מזמור פון דָודן,
ווען ער איז אַנטלאָפן פאַר זיין זון אַבשָלום.

ב גאָט, ס׳אַראַ סך עס זענען געוואָרן מיינע באַדרענגער!
אַ סך זענען אופגעשטאַנען אַף מיר!
ג אַ סך זאָגן אַף מיין נֶפש:
„נישטאָ קיין ישועה פאַר אים ביי גאָט.״ סֶלָה!
ד דאָך דו, גאָט, ביסט אַ שילד אַרום מיר,
מיין הערלעכקייט און דער דערהייבער פון מיין קאָפּ.

אֲסַפְּרָה אֶל־חֹק יְהוָה אָמַר אֵלַי בְּנִי אַתָּה אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ׃
שְׁאַל מִמֶּנִּי וְאֶתְּנָה גוֹיִם נַחֲלָתֶךָ וַאֲחֻזָּתְךָ אַפְסֵי־אָרֶץ׃
י תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל כִּכְלִי יוֹצֵר תְּנַפְּצֵם׃ וְעַתָּה מְלָכִים
הַשְׂכִּילוּ הִוָּסְרוּ שֹׁפְטֵי אָרֶץ׃ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה בְּיִרְאָה וְגִילוּ
בִּרְעָדָה׃ נַשְּׁקוּ־בַר פֶּן־יֶאֱנַף ׀ וְתֹאבְדוּ דֶרֶךְ כִּי־יִבְעַר כִּמְעַט
ג אַפּוֹ אַשְׁרֵי כָּל־חוֹסֵי בוֹ׃ ג מִזְמוֹר לְדָוִד
בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי ׀ אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ׃ יְהוָה מָה־רַבּוּ צָרָי רַבִּים
קָמִים עָלָי׃ רַבִּים אֹמְרִים לְנַפְשִׁי אֵין יְשׁוּעָתָה לּוֹ בֵאלֹהִים
ה סֶלָה׃ וְאַתָּה יְהוָה מָגֵן בַּעֲדִי כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי׃ קוֹלִי
אֶל־יְהוָה אֶקְרָא וַיַּעֲנֵנִי מֵהַר קָדְשׁוֹ סֶלָה׃ אֲנִי שָׁכַבְתִּי
וָאִישָׁנָה הֱקִיצוֹתִי כִּי יְהוָה יִסְמְכֵנִי׃ לֹא־אִירָא מֵרִבְבוֹת
עָם אֲשֶׁר סָבִיב שָׁתוּ עָלָי׃ קוּמָה יְהוָה ׀ הוֹשִׁיעֵנִי אֱלֹהַי
כִּי־הִכִּיתָ אֶת־כָּל־אֹיְבַי לֶחִי שִׁנֵּי רְשָׁעִים שִׁבַּרְתָּ׃ לַיהוָה
ד הַיְשׁוּעָה עַל־עַמְּךָ בִרְכָתֶךָ סֶּלָה׃ ד לַמְנַצֵּחַ
בִּנְגִינוֹת מִזְמוֹר לְדָוִד׃ בְּקָרְאִי עֲנֵנִי ׀ אֱלֹהֵי צִדְקִי בַּצָּר

ב׳ ו׳ פתח באתנח

ה מיין קול איז צו גאָט, איך טו רופן,
און ער ענטפערט מיר פון דעם באַרג פון זיין הייליקטום. סֶלָה!

ו איך, איך האָב מיך געלייגט און בין געוואָרן אַנטשלאָפן, —
איך האָב מיך אופגעכאַפּט,
וואָרן גאָט לענט מיך אונטער.

ז איך האָב נישט קיין מורא פאַר צענטויזנטער פון פאָלק,
וואָס האָבן זיך רונדאַרום אָנגעזעצט אַף מיר.

ח שטיי אוף, גאָט, באַפריי מיך, מיין גאָט!
דו האָסט דאָך געשלאָגן אַלע מיינע פיינט די קינבאַק,
די ציין פון די רשָעים האָסטו צעבראָכן.

ט ביי גאָט איז די ישועה:
דיין בְּרָכה אַף דיין פאָלק! סֶלָה!

ד לַמְנַצֵּחַ, בִּנְגִינוֹת, מִזְמוֹר לְדָוִד. בְּקָרְאִי עֲנֵנִי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, מיט סטרונעשפּיל,

אַ מזמור פון דודן.

ב אַז איך טו רופן – ענטפער מיר, גאָט פון מיין גערעכטיקייט!
אין דער באַדרענגונג – האָסטו מיר געמאַכט געראַם:
לייַטזעליק מיך, און דערהער מיין תּפילה.

ג איר לייַטנקינדער,
ביז ווי לאַנג וועט מיין כּבוד זיין צו שמאַך?
איר ווילט ליב האָבן אייטלקייט?
איר ווילט זוכן ליגן? סֶלָה!

ד נאָר זייט וויסן, אַז גאָט האָט אויסגעשיידט אַ פרומען פֿאַר זיך:
גאָט וועט דערהערן, אַז איך טו רופן צו אים.
ה ציטערט אויף, און איר זאָלט נישט זינדיקן!
זאָגט אייך אין אייער האַרץ אַף אייער געלעגער,
און ווערט אַנטשוויגן! סֶלָה!
ו שלאַכט שלאַכט־אָפּער פון גערעכטיקייט,
און פאַרזיכערט אייך אין גאָט.

ז אַ סך זאָגן: „ווער וועט אונז לאָזן זען גוטס?!" –
דערהייַב איבער אונז
דאָס ליכט פון דיין פּנים, גאָט!
ח דו האָסט אַריינגעגעבן פרייד אין מיין האַרץ
מער ווי ווען זייער קאָרן און זייער מאָסט זענען געוווען אַ סך.
ט אין פרידן וויל איך מיך באַגלייך אַנידערלייגן און ווערן אַנטשלאָפן,
וואָרן דו, גאָט, אַליין
לאָזסט מיך זיצן אין זיכערקייט.

ה לַמְנַצֵּחַ, אֶל־הַנְּחִילוֹת, מִזְמוֹר לְדָוִד. אֲמָרַי הַאֲזִינָה יְהוָה

א פֿאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, צום פלייַטנשפיל,
אַ מזמור פון דודן.

הִרְחַבְתָּ לִּי חָנֵּנִי וּשְׁמַע תְּפִלָּתִי׃ בְּנֵי־אִישׁ עַד־מֶה כְבוֹדִי
לִכְלִמָּה תֶּאֱהָבוּן רִיק תְּבַקְשׁוּ כָזָב סֶלָה׃ וּדְעוּ כִּי־הִפְלָה
ה יְהוָה חָסִיד לוֹ יְהוָה יִשְׁמַע בְּקָרְאִי אֵלָיו׃ רִגְזוּ וְאַל־
תֶּחֱטָאוּ אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם עַל־מִשְׁכַּבְכֶם וְדֹמּוּ סֶלָה׃ זִבְחוּ
זִבְחֵי־צֶדֶק וּבִטְחוּ אֶל־יְהוָה׃ רַבִּים אֹמְרִים מִי־יַרְאֵנוּ טוֹב
נְסָה־עָלֵינוּ אוֹר פָּנֶיךָ יְהוָה׃ נָתַתָּה שִׂמְחָה בְלִבִּי מֵעֵת
דְּגָנָם וְתִירוֹשָׁם רָבּוּ׃ בְּשָׁלוֹם יַחְדָּו אֶשְׁכְּבָה וְאִישָׁן כִּי־
ה אַתָּה יְהוָה לְבָדָד לָבֶטַח תּוֹשִׁיבֵנִי׃ ה לַמְנַצֵּחַ
אֶל־הַנְּחִילוֹת מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אֲמָרַי הַאֲזִינָה יְהוָה בִּינָה
הֲגִיגִי׃ הַקְשִׁיבָה ׀ לְקוֹל שַׁוְעִי מַלְכִּי וֵאלֹהָי כִּי־אֵלֶיךָ
אֶתְפַּלָּל׃ יְהוָה בֹּקֶר תִּשְׁמַע קוֹלִי בֹּקֶר אֶעֱרָךְ־לְךָ וַאֲצַפֶּה׃
ה כִּי ׀ לֹא אֵל חָפֵץ ׀ רֶשַׁע אָתָּה לֹא יְגֻרְךָ רָע׃ לֹא־יִתְיַצְּבוּ
הוֹלְלִים לְנֶגֶד עֵינֶיךָ שָׂנֵאתָ כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ תְּאַבֵּד דֹּבְרֵי
כָזָב אִישׁ־דָּמִים וּמִרְמָה יְתָעֵב ׀ יְהוָה׃ וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ
אָבוֹא בֵיתֶךָ אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל־הֵיכַל־קָדְשְׁךָ בְּיִרְאָתֶךָ׃ יְהוָה ׀

ה׳ ה׳ פתח באתנח

ב מיינע זאָגן פאַרנעם, גאָט,
באַגרײַף מיין מורמלען,
ג האָרך דיך צו צו דעם קול פון מיין הילפגעשריי, מיין מלך און מיין גאָט,
וואָרן צו דיר טו איך בעטן.

ד גאָט, פרימאָרגנס זאָלסטו דערהערן מיין קול,
פרימאָרגנס וויל איך אָנברייטן פאַר דיר, און וויל אויסקוקן.

ה־ וואָרן נישט אַ גאָט, וואָס באַגערט רשעות, ביסטו,
קיין שלעכטער קאָן נישט ווײַלן ביי דיר,
ו קיין פראַלערס קאָנען זיך נישט שטעלן קעגן דיינע אויגן,
דו האָסט אַלע ווערקער פון אומרעכט,
ז דו לאָזסט פאַרלוירן ווערן די, וואָס רעדן ליגן.–
דעם מענטש פון בלוטשולדיקייטן און באַטרוג טוט פאַראומווערדיקן גאָט.

ח און איך, דורך דער פולע פון דיין חסד וועל איך קומען אין דיין הויז,
איך וועל מיך בוקן צו דעם היכל פון דיין הייליקטום אין דיין פאָרכטיקייט.

ט גאָט, פיר מיך אין דיין גערעכטיקייט פונוועגן מיינע נאָכלויגערס,
מאַך גלייך פאַר מיר דיין וועג.

י ווארן עס איז נישטאָ קיין אופריכטיקייט ביי קיינעם אין זיין מויל,
זייער אינעווייניקייט איז פאַרדאַרבונג,
אַן אָפענער קבר איז זייער קעל,
זייער צונג מאַכן זיי גלאַטיק.
יא האַלט זיי שולדיק, גאָט,
זאָלן זיי פאַלן דורך זייערע באַראַטונגען,
דורך דער פולע פון זייערע אָפטריניקייטן פאַרשטויס זיי,
ווארן זיי האָבן ווידערגעשפעניקט אין דיר.

יב און סע וועלן זיך פרייען אַלע, וואָס באַשירעמען זיך אין דיר,
זיי וועלן יובלען אַף אייביק, ווייל דו וועסט זיי באַאָפּדאַכן,
און סע וועלן אָנקוועלן אין דיר די, וואָס האָבן ליב דיין נאָמען.
יג ווארן דו, דו טוסט בענטשן דעם צדיק,
גאָט,
ווי אַ שילדדאַך טוסטו אים באַקרײַנען מיט באַוויליקונג.

ו לַמְנַצֵּחַ, בִּנְגִינוֹת עַל־הַשְּׁמִינִית, מִזְמוֹר לְדָוִד. יְהוָה, אַל־בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵנִי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, מיט סטרונעשפיל, אַף דער שמינית,
אַ מזמור פון דודן.

ב גאָט, נישט אין דיין צאָרן זאָלסטו מיך שטראָפן,
און נישט אין דיין גרימצאָרן זאָלסטו מיך מוסרן.
ג לייטזעליק מיך, גאָט, ווארן איך בין פאַרשלאַפט,
היילן מיך, גאָט,

י נְחֵנִי בְצִדְקָתֶךָ לְמַעַן שׁוֹרְרָי הַוְשַׁר לְפָנַי דַּרְכֶּךָ׃ כִּי אֵין
בְּפִיהוּ נְכוֹנָה קִרְבָּם הַוּוֹת קֶבֶר־פָּתוּחַ גְּרוֹנָם לְשׁוֹנָם יַחֲלִיקוּן׃
הַאֲשִׁימֵם ׀ אֱלֹהִים יִפְּלוּ מִמֹּעֲצוֹתֵיהֶם בְּרֹב פִּשְׁעֵיהֶם
הַדִּיחֵמוֹ כִּי־מָרוּ בָךְ׃ וְיִשְׂמְחוּ כָל־חוֹסֵי בָךְ לְעוֹלָם יְרַנֵּנוּ
וְתָסֵךְ עָלֵימוֹ וְיַעְלְצוּ בְךָ אֹהֲבֵי שְׁמֶךָ׃ כִּי־אַתָּה תְּבָרֵךְ
ו צַדִּיק ׀ יְהוָה כַּצִּנָּה רָצוֹן תַּעְטְרֶנּוּ׃ ו לַמְנַצֵּחַ
בִּנְגִינוֹת עַל־הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה אַל־בְּאַפְּךָ
תוֹכִיחֵנִי וְאַל־בַּחֲמָתְךָ תְיַסְּרֵנִי׃ חָנֵּנִי יְהוָה כִּי אֻמְלַל
אָנִי רְפָאֵנִי יְהוָה כִּי נִבְהֲלוּ עֲצָמָי׃ וְנַפְשִׁי נִבְהֲלָה מְאֹד
ה וְאַתְּ יְהוָה עַד־מָתָי׃ שׁוּבָה יְהוָה חַלְּצָה נַפְשִׁי הוֹשִׁיעֵנִי
לְמַעַן חַסְדֶּךָ׃ כִּי אֵין בַּמָּוֶת זִכְרֶךָ בִּשְׁאוֹל מִי יוֹדֶה־לָּךְ׃
יָגַעְתִּי ׀ בְּאַנְחָתִי אַשְׂחֶה בְכָל־לַיְלָה מִטָּתִי בְּדִמְעָתִי עַרְשִׂי
אַמְסֶה׃ עָשְׁשָׁה מִכַּעַס עֵינִי עָתְקָה בְּכָל־צוֹרְרָי׃ סוּרוּ

ה׳ ט׳ הישר ק׳ ו׳ ד׳ ואתה ק׳

וואָרן מיינע ביינער זענען געפּלעפּט,

ד און זייער געפּלעפּט איז מיין נֶפֶש,
און דו, גאָט, ביז ווי לאַנג נאָך — ?

ה קער דיך אום, גאָט, שניר אויף מיין נֶפֶש,
באַפריי מיך פון דיין חֶסד וועגן!

ו וואָרן אין טויט איז נישטאָ דיין געדעכעניש,
אין דער נידערוועלט — ווער וועט דיר דאַנקלויבן?

ז איך בין מיד מיט מיין זיפצן,
איך לאָז שווימען אַלע נאַכט מיין בעט,
מיט מיין טרער לאָז איך צעגיין מיין געלעגער,

ח מאַט פון פאַרדראָס איז געוואָרן מיין אויג
שטאַרנדיק אַף אַלע מיינע באַדרענגער.

ט קערט אָפּ פון מיר, אַלע ווערקער פון אומרעכט,
וואָרן גאָט האָט געהערט דאָס קול פון מיין וויינען.

י גאָט האָט דערהערט מיין געבעט,

גאָט נעמט אָן מיין תפילה.
יא סע וועלן ווערן פאַרשעמט און זייער געפלעפט אַלע מיינע פיינט,
זיי וועלן זיך אומקערן, זיי וועלן ווערן פאַרשעמט אין אַ רֶגע.

ז שִׁגָּיוֹן לְדָוִד, אֲשֶׁר־שָׁר לַיהוָה

א אַ שִׁגָּיוֹן פון דָוִדן,
וואָס ער האָט געזונגען צו גאָט
פונוועגן די רייד פון כּוש, דעם בִּנְיָמִינער.

ב גאָט, מיין גאָט, אין דיר האָב איך מיך באַשירעמט,
באַפריי מיך פון אַלע מיינע נאָכיאָגער, און זײַ מיך מַציל!
ג טאָמער וועט ער פאַרצוקן ווי אַ לײַב מיין נֶפש,
צערײַסן, און סע וועט נישט זיין ווער עס זאָל מַציל זיין.

ד גאָט, מיין גאָט, אויב איך האָב דאָס געטון,
אויב עס איז דאָ אומרעכט אין מיינע הענט,
ה אויב איך האָב פאַרגעלט שלעכטס דעם, וואָס איז שלום מיט מיר,
–איך האָב דאָך אופגעשנירט דעם, וואָס האָט מיך באַדרענגט אייטלערהייט!–
ו זאָל דער פײַנט נאָכיאָגן מיין נֶפש,
און ער זאָל דערגרײַכן, און זאָל טראַמפלען צו דער ערד מיין לעבן,
און מיין ערלעכקייט זאָל ער לאָזן רוען אין שטויב. סֶלָה!

ז שטיי אוף, גאָט, אין דיין צאָרן,
דערהײַב דיך קעגן די אויסבראָכן פון מיינע באַדרענגער,
און דערוואַך פאַר מיר!–דו האָסט געבאָטן דעם משפט!
ח און וועט די געמײַנדע פון אומות דיך אַרומרינגלען–
דעמאָלט קער דיך אום איבער איר צו דער הײַך!

ט גאָט, וואָס טוט דַן זיין די פעלקער,

י מִמֶּנִּי כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן כִּי־שָׁמַע יְהוָה קוֹל בִּכְיִי׃ שָׁמַע יְהוָה
תְּחִנָּתִי יְהוָה תְּפִלָּתִי יִקָּח׃ יֵבֹשׁוּ וְיִבָּהֲלוּ מְאֹד כָּל־אֹיְבָי
ז יָשֻׁבוּ יֵבֹשׁוּ רָגַע׃ ז שִׁגָּיוֹן לְדָוִד אֲשֶׁר־שָׁר
לַיהוָה עַל־דִּבְרֵי־כוּשׁ בֶּן־יְמִינִי׃ יְהוָה אֱלֹהַי בְּךָ חָסִיתִי
הוֹשִׁיעֵנִי מִכָּל־רֹדְפַי וְהַצִּילֵנִי׃ פֶּן־יִטְרֹף כְּאַרְיֵה נַפְשִׁי
פֹּרֵק וְאֵין מַצִּיל׃ יְהוָה אֱלֹהַי אִם־עָשִׂיתִי זֹאת אִם־יֶשׁ־עָוֶל
ה בְּכַפָּי׃ אִם־גָּמַלְתִּי שׁוֹלְמִי רָע וָאֲחַלְּצָה צוֹרְרִי רֵיקָם׃
יִרַדֹּף אוֹיֵב ׀ נַפְשִׁי וְיַשֵּׂג וְיִרְמֹס לָאָרֶץ חַיָּי וּכְבוֹדִי ׀ לֶעָפָר
יַשְׁכֵּן סֶלָה׃ קוּמָה יְהוָה ׀ בְּאַפֶּךָ הִנָּשֵׂא בְּעַבְרוֹת צוֹרְרָי
וְעוּרָה אֵלַי מִשְׁפָּט צִוִּיתָ׃ וַעֲדַת לְאֻמִּים תְּסוֹבְבֶךָּ וְעָלֶיהָ
לַמָּרוֹם שׁוּבָה׃ יְהוָה יָדִין עַמִּים שָׁפְטֵנִי יְהוָה כְּצִדְקִי
י וּכְתֻמִּי עָלָי׃ יִגְמָר־נָא רַע ׀ רְשָׁעִים וּתְכוֹנֵן צַדִּיק וּבֹחֵן
לִבּוֹת וּכְלָיוֹת אֱלֹהִים צַדִּיק׃ מָגִנִּי עַל־אֱלֹהִים מוֹשִׁיעַ
יִשְׁרֵי־לֵב׃ אֱלֹהִים שׁוֹפֵט צַדִּיק וְאֵל זֹעֵם בְּכָל־יוֹם׃ אִם־
לֹא יָשׁוּב חַרְבּוֹ יִלְטוֹשׁ קַשְׁתּוֹ דָרַךְ וַיְכוֹנְנֶהָ׃ וְלוֹ הֵכִין
טו כְּלֵי־מָוֶת חִצָּיו לְדֹלְקִים יִפְעָל׃ הִנֵּה יְחַבֶּל־אָוֶן וְהָרָה

משפט מיך, גאָט,
נאָך מיין גערעכטיקייט נאָך און נאָך מיין גאַנצקייט אַף מיר!
י זאָל דאָס שלעכטס מאַכן פאַרטיק די רשָעים,
און דו זאָלסט אופריכטן דעם צדיק!
וואָרן אַ פּרובירער פון הערצער און נירן איז גאָט, דער גערעכטער.
יא מיין שילד איז ביי גאָט,
דעם באַפרייער פון די רעכטפאַרטיקע פון האַרץ.

יב גאָט איז אַ גערעכטער ריכטער,
און אַ גאָט, וואָס טוט צערענען אַלע טאָג.
יג אויב מע קערט זיך נישט אום – וועט ער שלייפן זיין שווערד,
ער האָט געטרעטן זיין בויגן און אים אָנגעברייט,
יד יאָ, פאַר אים האָט ער אָנגעגרייט טייטלעך געציַיג,
זיינע פיַילן האָט ער געמאַכט צו בראַנדן.

טו זע, יענער קראַיסט מיט אומרעכט:

יאָ, ער איז געוואָרן טראַגיק פון מי, –
און ער געבערט שֶקר.
טו אַ גרוב האָט ער געגראָבן און האָט אים אויסגעשויפלט,
און ער פאַלט אַריין אין דעם גראָבן, וואָס ער האָט געמאַכט.
יז זיין מיאונג וועט זיך אומקערן אַף זיין קאָפּ,
און אַף זיין שײַדל וועט אַראָפּנידערן זיין רויבערישקייט.

יח איך וויל דאַנקלויבן גאָט נאָך זיין גערעכטיקייט נאָך,
און איך וויל לויבשפּילן דעם נאָמען פון גאָט, דעם אײַבערשטן.

ח לַמְנַצֵּחַ, עַל־הַגִּתִּית, מִזְמוֹר לְדָוִד. יְהוָה אֲדֹנֵינוּ

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, אַף דער גִתִּית,
אַ מזמור פון דָוִדן.

ב גאָט, אונזער האַר,
ווי הערלעך איז דיין נאָמען איבער דער גאַנצער ערד!
דו, וואָס דיין פּראַכט ווערט איבערדערציילט איבער דעם הימל,
ג פון דעם מויל פון קליינע קינדער און זײַגעווּדיקע האָסטו
געגרונטפעסטיקט אַ מאַכט,
פונוועגן דיינע באַדרענגער,
צו פאַרשטערן דעם פײַנט און נקָמה־גיריקן.

ד אַז איך זע דיין הימל, די טואונג פון דיינע פינגער,
לבָנה און שטערן, וואָס דו האָסט אָנגעברײַט:
ה וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען,
און דאָס מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט דיך אָננעמען פאַר אים?!

ו און דו האָסט אים געמינערט נאָר אַביסל פון צו זיין געטלעך,
און דו האָסט אים באַקרײַנט מיט כּבוד און גלאַנץ,

עָמָל וְיָלַד שָׁקֶר׃ בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל׃
יָשׁוּב ׀ עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ וְעַל קָדְקֳדוֹ חֲמָסוֹ יֵרֵד׃ אוֹדֶה יְהוָה
ח כְּצִדְקוֹ וַאֲזַמְּרָה שֵׁם־יְהוָה עֶלְיוֹן׃ ח לַמְנַצֵּחַ
עַל־הַגִּתִּית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה אֲדֹנֵינוּ מָה־אַדִּיר שִׁמְךָ
בְּכָל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר תְּנָה הוֹדְךָ עַל־הַשָּׁמָיִם׃ מִפִּי עוֹלְלִים ׀
וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם׃
כִּי־אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂה אֶצְבְּעֹתֶיךָ יָרֵחַ וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר
ה כּוֹנָנְתָּה׃ מָה־אֱנוֹשׁ כִּי־תִזְכְּרֶנּוּ וּבֶן־אָדָם כִּי תִפְקְדֶנּוּ׃
וַתְּחַסְּרֵהוּ מְּעַט מֵאֱלֹהִים וְכָבוֹד וְהָדָר תְּעַטְּרֵהוּ׃
תַּמְשִׁילֵהוּ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ כֹּל שַׁתָּה תַחַת־רַגְלָיו׃ צֹנֶה
וַאֲלָפִים כֻּלָּם וְגַם בַּהֲמוֹת שָׂדָי׃ צִפּוֹר שָׁמַיִם וּדְגֵי הַיָּם עֹבֵר
י אָרְחוֹת יַמִּים׃ יְהוָה אֲדֹנֵינוּ מָה־אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל־הָאָרֶץ׃
ט לַמְנַצֵּחַ עַל־מוּת לַבֵּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אוֹדֶה
יְהוָה בְּכָל־לִבִּי אֲסַפְּרָה כָּל־נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ אֶשְׂמְחָה

ז דו האָסט אים געלאָזט געוועלטיקן איבער די מַעשׂים פון דיינע הענט.
אַלץ האָסטו געטון לייגן אונטער זיינע פיס:
ח שאָף און רינדער – ווי אַלע,
און אויך די חַיות פון פעלד,
ט דעם פויגל פון הימל, און די פיש פון דעם יַם,
וואָס עס גייט דורך די שטעגן פון די יַמים.

י גאָט, אונזער האַר,
ווי הערלעך איז דיין נאָמען איבער דער גאַנצער ערד!

ט לַמְנַצֵּחַ, עַל־מוּת לַבֵּן, מִזְמוֹר לְדָוִד. אוֹדֶה יְהוָה בְּכָל־לִבִּי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, אַף „מוּת־לַבֵּן“,
אַ מזמור פון דָודן.

ב איך וויל דאַנקלויבן גאָט מיט מיין גאַנצן האַרץ,
איך וויל דערציילן אַלע דיינע וואונדער,
ג איך וויל מיך פרייען און אָנקוועלן אין דיר,

תהלים

איך וויל לויבשפּילן דיין נאָמען, אײבערשטער:
ד אַז מיינע פיינט קערן זיך אַהינטער –
ווערן זיי געשטרויכלט, און ווערן פאַרלוירן פון דיין פּנים.

ה וואָרן דו האָסט געטון אויספירן מיין משפט און מיין דין,
דו האָסט דיך געזעצט אַף דעם שטול, גערעכטער ריכטער,
ו דו האָסט אָנגעשריגן אַף די פאָלקשטאַמען, דו האָסט געלאָזט
פאַרלוירן ווערן דעם רשע,
זייער נאָמען האָסטו אויסגעמעקט אַף אײביק און אײביקייט.

ז דו פיינט, סע האָבן זיך אויסגעלאָזט די חורבנות אַף אײביק,
און די שטעט, וואָס דו האָסט אויסגעריסן,
זיי, פאַרלוירן איז זייער געדעכעניש.

ח און גאָט טוט זיצן אַף אײביק,
ער האָט באַפעסטיקט זיין שטול צום משפט:
ט און ער, ער וועט משפטן די וועלט אין גערעכטיקייט,
ער וועט דָן זיין די אומות אין רעכטפאַרטיקייט.

י און זיין וועט גאָט אַ בורג פאַר דעם צעמערשטן,
אַ בורג אַף די שָעהן אין באַדרענגונג.
יא און סע וועלן זיך פאַרזיכערן אין דיר די, וואָס קענען דיין נאָמען,
וואָרן דו האָסט נישט פאַרלאָזט די, וואָס פאָרשטן דיך, גאָט.

יב טוט לויבשפּילן צו גאָט, וואָס זיצט אין ציון,
פאַרקינדיקט צווישן די פעלקער זיינע האַנדלונגען!
יג וואָרן דער, וואָס פאָרשט אויס בלוטשולדיקייטן, האָט זיי געטון געדענקען,
ער האָט נישט פאַרגעסן דאָס געשריי פון די קליינמוטיקע.

יד לײַטזעליק מיך, גאָט,

וְאֶעֶלְצָה בָךְ אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ עֶלְיוֹן׃ בְּשׁוּב־אוֹיְבַי אָחוֹר
ה יִכָּשְׁלוּ וְיֹאבְדוּ מִפָּנֶיךָ׃ כִּי־עָשִׂיתָ מִשְׁפָּטִי וְדִינִי יָשַׁבְתָּ
לְכִסֵּא שׁוֹפֵט צֶדֶק׃ גָּעַרְתָּ גוֹיִם אִבַּדְתָּ רָשָׁע שְׁמָם מָחִיתָ
לְעוֹלָם וָעֶד׃ הָאוֹיֵב ׀ תַּמּוּ חֳרָבוֹת לָנֶצַח וְעָרִים נָתַשְׁתָּ
אָבַד זִכְרָם הֵמָּה׃ וַיהוָה לְעוֹלָם יֵשֵׁב כּוֹנֵן לַמִּשְׁפָּט כִּסְאוֹ׃
י וְהוּא יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק יָדִין לְאֻמִּים בְּמֵישָׁרִים׃ וִיהִי
יְהוָה מִשְׂגָּב לַדָּךְ מִשְׂגָּב לְעִתּוֹת בַּצָּרָה׃ וְיִבְטְחוּ בְךָ
יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ כִּי לֹא־עָזַבְתָּ דֹרְשֶׁיךָ יְהוָה׃ זַמְּרוּ לַיהוָה
יֹשֵׁב צִיּוֹן הַגִּידוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ כִּי־דֹרֵשׁ דָּמִים אוֹתָם
זָכָר לֹא שָׁכַח צַעֲקַת עֲנָוִים׃ חָנְנֵנִי יְהוָה ׀ רְאֵה עָנְיִי
טו מִשֹּׂנְאָי מְרוֹמְמִי מִשַּׁעֲרֵי־מָוֶת׃ לְמַעַן אֲסַפְּרָה כָּל־תְּהִלָּתֶיךָ
בְּשַׁעֲרֵי בַת־צִיּוֹן אָגִילָה בִּישׁוּעָתֶךָ׃ טָבְעוּ גוֹיִם בְּשַׁחַת
עָשׂוּ בְּרֶשֶׁת־זוּ טָמָנוּ נִלְכְּדָה רַגְלָם׃ נוֹדַע ׀ יְהוָה מִשְׁפָּט
עָשָׂה בְּפֹעַל כַּפָּיו נוֹקֵשׁ רָשָׁע הִגָּיוֹן סֶלָה׃ יָשׁוּבוּ רְשָׁעִים
לִשְׁאוֹלָה כָּל־גּוֹיִם שְׁכֵחֵי אֱלֹהִים׃ כִּי לֹא לָנֶצַח יִשָּׁכַח
כ אֶבְיוֹן תִּקְוַת עֲנִוִּים תֹּאבַד לָעַד׃ קוּמָה יְהוָה אַל־יָעֹז

ס׳ י״ג ענוים קרי יט עניים קרי

זע מיין פּיין דורך מיינע שונאים,
דו, וואָס דערהייבסט מיך פון די טויערן פון טויט,
טו כּדי איך זאָל אויסדערציילן אַלע דיינע לויבגעזאַנגען
אין די טויערן פון דער טאָכטער פון ציון,
איך וויל זיין לוסטיק אין דיין ישועה.

טז פֿאָלקשטאַמען זענען געוואָרן איינגעזונקען אין דעם גרוב,
וואָס זיי האָבן געמאַכט,
אין דער נעץ, וואָס זיי האָבן פאַרשטעקט, איז געוואָרן באַצוואונגען זייער פוס.
י גאָט האָט זיך געלאָזט דערקענען: ער האָט געטון אויספירן רעכט,
דורך דעם ווערק פון זיינע הענט ווערט פאַרשטריקט דער רשע.
הִגָּיוֹן: סֶלָה!

יח די רשָעים מוזן זיך אומקערן צו דער נידערוועלט,
אַלע שטאַמען, וואָס זענען פאַרגעסענע פון גאָט.
יט דאָך נישט אַף אייביק וועט ווערן פאַרגעסן דער נויטבאַדערפטיקער,
די האָפענונג פון די אָרימע – פאַרלוירן ווערן אַף אייביקייט.

כ שטיי אויף, גאָט! זאָל נישט טראָצן דאָס מענטשל!
זאָלן ווערן געמשפּט די פֿאָלקשטאַמען פֿאַר דיין פּנים!
כא טו געבן, גאָט, אַ מורא פֿאַר זיי,
די פֿאָלקשטאַמען זאָלן פֿאַרשטיין:
מענטש – דאָס זענען זיי. סֶלָה!

י לָמָּה יְהוָה תַּעֲמֹד בְּרָחוֹק

א פֿאַרוואָס, גאָט, שטייסטו פֿון דער ווײַטנס,
פֿאַרהוילסט דיך אַף די שָׁעהן אין באַדרענגונג?
ב דורך דער גַאווה פֿון דעם רשע פֿאַרפֿיבערט דער אָרימאַן,
– געכאַפּט זאָלן זיי ווערן אין די פּלאַנונגען, וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט! –
ג אַז דער רשע טוט לויבן – עס איז צוליב דער תּאווה פֿון זיין נֶפֶש! –
און דער געווין־גײַציקער טוט בענטשן – פֿאַראָפּשײַט ער גאָט.
ד דער רשע, נאָך דער פֿאַרריסנקייט פֿון זיין נאָז נאָך: „ער וועט נישט פֿאָרשטן!
עס איז נישטאָ קיין גאָט!" – זענען אַלע זיינע פּלאַנונגען.
ה זיינע וועגן געראָטן אין איטלעכער שעה,
אין דער הײך זענען דיינע מִשְׁפָּטִים, ווייט פֿון אים,
אַלע זיינע באַדהענגער – ער בלאָזט אַף זיי.
ו ער זאָגט אין זיין האַרץ: „איך וועל נישט וואַנקען,
אַף דור־דורות אַזײנער, וואָס וועט נישט זיין אין קיין שלעכטס."
ז פֿול פֿלוך איז זיין מויל, און באַטריגערייען און דריקונג,
אונטער זיין צונג איז אומגליק און אומרעכט.
ח ער זיצט אַף דער לאָקערונג פֿון די געהעפֿטן,
אין די פֿאַרבאָרגענישן טוט ער הרגענען דעם ריינעם,
זיינע אויגן זענען אָנגעשטעלט אַף דעם עלנטן.
ט ער לאָקערט אין דער פֿאַרבאָרגעניש, ווי אַ לײב אין זיין אָפּדאַך,
ער לאָקערט, צו דערטאַפּן דעם אָרימאַן,
ער דערטאַפּט דעם אָרימאַן, בעת ער ציט אים אַריין אין זיין נעץ.

אֱנוֹשׁ יִשָּׁפְטוּ גוֹיִם עַל־פָּנֶיךָ׃ שִׁיתָה יְהוָה ׀ מוֹרָה לָהֶם
י יֵדְעוּ גוֹיִם אֱנוֹשׁ הֵמָּה סֶּלָה׃ י לָמָה יְהוָה
תַּעֲמֹד בְּרָחוֹק תַּעְלִים לְעִתּוֹת בַּצָּרָה׃ בְּגַאֲוַת רָשָׁע יִדְלַק
עָנִי יִתָּפְשׂוּ בִּמְזִמּוֹת זוּ חָשָׁבוּ׃ כִּי־הִלֵּל רָשָׁע עַל־תַּאֲוַת
נַפְשׁוֹ וּבֹצֵעַ בֵּרֵךְ נִאֵץ ׀ יְהוָה׃ רָשָׁע כְּגֹבַהּ אַפּוֹ בַּל־יִדְרֹשׁ
ה אֵין אֱלֹהִים כָּל־מְזִמּוֹתָיו׃ יָחִילוּ דְרָכָו ׀ בְּכָל־עֵת מָרוֹם
מִשְׁפָּטֶיךָ מִנֶּגְדּוֹ כָּל־צוֹרְרָיו יָפִיחַ בָּהֶם׃ אָמַר בְּלִבּוֹ בַּל־
אֶמּוֹט לְדֹר וָדֹר אֲשֶׁר לֹא בְרָע׃ אָלָה ׀ פִּיהוּ מָלֵא וּמִרְמוֹת
וָתֹךְ תַּחַת לְשׁוֹנוֹ עָמָל וָאָוֶן׃ יֵשֵׁב ׀ בְּמַאְרַב חֲצֵרִים
בַּמִּסְתָּרִים יַהֲרֹג נָקִי עֵינָיו לְחֵלְכָה יִצְפֹּנוּ׃ יֶאֱרֹב בַּמִּסְתָּר ׀
כְּאַרְיֵה בְסֻכֹּה יֶאֱרֹב לַחֲטוֹף עָנִי יַחְטֹף עָנִי בְּמָשְׁכוֹ בְרִשְׁתּוֹ׃
י וְדָכָה יָשֹׁחַ וְנָפַל בַּעֲצוּמָיו חֵלְכָּאִים׃ אָמַר בְּלִבּוֹ שָׁכַח
אֵל הִסְתִּיר פָּנָיו בַּל־רָאָה לָנֶצַח׃ קוּמָה יְהוָה אֵל נְשָׂא
יָדֶךָ אַל־תִּשְׁכַּח עֲנָיִים׃ עַל־מֶה ׀ נִאֵץ רָשָׁע ׀ אֱלֹהִים
אָמַר בְּלִבּוֹ לֹא תִּדְרֹשׁ׃ רָאִתָה ׀ כִּי־אַתָּה ׀ עָמָל וָכַעַס ׀ תַּבִּיט
לָתֵת בְּיָדֶךָ עָלֶיךָ יַעֲזֹב חֵלְכָה יָתוֹם אַתָּה ׀ הָיִיתָ עוֹזֵר׃
טו שְׁבֹר זְרוֹעַ רָשָׁע וָרָע תִּדְרוֹשׁ־רִשְׁעוֹ בַל־תִּמְצָא׃ יְהוָה

ט׳ כא׳ ה׳ במקום א׳   י׳ ה׳ דרכיו קרי   י׳ ידכה קרי   י׳ חל כאים קרי
יב׳ ענוים קרי

י ער בייַגט זיך, ער בוקט זיך,
און די עלנטע – מע פאַלט אַריין אין זיינע קלאָען.
יא ער זאָגט אין זיין האַרץ: „גאָט האָט פאַרגעסן,
ער האָט פאַרבאָרגן זיין פּנים, ער האָט נישט געזען, אַף אייביק."

יב שטיי אוף, גאָט! אָ, גאָט, הייב אוף דיין האַנט!
דו זאָלסט נישט פאַרגעסן די קליינמוטיקע!
יג פאַרוואָס טוט דער רשע פאַראָפּשייַען גאָט,
זאָגן אין זיין האַרץ: „דו וועסט נישט נאָכפאָרשטן?!"
יד דו האָסט געזען! וואָרן דו – מי און פאַרדראָס דערבליקסטו,
צו געבן דאָס אין דיין האַנט –
פאַרלאָזט זיך אַף דיר דער עלנטער,
פון יתום – ביסטו אַליין געווען אַ העלפער.

טו צעברעך דעם אָרעם פון דעם רשע!

און פון שלעכטן–וועסטו נאָכפאָרשטן זיין רשעות–זאָלסטו נישט געפינען.

טז גאָט איז מלך אייביק און אייביקייט!
די פאָלקשטאַמען זענען געוואָרן פאַרלוירן פון זיין לאַנד!
יז דאָס גלוסטן פון די קליינמוטיקע האָסטו דערהערט, גאָט:
דו וועסט אָנברייטן זייער האַרץ, דיין אויער וועט האָרכן,
יח צו משפּטן דעם יתום און דעם צעמערשטן,
יענער זאָל שוין מער נישט קענען
אַרויסשרעקן דעם מענטש פון דעם לאַנד.

יא לַמְנַצֵּחַ, לְדָוִד. בַּיהוָה חָסִיתִי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, פון דודן.

אין גאָט האָב איך מיך באַשירעמט!
ווי קענט איר זאָגן צו מיין נפש:
„פאַרוואָגל אַף אייער באַרג, פויגל?!
ב וואָרן זע, די רשעים טרעטן דעם בויגן,
זיי האָבן אָנגעברייט זייער פייַל אַף דעם שנור,
צו שיסן אין דער טונקל אַף די רעכטפאַרטיקע פון האַרץ.
ג אַז די גרונטזייַלן ווערן אויסגעריסן–
וואָס קאָן דער צדיק ווערקן?!"

ד גאָט–אין דעם היכל פון זיין הייליקטום,
גאָט–זיין שטול איז אין הימל,
זיינע אויגן זעען,
זיינע ווימפּערן פּרובירן די מענטשנקינדער.
ה גאָט טוט פּרובירן דעם צדיק,
און דעם רשע, און דעם, וואָס האָט ליב רויב–
האָט פיינט זיין זעל.

מֶלֶךְ עוֹלָם וָעֶד אָבְדוּ גוֹיִם מֵאַרְצוֹ׃ תַּאֲוַת עֲנָוִים שָׁמַעְתָּ
יְהוָה תָּכִין לִבָּם תַּקְשִׁיב אָזְנֶךָ׃ לִשְׁפֹּט יָתוֹם וָדָךְ בַּל־
יא יוֹסִיף עוֹד לַעֲרֹץ אֱנוֹשׁ מִן־הָאָרֶץ׃ יא לַמְנַצֵּחַ
לְדָוִד בַּיהוָה ׀ חָסִיתִי אֵיךְ תֹּאמְרוּ לְנַפְשִׁי נוּדוּ הַרְכֶם
צִפּוֹר׃ כִּי הִנֵּה הָרְשָׁעִים יִדְרְכוּן קֶשֶׁת כּוֹנְנוּ חִצָּם עַל־יֶתֶר
לִירוֹת בְּמוֹ־אֹפֶל לְיִשְׁרֵי־לֵב׃ כִּי הַשָּׁתוֹת יֵהָרֵסוּן צַדִּיק
מַה־פָּעָל׃ יְהוָה ׀ בְּהֵיכַל קָדְשׁוֹ יְהוָה בַּשָּׁמַיִם כִּסְאוֹ
ה עֵינָיו יֶחֱזוּ עַפְעַפָּיו יִבְחֲנוּ בְּנֵי אָדָם׃ יְהוָה צַדִּיק
יִבְחָן וְרָשָׁע וְאֹהֵב חָמָס שָׂנְאָה נַפְשׁוֹ׃ יַמְטֵר עַל־רְשָׁעִים
פַּחִים אֵשׁ וְגָפְרִית וְרוּחַ זִלְעָפוֹת מְנָת כּוֹסָם׃ כִּי־צַדִּיק
יְהוָה צְדָקוֹת אָהֵב יָשָׁר. יֶחֱזוּ פָנֵימוֹ׃
יב לַמְנַצֵּחַ עַל־הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ הוֹשִׁיעָה
יְהוָה כִּי־גָמַר חָסִיד כִּי־פַסּוּ אֱמוּנִים מִבְּנֵי אָדָם׃ שָׁוְא ׀
יְדַבְּרוּ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ שְׂפַת חֲלָקוֹת בְּלֵב וָלֵב יְדַבֵּרוּ׃

יא׳ א׳ נודי קרי

ו ער מעג לאָזן רעגענען אַף די רשָעים גליקוילן;
פייער און שוועבל און אַ גלוטיקער ווינט־
איז די גאָב פון זייער כּוס.

ז וואָרן ג אָ ט, אַ גערעכטער, האָט ליב גערעכטיקייטן,
רעכטפאַרטיקייט וויל זען זיין פּנים.

יב לַמְנַצֵּחַ, עַל־הַשְּׁמִינִית, מִזְמוֹר לְדָוִד.
הוֹשִׁיעָה יְהוָה כִּי־גָמַר חָסִיד

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, אַף דער שמינית,
אַ מזמור פון דָודן.

ב באַפרייַ, ג אָ ט! וואָרן עס איז פאַרטיק דער פרומער,
וואָרן פאַרשוואונדן זענען די געטרייַע צווישן די מענטשנקינדער.
ג פאַלשקייטן טוען זיי רעדן – איטלעכער מיט זיין פרייַנט,
אַ גלאַטיקע ליפּ,
מיט אַ טאָפּלטן האַרץ טוען זיי רעדן.

ד זאָל ג אָ ט פֿאַרשניידן אַלע גלאַטיקע ליפּן,
די צונג, וואָס טוט רעדן פּראַלערישקייטן!
ה די, וואָס האָבן געזאָגט: „איבער אונזער צונג האָבן מיר מאַכט,
אונזערע ליפּן זענען מיט אונז, –
ווער איז האַר פֿאַר אונז?!"

ו „פֿונוועגן דער פֿאַרגעוואַלטיקונג פֿון די אָרימע,
פֿונוועגן דעם קרעכצן פֿון די נויטבאַדערפֿטיקע
וועל איך אופֿשטיין אַצינד" – זאָגט ג אָ ט, –
„איך וועל אַוועקשטעלן אין פֿרייהייט דעם, וואָס מע בלאָזט אַף אים."

ז די זאָגן פֿון ג אָ ט זענען ריינע זאָגן,
זילבער, אויסגעשמאָלצן אין אַ טיגל אַף דר'ערד,
זיבנפֿאַך געלײַטערט.

ח דו, ג אָ ט, דו וועסט זיי באַהיטן,
דו וועסט איטלעכן באַוואָרענען פֿון דעמדאָזיקן דור אַף אײביק.
ט רונדאַרום גייען זיך אום די רשָעים,
בעת געמײנקייט ווערט דערהויבן ביי די מענטשנקינדער.

יג לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. עַד־אָנָה יְהוָה, תִּשְׁכָּחֵנִי נֶצַח

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
אַ מזמור פֿון דָודן.

ב ביז וואַנען, ג אָ ט, – ווילסטו מיך פֿאַרגעסן אײביק?
ביז וואַנען ווילסטו פֿאַרבאָרגן דיין פּנים פֿון מיר?
ג ביז וואַנען וועל איך מוזן האַלטן עֵצות אין מיין נֶפֿש,
האָבן קומער אין מיין האַרץ דורכן טאָג?
ביז וואַנען וועט מיין פֿיינט זיך דערהײבן איבער מיר?

תהלים

יַכְרֵת יְהוָה כָּל־שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְּדֹלוֹת׃
ה אֲשֶׁר אָמְרוּ ׀ לִלְשֹׁנֵנוּ נַגְבִּיר שְׂפָתֵינוּ אִתָּנוּ מִי אָדוֹן לָנוּ׃
מִשֹּׁד עֲנִיִּים מֵאַנְקַת אֶבְיוֹנִים עַתָּה אָקוּם יֹאמַר יְהוָה אָשִׁית
בְּיֵשַׁע יָפִיחַ לוֹ׃ אִמְרוֹת יְהוָה אֲמָרוֹת טְהֹרוֹת כֶּסֶף צָרוּף
בַּעֲלִיל לָאָרֶץ מְזֻקָּק שִׁבְעָתָיִם׃ אַתָּה־יְהוָה תִּשְׁמְרֵם
תִּצְּרֶנּוּ ׀ מִן הַדּוֹר זוּ לְעוֹלָם׃ סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן כֻּרֻם
יג זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם׃ יג לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃
עַד־אָנָה יְהוָה תִּשְׁכָּחֵנִי נֶצַח עַד־אָנָה תַּסְתִּיר אֶת־פָּנֶיךָ
מִמֶּנִּי׃ עַד־אָנָה אָשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי יָגוֹן בִּלְבָבִי יוֹמָם
עַד־אָנָה יָרוּם אֹיְבִי עָלָי׃ הַבִּיטָה עֲנֵנִי יְהוָה אֱלֹהָי
ה הָאִירָה עֵינַי פֶּן־אִישַׁן הַמָּוֶת׃ פֶּן־יֹאמַר אֹיְבִי יְכָלְתִּיו צָרַי
יָגִילוּ כִּי אֶמּוֹט׃ וַאֲנִי ׀ בְּחַסְדְּךָ בָטַחְתִּי יָגֵל לִבִּי
בִּישׁוּעָתֶךָ אָשִׁירָה לַיהוָה כִּי גָמַל עָלָי׃
יד לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ אֵין אֱלֹהִים הִשְׁחִיתוּ

ד קוק אַהער, ענטפער מיר, גאָט, מיין גאָט!
לאָז לײַכטן מיינע אויגן, טאָמער וועל איך ווערן אַנטשלאָפן פון דעם טויט!
ה טאָמער וועט זאָגן מיין פיינט: „איך האָב אים בײַגעקומען!"
מיינע באַדרענגער וועלן זיין לוסטיק, אַז איך וועל וואַנקען.

ו און איך, אין דיין חסד האָב איך מיך פאַרזיכערט,
מיין האַרץ וועט זיין לוסטיק אין דיין ישועה.

ז איך וויל זינגען צו גאָט,
וואָרן ער האָט מיר פאַרגעלט.

יד לַמְנַצֵּחַ, לְדָוִד. אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, פון דָודן.

דער שענדלעכער האָט געזאָגט אין זיין האַרץ: „עס איז נישטאָ קיין גאָט!"
זיי האָבן פאַרדאָרבן, זיי האָבן פאַראומווערדיקט די האַנדלונג,
נישטאָ קיינער, וואָס טוט גוטס.

ב גאָט האָט פון הימל אַראָפּגעלוגט אַף די מענטשנקינדער,
צו זען, צי איז פאַראַן אַ באַקלערער,
אַ נאָכפאָרשער פון גאָט.

ג איטלעכער האָט אָפּגעקערט, זיי זענען אינאיינעם געוואָרן איינגעשמוצט,
נישטאָ קיינער, וואָס טוט גוטס,
נישטאָ אַפילו קיין איינציקער!

ד צי האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, די אַלע ווערקער פון אומרעכט,
וואָס האָבן געפרעסן מיין פאָלק: זיי האָבן געפרעסן אַ ברויט,
גאָט האָבן זיי נישט גערופן?!

ה דאָרט, זיי האָבן געגרוילט אַ גרוילונג,
וואָרן גאָט איז מיט דעם דור פון גערעכטן:

ו „דעם ראָט פון דעם אָרימאַן ווילט איר פאַרשעמען?"
פאַרוואָר, גאָט איז זיין באַשירעמונג.

ז הַלוואַי זאָל ווערן געגעבן פון ציון די ישועה פון יִשׂראל!
ווען גאָט לאָזט אומקערן זיך די געפאַנגענשאַפט פון זיין פאָלק –
וועט זיין לוסטיק יַעקב, וועט זיך פרייען יִשׂראל.

טו מִזְמוֹר לְדָוִד. יְהֹוָה, מִי־יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ

א אַ מזמור פון דָודן.

גאָט, ווער קאָן וויילן אין דיין געצעלט?
ווער קאָן וואוינען אַף דעם באַרג פון דיין הייליקטום?
ב ווער סע גייט גאַנץ, און טוט ווערקן גערעכטיקייט,
און רעדט אֶמת אין זיין האַרץ,

הִתְעִיבוּ עֲלִילָה אֵין עֹשֵׂה־טוֹב׃ יְהוָה מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף
עַל־בְּנֵי־אָדָם לִרְאוֹת הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ אֶת־אֱלֹהִים׃
הַכֹּל סָר יַחְדָּו נֶאֱלָחוּ אֵין עֹשֵׂה־טוֹב אֵין גַּם־אֶחָד׃ הֲלֹא
יָדְעוּ כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן אֹכְלֵי עַמִּי אָכְלוּ לֶחֶם יְהוָה לֹא קָרָאוּ׃
ה שָׁם ׀ פָּחֲדוּ פָחַד כִּי־אֱלֹהִים בְּדוֹר צַדִּיק׃ עֲצַת־עָנִי תָבִישׁוּ
כִּי יְהוָה מַחְסֵהוּ׃ מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב
יְהוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל׃
טו מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה מִי־יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ מִי־יִשְׁכֹּן בְּהַר
קָדְשֶׁךָ׃ הוֹלֵךְ תָּמִים וּפֹעֵל צֶדֶק וְדֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ׃ לֹא־רָגַל ׀
עַל־לְשֹׁנוֹ לֹא־עָשָׂה לְרֵעֵהוּ רָעָה וְחֶרְפָּה לֹא־נָשָׂא עַל־קְרֹבוֹ׃
נִבְזֶה ׀ בְּעֵינָיו נִמְאָס וְאֶת־יִרְאֵי יְהוָה יְכַבֵּד נִשְׁבַּע לְהָרַע וְלֹא
יָמִר׃ כַּסְפּוֹ ׀ לֹא־נָתַן בְּנֶשֶׁךְ וְשֹׁחַד עַל־נָקִי לֹא לָקָח עֹשֵׂה־
טז אֵלֶּה לֹא יִמּוֹט לְעוֹלָם׃ טז מִכְתָּם לְדָוִד שָׁמְרֵנִי
אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ׃ אָמַרְתְּ לַיהוָה אֲדֹנָי אָתָּה טוֹבָתִי בַּל־

ג וואָס האָט נישט געטריבן קיין רכילות מיט זיין צונג,
וואָס האָט נישט געטון קיין רָעה זיין פריינט,
און קיין חֶרפּה האָט ער נישט געטראָגן אַף זיין נאָענטן,
ד דער ניבזה איז פאַרמיאוסט אין זיינע אויגן,
דאָך די גאָט ספּאָרכטיקע טוט ער אָן כבוד,
האָט ער געשוואוירן – זיך צום שלעכטן – דאָך טוט ער נישט בייטן,
ה זיין געלט האָט ער נישט געגעבן אַף צינז,
און ער האָט נישט גענומען קיין שוחד קעגן אַ שולדריינעם.
ווער סע טוט דאָס –
וועט נישט וואַנקען אַף אייביק.

טז מִכְתָּם לְדָוִד. שָׁמְרֵנִי אֵל, כִּי־חָסִיתִי בָךְ

א אַ מִכתם פון דָודן.

באַהיט מיך, גאָט, וואָרן אין דיר האָב איך מיך באַשירעמט.

ב דו האָסט געזאָגט צו גאָט: „דער האַר ביסטו,

תהלים

מיין גוטס – גאָר נישט איז איבער דיר..."
ג צו די הייליקע, וואָס זיי זענען אין לאַנד:
„...און די מעכטיקע, וואָס מיין גאַנצער באַגער איז אין זיי."

ד זאָלן ווערן געמערט די טרויעריקייטן ביי די, וואָס ווערבן אַן אַנדערן,
איך וועל נישט גיסן זייערע גיס־אָפּפער פון בלוט,
און איך וועל נישט טראָגן זייערע נעמען אַף מיינע ליפּן.

ה גאָט, די גאָב פון מיין טייל און מיין כּוס,
דו טוסט אונטערלענען מיין גורל!
ו מעסטשנורן זענען מיר צוגעפאַלן אין די ליבלעכקייטן,
יאָ, אָנגענעם איז מיר די נחלה.

ז איך טו בענטשן גאָט, וואָס האָט מיך באַראָטן,
יאָ, ביינאַכטן האָבן מיך געוואָרנט מיינע נירן.
ח איך האָב מיר תּמיד פֿירגעשטעלט גאָט קעגן מיר,
אַז ער איז ביי מיין רעכטער האַנט – וועל איך נישט וואַנקען.

ט דעריבער האָט זיך געפרייט מיין האַרץ, און עס איז געוועזן לוסטיק מיין הערלעכקייט,
יאָ, מיין פלייש וועט רוען אין זיכערקייט.
י וואָרן דו וועסט נישט איבערלאָזן מיין נֶפש פאַר דער נידערוועלט,
דו וועסט נישט געבן, דיין פרומער זאָל זען דעם גרוב.

יא דו וועסט מיך לאָזן קענען דעם וועג פון לעבן,
אַ זעטיקונג פון פריידן איז פאַר דיין פנים,
ליבלעכקייטן זענען ביי דיין רעכטער האַנט אייביק.

עָלֶיךָ׃ לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם׃
יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם וּבַל־אֶשָּׂא
ה אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי׃ יְהוָה מְנָת־חֶלְקִי וְכוֹסִי אַתָּה
תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי׃ חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה
עָלָי׃ אֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי אַף־לֵילוֹת יִסְּרוּנִי
כִלְיוֹתָי׃ שִׁוִּיתִי יְהוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט׃
י לָכֵן ׀ שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח׃ כִּי ׀
לֹא־תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת׃
תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ
יז נֶצַח׃ יז תְּפִלָּה לְדָוִד שִׁמְעָה יְהוָה ׀ צֶדֶק
הַקְשִׁיבָה רִנָּתִי הַאֲזִינָה תְפִלָּתִי בְּלֹא שִׂפְתֵי מִרְמָה׃
מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא עֵינֶיךָ תֶּחֱזֶינָה מֵישָׁרִים׃ בָּחַנְתָּ
לִבִּי ׀ פָּקַדְתָּ לַּיְלָה צְרַפְתַּנִי בַל־תִּמְצָא זַמֹּתִי בַּל־יַעֲבָר־פִּי׃
לִפְעֻלּוֹת אָדָם בִּדְבַר שְׂפָתֶיךָ אֲנִי שָׁמַרְתִּי אָרְחוֹת פָּרִיץ׃

טו׳ י׳ יהיר׳ יז׳ ג׳ מ״רע

יז תְּפִלָּה לְדָוִד. שִׁמְעָה יְהוָה צֶדֶק

א אַ תּפֿילה פֿון דָודן.

דערהער, גאָט, גערעכטיקייט,
האָרך מיין אופֿשרײַען,
פֿאַרנעם מיין תּפֿילה
פֿון ליפּן אָן באַטרוג!

ב פֿון פֿאַר דיר זאָל אַרויסגיין מיין מִשפּט,
דײַנע אויגן זאָלן זען רעכטפֿאַרטיקייטן.
ג דו האָסט געפּרובירט מיין האַרץ, דו האָסט נאָכגעזוכט בײַנאַכט,
דו האָסט מיך אויסגעשמאָלצן — דו וועסט נישט געפֿינען,
וואָס איך האָב געפּלאַנט — זאָל נישט איבערטרעטן מיין מויל.

ד בײַ דעם ווערקן פֿון דעם מענטש — אין דעם וואָרט פֿון דײַנע ליפּן
האָב איך מיך אויסגעהיט פֿון די שטעגן פֿון דעם דורכברעכער,
ה מיין שפּרײַזן האָט זיך געהאַלטן אין דײַנע געלייזן —

תהלים

סע האָבן נישט געוואַנקט מיינע שריט.

ו איך, איך האָב דיך גערופן, פאַרוואָר, דו וועסט מיר ענטפערן, גאָט,
נייג צו צו מיר דיין אויער, דערהער מיין זאָג!

ז ווייַז וואונדערלעך דיינע חסדים, באַפרייַער פון די, וואָס באַשירעמען זיך
אין דיין רעכטער האַנט פון די אופשטענדיקע!

ח היט מיך אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג,
אין שאָטן פון דיינע פליגל זאָלסטו מיך פאַרבאָרגן
ט פון די רשעים, וואָס האָבן מיך פאַרגוואַלטיקט,
מיינע זעלנפיינט, וואָס קרייַזן מיך אַרום.
י אין זייער פעטס האָבן זיי זיך פאַרשלאָסן,
מיט זייער מויל רעדן זיי האָפּערדיק.

יא ביי אונזער שפרייַזן—אַצינד האָבן זיי אונז אַרומגערינגלט,
זיי האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויגן, צו נייַגן יענעם צו דער ערד.
יב זיין גלייַכונג איז ווי פון אַ לייב, וואָס לעכצט צו פאַרצוקן,
און ווי פון אַ יונגן לייב, וואָס זיצט אין פאַרבאָרגעניש.

יג שטיי אוף, גאָט, פעדער דיך קעגן זיין פּנים, וואַרף אים אַנידער אַף די קני!
לאָז אַנטרינען מיין נפש פון דעם רשע—דיין שווערד,
יד פון די לייַט—דיין האַנט, גאָט, פון די לייַט פון דער ווייַל!
זייער חלק איז ביי דעם לעבן,
און פון דיין באַהאַלטנס מעגסטו אָנפילן זייער בויך,
זאָלן זיך זעטיקן די זין,
און מעגן זיי איבערלאָזן זייער איבערבלייַב פאר זייערע קליינע קינדער!
טו איך, אין גערעכטיקייט וויל איך זען דיין פּנים,
איך וויל ביים אופכאַפּן מיך זעטיקן פון דיין געשטאַלט.

ה תָּמֹךְ אֲשֻׁרַי בְּמַעְגְּלוֹתֶיךָ בַּל־נָמוֹטּוּ פְעָמָי׃ אֲנִי־קְרָאתִיךָ
כִי־תַעֲנֵנִי אֵל הַט־אָזְנְךָ לִי שְׁמַע אִמְרָתִי׃ הַפְלֵה חֲסָדֶיךָ
מוֹשִׁיעַ חוֹסִים מִמִּתְקוֹמְמִים בִּימִינֶךָ׃ שָׁמְרֵנִי כְּאִישׁוֹן
בַּת־עָיִן בְּצֵל כְּנָפֶיךָ תַּסְתִּירֵנִי׃ מִפְּנֵי רְשָׁעִים זוּ שַׁדּוּנִי
י אֹיְבַי בְּנֶפֶשׁ יַקִּיפוּ עָלָי׃ חֶלְבָּמוֹ סָּגְרוּ פִּימוֹ דִּבְּרוּ בְגֵאוּת׃
אַשֻּׁרֵינוּ עַתָּה סבבוני עֵינֵיהֶם יָשִׁיתוּ לִנְטוֹת בָּאָרֶץ׃
דִּמְיֹנוֹ כְּאַרְיֵה יִכְסוֹף לִטְרֹף וְכִכְפִיר יֹשֵׁב בְּמִסְתָּרִים׃
קוּמָה יְהוָה קַדְּמָה פָנָיו הַכְרִיעֵהוּ פַּלְּטָה נַפְשִׁי מֵרָשָׁע
חַרְבֶּךָ׃ מִמְתִים־יָדְךָ ׀ יְהוָה מִמְתִים מֵחֶלֶד חֶלְקָם
בַּחַיִּים וצפינך תְּמַלֵּא בִטְנָם יִשְׂבְּעוּ בָנִים וְהִנִּיחוּ יִתְרָם
טו לְעוֹלְלֵיהֶם׃ אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ אֶשְׂבְּעָה בְהָקִיץ
יח תְּמוּנָתֶךָ׃ יח לַמְנַצֵּחַ לְעֶבֶד יְהוָה לְדָוִד אֲשֶׁר
דִּבֶּר ׀ לַיהוָה אֶת־דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת בְּיוֹם הִצִּיל־יְהוָה
אוֹתוֹ מִכַּף כָּל־אֹיְבָיו וּמִיַּד שָׁאוּל׃ וַיֹּאמַר אֶרְחָמְךָ יְהוָה
חִזְקִי׃ יְהוָה ׀ סַלְעִי וּמְצוּדָתִי וּמְפַלְטִי אֵלִי צוּרִי אֶחֱסֶה־
בּוֹ מָגִנִּי וְקֶרֶן יִשְׁעִי מִשְׂגַּבִּי׃ מְהֻלָּל אֶקְרָא יְהוָה וּמִן־אֹיְבַי

יז יא׳ סבבונו קרי   יד׳ וצפונך קרי

יח לַמְנַצֵּחַ, לְעֶבֶד יְהוָה, לְדָוִד, אֲשֶׁר דִּבֶּר לַיהוָה אֶת־דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
פֿון דעם קנעכט פֿון גאָט, פֿון דָודן,
וואָס האָט גערעדט צו גאָט די רייד פֿון דעמדאָזיקן געזאַנג,
אין דעם טאָג, וואָס גאָט האָט אים מַציל געווען פֿון דער פּויסט
פֿון אַלע זיינע פֿיינט, און פֿון דער האַנט פֿון שָאולן,
ב און ער האָט געזאָגט:
איך וויל דיך ליבהאַרצן, גאָט, מיין שטאַרקייט!
ג גאָט איז מיין פֿעלז און מיין פֿעסטונג, און מיין אַנטרינונג,
מיין גאָט, מיין פֿעלזנשטיין, אין אים וויל איך מיך באַשירעמען,
מיין שילד און האָרן פֿון מיין ישועה, מיין בורג!
ד געלויבט, טו איך אויסרופֿן, איז גאָט,
און – איך בין באַפֿרייט פֿון מיינע פֿיינט.

ה מיך האָבן אַרומגעכאַפּט שנורן פון טויט,
און שטורצבאָכן פון שאַלקהאַפטיקייט האָבן מיך פאַרבליפט,
ו שנורן פון דער נידערוועלט האָבן מיך אַרומגערינגלט,
סע האָבן זיך געפעדערט קעגן מיר פאַרשטריקונגען פון טויט.
ז אַז איך בין געווען באַדרענגט — האָב איך גערופן גאָט,
יאָ, צו מיין גאָט האָב איך אויפגעשריגן.
פון זיין הֵיכל האָט ער געהערט מיין קול,
און מיין הילפגעשריי פאַר אים איז געקומען אין זיינע אויערן.

ח און געציטערט און געוויטערט האָט די ערד,
און די גרונטפעסטן פון די בערג האָבן זיך געטרייסלט,
און זיי האָבן אויפגעציטערט, וואָרן ער האָט געגרימט.
ט עס איז אויפגעגאַנגען אַ רויך אין זיין נאָז,
און אַ פייער פון זיין מויל האָט פאַרצערט,
קוילנגלוטן האָבן געלאָדערט פון אים.
י און ער האָט גענייגט די הימלען און האָט אַראָפּגענידערט,
און אַ נעפּל איז געווען אונטער זיינע פיס.
יא און ער איז געריטן אויף אַ כּרוב, און איז געפלויגן,
און ער האָט אַראָפּגעשוועבט אויף די פליגלען פון ווינט.
יב ער האָט געמאַכט פינסטערניש זיין פאַרבאָרגונג
רונדאַרום אים, זיין אָפּדאַך:
אַ חשכות פון וואַסער, וואָלקנס פון די לופטהימלען.
יג פאַר דעם שיין פאַר אים פאָראויס
האָבן אַריבערגעוואַלט זיינע וואָלקנס,
האָגל און קוילן פייער.

יד און געדונערט אין הימל האָט גאָט,
און דער אייבערשטער האָט אַרויסגעגעבן זיין קול,
האָגל און קוילן פייער.
טו און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע פיילן, און ער האָט זיי צעשפּרייט,

ה אִוָּשֵׁעַ : אֲפָפוּנִי חֶבְלֵי־מָוֶת וְנַחֲלֵי בְלִיַּעַל יְבַעֲתוּנִי :
חֶבְלֵי שְׁאוֹל סְבָבוּנִי קִדְּמוּנִי מוֹקְשֵׁי מָוֶת : בַּצַּר־לִי ׀
אֶקְרָא יְהוָה וְאֶל־אֱלֹהַי אֲשַׁוֵּעַ יִשְׁמַע מֵהֵיכָלוֹ קוֹלִי וְשַׁוְעָתִי
לְפָנָיו ׀ תָּבוֹא בְאָזְנָיו : וַתִּגְעַשׁ וַתִּרְעַשׁ ׀ הָאָרֶץ וּמוֹסְדֵי
הָרִים יִרְגָּזוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ כִּי־חָרָה לוֹ : עָלָה עָשָׁן ׀ בְּאַפּוֹ
י וְאֵשׁ־מִפִּיו תֹּאכֵל גֶּחָלִים בָּעֲרוּ מִמֶּנּוּ : וַיֵּט שָׁמַיִם וַיֵּרַד
וַעֲרָפֶל תַּחַת רַגְלָיו : וַיִּרְכַּב עַל־כְּרוּב וַיָּעֹף וַיֵּדֶא עַל־
כַּנְפֵי־רוּחַ : יָשֶׁת חֹשֶׁךְ ׀ סִתְרוֹ סְבִיבוֹתָיו סֻכָּתוֹ חֶשְׁכַת־
מַיִם עָבֵי שְׁחָקִים : מִנֹּגַהּ נֶגְדּוֹ עָבָיו עָבְרוּ בָּרָד וְגַחֲלֵי־אֵשׁ :
וַיַּרְעֵם בַּשָּׁמַיִם ׀ יְהוָה וְעֶלְיוֹן יִתֵּן קֹלוֹ בָּרָד וְגַחֲלֵי־אֵשׁ :
טו וַיִּשְׁלַח חִצָּיו וַיְפִיצֵם וּבְרָקִים רָב וַיְהֻמֵּם : וַיֵּרָאוּ ׀ אֲפִיקֵי
מַיִם וַיִּגָּלוּ מוֹסְדוֹת תֵּבֵל מִגַּעֲרָתְךָ יְהוָה מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפֶּךָ :
יִשְׁלַח מִמָּרוֹם יִקָּחֵנִי יַמְשֵׁנִי מִמַּיִם רַבִּים : יַצִּילֵנִי מֵאֹיְבִי
עָז וּמִשֹּׂנְאַי כִּי־אָמְצוּ מִמֶּנִּי : יְקַדְּמוּנִי בְיוֹם־אֵידִי וַיְהִי־יְהוָה
כ לְמִשְׁעָן לִי : וַיּוֹצִיאֵנִי לַמֶּרְחָב יְחַלְּצֵנִי כִּי חָפֵץ בִּי : יִגְמְלֵנִי

און בליצן האָט ער געשליַידערט, און ער האָט זיי צעטומלט.
טו און סע האָבן זיך באַוויזן די וואַסערבעטן,
און סע האָבן זיך אַנטפּלעקט די גרונטפעסטן פון דער וועלט
פון דיין אָנשריַיען, גאָט,
פון דעם ווינט־אָטעם פון דיין נאָז.

יז ער האָט געשיקט פון דער הייך, ער האָט מיך גענומען,
ער האָט מיך אַרויסגעטוקט פון די וואַסערן אַ סך,
יח ער האָט מיך מַציל געווען פון מיין טראָציקן פיינט,
און פון מיינע שׂונאים, וואָרן זיי זענען געווען שטאַרקער פון מיר.
יט זיי האָבן זיך געפעדערט קעגן מיר אין דעם טאָג פון מיין בראָך,
נאָר גאָט איז געווען אַן אָנלען פאַר מיר.
כ און ער האָט מיך אַרויסגעצויגן אַף דער גערוימיקייט,
ער האָט מיך אופגעשנירט, וואָרן ער האָט געהאַט באַגער אין מיר.

כא גאָט האָט מיר פאַרגעלט נאָך מיין גערעכטיקייט נאָך,
נאָך דער לויטערקייט נאָך פון מיינע הענט האָט ער מיר אומגעקערט.

כב וואָרן איך האָב אָפּגעהיט די וועגן פון גאָט,
און איך בין פון מיין גאָט נישט אַוועק אין רשעות.
כג וואָרן אַלע זיינע רעכטשפּראָכן זענען מיר אַנטקעגן,
און זיינע געזעצן – איך האָב זיי נישט אָפּגעטון פון מיר.
כד און איך בין געוועזן גאַנץ מיט אים,
און איך האָב מיך אויסגעהיט פון מיין שולדיקייט.

כה און גאָט האָט מיר אומגעקערט נאָך מיין גערעכטיקייט נאָך,
נאָך דער לויטערקייט נאָך פון מיינע הענט פאַר זיינע אויגן.

כו מיט דעם פרומען ביסטו פרום,
מיט דעם מענטש, וואָס איז גאַנץ, ביסטו גאַנץ,
כז מיט דעם געלייטערטן ביסטו לויטער,
און מיט דעם פאַרקרימטן ביסטו געדרייט.
כח פאַרוואָר, דו טוסט פריי מאַכן דאָס אָרימע פאָלק,
און אויגן האָפערדיקע מאַכסטו שפּל.

כט פאַרוואָר, דו וועסט לאָזן לייכטן מיין ליכט!–
גאָט מיין גאָט וועט דורכשיינען מיין פינסטערניש.–
ל פאַרוואָר, מיט דיר פאַרלויף איך דער מחנה,
און מיט מיין גאָט שפּרינג איך אַריבער די שאַנץ.
לא ער, גאָט – זיין וועג איז גאַנץ,
דער זאָג פון גאָט איז אויסגעשמאָלצן,
אַ שילד איז ער פאַר אַלע, וואָס באַשירעמען זיך אין אים.

לב פאַרוואָר, ווער איז אַ גאָט .אויסער גאָט,
און ווער איז אַ פעלזנשטיין אַחוץ אונזער גאָט,
לג דעם גאָט, וואָס גורט מיך אָן מיט קראַפט,
און גיט גאַנצקייט מיין וועג?!
לד ער מאַכט גלייך מיינע פיס ווי ביי די אינדינס,

יְהוָה כְּצִדְקִי כְּבֹר יָדַי יָשִׁיב לִי : כִּי־שָׁמַרְתִּי דַּרְכֵי יְהוָה וְלֹא־
רָשַׁעְתִּי מֵאֱלֹהָי : כִּי כָל־מִשְׁפָּטָיו לְנֶגְדִּי וְחֻקֹּתָיו לֹא־אָסִיר
כה מֶנִּי : וָאֱהִי תָמִים עִמּוֹ וָאֶשְׁתַּמֵּר מֵעֲוֺנִי : וַיָּשֶׁב־יְהוָה
לִי כְצִדְקִי כְּבֹר יָדַי לְנֶגֶד עֵינָיו : עִם־חָסִיד תִּתְחַסָּד עִם־
גְּבַר תָּמִים תִּתַּמָּם : עִם־נָבָר תִּתְבָּרָר וְעִם־עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל :
כִּי־אַתָּה עַם־עָנִי תוֹשִׁיעַ וְעֵינַיִם רָמוֹת תַּשְׁפִּיל : כִּי־אַתָּה
ל תָּאִיר נֵרִי יְהוָה אֱלֹהַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי : כִּי בְךָ אָרֻץ גְּדוּד
וּבֵאלֹהַי אֲדַלֶּג־שׁוּר : הָאֵל תָּמִים דַּרְכּוֹ אִמְרַת־יְהוָה צְרוּפָה
מָגֵן הוּא לְכֹל ׀ הַחוֹסִים בּוֹ : כִּי מִי אֱלוֹהַּ מִבַּלְעֲדֵי יְהוָה
וּמִי צוּר זוּלָתִי אֱלֹהֵינוּ : הָאֵל הַמְאַזְּרֵנִי חָיִל וַיִּתֵּן תָּמִים
לה דַּרְכִּי : מְשַׁוֶּה רַגְלַי כָּאַיָּלוֹת וְעַל בָּמוֹתַי יַעֲמִידֵנִי : מְלַמֵּד
יָדַי לַמִּלְחָמָה וְנִחֲתָה קֶשֶׁת־נְחוּשָׁה זְרוֹעֹתָי : וַתִּתֶּן־לִי
מָגֵן יִשְׁעֶךָ וִימִינְךָ תִסְעָדֵנִי וְעַנְוַתְךָ תַרְבֵּנִי : תַּרְחִיב צַעֲדִי
תַחְתָּי וְלֹא מָעֲדוּ קַרְסֻלָּי : אֶרְדּוֹף אוֹיְבַי וְאַשִּׂיגֵם וְלֹא־אָשׁוּב
עַד־כַּלּוֹתָם : אֶמְחָצֵם וְלֹא־יֻכְלוּ קוּם יִפְּלוּ תַּחַת רַגְלָי :
מ וַתְּאַזְּרֵנִי חַיִל לַמִּלְחָמָה תַּכְרִיעַ קָמַי תַּחְתָּי : וְאֹיְבַי נָתַתָּה
לִּי עֹרֶף וּמְשַׂנְאַי אַצְמִיתֵם : יְשַׁוְּעוּ וְאֵין מוֹשִׁיעַ עַל־יְהוָה

און אַף מײַנע הײַכן שטעלט ער מיך אַוועק,
לה ער באַלערנט מײַנע הענט אַף צו פירן מִלחָמה,
אַז מײַנע אָרעמס זאָלן בײַגן דעם קופּערנעם בויגן.
לו און דו האָסט מיר געגעבן די שילד פון דײַן ישועה,
און דײַן רעכטע האַנט האָט מיך אונטערגעלענט,
און דײַן עֲניוות האָט מיך געמאַכט גרויס.

לז דו האָסט געמאַכט גרעסער מײַן טראָט אונטער מיר,
און סע האָבן נישט געוואַנקט מײַנע קנעכל.
לח איך האָב נאָכגעיאָגט מײַנע פײַנט, און איך האָב זיי דערגרייכט,
און איך האָב מיך נישט אומגעקערט, ביז זיי זענען געווען פאַרלענדט.
לט איך האָב זיי צעשמעטערט, און זיי האָבן נישט געקענט אופשטיין,
זיי זענען געפאַלן אונטער מײַנע פיס.

מ וואָרן דו האָסט מיך אָנגעגורט מיט קראַפט אַף צו פירן מִלחָמה,

דו האָסט געלאָזט קניען אונטער מיר מיינע אופשטענדיקע,
מא און דו האָסט מיר געגעבן דעם נאַקן פון מיינע פיינט,
און פון מיינע שׂונאים – איך זאָל זיי אויסראָטן.
מב זיי האָבן אופגעשריגן – און עס איז נישט געווען קיין באַפרייער,
צו גאָט צו – און ער האָט זיי נישט געענטפערט.
מג און איך האָב זיי צעלופטערט ווי שטויב פאַר דעם ווינט,
ווי גאַסנקויט האָב איך זיי אויסגעליידיקט.

מד דו האָסט מיך געלאָזט אַנטרינען פון די קריגן פון פאָלק,
דו האָסט מיך געמאַכט פאַר דעם קאָפּ פון די פאָלקשטאַמען,
פאָלק, וואָס איך האָב נישט געקענט – זיי טוען מיר דינען,
מה ביים הערן פון אויער – געהאָרכן זיי מיך,
זין פון דער פרעמד – זיי טוען מיך שמייכלען,
מו זין פון דער פרעמד – זיי ווערן פאַרוועלקט,
און זיי ציטערן אַרויס פון זייערע שלעסער.

מז גאָט לעבט! און געבענטשט איז מיין פעלזנשטיין!
און זאָל זיין דערהויבן דער גאָט פון מיין ישועה,
מח דער גאָט, וואָס האָט מיר געגעבן נקמות,
און האָט געמאַכט אונטערטעניק פעלקער אונטער מיר,
מט וואָס האָט מיך געלאָזט אַנטרינען פון מיינע פיינט, –
יאָ, דו האָסט מיך דערהויבן איבער מיינע אופשטענדיקע,
פון דעם מענטש פון רויב האָסטו מיך מציל געווען.

נ דעריבער וועל איך דיר דאַנקלויבן צווישן די פאָלקשטאַמען, גאָט,
און צו דיין נאָמען וויל איך לויבשפּילן:
נא ער גרייסט די ישועות דעם מלך,
און ער טוט חסד מיט זיין געזאַלבטן,
מיט דָודן און מיט זיין זאָמען, ביז אייביק.

וְלֹא עָנָם׃ וְאֶשְׁחָקֵם כְּעָפָר עַל־פְּנֵי־רוּחַ כְּטִיט חוּצוֹת
אֲרִיקֵם׃ תְּפַלְּטֵנִי מֵרִיבֵי עָם תְּשִׂימֵנִי לְרֹאשׁ גּוֹיִם עַם לֹא־
מה יָדַעְתִּי יַעַבְדוּנִי׃ לְשֵׁמַע אֹזֶן יִשָּׁמְעוּ לִי בְּנֵי נֵכָר יְכַחֲשׁוּ־לִי׃
בְּנֵי־נֵכָר יִבֹּלוּ וְיַחְרְגוּ מִמִּסְגְּרוֹתֵיהֶם׃ חַי־יְהוָה וּבָרוּךְ צוּרִי
וְיָרוּם אֱלוֹהֵי יִשְׁעִי׃ הָאֵל הַנּוֹתֵן נְקָמוֹת לִי וַיַּדְבֵּר עַמִּים
תַּחְתָּי׃ מְפַלְּטִי מֵאֹיְבָי אַף מִן־קָמַי תְּרוֹמְמֵנִי מֵאִישׁ חָמָס
תַּצִּילֵנִי׃ עַל־כֵּן ׀ אוֹדְךָ בַגּוֹיִם יְהוָה וּלְשִׁמְךָ אֲזַמֵּרָה׃
נ מַגְדִּל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד ׀ לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ
יט עַד־עוֹלָם׃ יט לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ הַשָּׁמַיִם
מְסַפְּרִים כְּבוֹד־אֵל וּמַעֲשֵׂה יָדָיו מַגִּיד הָרָקִיעַ׃ יוֹם לְיוֹם
יַבִּיעַ אֹמֶר וְלַיְלָה לְּלַיְלָה יְחַוֶּה־דָּעַת׃ אֵין־אֹמֶר וְאֵין
ה דְּבָרִים בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם׃ בְּכָל־הָאָרֶץ ׀ יָצָא קַוָּם וּבִקְצֵה
תֵבֵל מִלֵּיהֶם לַשֶּׁמֶשׁ שָׂם־אֹהֶל בָּהֶם׃ וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא
מֵחֻפָּתוֹ יָשִׂישׂ כְּגִבּוֹר לָרוּץ אֹרַח׃ מִקְצֵה הַשָּׁמַיִם ׀ מוֹצָאוֹ

יט לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד־אֵל

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
אַ מזמור פֿון דָודן.

ב די הימלען דערציילן פֿון דעם כּבוד פֿון גאָט,
און די אויסוועלבונג פֿאַרקינדיקט די טואונג פֿון זיינע הענט:
ג טאָג צו טאָג טוט שפּרודלען אַ זאָגן,
און נאַכט צו נאַכט טוט אָנווײַזן ווִיסן.

ד עס איז נישטאָ קיין זאָג, און עס זענען נישטאָ קיין רייד,
וואו זייער קול זאָל נישט ווערן געהערט.
ה איבער דער גאַנצער ערד גייט אַרויס זייער מעסטשנור,
און ביז עק וועלט – זייערע ווערטער.
פֿאַר דעם זונבאַל האָט ער געמאַכט אַ געצעלט אין זיי,
ו און ער, ווי אַ חָתן, גייט אַרויס פֿון זיין געמאַך,
ער פֿרייט זיך ווי אַ גיבור אַף צו לויפֿן דעם שטעג.

תהלים

ז פון עק פון די הימלען איז זיין אַרויסגיין,
און זיין קרײַז איז אַף זייערע ענד־עקן,
און סע בלייבט גאָרנישט ניט פאַרבאָרגן פון זיין היץ.

ח די תּורה פון ג א ָ ט איז גאַנץ, זי דערקוויקט דאָס נפֿש,
די באַצײַגונג פון ג א ָ ט איז באַגלײַבט, זי מאַכט קלוג דעם טראָפּ,
ט די באַפעלן פון ג א ָ ט זענען רעכטפאַרטיק, זיי דערפרייען דאָס האַרץ,
דאָס געבאָט פון ג א ָ ט איז לויטער, סע מאַכט ליכטיק די אויגן,
י די פאָרכטיקייט פון ג א ָ ט איז ריין, זי באַשטייט אַף אייביק,
די רעכטשפּראָכן פון ג א ָ ט זענען אמת,
זיי זענען אינאײנעם גערעכט:
יא זיי, וואָס זענען גלוסטיקער פון גאָלד און פון גינגאָלד אַ סך,
און זענען זיסער פון האָניק און טריפונג פון סאָט.

יב אויך איז דיין קנעכט געוואָרנט דורך זיי,
אין אָפּהיטן זיי איז פאַראַן אַ סך שׂכר,
יג פאַרזעאונגען — ווער קאָן באַגרײַפן?
פון פאַרבאָרגענע מאַך מיך ריין!
יד און פון מוטוויליקייטן האַלט אָפּ דיין קנעכט,
זאָלן זיי נישט געוועלטיקן איבער מיר!
דעמאָלט וועל איך קענען זיין גאַנץ,
און איך וועל זיין ריין פון דער גרויסער אָפּטריניקייט.

טו זאָלן זיין באַוויליקט די זאָגן פון מיין מויל
און דאָס טראַכטן פון מיין האַרץ פאַר דיר,
ג א ָ ט, מיין פעלזנשטיין און מיין אויסלייזער!

וּתְקוּפָתוֹ עַל־קְצוֹתָם וְאֵין נִסְתָּר מֵחַמָּתוֹ׃ תּוֹרַת יְהֹוָה
תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ עֵדוּת יְהֹוָה נֶאֱמָנָה מַחְכִּימַת פֶּתִי׃
פִּקּוּדֵי יְהֹוָה יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי־לֵב מִצְוַת יְהֹוָה בָּרָה מְאִירַת
י עֵינָיִם׃ יִרְאַת יְהֹוָה ׀ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד מִשְׁפְּטֵי־יְהֹוָה
אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו׃ הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים
מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים׃ גַּם־עַבְדְּךָ נִזְהָר בָּהֶם בְּשָׁמְרָם עֵקֶב
רָב׃ שְׁגִיאוֹת מִי־יָבִין מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי׃ גַּם מִזֵּדִים ׀ חֲשֹׂךְ
טו עַבְדֶּךָ אַל־יִמְשְׁלוּ־בִי אָז אֵיתָם וְנִקֵּיתִי מִפֶּשַׁע רָב׃ יִהְיוּ
לְרָצוֹן ׀ אִמְרֵי־פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְהֹוָה צוּרִי וְגוֹאֲלִי׃
כ לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יַעַנְךָ יְהֹוָה בְּיוֹם צָרָה
יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם ׀ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב׃ יִשְׁלַח־עֶזְרְךָ מִקֹּדֶשׁ וּמִצִּיּוֹן
ה יִסְעָדֶךָּ׃ יִזְכֹּר כָּל־מִנְחֹתֶךָ וְעוֹלָתְךָ יְדַשְּׁנֶה סֶלָה׃ יִתֶּן
לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל־עֲצָתְךָ יְמַלֵּא׃ נְרַנְּנָה ׀ בִּישׁוּעָתֶךָ וּבְשֵׁם
אֱלֹהֵינוּ נִדְגֹּל יְמַלֵּא יְהֹוָה כָּל־מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ׃ עַתָּה יָדַעְתִּי

כ לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. יַעַנְךָ יְהֹוָה בְּיוֹם צָרָה

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
אַ מזמור פֿון דָודן.

ב גאָט זאָל דיר ענטפֿערן אין דעם טאָג פֿון באַדרענגונג,
דער נאָמען פֿון דעם גאָט פֿון יַעקב זאָל דיך דערהײַכן!
ג ער זאָל שיקן דײַן הילף פֿון דעם הייליקטום,
און פֿון ציון זאָל ער דיך אונטערלענען!
ד ער זאָל געדענקען אַלע דײַנע שפּײַז־אָפּער,
און דײַן בראַנד־אָפּער זאָל ער וויליקן פֿאַר פֿעט! סֶלָה!
ה ער זאָל דיר געבן נאָך דײַן האַרץ נאָך,
און דײַן איטלעכע באַראָטונג זאָל ער דערפֿילן!
ו לאָמיר קענען יובלען אין דײַן ישועה,
און אין נאָמען פֿון אונזער גאָט לאָמיר אופֿפֿאָנען.
גאָט זאָל דערפֿילן אַלע דײַנע פֿאַרלאַנגען!

ז אַצינד ווייס איך, אַז גאָט טוט באַפֿרײַען זײַן געזאַלבטן,

ער וועט אים ענטפערן פון דעם הימל פון זיין הייליקייט
מיט גבורות פון זיין באַפרײַעוודיקער רעכטער האַנט.

ח די־אין רייטוועגן, און די־אין פערד,
און מיר, אין דעם נאָמען פון גאָט אונזער גאָט וועלן מיר געדענקען.
ט יענע־זענען געוואָרן געוואָרפן אַף די קני און זענען אַנידערגעפאַלן,
און מיר־מיר זענען אופגעשטאַנען און זענען געוואָרן דערהאַלטן.

י גאָט, באַפרײַ!
זאָל דער מלך אונז ענטפערן אין דעם טאָג פון אונזער רופן!

כא לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. יְהוָה בְּעָזְּךָ יִשְׂמַח־מֶלֶךְ

א פאַר דעם גװאַנגמײַנסטער,
אַ מזמור פון דָודן.

ב גאָט, אין דיין זיג טוט זיך פרייען דער מלך,
און אין דיין ישועה־ווי זייער לוסטיק איז ער!
ג דאָס גלוסטן פון זיין האַרץ האָסטו אים געגעבן,
און דאָס ווינטשן זיך פון זיינע ליפּן האָסטו נישט פאַרמיטן. סֶלָה!
ד פאַרוואָר, דו פעדערסט דיך אַנטקעגן אים מיט בְרָכות פון גוטס,
דו טוסט אָן אַף זיין קאָפּ אַ קרוין פון גינגאָלד.
ה לעבן האָט ער פאַרלאַנגט פון דיר־האָסטו אים געגעבן,
לאַנגע טעג־אײביק און אײביק!

ו גרויס איז זיין כבוד דורך דיין ישועה,
פּראַכט און גלאַנץ טוסטו אַרופלייגן אַף אים.
ז פאַרוואָר, דו מאַכסט אים פאַר בענטשונגען אַף אייביק,
דו דערהײַטערסט אים מיט דער פרייד פון דיין פּנים.

כִּי הוֹשִׁיעַ ׀ יְהוָה מְשִׁיחוֹ יַעֲנֵהוּ מִשְּׁמֵי קָדְשׁוֹ בִּגְבֻרוֹת יֵשַׁע
יְמִינוֹ: אֵלֶּה בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ ׀ בְּשֵׁם־יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ נַזְכִּיר: הֵמָּה כָּרְעוּ וְנָפָלוּ וַאֲנַחְנוּ קַּמְנוּ
י וַנִּתְעוֹדָד: יְהוָה הוֹשִׁיעָה הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם־קָרְאֵנוּ:
כא לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: יְהוָה בְּעָזְּךָ יִשְׂמַח־מֶלֶךְ
וּבִישׁוּעָתְךָ מַה־יָּגֶיל מְאֹד: תַּאֲוַת לִבּוֹ נָתַתָּה לּוֹ וַאֲרֶשֶׁת
שְׂפָתָיו בַּל־מָנַעְתָּ סֶּלָה: כִּי־תְקַדְּמֶנּוּ בִּרְכוֹת טוֹב תָּשִׁית
ה לְרֹאשׁוֹ עֲטֶרֶת פָּז: חַיִּים ׀ שָׁאַל מִמְּךָ נָתַתָּה לּוֹ אֹרֶךְ יָמִים
עוֹלָם וָעֶד: גָּדוֹל כְּבוֹדוֹ בִּישׁוּעָתֶךָ הוֹד וְהָדָר תְּשַׁוֶּה
עָלָיו: כִּי־תְשִׁיתֵהוּ בְרָכוֹת לָעַד תְּחַדֵּהוּ בְשִׂמְחָה אֶת־
פָּנֶיךָ: כִּי־הַמֶּלֶךְ בֹּטֵחַ בַּיהוָה וּבְחֶסֶד עֶלְיוֹן בַּל־יִמּוֹט:
י תִּמְצָא יָדְךָ לְכָל־אֹיְבֶיךָ יְמִינְךָ תִּמְצָא שֹׂנְאֶיךָ: תְּשִׁיתֵמוֹ ׀
כְּתַנּוּר אֵשׁ לְעֵת פָּנֶיךָ יְהוָה בְּאַפּוֹ יְבַלְּעֵם וְתֹאכְלֵם אֵשׁ:
פִּרְיָמוֹ מֵאֶרֶץ תְּאַבֵּד וְזַרְעָם מִבְּנֵי אָדָם: כִּי־נָטוּ עָלֶיךָ
רָעָה חָשְׁבוּ מְזִמָּה בַּל־יוּכָלוּ: כִּי תְּשִׁיתֵמוֹ שֶׁכֶם בְּמֵיתָרֶיךָ
תְּכוֹנֵן עַל־פְּנֵיהֶם: רוּמָה יְהוָה בְעֻזֶּךָ נָשִׁירָה וּנְזַמְּרָה

כא ב׳ מלעיל ויחד י׳

ח וואָרן דער מלך פאַרזיכערט זיך אין גאָט,
און דורך דעם חסד פון דעם אייבערשטן וועט ער נישט וואַנקען.

ט דיין האַנט וועט געפינען אַלע דיינע פיינט,
געפינען וועט דיין רעכטע האַנט דיינע שונאים.
י דו וועסט זיי טון ווי אַן אויוון פון פייער אין דער שעה פון דיין רוגזה.
גאָט אין זיין צאָרן וועט זיי פאַרשלינגען,
און פאַרצערן וועט זיי אַ פייער.
יא זייער פרוכט וועסטו לאָזן פאַרלוירן ווערן פון דער ערד,
און זייער זאָמען – פון צווישן די מענטשנקינדער.
יב ווען זיי נייגן קעגן דיר שלעכטס,
טראַכטן אויס אַ ליסטפּלאַנונג –
זיי וועלן גאָרנישט ניט פאַרמאָכטן.
יג וואָרן דו וועסט זיי טון אויסדרייען דעם רוקן,
מיט דיינע בויגנשטריק וועסטו זיין אָנגעברייט קעגן זייער פּנים.

יד זײַ דערהויבן, גאָט, אין דיין זיג!
לאָמיר זינגען און לויבשפּילן פון דיין העלדישקייט!

כב לַמְנַצֵּחַ, עַל־אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר, מִזְמוֹר לְדָוִד.
אֵלִי, אֵלִי, לָמָה עֲזַבְתָּנִי

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, אַף „אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר",
אַ מזמור פון דָודן.

ב מיין גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?
בלייבן ווייט פון מיין ישועה די רייד פון מיין געהאַיל?
ג „מיין גאָט!"–רוף איך דורכן טאָג, און דו ענטפערסט נישט,
און ביינאַכט–און נישטאָ קיין שטילשווײַגן פאַר מיר.

ד און דו, הייליקער,
וואָס זיצסט איבער די לויבגעזאַנגען פון ישׂראל,
ה אין דיר האָבן זיך פאַרזיכערט אונזערע אָבות,
זיי האָבן זיך פאַרזיכערט, און דו האָסט זיי געלאָזט אַנטרינען,
ו צו דיר האָבן זיי געשריגן, און זיי זענען געוואָרן אַנטרונען,
אין דיר האָבן זיי זיך פאַרזיכערט, און זיי זענען נישט געוואָרן פאַרשעמט.

ז און איך–אַ וואָרים און נישט קיין מענטש,
די חֶרפּה פון לײַט, און מבוזה פון פאָלק,–
ח אַלע, וואָס זעען מיך, שפּאָטן פון מיר,
זיי פאַרציען מיט דער ליפּ, זיי שאָקלען דעם קאָפּ:
ט „קײַקל עס אַרוף אַף גאָט!"–„ער וועט אים לאָזן אַנטרינען,
ער וועט אים מַציל זיין, וואָרן ער האָט באַגער אין אים!"

י פאַרוואָר, דו ביסט דער, וואָס האָט מיך אַרויסגעשטויסן פון דעם בויך,
מיך געמאַכט זיכער אַף די בריסט פון מיין מוטער!

כב גְּבוּרָתֶךָ׃ כב לַמְנַצֵּחַ עַל־אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר מִזְמוֹר
לְדָוִד׃ אֵלִי אֵלִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי רָחוֹק מִישׁוּעָתִי דִּבְרֵי
שַׁאֲגָתִי׃ אֱלֹהַי אֶקְרָא יוֹמָם וְלֹא תַעֲנֶה וְלַיְלָה וְלֹא־דוּמִיָּה
ה לִי׃ וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל׃ בְּךָ בָּטְחוּ
אֲבֹתֵינוּ בָּטְחוּ וַתְּפַלְּטֵמוֹ׃ אֵלֶיךָ זָעֲקוּ וְנִמְלָטוּ בְּךָ בָטְחוּ
וְלֹא־בוֹשׁוּ׃ וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא־אִישׁ חֶרְפַּת אָדָם וּבְזוּי
עָם׃ כָּל־רֹאַי יַלְעִגוּ לִי יַפְטִירוּ בְשָׂפָה יָנִיעוּ רֹאשׁ׃ גֹּל
י אֶל־יְהוָה יְפַלְּטֵהוּ יַצִּילֵהוּ כִּי חָפֵץ בּוֹ׃ כִּי־אַתָּה גֹחִי
מִבָּטֶן מַבְטִיחִי עַל־שְׁדֵי אִמִּי׃ עָלֶיךָ הָשְׁלַכְתִּי מֵרָחֶם
מִבֶּטֶן אִמִּי אֵלִי אָתָּה׃ אַל־תִּרְחַק מִמֶּנִּי כִּי־צָרָה קְרוֹבָה
כִּי־אֵין עוֹזֵר׃ סְבָבוּנִי פָּרִים רַבִּים אַבִּירֵי בָשָׁן כִּתְּרוּנִי׃
טו פָּצוּ עָלַי פִּיהֶם אַרְיֵה טֹרֵף וְשֹׁאֵג׃ כַּמַּיִם נִשְׁפַּכְתִּי וְהִתְפָּרְדוּ
כָּל־עַצְמוֹתָי הָיָה לִבִּי כַּדּוֹנָג נָמֵס בְּתוֹךְ מֵעָי׃ יָבֵשׁ
כַּחֶרֶשׂ ׀ כֹּחִי וּלְשׁוֹנִי מֻדְבָּק מַלְקוֹחָי וְלַעֲפַר־מָוֶת תִּשְׁפְּתֵנִי׃
כִּי סְבָבוּנִי כְּלָבִים עֲדַת מְרֵעִים הִקִּיפוּנִי כָּאֲרִי יָדַי וְרַגְלָי׃

יא אַף דיר בין איך געוואָרן אַרופגעוואָרפן פון דער מוטערטראַכט אָן,
פון מיין מוטערבויך אָן ביסטו מיין גאָט!

יב דו זאָלסט דיך נישט דערווייַטערן פון מיר, וואָרן די באַדרענגונג איז נאָענט,
עס איז דאָך נישטאָ קיין העלפער!

יג מיך האָבן אַרומגערינגלט אַ סך יונגע אָקסן,
די שטירשטאַרקע פון בָשן האָבן מיך אַרומגעקרייַנט.

יד זיי האָבן אופגעריסן אַף מיר זייער מויל –
אַ לייַב, אַ פאַרצוקנדיקער און ברילנדיקער.

טו ווי וואַסער בין איך געוואָרן אויסגעגאָסן,
און סע האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזט אַלע מיינע בייַנער,
מיין האַרץ איז געוואָרן ווי וואַקס,
עס איז געוואָרן צעגאַנגען אין מיינע אינגעווייַדן.

טז אויסגעטריקנט ווי אַ שערבל איז געוואָרן מיין כּוח,
און מיין צונג איז באַהעפט אין מיינע אַגלען.–
און אין דעם שטויב פון טויט טוסטו מיך לייַגן.–

יז פֿאַרוואָר, הינט האָבן מיך אַרומגערינגלט,
אַ באַנדע בייזוועדקער האָט מיך איינגעקרייזט,
ווי אַ לייב.
מיינע הענט און מיינע פֿיס —
יח איך קאָן איבערציילן אַלע מיינע ביינער.
זיי, זיי קוקן צו, זיי באַווייזן מיך,
יט זיי צעטיילן מיינע בגדים צווישן זיך,
און איבער מיין מלבוש טוען זיי וואַרפֿן גורל.

כ נאָר דו, גאָט, דו זאָלסט דיך נישט דערווייטערן!
דו קראַפֿט מיינע, צו מיין הילף טו דיך אײַלן!
כא זיי מציל מיין נפֿש פֿון דער שווערד,
מיין איינציקע — פֿון דער מאַכט פֿון דעם הונט!
כב באַפֿריי מיך פֿון דעם מויל פֿון דעם לייב,
יאָ, פֿון די הערנער פֿון בופֿלאָקסן — טוסטו מיר ענטפֿערן!

כג איך וויל דערציילן פֿון דיין נאָמען מיינע ברידער,
אין דער מיטן פֿון קהל וויל איך דיך לויבן:
כד „איר גאָטספֿאָרכטיקע, לויבט אים,
אַלע זאָמען פֿון יעקבֿ, גיט אים אָפּ כּבֿוד,
און פֿאָרכט אייך פֿאַר אים, אַלע זאָמען פֿון ישׂראל!
כה וואָרן ער האָט נישט פֿאַראַכט און נישט פֿאַראָפּשײַט
די עלנטקייט פֿון דעם אָרימאַן,
און ער האָט נישט פֿאַרבאָרגן זיין פּנים פֿון אים,
און אַז ער האָט אויפֿגעשריגן צו אים — האָט ער געהערט.“
כו פֿון דיר איז מיין לויבגעזאַנג צווישן גרויס קהל.
מיינע נדרים וועל איך באַצאָלן אַנטקעגן זיינע פֿאָרכטיקע.

כז זאָלן עסן די קליינמוטיקע און זיי זאָלן ווערן זאַט,

אֲסַפֵּר כָּל־עַצְמוֹתָי הֵמָּה יַבִּיטוּ יִרְאוּ־בִי׃ יְחַלְּקוּ בְגָדַי לָהֶם
כ וְעַל־לְבוּשִׁי יַפִּילוּ גוֹרָל׃ וְאַתָּה יְהוָה אַל־תִּרְחָק אֱיָלוּתִי
לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה׃ הַצִּילָה מֵחֶרֶב נַפְשִׁי מִיַּד־כֶּלֶב יְחִידָתִי׃
הוֹשִׁיעֵנִי מִפִּי אַרְיֵה וּמִקַּרְנֵי רֵמִים עֲנִיתָנִי׃ אֲסַפְּרָה שִׁמְךָ
לְאֶחָי בְּתוֹךְ קָהָל אֲהַלְלֶךָּ׃ יִרְאֵי יְהוָה ׀ הַלְלוּהוּ כָּל־
כה זֶרַע יַעֲקֹב כַּבְּדוּהוּ וְגוּרוּ מִמֶּנּוּ כָּל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל׃ כִּי לֹא־
בָזָה וְלֹא שִׁקַּץ עֱנוּת עָנִי וְלֹא־הִסְתִּיר פָּנָיו מִמֶּנּוּ וּבְשַׁוְּעוֹ
אֵלָיו שָׁמֵעַ׃ מֵאִתְּךָ תְּהִלָּתִי בְּקָהָל רָב נְדָרַי אֲשַׁלֵּם
נֶגֶד יְרֵאָיו׃ יֹאכְלוּ עֲנָוִים ׀ וְיִשְׂבָּעוּ יְהַלְלוּ יְהוָה דֹּרְשָׁיו
יְחִי לְבַבְכֶם לָעַד׃ יִזְכְּרוּ ׀ וְיָשֻׁבוּ אֶל־יְהוָה כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ
וְיִשְׁתַּחֲווּ לְפָנֶיךָ כָּל־מִשְׁפְּחוֹת גּוֹיִם׃ כִּי לַיהוָה הַמְּלוּכָה
ל וּמֹשֵׁל בַּגּוֹיִם׃ אָכְלוּ וַיִּשְׁתַּחֲווּ ׀ כָּל־דִּשְׁנֵי־אֶרֶץ לְפָנָיו
יִכְרְעוּ כָּל־יוֹרְדֵי עָפָר וְנַפְשׁוֹ לֹא חִיָּה׃ זֶרַע יַעַבְדֶנּוּ יְסֻפַּר
לַאדֹנָי לַדּוֹר׃ יָבֹאוּ וְיַגִּידוּ צִדְקָתוֹ לְעַם נוֹלָד כִּי עָשָׂה׃

זאָלן לויבן גאָט די, וואָס פאָרשטן אים!
זאָל אופלעבן אייער האַרץ אַף אייביק!–
כח זיי וועלן זיך באַקלערן, און סע וועלן זיך אומקערן
צו גאָט אַלע ראַנדן פון דער ערד,
און סע וועלן זיך בוקן פאַר דיר אַלע משפּחות פון די וועלטשטאַמען.
כט וואָרן צו גאָט געהערט די מלוכה
און ער געוועלטיקט איבער די וועלטשטאַמען.

ל סע האָבן געגעסן–און סע וועלן זיך בוקן–אַלע פעטע פון דער ערד,
פאַר אים וועלן קניען אַלע, וואָס נידערן אין שטויב,
און ווער סע האָט זיין נפש נישט געקאָנט דערהאַלטן ביים לעבן.

לא דער זאָמען וועט אים דינען,
סע וועט ווערן דערציילט פון גאָט דעם דור,
לב זיי וועלן קומען און וועלן פאַרקינדיקן זיין גערעכטיקייט
דעם פאָלק, וואָס וועט ווערן געבוירן:–אַז ער האָט עס געטון.

כג מִזְמוֹר לְדָוִד. יְהוָֹה רֹעִי, לֹא אֶחְסָר

א אַ מזמור פון דָודן.

גאָט איז מיין פּאַסטעך, איך לײַד נישט קיין מאַנגל.
ב אַף גרינגראָזיקע פּיטערפּלעצער לאָזט ער מיך הויערן,
ביי וואַסערן פון רו טוט ער מיך לײַטן.
ג ער טוט דערקוויקן מיין נֶפֶש,
ער טוט מיך פירן אין געלײַזן פון גערעכטיקייט פון זיין נאָמען וועגן.

ד אַפילו אַז איך מוז גיין דורכן טאָל פון דעם טויטשאָטן –
האָב איך נישט קיין מורא פאַר שלעכטס,
וואָרן דו ביסט מיט מיר:
דיין שטאַב און דיין שטיצונג – זיי טוען מיך טרײַסטן.
ה דו גרײַטסט פאַר מיר אַ טיש אַנטקעגן מיינע באַדרענגער,
דו האָסט געזאַלבט מיין קאָפּ מיט אײַל,
סע גייט איבער מיין כּוס.
ו נײַערט גוטס און גענאָד וועלן מיר נאָכיאָגן אַלע טעג פון מיין לעבן,
און איך וועל מיך אומקערן אין גאָטס הויז אַף לאַנגע טעג.

כד לְדָוִד מִזְמוֹר. לַיהוָֹה הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ

א פון דָודן, אַ מזמור.

צו גאָט געהערט די ערד און איר פולקייט,
די וועלט און די באַוואוינער אין איר.
ב וואָרן ער האָט זי געגרונטפעסטיקט איבער יַמען,
און איבער שטראָמונגען האָט ער זי פעסטגעשטעלט.

כג מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה רֹעִי לֹא אֶחְסָר: בִּנְאוֹת דֶּשֶׁא
יַרְבִּיצֵנִי עַל־מֵי מְנֻחוֹת יְנַהֲלֵנִי: נַפְשִׁי יְשׁוֹבֵב יַנְחֵנִי
בְמַעְגְּלֵי־צֶדֶק לְמַעַן שְׁמוֹ: גַּם כִּי־אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא־
אִירָא רָע כִּי־אַתָּה עִמָּדִי שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי:
ה תַּעֲרֹךְ לְפָנַי ׀ שֻׁלְחָן נֶגֶד צֹרְרָי דִּשַּׁנְתָּ בַשֶּׁמֶן רֹאשִׁי כּוֹסִי
רְוָיָה: אַךְ ׀ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל־יְמֵי חַיָּי וְשַׁבְתִּי בְּבֵית־
כד יְהוָה לְאֹרֶךְ יָמִים: כד לְדָוִד מִזְמוֹר לַיהוָה
הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ: כִּי־הוּא עַל־יַמִּים יְסָדָהּ
וְעַל־נְהָרוֹת יְכוֹנְנֶהָ: מִי־יַעֲלֶה בְהַר־יְהוָה וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם
קָדְשׁוֹ: נְקִי כַפַּיִם וּבַר־לֵבָב אֲשֶׁר ׀ לֹא־נָשָׂא לַשָּׁוְא נַפְשׁוֹ
ה וְלֹא נִשְׁבַּע לְמִרְמָה: יִשָּׂא בְרָכָה מֵאֵת יְהוָה וּצְדָקָה
מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעוֹ: זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁו מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה:
שְׂאוּ שְׁעָרִים ׀ רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא מֶלֶךְ
הַכָּבוֹד: מִי־זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְהוָה עִזּוּז וְגִבּוֹר יְהוָה גִּבּוֹר
מִלְחָמָה: שְׂאוּ שְׁעָרִים ׀ רָאשֵׁיכֶם וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם

כד׳ ד׳ נפשי ק׳   ו׳ דורשיו קרי

ג —ווער קאָן אַרופגיין אַף דעם באַרג פון גאָט?
און ווער קאָן שטיין אין דעם אָרט פון זיין הייליקטום?
ד —ווער סע האָט ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ,
וואָס האָט נישט אופגעהויבן מיין זעל צו פאַלשקייט,
און האָט נישט געשוואוירן אַף קיין באַטרוג.
ה דער וועט אופנעמען אַ בְּרָכה פון גאָט,
און גערעכטיקייט פון דעם גאָט פון זיין ישועה.
ו דאָס איז דער דור פון די, וואָס פאָרשטן אים,
—וואָס זוכן דיין פּנים— עס איז יַעקב. סֶלה!

ז —הייבט אוף, טויערן, אייערע קעפּ,
יאָ, הייבט אייך אוף, טירן פון אייביקייט.
און זאָל אַריינקומען דער מֶלך־הַכָּבוד!
ח —ווער איז דאָס דער מֶלך־הַכָּבוד?
—גאָט, זיגרייך און העלדיש,
גאָט, העלדיש אין מִלחָמה!

ט — הײבט אויף, טויערן, אייערע קעפּ,
יאָ, הײבט אויף, טירן פון אײביקייט,
און זאָל אַרײנקומען דער מֶלך־הַכָּבוד!
י — ווער איז דאָס דער מֶלך־הַכָּבוד?
— גאָט פון די ערשאַרן,
ער איז דער מֶלך־הַכָּבוד! סֶלָה!

כה לְדָוִד. אֵלֶיךָ יְהֹוָה נַפְשִׁי אֶשָּׂא

א פון דָודן.

א צו דיר, גאָט, הײב איך אויף מיין נֶפש.
ב ב מיין גאָט, אין דיר האָב איך מיך פאַרזיכערט,
לאָמיך נישט ווערן פאַרשעמט,
זאָלן נישט קוועלן מיינע פיינט איבער מיר!
ג ג יאָ, אַלע, וואָס האָפן אַף דיר, וועלן נישט ווערן פאַרשעמט,
פאַרשעמט ווערן וועלן די, וואָס האָבן פאַרראָטן אייטלערהייט.

ד ד דיינע וועגן, גאָט, לאָז מיך דערקענען,
לערן מיך דיינע שטעגן!
ה ו ה לאָז מיך וואַנדלען אין דיין אֶמת, און באַלערן מיך!
וואָרן דו ביסט דער גאָט פון מיין ישועה,
אַף דיר טו איך האָפן דעם גאַנצן טאָג.

ז ו געדענק דיינע דערבאַרעמדיקייטן, גאָט, און דיינע חסָדים,
וואָרן זיי זענען פון אייביק אָן.
ח ז די זינד פון מיין יוגנט און מיינע אָפּטריניקייטן — זאָלסטו נישט דערמאַנען,
נאָך דיין חֶסד נאָך געדענק דו אָן מיר,
פונוועגן דיין גוטסקייט, גאָט!

וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד׃ מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְהוָה
כה צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה׃ כה לְדָוִד אֵלֶיךָ
יְהוָה נַפְשִׁי אֶשָּׂא׃ אֱלֹהַי בְּךָ בָטַחְתִּי אַל־אֵבוֹשָׁה אַל־
יַעַלְצוּ אֹיְבַי לִי׃ גַּם כָּל־קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ יֵבֹשׁוּ הַבּוֹגְדִים
ה רֵיקָם׃ דְּרָכֶיךָ יְהוָה הוֹדִיעֵנִי אֹרְחוֹתֶיךָ לַמְּדֵנִי׃ הַדְרִיכֵנִי
בַאֲמִתֶּךָ ׀ וְלַמְּדֵנִי כִּי־אַתָּה אֱלֹהֵי יִשְׁעִי אוֹתְךָ קִוִּיתִי כָּל־
הַיּוֹם׃ זְכֹר־רַחֲמֶיךָ יְהוָה וַחֲסָדֶיךָ כִּי מֵעוֹלָם הֵמָּה׃
חַטֹּאות נְעוּרַי ׀ וּפְשָׁעַי אַל־תִּזְכֹּר כְּחַסְדְּךָ זְכָר־לִי־אַתָּה
לְמַעַן טוּבְךָ יְהוָה׃ טוֹב־וְיָשָׁר יְהוָה עַל־כֵּן יוֹרֶה חַטָּאִים
י בַּדָּרֶךְ׃ יַדְרֵךְ עֲנָוִים בַּמִּשְׁפָּט וִילַמֵּד עֲנָוִים דַּרְכּוֹ׃ כָּל־
אָרְחוֹת יְהוָה חֶסֶד וֶאֱמֶת לְנֹצְרֵי בְרִיתוֹ וְעֵדֹתָיו׃ לְמַעַן־
שִׁמְךָ יְהוָה וְסָלַחְתָּ לַעֲוֺנִי כִּי רַב־הוּא׃ מִי־זֶה הָאִישׁ יְרֵא
יְהוָה יוֹרֶנּוּ בְּדֶרֶךְ יִבְחָר׃ נַפְשׁוֹ בְּטוֹב תָּלִין וְזַרְעוֹ יִירַשׁ
טו אָרֶץ׃ סוֹד יְהוָה לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם׃ עֵינַי תָּמִיד

ט ח גוט און רעכטפאַרטיק איז ג א ט,
דעריבער טוט ער צוואוויַיזן זינדיקע אין דעם וועג.

י ט ער לאָזט וואַנדלען די קליינמוטיקע אין רעכט,
און ער לערנט די קליינמוטיקע זיין וועג.

כ י אַלע שטעגן פון ג א ט – זענען חֶסד און אֶמת
פאַר די, וואָס באַוואָרענען זיין בונד און זיינע באַציַיגונגען.

ל יא פון דיין נאָמען וועגן, ג א ט,
זאָלסטו פאַרגעבן מיין שולד, וואָרן זי איז גרויס.

מ יב ווער איז דאָס דער מענטש, וואָס פאָרכט זיך פאַר ג א ט?
אים וועט ער צוואוויַיזן אין דעם וועג, וואָס ער דאַרף אויסדערוויַילן.

נ יג זיין נֶפש וועט נעכטיקן אין גוטס,
און זיין זאָמען וועט יַרשענען דאָס לאַנד.

ס יד דער סוד פון גאָט איז פאַר זיינע פאָרכטיקע,
און זיין בונד איז – צו לאָזן זיי דערקענען.

ע טו מיינע אויגן זענען תּמיד צו ג א ט,
וואָרן ער איז דער, וואָס וועט אַרויסציִען מיינע פיס פון דער נעץ.

פ טז ווענד דיך צו מיר און לײַטזעליק מיך,

וואָרן עלנט און אָרים בין איך.

צ יז די צָרות פון מיין האַרץ האָבן זיך געמאַכט געראַם,
פון מיינע נויטן צי מיך אַרויס!
ר יח זע מיין פּיין און מיין מי,
און פאַרטראָג אַלע מיינע זינד.
ר יט זע מיינע פיינט, פאַרוואָר, זיי זענען אַ סך,
און דעם רויבערישן האַס, מיט וואָס זיי האַסן מיך!
ש כ באַהיט מיין נֶפש, און זיי מיך מַציל,
לאָז מיך נישט ווערן פאַרשעמט, וואָרן איך באַשירעם מיך אין דיר.
ת כא גאַנצקייט און רעכטפאַרטיקייט זאָלן מיך באַוואָרענען,
וואָרן איך טו האָפן אַף דיר.

כב לייז אויס, גאָט, ישׂראל
פון אַלע זיינע צָרות.

כו לְדָוִד. שָׁפְטֵנִי יְהוָה, כִּי־אֲנִי בְּתֻמִּי הָלַכְתִּי

א פון דָודן.

מִשפּט מיך, ג אָ ט, וואָרן איך, אין מיין גאַנצקייט בין איך געגאַנגען,
און אין ג אָ ט האָב איך מיך פאַרזיכערט – איך וועל נישט וואַנקען.

ב פּרוביר מיך, ג אָ ט, און פּריוו מיך אויס,
שמעלץ אויס מיינע נירן און מיין האַרץ!
ג וואָרן דיין חֶסד איז אַנטקעגן מיינע אויגן,
און איך בין מיר אומגעגאַנגען אין דיין אֶמת.
ד איך בין נישט געזעסן מיט קיין לייט פון פאַלשקייט,
און מיט קיין פאַרהוילענע בין איך מיך נישט צונויפגעקומען.
ה איך האַס די פאַרזאַמלונג פון די בייזווערקער,
און מיט קיין רשָעים טו איך נישט זיצן.

אֶל־יְהוָה כִּי הוּא־יוֹצִיא מֵרֶשֶׁת רַגְלָי׃ פְּנֵה אֵלַי וְחָנֵּנִי
כִּי־יָחִיד וְעָנִי אָנִי׃ צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי
הוֹצִיאֵנִי׃ רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל־חַטֹּאותָי׃ רְאֵה־
כ אוֹיְבַי כִּי־רָבּוּ וְשִׂנְאַת חָמָס שְׂנֵאוּנִי׃ שָׁמְרָה נַפְשִׁי
וְהַצִּילֵנִי אַל־אֵבוֹשׁ כִּי־חָסִיתִי בָךְ׃ תֹּם־וָיֹשֶׁר יִצְּרוּנִי כִּי
קִוִּיתִיךָ׃ פְּדֵה אֱלֹהִים אֶת־יִשְׂרָאֵל מִכֹּל צָרוֹתָיו׃
כו לְדָוִד ׀ שָׁפְטֵנִי יְהוָה כִּי אֲנִי בְּתֻמִּי הָלַכְתִּי וּבַיהוָה
בָּטַחְתִּי לֹא אֶמְעָד׃ בְּחָנֵנִי יְהוָה וְנַסֵּנִי צָרְופָה כִלְיוֹתַי
וְלִבִּי׃ כִּי־חַסְדְּךָ לְנֶגֶד עֵינָי וְהִתְהַלַּכְתִּי בַּאֲמִתֶּךָ׃ לֹא־
ה יָשַׁבְתִּי עִם־מְתֵי־שָׁוְא וְעִם נַעֲלָמִים לֹא אָבוֹא׃ שָׂנֵאתִי
קְהַל מְרֵעִים וְעִם־רְשָׁעִים לֹא אֵשֵׁב׃ אֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי
וַאֲסֹבְבָה אֶת־מִזְבַּחֲךָ יְהוָה׃ לַשְׁמִעַ בְּקוֹל תּוֹדָה וּלְסַפֵּר
כָּל־נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ יְהוָה אָהַבְתִּי מְעוֹן בֵּיתֶךָ וּמְקוֹם מִשְׁכַּן
כְּבוֹדֶךָ׃ אַל־תֶּאֱסֹף עִם־חַטָּאִים נַפְשִׁי וְעִם־אַנְשֵׁי דָמִים
י חַיָּי׃ אֲשֶׁר־בִּידֵיהֶם זִמָּה וִימִינָם מָלְאָה שֹּׁחַד׃ וַאֲנִי

ס׳ א׳ פתח באתנח ב׳ יתיר ו׳

ו איך וועל וואַשן מיינע הענט אין ריינקייט,
און לאָמיך קענען אַרומקרײַזן דיין מִזבּח, גאָט,
ז צו לאָזן הערן דאַנקלויב אָפן קול,
און צו דערציילן אַלע דיינע וואונדער.

ח גאָט, איך האָב ליב די וואוינונג פון דיין הויז,
און דאָס אָרט, וואו סע רוט דיין הערלעכקייט.

ט דו זאָלסט נישט איינזאַמלען מיין נֶפש מיט זינדיקע,
און מיין לעבן מיט בלוטשולדיקע מענטשן,
י וואָס אין זייערע הענט איז ליסטפּלאַנונג,
און זייער רעכטע האַנט איז פול שוחַד.

יא און איך, אין מיין גאַנצקייט טו איך גיין,—
לייז מיך אויס און לײַטזעליק מיך!
יב מיין פוס איז געבליבן שטיין אַף גלײַכן פּלוין:
אין די פאַרזאַמלונגען טו איך בענטשן גאָט.

כז לְדָוִד. יְהוָה אוֹרִי וְיִשְׁעִי, מִמִּי אִירָא

א פון דודן.

גאָט איז מיין ליכט און מיין ישועה–
פאַר וועמען דאַרף איך האָבן מורא?
גאָט איז די שוצפעסטונג פון מיין לעבן–
פאַר וועמען דאַרף איך האָבן פּחד?

ב אַז בייזוועררקער האָבן גענעענט קעגן מיר,
צו עסן מיין פלייש,
די, וואָס זענען מיר מיינע באַדרענגער און מיינע פיינט,–
זענען זיי געוואָרן געשטרויכלט און זענען געפאַלן.

ג אויב עס זאָל לאַגערן אַנטקעגן מיר אַ מחנה–
וועט מיין האַרץ נישט האָבן קיין מורא,
אויב עס זאָל אָנשטיין אַנטקעגן מיר אַ מלחמה–
אויך דעמאָלט בין איך זיכער.

ד איינס האָב איך פאַרלאַנגט פון גאָט,
דאָס טו איך בעטן:
איך זאָל קענען זיצן אין הויז פון גאָט אַלע טעג פון מיין לעבן,
צו קענען קוקן אַף דער ליבלעכקייט פון גאָט,
און צו קאָנען פירזאָרגן אין זיין היכל.

ה וואָרן ער וועט מיך באַהאַלטן אין זיין אָפּדאַך אין דעם טאָג פון שלעכטס,
ער וועט מיך פאַרבאָרגן אין דער פאַרבאָרגעניש פון זיין געצעלט,
אַף דעם פעלזנשטיין וועט ער מיך דערהייבן.

ו און אַצינד וועט ווערן דערהויבן מיין קאָפּ איבער מיינע פיינט רונדאַרום מיר,

בְּתֻמִּי אֵלֵךְ פְּדֵנִי וְחָנֵּנִי׃ רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר בְּמַקְהֵלִים
כז אֲבָרֵךְ יְהוָה׃ כז לְדָוִד ׀ יְהוָה ׀ אוֹרִי וְיִשְׁעִי
מִמִּי אִירָא יְהוָה מָעוֹז־חַיַּי מִמִּי אֶפְחָד׃ בִּקְרֹב עָלַי ׀
מְרֵעִים לֶאֱכֹל אֶת־בְּשָׂרִי צָרַי וְאֹיְבַי לִי הֵמָּה כָּשְׁלוּ וְנָפָלוּ׃
אִם־תַּחֲנֶה עָלַי ׀ מַחֲנֶה לֹא־יִירָא לִבִּי אִם־תָּקוּם עָלַי
מִלְחָמָה בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ׃ אַחַת ׀ שָׁאַלְתִּי מֵאֵת־יְהוָה
אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית־יְהוָה כָּל־יְמֵי חַיַּי לַחֲזוֹת בְּנֹעַם־
ה יְהוָה וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ׃ כִּי יִצְפְּנֵנִי ׀ בְּסֻכֹּה בְּיוֹם רָעָה
יַסְתִּרֵנִי בְּסֵתֶר אָהֳלוֹ בְּצוּר יְרוֹמְמֵנִי׃ וְעַתָּה יָרוּם רֹאשִׁי
עַל אֹיְבַי סְבִיבוֹתַי וְאֶזְבְּחָה בְאָהֳלוֹ זִבְחֵי תְרוּעָה אָשִׁירָה
וַאֲזַמְּרָה לַיהוָה׃ שְׁמַע־יְהוָה קוֹלִי אֶקְרָא וְחָנֵּנִי וַעֲנֵנִי׃
לְךָ ׀ אָמַר לִבִּי בַּקְּשׁוּ פָנָי אֶת־פָּנֶיךָ יְהוָה אֲבַקֵּשׁ׃ אַל־
תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ ׀ מִמֶּנִּי אַל־תַּט בְּאַף עַבְדֶּךָ עֶזְרָתִי הָיִיתָ אַל־
תִּטְּשֵׁנִי וְאַל־תַּעַזְבֵנִי אֱלֹהֵי יִשְׁעִי׃ כִּי־אָבִי וְאִמִּי עֲזָבוּנִי

מ׳ ד׳ פתח באתנח   ח׳ בסכו קרי

און איך וועל שלאַכטן אין זיין געצעלט שלאַכט־אָפּער פון שאַלונג,
איך וויל זינגען און לויבשפּילן צו גאָט.

ז דערהער, גאָט, מיין קול, איך טו רופן,
און לייטזעליק מיך, און ענטפער מיר!
ח דיר, האָט געזאָגט מיין האַרץ, געהערט: „זוכט מיין פנים!"—
דיין פנים, גאָט, טו איך זוכן!
ט דו זאָלסט נישט פאַרבאָרגן דיין פנים פון מיר!
דו זאָלסט נישט אָפּנייגן אין צאָרן דיין קנעכט!
מיין הילף ביסטו געווען,
דו זאָלסט מיך נישט אָפּלענען, און זאָלסט מיך נישט פאַרלאָזן,
גאָט פון מיין ישועה!
י פאַרוואָר, האָבן מיין פאָטער און מיין מוטער מיך פאַרלאָזן—
דאָך גאָט וועט מיך איינזאַמלען.

יא טו מיר צואווייזן, גאָט, דיין וועג,
און פיר מיך אין דעם גלייכן שטעג,
פון מיינע נאָכלוגערס וועגן!

יב דו זאָלסט מיך נישט איבערגעבן אין דעם באַראָט פון מײַנע באַדרענגער,
וואָרן עס זענען אופגעשטאַנען קעגן מיר שֶקרישע עדות,
און ווער סע טוט אויסאָטעמען רויב.

יג וואָלט איך נישט געווען געגלייבט צו זען
דאָס גוטס פון גאָט אין דעם לאַנד פון לעבן-!-
יד האָף צו גאָט!
זײַ פעסט, און זאָל זײַן שטאַרק דײַן האַרץ,
און האָף צו גאָט!

כח לְדָוִד. אֵלֶיךָ יְהוָה אֶקְרָא

א פון דָודן.

צו דיר, גאָט, טו איך-רופן,
מײַן פעלזנשטיין, דו זאָלסט נישט בלייבן טויב צו מיר!
טאָמער,-ווּעסטו שווײַגן פונוועגן מיר,-
וועל איך ווערן געגליכן מיט די, וואָס נידערן אַראָפּ אין גרוב.
ב דערהער דאָס קול פון מײַנע געבעטן, ווען איך שריי צו דיר,
ווען איך הייב אויף מײַנע הענט צו דעם דְבִיר פון דײַן הייליקטום!

ג דו זאָלסט מיך נישט אַוועקציען מיט די רשָעים,
און מיט די ווערקערס פון אומרעכט,
וואָס רעדן שָלום מיט זייערע פרײַנט,-
און שלעכטס איז אין זייער האַרץ.
ד גיב זיי נאָך זייער ווערקן נאָך און נאָך דעם שלעכטס פון זייערע האַנדלונגען,
און נאָך דער טואונג נאָך פון זייערע הענט גיב זיי,
זייער פאַרגעלטונג קער אום אַף זיי!
ה וואָרן זיי ווילן נישט שענקען קיין פאַרשטענדעניש צו די ווערק פון גאָט
און צו דער טואונג פון זײַנע הענט,-

וַיהוָה יַאַסְפֵנִי׃ הוֹרֵנִי יְהוָה דַּרְכֶּךָ וּנְחֵנִי בְּאֹרַח מִישׁוֹר
לְמַעַן שׁוֹרְרָי׃ אַל־תִּתְּנֵנִי בְּנֶפֶשׁ צָרָי כִּי קָמוּ־בִי עֵדֵי־שֶׁקֶר
וִיפֵחַ חָמָס׃ לוּלֵא הֶאֱמַנְתִּי לִרְאוֹת בְּטוּב־יְהוָה בְּאֶרֶץ
חַיִּים׃ קַוֵּה אֶל־יְהוָה חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל־יְהוָה׃
כח לְדָוִד אֵלֶיךָ יְהוָה ׀ אֶקְרָא צוּרִי אַל־תֶּחֱרַשׁ מִמֶּנִּי
פֶּן־תֶּחֱשֶׁה מִמֶּנִּי וְנִמְשַׁלְתִּי עִם־יוֹרְדֵי בוֹר׃ שְׁמַע קוֹל
תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי אֵלֶיךָ בְּנָשְׂאִי יָדַי אֶל־דְּבִיר קָדְשֶׁךָ׃ אַל־
תִּמְשְׁכֵנִי עִם־רְשָׁעִים וְעִם־פֹּעֲלֵי אָוֶן דֹּבְרֵי שָׁלוֹם עִם־
רֵעֵיהֶם וְרָעָה בִּלְבָבָם׃ תֶּן־לָהֶם כְּפָעֳלָם וּכְרֹעַ מַעַלְלֵיהֶם
ה כְּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם תֵּן לָהֶם הָשֵׁב גְּמוּלָם לָהֶם׃ כִּי ׀ לֹא יָבִינוּ
אֶל־פְּעֻלֹּת יְהוָה וְאֶל־מַעֲשֵׂה יָדָיו יֶהֶרְסֵם וְלֹא יִבְנֵם׃
בָּרוּךְ יְהוָה כִּי שָׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנָי׃ יְהוָה ׀ עֻזִּי וּמָגִנִּי בּוֹ
בָטַח לִבִּי וְנֶעֱזָרְתִּי וַיַּעֲלֹז לִבִּי וּמִשִּׁירִי אֲהוֹדֶנּוּ׃ יְהוָה
עֹז־לָמוֹ וּמָעוֹז יְשׁוּעוֹת מְשִׁיחוֹ הוּא׃ הוֹשִׁיעָה ׀ אֶת־עַמֶּךָ
וּבָרֵךְ אֶת־נַחֲלָתֶךָ וּרְעֵם וְנַשְּׂאֵם עַד־הָעוֹלָם׃

ס׳ יג׳ נקוד עליו

ער וועט זיי צעפירן און זיי נישט אופבויען צוריק.

ו געבענטשט איז גאָט,
וואָרן ער האָט דערהערט דאָס קול פון מיינע געבעטן!
ז גאָט איז מיין מאַכט און מיין שילד,
אין אים האָט זיך פאַרזיכערט מיין האַרץ, און איך בין געוואָרן געהאָלפן,
און סע האָט אָנגעקוועלט מיין האַרץ,
און דורך מיין געזאַנג וועל איך אים דאַנקלויבן.

ח גאָט איז אַ מאַכט פאַר זיי,
און אַ שוצפעסטונג פון ישועות איז ער זיין געזאַלבטן.

ט באַפריַי דיין פאָלק, און בענטש דיין אַרבטייל,
און פיטער זיי, און טראָג זיי ביז אין דער אייביקייט.

כט מִזְמוֹר לְדָוִד. הָבוּ לַיהוָה בְּנֵי אֵלִים

א אַ מִזמור פון דָוִדן.

ברענגט צו גאָט, איר זין פון גאָט,
ברענגט צו גאָט כָּבוד און מאַכט!
ב ברענגט צו גאָט דעם כָּבוד פון זיין נאָמען,
בוקט אייך פאַר גאָט אין דעם אופּגלאַנץ פון הײליקונג!

ג דאָס קול פון גאָט איז איבער די וואַסערן,
דער גאָט פון הערלעכקייט האָט געדונערט,
גאָט איבער וואַסערן אַ סך.
ד דאָס קול פון גאָט איז אין דעם כּוח,
דאָס קול פון גאָט איז אין דעם גלאַנץ.
ה דאָס קול פון גאָט טוט צעברעכן צעדערן,
יאָ, גאָט האָט צעבראָכן די צעדערן פון לְבָנון.
ו און ער לאָזט זיי שפּרינגען ווי אַ קאַלב,
לְבָנון און שִׂריון — ווי אַ יונגן בופל־אָקס.
ז דאָס קול פון גאָט האַקט אויס פלאַמען פייער.
ח דאָס קול פון גאָט מאַכט קראַיסן די מִדבר,
גאָט מאַכט קראַיסן די מִדבר קָדֵש.
ט דאָס קול פון גאָט מאַכט קראַיסן די אינדינס,
און ער טוט שײלן די וועלדער.
און אין זיין הֵיכל
זאָגט אַלץ: הערלעכקייט!

י גאָט איז געזעסן איבער דעם מַבול,
און גאָט טוט זיצן — אַ מֶלך אַף אײביק.
יא גאָט וועט געבן מאַכט זיין פאָלק,
גאָט וועט בענטשן זיין פאָלק מיט שָלום.

כט כט מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַיהוָה בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַיהוָה
כָּבוֹד וָעֹז׃ הָבוּ לַיהוָה כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה
בְּהַדְרַת־קֹדֶשׁ׃ קוֹל יְהוָה עַל־הַמָּיִם אֵל־הַכָּבוֹד הִרְעִים
יְהוָה עַל־מַיִם רַבִּים׃ קוֹל־יְהוָה בַּכֹּחַ קוֹל יְהוָה בֶּהָדָר׃
ה קוֹל יְהוָה שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר יְהוָה אֶת־אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן׃
וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ־עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן־רְאֵמִים׃ קוֹל־
יְהוָה חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ׃ קוֹל יְהוָה יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל
יְהוָה מִדְבַּר קָדֵשׁ׃ קוֹל יְהוָה ׀ יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף
י יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד׃ יְהוָה לַמַּבּוּל יָשָׁב
וַיֵּשֶׁב יְהוָה מֶלֶךְ לְעוֹלָם׃ יְהוָה עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְהוָה ׀
ל יְבָרֵךְ אֶת־עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם׃ ל מִזְמוֹר שִׁיר־חֲנֻכַּת הַבַּיִת
לְדָוִד׃ אֲרוֹמִמְךָ יְהוָה כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא־שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי׃
יְהוָה אֱלֹהָי שִׁוַּעְתִּי אֵלֶיךָ וַתִּרְפָּאֵנִי׃ יְהוָה הֶעֱלִיתָ מִן־
ה שְׁאוֹל נַפְשִׁי חִיִּיתַנִי מִיָּרְדִי־בוֹר׃ זַמְּרוּ לַיהוָה חֲסִידָיו

לד׳ מידי ק׳

ל מִזְמוֹר שִׁיר־חֲנֻכַּת הַבַּיִת, לְדָוִד

א אַ מִזמור, אַ געזאַנג ביי דער באַנייאונג פון דעם הויז, פון דָודן.

ב איך וויל דיך דערהייבן, גאָט, וואָרן דו האָסט מיך אַרופגעצויגן,
און דו האָסט מיינע פיינט נישט געלאָזט פרייען זיך איבער מיר.

ג גאָט, מיין גאָט,
איך האָב אופגעשריגן צו דיר, און דו האָסט מיך געהיילט.

ד גאָט, דו האָסט אַרופגעבראַכט מיין נֶפש פון דער נידערוועלט,
דו האָסט מיך באַלעבט, איך זאָל נישט אַראָפּנידערן אין גרוב.

ה טוט לויבשפּילן צו גאָט, איר פרומע זיינע,
און טוט דאַנקלויבן ביי דעם געדעכעניש פון זיין הייליקייט!

ו וואָרן אַ רֶגע – אין זיין צאָרן,
אַ לעבן – אין זיין באַווייליקונג.
אין אָוונט מעג קומען נעכטיקן געוויין,
און צו מאָרגנס איז יובל!

ז און איך, איך האָב געזאָגט אין מיין צופרידנקייט:
„איך וועל נישט וואַנקען, אַף אייביק!"
ח גאָט, אין דיין באַוויליקונג האָסטו אופגעשטעלט אַ מאַכט פאַר מיין באַרג, –
האָסטו פאַרבאָרגן דיין פּנים – בין איך געוואָרן געפּלעפּט.
ט צו דיר, גאָט, האָב איך גערופן,
יאָ, צו גאָט האָב איך געבעטן:
י „וואָסער געווין איז אין מיין בלוט, ביי מיין אַראָפּנידערן אין גרוב?
צי קאָן דיר דאַנקלויבן דער שטויב?
צי קאָן ער פאַרקינדיקן דיין אֶמת?
יא דערהער, גאָט, און לייטזעליק מיך!
גאָט, דו זיי מיר אַ העלפער!"

יב דו האָסט פאַרקערט מיין קלאָג אַף טאַנץ פאַר מיר,
דו האָסט געעפנט מיין זאַקקלייד,
און דו האָסט מיר אָנגעגורט פרייד,
יג כּדי עס זאָל דיר לויבשפּילן די הערלעכקייט, און זאָל נישט ווערן שטיל:
גאָט, מיין גאָט, אַף אייביק וועל איך דיר דאַנקלויבן.

לא לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. בְּךָ־יְהוָֹה חָסִיתִי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
אַ מִזמור פון דָודן.

ב אין דיר, גאָט, האָב איך מיך באַשירעמט,
לאָמיך נישט ווערן פאַרשעמט אַף אייביק!
אין דיין גערעכטיקייט לאָז מיך אַנטרינען!
ג נייג צו צו מיר דיין אויער, גיכער זיי מיך מַציל,
דו זיי פאַר מיר אַ פעלזנשטיין פון אַ שוצפעסטונג,
פאַר אַ הויז פון פעסטונגען, מיר פאַר אַ ישועה.
ד פאַרוואָר, מיין פעלז און מיין פעסטונג ביסטו,

וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ׃ כִּי רֶגַע ׀ בְּאַפּוֹ חַיִּים בִּרְצוֹנוֹ בָּעֶרֶב
יָלִין בֶּכִי וְלַבֹּקֶר רִנָּה׃ וַאֲנִי אָמַרְתִּי בְשַׁלְוִי בַּל־אֶמּוֹט
לְעוֹלָם׃ יְהוָה בִּרְצוֹנְךָ הֶעֱמַדְתָּה לְהַרְרִי עֹז הִסְתַּרְתָּ
פָנֶיךָ הָיִיתִי נִבְהָל׃ אֵלֶיךָ יְהוָה אֶקְרָא וְאֶל־יְהוָה
י אֶתְחַנָּן׃ מַה־בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל־שָׁחַת הֲיוֹדְךָ עָפָר
הֲיַגִּיד אֲמִתֶּךָ׃ שְׁמַע־יְהוָה וְחָנֵּנִי יְהוָה הֱיֵה־עֹזֵר לִי׃
הָפַכְתָּ מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי פִּתַּחְתָּ שַׂקִּי וַתְּאַזְּרֵנִי שִׂמְחָה׃
לְמַעַן ׀ יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם יְהוָה אֱלֹהַי לְעוֹלָם
אוֹדֶךָּ׃ לא לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ בְּךָ־יְהוָה לא
חָסִיתִי אַל־אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם בְּצִדְקָתְךָ פַלְּטֵנִי׃ הַטֵּה
אֵלַי ׀ אָזְנְךָ מְהֵרָה הַצִּילֵנִי הֱיֵה לִי ׀ לְצוּר מָעוֹז ׀ לְבֵית
מְצוּדוֹת לְהוֹשִׁיעֵנִי׃ כִּי־סַלְעִי וּמְצוּדָתִי אָתָּה וּלְמַעַן שִׁמְךָ
ה תַּנְחֵנִי וּתְנַהֲלֵנִי׃ תּוֹצִיאֵנִי מֵרֶשֶׁת זוּ טָמְנוּ לִי כִּי אַתָּה
מָעוּזִּי׃ בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי פָּדִיתָה אוֹתִי יְהוָה אֵל אֱמֶת׃
שָׂנֵאתִי הַשֹּׁמְרִים הַבְלֵי־שָׁוְא וַאֲנִי אֶל־יְהוָה בָּטָחְתִּי׃
אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה בְּחַסְדֶּךָ אֲשֶׁר רָאִיתָ אֶת־עָנְיִי יָדַעְתָּ
בְּצָרוֹת נַפְשִׁי׃ וְלֹא הִסְגַּרְתַּנִי בְּיַד־אוֹיֵב הֶעֱמַדְתָּ בַמֶּרְחָב

און פון דיין נאָמען וועגן וועסטו מיך לײַטן און מיך פירן,

ה דו וועסט מיך אַרויסציען פון דער נעץ, וואָס זיי האָבן פאַרשטעקט פאַר מיר,
פאַרוואָר, דו ביסט מיין שוצפעסטונג.

ו אין דיין האַנט טרוי איך אָן מיין גייַסט:
דו האָסט מיך אויסגעלייזט, גאָט, דו גאָט פון אֶמת.

ז איך האָב פיינט די, וואָס היטן־אויף פאַלשע נישטיקייטן,
און איך, אַף גאָט טו איך מיך פאַרזיכערן.

ח איך וויל זיין לוסטיק און וויל מיך פרייען אין דיין חֶסד,
וואָס דו האָסט דערזען מיין פיין,
דו האָסט דערקענט די צָרות פון מיין נֶפש,

ט און דו האָסט מיך נישט פאַרשלאָסן אין דער האַנט פון דעם פיינט,
דו האָסט געשטעלט אין גערוימיקייט מיינע פיס.

י לײַטזעליק מיך, גאָט, וואָרן איך בין באַדרענגט!

מאַט אין פֿאַרדראָס איז געוואָרן מיין אויג,
מיין נֶפש און מיין לײַב.
יא וואָרן אין קומער איז געוואָרן פֿאַרלענדט מיין לעבן,
און מיינע יאָרן – אין זיפצן,
אין מיין שולד איז געוואָרן געשטרויכלט מיין כּוח,
און מיינע ביינער זענען געוואָרן מאַט.
יב דורך אַלע מיינע באַדרענגער בין איך געוואָרן אַ חֶרפּה,
יאָ, פֿאַר מיינע שכֵנים גאָר זייער,
און אַ פּחד פֿאַר מיינע באַקענטע,
די, וואָס זעען מיך אין דרויסן, –
זיי וואָגלען אַוועק פֿון מיר.
יג איך בין געוואָרן פֿאַרגעסן ווי אַ טויטער אויסן האַרץ,
ווי אַ פֿאַרלוירענע כֵּלי בין איך געוואָרן.

יד יאָ, איך האָב געהערט דאָס פּלוידערן פֿון אַ סך,
אַן אַנגסטן רונדאַרום,
ווען זיי האָבן זיך געסודעט אינאײנעם קעגן מיר:
צו נעמען מיין נֶפש האָבן זיי אויסגעפּלאַנט.

טו און איך, אַף דיר האָב איך מיך פֿאַרזיכערט, ג אָ ט,
איך האָב געזאָגט: מיין גאָט ביסטו!
טז ביי דיר אין האַנט זענען מיינע שָעהן,
זײַ מיך מַציל פֿון דער האַנט פֿון מיינע פֿיינט און פֿון מיינע נאָכיאָגער!
יז לאָז לײַכטן דיין פּנים אַף דיין קנעכט,
באַפֿרײַ מיך אין דיין חֶסד!
יח ג אָ ט, לאָמיך נישט ווערן פֿאַרשעמט, וואָרן דיך האָב איך גערופֿן!
פֿאַרשעמט ווערן זאָלן די רשָעים, זיי זאָלן ווערן פֿאַרשטילט
צו דער נידערוועלט!
יט פֿאַרשטומט ווערן זאָלן די ליפּן פֿון שֶקר,
די, וואָס רעדן קעגן גערעכטן האַרב, מיט גאַווה און פֿאַראַכטונג.

י רַגְלָי : חָנֵּנִי יְהֹוָה כִּי צַר־לִי עָשְׁשָׁה בְכַעַס עֵינִי נַפְשִׁי
וּבִטְנִי : כִּי כָלוּ בְיָגוֹן חַיַּי וּשְׁנוֹתַי בַּאֲנָחָה כָּשַׁל בַּעֲוֺנִי
כֹחִי וַעֲצָמַי עָשֵׁשׁוּ : מִכָּל־צֹרְרַי הָיִיתִי חֶרְפָּה וְלִשְׁכֵנַי ׀
מְאֹד וּפַחַד לִמְיֻדָּעָי רֹאַי בַּחוּץ נָדְדוּ מִמֶּנִּי : נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת
מִלֵּב הָיִיתִי כִּכְלִי אֹבֵד : כִּי שָׁמַעְתִּי ׀ דִּבַּת רַבִּים מָגוֹר
טו מִסָּבִיב בְּהִוָּסְדָם יַחַד עָלַי לָקַחַת נַפְשִׁי זָמָמוּ : וַאֲנִי ׀ עָלֶיךָ
בָטַחְתִּי יְהֹוָה אָמַרְתִּי אֱלֹהַי אָתָּה : בְּיָדְךָ עִתֹּתָי הַצִּילֵנִי
מִיַּד־אוֹיְבַי וּמֵרֹדְפָי : הָאִירָה פָנֶיךָ עַל־עַבְדֶּךָ הוֹשִׁיעֵנִי
בְחַסְדֶּךָ : יְהֹוָה אַל־אֵבוֹשָׁה כִּי קְרָאתִיךָ יֵבֹשׁוּ רְשָׁעִים
יִדְּמוּ לִשְׁאוֹל : תֵּאָלַמְנָה שִׂפְתֵי־שָׁקֶר הַדֹּבְרוֹת עַל־צַדִּיק
כ עָתָק בְּגַאֲוָה וָבוּז : מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר־צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ פָּעַלְתָּ
לַחֹסִים בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם : תַּסְתִּירֵם ׀ בְּסֵתֶר פָּנֶיךָ
מֵרֻכְסֵי אִישׁ תִּצְפְּנֵם בְּסֻכָּה מֵרִיב לְשֹׁנוֹת : בָּרוּךְ יְהֹוָה
כִּי הִפְלִיא חַסְדּוֹ לִי בְּעִיר מָצוֹר : וַאֲנִי ׀ אָמַרְתִּי בְחָפְזִי
נִגְרַזְתִּי מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ אָכֵן שָׁמַעְתָּ קוֹל תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי אֵלֶיךָ :

כ ווי פילפאַך איז דיין גוטסקייט, וואָס דו האָסט באַהאַלטן
פאַר דיינע פאַרכטיקע,
דו האָסט געווערקט פאַר די, וואָס באַשירעמען זיך אין דיר,
אַנטקעגן די מענטשנקינדער!

כא דו זאָלסט זיי פאַרבאָרגן אין דער פאַרבאָרגעניש פון דיין פּנים
פונוועגן די פאַרשווערונגען פון לײַט,
דו זאָלסט זיי באַהאַלטן אין אַן אָפּדאַך פון פאַר דעם געצאַנק פון צונגען.—

כב געבענטשט איז ג אָ ט,
וואָס ער האָט מיר וואונדערלעך באַוויזן זיין חֶסד
אין אַן אַרומגעשאַנצטער שטאָט!

כג און איך, איך האָב געזאָגט אין מיין האַסטיקייט:
„איך בין אָפּגעשניטן פון קעגן דיינע אויגן!"
דאָך דו האָסט דערהערט דאָס קול פון מיינע געבעטן,
ווען איך האָב אופגעשריגן צו דיר.

כד האָט ליב ג אָ ט, איר אַלע זיינע פרומע!

די געטרייע טוט גאָט באַוואָרענען,
און ער באַצאָלט לויט דער איבערמאָס דעם, וואָס האַנדלט גאַווהדיק.
כה זייט פעסט, און זאָל זיין שטאַרק אייער האַרץ,
איר אַלע, וואָס טוט האַרן אַף גאָט!

לב לְדָוִד, מַשְׂכִּיל. אַשְׁרֵי נְשׂוּי־פֶּשַׁע

א פון דָודן, אַ באַקלערונג.

וואויל איז דעם, וועמעס אָפּטריניקייט ווערט פאַרטראָגן,
פאַרזינדיקונג – צוגעדעקט!
ב וואויל איז דעם מענטש,
וואָס גאָט רעכנט אים נישט צו קיין שולדיקייט,
און אין זיין גייַסט איז נישטאָ קיין באַטרוג!

ג אַז איך האָב געוואָלט פאַרשווייַגן – זענען געוואָרן צעמערשט מיינע ביינער
פון מיין האַילן דעם גאַנצן טאָג.
ד וואָרן טאָג און נאַכט האָט געלאַסט אַף מיר דיין האַנט,
מיין זאַפט איז געוואָרן פאַרקערט
אין זומער־טריקענישן. סֶלָה!

ה מיין זינד האָב איך דיך געלאָזט קענען,
און מיין שולד האָב איך נישט צוגעדעקט,
איך האָב געזאָגט: „איך וויל מיך מוֹדה זיין אַף מיינע
אָפּטריניקייטן פאַר גאָט!" –
און דו, דו האָסט פאַרטראָגן די שולד פון מיין זינד. סֶלָה!

ו איבערדעם לאָז איטלעכער פרומער מִתְפַּלֵל זיין צו דיר
אין דער שָעה פון געפינונג!

אֶֽהֱבוּ אֶת־יְהֹוָה כָּל־חֲסִידָיו אֱמוּנִים נֹצֵר יְהֹוָה וּמְשַׁלֵּם עַל־
כה יֶתֶר עֹשֵׂה גַאֲוָה׃ חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל־הַמְיַחֲלִים
לב לַיהֹוָה׃ לב לְדָוִד מַשְׂכִּיל אַשְׁרֵי נְשׂוּי־פֶּשַׁע כְּסוּי
חֲטָאָה׃ אַשְׁרֵי־אָדָם לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן וְאֵין בְּרוּחוֹ
רְמִיָּה׃ כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם׃ כִּי ׀
יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ
ה סֶלָה׃ חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי אָמַרְתִּי אוֹדֶה
עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה וְאַתָּה ׀ נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה׃ עַל־
זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד ׀ אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם
רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ׃ אַתָּה ׀ סֵתֶר לִי מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי
פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה׃ אַשְׂכִּילְךָ ׀ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ־זוּ תֵלֵךְ
אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי׃ אַל־תִּהְיוּ ׀ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין

אַוודאי, ביי דעם פאַרפֿלייצן פֿון וואַסערן אַ סך –
צו אים וועלן זיי נישט דערגרייכן.

ז דו ביסט פֿאַר מיר אַ פֿאַרבאָרגעניש,
פֿון דער באַדרענגונג וועסטו מיך באַוואָרענען,
מיט יובֿלונגען פֿון אַנטרינונג
וועסטו מיך אַרומרינגלען. סֶלָה!

ח „איך וויל דיך קלוגן, און וויל דיר צואווייזן אין דעם וועג,
וואָס אין אים זאָלסטו גיין,
איך וויל באַראָטן,
אַף דיר איז מיין אויג.
ט איר זאָלט נישט זיין ווי אַ פֿערד, ווי אַ מוילאייזל, אָן פֿאַרשטאַנד,
מיט צוים און ציגל איז זיין געשלידער, אַף צו צוימען,
אַנדערש גענעענט עס נישט צו דיר."

י אַ סך זענען די ווייטיקן פֿאַר דעם רָשע,
נאָר ווער סע פֿאַרזיכערט זיך אין גאָט,
דעם וועט אַרומרינגלען חֶסד.

יא פרייט אייך אין גאָט, און זייט לוסטיק, צדיקים,
און יובלט אַלע רעכטפאַרטיקע פון האַרץ!

לג רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיהוָֹה

א יובלט, צדיקים, איבער גאָט,
פאַר די רעכטפאַרטיקע איז לויבגעזאַנג שײַן.
ב טוט דאַנקלויבן צו גאָט מיט דער האַרף,
מיט דער צענסטרוניקער ציטער טוט לויבשפּילן צו אים.
ג זינגט צו אים אַ נײַ געזאַנג,
שפּילט טרעפלעך אויף ביים שאַלנרוף!

ד וואָרן רעכטפאַרטיק איז דאָס וואָרט פון גאָט,
און זיין גאַנצע טואונג איז אין געטרײַשאַפט.
ה ער האָט ליב גערעכטיקייט און רעכט,
גאָטס חֶסד האָט אָנגעפילט די ערד.

ו דורך דעם וואָרט פון גאָט זענען געמאַכט געוואָרן די הימלען,
און דורך דעם הויך פון זיין מויל – זייער גאַנצע הערשאַר.
ז ער זאַמלט צונויף ווי אַ שטויס די וואַסערן פון דעם יַם,
ער גיט אַריין די תּהומען אין די שאַצקאַמערן.

ח זאָל די גאַנצע ערד האָבן מורא פאַר גאָט,
פאַר אים זאָלן זיך פאָרכטן אַלע באַוואוינער פון דער וועלט.
ט וואָרן ער, ער האָט געזאָגט, און עס איז געוואָרן,
ער האָט געבאָטן, און עס איז געשטאַנען.

י גאָט צעשטערט דעם ראָט פון די וועלטשטאַמען,
ער פאַרנײַנט די מַחשָבות פון די פעלקער.

תהלים

י בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ׃ רַבִּים מַכְאוֹבִים י
לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ׃ שִׂמְחוּ בַיהוָה
לג וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃ לג רַנְּנוּ
צַדִּיקִים בַּיהוָה לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה׃ הוֹדוּ לַיהוָה בְּכִנּוֹר
בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ־לוֹ׃ שִׁירוּ־לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ נַגֵּן
בִּתְרוּעָה׃ כִּי־יָשָׁר דְּבַר־יְהוָה וְכָל־מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה׃
ה אֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט חֶסֶד יְהוָה מָלְאָה הָאָרֶץ׃ בִּדְבַר
יְהוָה שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל־צְבָאָם׃ כֹּנֵס כַּנֵּד מֵי
הַיָּם נֹתֵן בְּאוֹצָרוֹת תְּהוֹמוֹת׃ יִירְאוּ מֵיְהוָה כָּל־הָאָרֶץ
מִמֶּנּוּ יָגוּרוּ כָּל־יֹשְׁבֵי תֵבֵל׃ כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי הוּא צִוָּה
י וַיַּעֲמֹד׃ יְהוָה הֵפִיר עֲצַת־גּוֹיִם הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת עַמִּים׃
עֲצַת יְהוָה לְעוֹלָם תַּעֲמֹד מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר וָדֹר׃
אַשְׁרֵי הַגּוֹי אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהָיו הָעָם ׀ בָּחַר לְנַחֲלָה לוֹ׃
מִשָּׁמַיִם הִבִּיט יְהוָה רָאָה אֶת־כָּל־בְּנֵי הָאָדָם׃ מִמְּכוֹן־שִׁבְתּוֹ
טו הִשְׁגִּיחַ אֶל כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם הַמֵּבִין אֶל־

יא דער ראָט פון גאָט – אַף אייביק וועט ער באַשטיין,
די מַחשָבות פון זיין האַרץ – אַף דור־דורות.

יב וואויל איז דעם שטאַם, וואָס גאָט איז זיין גאָט,
דעם פאָלק, וואָס ער האָט אויסדערוויילט פאַר אַן אַרבטייל פאַר זיך!

יג גאָט קוקט פון דעם הימל אַראָפּ,
ער זעט אַלדי מענטשנקינדער,
יד פון דער פעסטיקייט פון זיין זיץ טוט ער לוגן
צו אַלע באַוואוינער פון דער ערד,
טו ער, וואָס פערעמט גלייך אינאיינעם זייער האַרץ,
וואָס פאַרשטייט זיך אַף אַלע זייערע מַעשים.

טז קיין מֶלך ווערט נישט באַפרייט דורך דער פילצאָליקייט פון חַיִל,
קיין גיבור ווערט נישט ניצול דורך דער פילפאַכקייט פון כוח,

יז שֶקר איז דאָס פערד פאַר דער ישועה,
און דורך דער פילפאַכקייט פון זיין קראַפט וועט עס נישט העלפן אַנטרינען.

יח זע, דאָס אויג פון גאָט איז אַף זיינע פאָרכטיקע,
אַף די, וואָס האָרן אַף זיין חֶסד,
יט מַציל צו זיין זייער נֶפש פון דעם טויט,
און זיי צו דערהאַלטן ביים לעבן אין הונגער.

כ אונזער נֶפש האָט געוואַרט אַף גאָט,
אונזער הילף און אונזער שילד איז ער.
כא פאַרוואָר, אין אים טוט זיך פרייען אונזער האַרץ,
וואָרן אין דעם נאָמען פון זיין הייליקונג האָבן מיר זיך פאַרזיכערט.

כב לאָז זיין דיין חֶסד, גאָט, איבער אונז,
אַזוי ווי מיר האָבן געהאַרט אַף דיר.

לד לְדָוִד, בְּשַׁנּוֹתוֹ אֶת־טַעְמוֹ לִפְנֵי אֲבִימֶלֶךְ

א פון דָודן,
ווען ער האָט פאַרענדערט זיין באַנעמונג פאַר אַבימֶלֶכן,
און דער האָט אים פאַרטריבן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

א ב איך וויל בענטשן גאָט אין יעדער שָעה,
זיין לויבגעזאַנג איז תָמיד אין מיין מויל.
ב ג אין גאָט וועט זיך רימען מיין נֶפש,
די קליינמוטיקע וועלן הערן און זיי וועלן זיך פרייען.
ג ד גרייסט גאָט מיט מיר,
און לאָמיר אינאיינעם דערהייבן זיין נאָמען!

ד ה איך האָב געפאָרשט גאָט, און ער האָט מיר געענטפערט,
און פון אַלע מיינע אַנגסטן האָט ער מיך מַציל געווען.
ה ו זיי האָבן געקוקט צו אים, און זיי האָבן אופגעלייכט,

כָּל־מַעֲשֵׂיהֶם׃ אֵין הַמֶּלֶךְ נוֹשָׁע בְּרָב־חָיִל גִּבּוֹר לֹא־יִנָּצֵל
בְּרָב־כֹּחַ׃ שֶׁקֶר הַסּוּס לִתְשׁוּעָה וּבְרֹב חֵילוֹ לֹא יְמַלֵּט׃
הִנֵּה עֵין יְהוָה אֶל־יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ׃ לְהַצִּיל
כ מִמָּוֶת נַפְשָׁם וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב׃ נַפְשֵׁנוּ חִכְּתָה לַיהוָה
עֶזְרֵנוּ וּמָגִנֵּנוּ הוּא׃ כִּי־בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ
בָטָחְנוּ׃ יְהִי־חַסְדְּךָ יְהוָה עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ׃
לד לְדָוִד בְּשַׁנּוֹתוֹ אֶת־טַעְמוֹ לִפְנֵי אֲבִימֶלֶךְ וַיְגָרְשֵׁהוּ
וַיֵּלַךְ׃ אֲבָרְכָה אֶת־יְהוָה בְּכָל־עֵת תָּמִיד תְּהִלָּתוֹ בְּפִי׃
בַּיהוָה תִּתְהַלֵּל נַפְשִׁי יִשְׁמְעוּ עֲנָוִים וְיִשְׂמָחוּ׃ גַּדְּלוּ לַיהוָה
ה אִתִּי וּנְרוֹמְמָה שְׁמוֹ יַחְדָּו׃ דָּרַשְׁתִּי אֶת־יְהוָה וְעָנָנִי וּמִכָּל־
מְגוּרוֹתַי הִצִּילָנִי׃ הִבִּיטוּ אֵלָיו וְנָהָרוּ וּפְנֵיהֶם אַל־יֶחְפָּרוּ׃
זֶה עָנִי קָרָא וַיהוָה שָׁמֵעַ וּמִכָּל־צָרוֹתָיו הוֹשִׁיעוֹ׃ חֹנֶה
מַלְאַךְ־יְהוָה סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם׃ טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי־טוֹב
י יְהוָה אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר יֶחֱסֶה־בּוֹ׃ יְראוּ אֶת־יְהוָה קְדֹשָׁיו כִּי־אֵין
מַחְסוֹר לִירֵאָיו׃ כְּפִירִים רָשׁוּ וְרָעֵבוּ וְדֹרְשֵׁי יְהוָה לֹא־
יַחְסְרוּ כָל־טוֹב׃ לְכוּ־בָנִים שִׁמְעוּ־לִי יִרְאַת יְהוָה אֲלַמֶּדְכֶם׃

ו און זייערע פּנימער וועלן זיך קיינמאָל נישט פאַררויטלען.
ז ז דאָ איז אַן אָרימאַן, וואָס האָט גערופן, און גאָט האָט דערהערט,
און פון אַלע זיינע צָרות האָט ער אים באַפרייט.
ח ח אַ מלאך פון גאָט טוט לאַגערן
רונדאַרום זיינע פאָרכטיקע,
און ער שנירט זיי אויף.

ט ט באַנעמט און זעט, אַז גאָט איז גוט, —
וואויל איז דעם מענטש, וואָס באַשירעמט זיך אין אים!
י י פאָרכט אייך פאַר גאָט, איר געהייליקטע זיינע,
וואָרן עס איז נישטאָ קיין מאַנגל פאַר זיינע פאָרכטיקע.
כ יא יונגע לייבן טוען דאַרבן און הונגערן,
און די, וואָס פאָרשטן גאָט, זיי וועט נישט מאַנגלען פון אַלדאָס גוטס.

ל יב קומט, זין, הערט אייך צו צו מיר,
גאָטספאָרכטיקייט וויל איך אייך לערנען:

מ יג ווער איז דער מענטש, וואָס באַגערט לעבן,
האָט ליב טעג, צו זען גוטס?
נ יד באַוואָרן דיין צונג פון שלעכטס,
און דיינע ליפּן פון רעדן באַטרוג!
ס טו קער אָפּ פון שלעכס, און טו גוטס,
זוך שָלום און יאָג נאָך אים!

ע טז די אויגן פון גאָט זענען אַף די צַדיקים,
און זיינע אויערן — צו זייער הילפגעשריי.
פּ יז דאָס פּנים פון גאָט איז קעגן די, וואָס טוען שלעכטס,
צו פאַרשניידן זייער געדעכעניש פון דער ערד.
צ יח זיי האָבן געשריגן, און גאָט האָט געהערט,
און פון אַלע זייערע צָרות האָט ער זיי מַציל געווען.
ק יט נאָענט איז גאָט צו די, וואָס האָבן אַ צעבראָכן האַרץ,
און די צעמערשטע אין גייַסט טוט ער באַפרייַען.

ר כ אַ סַך זענען די אומגליקן פון דעם צַדיק,
און פון זיי אַלע טוט אים מַציל זיין גאָט.
ש כא ער באַהיט אַלע זיינע ביינער,
קיין איינציקער פון זיי ווערט נישט צעבראָכן.
ת כב טייַטן דעם רָשע וועט דאָס שלעכטס,
און די שׂונאים פון דעם צַדיק וועלן ווערן באַשולדיקט.

כג גאָט לייַזט אויס דאָס נֶפש פון זיינע קנעכט,
און סע וועלן נישט ווערן באַשולדיקט די אַלע,
וואָס באַשירעמען זיך אין אים.

מִֽי־הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב : נְצֹר לְשׁוֹנְךָ
טו מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה : סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה־טוֹב בַּקֵּשׁ
שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ : עֵינֵי יְהוָה אֶל־צַדִּיקִים וְאָזְנָיו אֶל־שַׁוְעָתָם :
פְּנֵי יְהוָה בְּעֹשֵׂי רָע לְהַכְרִית מֵאֶרֶץ זִכְרָם : צָעֲקוּ וַיהוָה
שָׁמֵעַ וּמִכָּל־צָרוֹתָם הִצִּילָם : קָרוֹב יְהוָה לְנִשְׁבְּרֵי־לֵב וְאֶת־
כ דַּכְּאֵי־רוּחַ יוֹשִׁיעַ : רַבּוֹת רָעוֹת צַדִּיק וּמִכֻּלָּם יַצִּילֶנּוּ יְהוָה :
שֹׁמֵר כָּל־עַצְמוֹתָיו אַחַת מֵהֵנָּה לֹא נִשְׁבָּרָה : תְּמוֹתֵת רָשָׁע
רָעָה וְשֹׂנְאֵי צַדִּיק יֶאְשָׁמוּ : פּוֹדֶה יְהוָה נֶפֶשׁ עֲבָדָיו וְלֹא
לה יֶאְשְׁמוּ כָּל־הַחֹסִים בּוֹ : לה לְדָוִד ׀ רִיבָה יְהוָה
אֶת־יְרִיבַי לְחַם אֶת־לֹחֲמָי : הַחֲזֵק מָגֵן וְצִנָּה וְקוּמָה
בְּעֶזְרָתִי : וְהָרֵק חֲנִית וּסְגֹר לִקְרַאת רֹדְפָי אֱמֹר לְנַפְשִׁי
יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי : יֵבֹשׁוּ וְיִכָּלְמוּ מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי יִסֹּגוּ אָחוֹר
ה וְיַחְפְּרוּ חֹשְׁבֵי רָעָתִי : יִהְיוּ כְּמֹץ לִפְנֵי־רוּחַ וּמַלְאַךְ יְהוָה
דּוֹחֶה : יְהִי־דַרְכָּם חֹשֶׁךְ וַחֲלַקְלַקּוֹת וּמַלְאַךְ יְהוָה רֹדְפָם :

לה לְדָוִד. רִיבָה יְהוָה אֶת־יְרִיבַי

א פון דָודן.

באַקריג, גאָט, מיינע באַקריגער,
באַקעמף מיינע באַקעמפער!
ב גרייַף אָן שילד און שילדדאַך,
און שטיי אויף אין מיין הילף!
ג און צי אַרויס די שפּיז, און פאַרשפאַר קעגן מיינע נאָכיאָגער!
זאָג צו מיין נֶפש: „דיין ישועה בין איך!"
ד זיי זאָלן ווערן פאַרשעמט, און ווערן אַ שמאַך זאָלן די, וואָס זוכן מיין נֶפש,
זיי זאָלן וויַיכן אַהינטער, און ווערן רויט זאָלן די,
וואָס פאַרטראַכטן מיין אומגליק.
ה זיי זאָלן ווערן ווי שפּריי פאַר דעם ווינט,
און דער מַלאך פון גאָט — דער שטויסער!
ו זייער וועג זאָל ווערן פינסטערניש און גליטשיקייטן,
און דער מַלאך פון גאָט — זייער נאָכיאָגער!

תהלים

ז וואָרן אומזיסט האָבן זיי פאַרשטעקט פאַר מיר דעם גרוב – זייער נעץ,
אומזיסט האָבן זיי געשויפלט אַף מיין נֶפש.
ח זאָל קומען אַף אים אַ פאַרוויסטונג, אײדער ער ווייסט עס,
און זיין נעץ, וואָס ער האָט פאַרשטעקט, זאָל אים באַצווינגען,
אין דער פאַרוויסטונג – אין איר זאָל ער אַריינפאַלן!
ט און מיין נֶפש וועט זיין לוסטיק אין ג אָ ט,
וועט זיך אַנטציקן אין זיין ישועה.
י אַלע מיינע ביינער וועלן זאָגן: ג אָ ט, ווער איז אַזוי ווי דו,
וואָס איז מַציל דעם אָרימאַן פון דעם, וואָס איז שטאַרקער פון אים,
יאָ, דעם אָרימאַן און דעם נויטבאַדערפטיקן פון דעם, וואָס באַגאַזלט אים?

יא סע שטייען אוף רויבערישע עֵדות,
פון וואָס איך ווייס נישט – טוען זיי מיך פרעגן.
יב זיי באַצאָלן מיר אַ רָעה פאַר אַ טובה, –
עס איז אַ פאַרוואַרפונג פאַר מיין נֶפש.
יג און איך, אַז זיי זענען געוואָרן קראַנק, איז מיין מַלבוש געווען אַ זאַק,
איך האָב געפּײניקט מיט פאַסטן מיין נֶפש, –
און מיין תּפילה – מיר אין בוזעם זאָל זיך דאָס אומקערן! –
יד ווי דאָס וואָלט געווען אַ פריינט, ווי מיינער אַ ברודער – בין איך
אַרומגעגאַנגען,
ווי אַן אָבל נאָך אַ מוטער, אַ פינסטערער, בין איך געווען געבויגן.
טו דאָך ביי מיין אויסגליטשן זיך – פרייען זיי זיך, און זיי פאַרזאַמלען זיך,
זיי פאַרזאַמלען זיך אַף מיר, שלאָגגיריקע, און וועמען איך דערקען נישט,
זיי רײַסן, און הערן נישט אוף,
טז מיט חניפה שפּעטערײַען פון פלאַפּלער –
קריצן אַף מיר זייערע ציין.

יז ג אָ ט, ווי לאַנג וועסטו צוזען?
לאָז אומקערן זיך מיין נֶפש פון זייערע פאַרוויסטונגען,
פון די יונגע לײַבן – מיין אײַנציקע.

כִּי־חִנָּם טָמְנוּ־לִי שַׁחַת רִשְׁתָּם חִנָּם חָפְרוּ לְנַפְשִׁי׃
תְּבוֹאֵהוּ שׁוֹאָה לֹא יֵדָע וְרִשְׁתּוֹ אֲשֶׁר־טָמַן תִּלְכְּדוֹ בְּשׁוֹאָה
י יִפָּל־בָּהּ׃ וְנַפְשִׁי תָּגִיל בַּיהוָה תָּשִׂישׂ בִּישׁוּעָתוֹ׃ כָּל
עַצְמוֹתַי ׀ תֹּאמַרְנָה יְהוָה מִי כָמוֹךָ מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ
וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגֹּזְלוֹ׃ יְקוּמוּן עֵדֵי חָמָס אֲשֶׁר לֹא־יָדַעְתִּי
יִשְׁאָלוּנִי׃ יְשַׁלְּמוּנִי רָעָה תַּחַת טוֹבָה שְׁכוֹל לְנַפְשִׁי׃
וַאֲנִי ׀ בַּחֲלוֹתָם לְבוּשִׁי שָׂק עִנֵּיתִי בַצּוֹם נַפְשִׁי וּתְפִלָּתִי עַל־
חֵיקִי תָשׁוּב׃ כְּרֵעַ כְּאָח לִי הִתְהַלָּכְתִּי כַּאֲבֶל־אֵם קֹדֵר
טו שַׁחוֹתִי׃ וּבְצַלְעִי שָׂמְחוּ וְנֶאֱסָפוּ נֶאֶסְפוּ עָלַי נֵכִים וְלֹא
יָדַעְתִּי קָרְעוּ וְלֹא־דָמּוּ׃ בְּחַנְפֵי לַעֲגֵי מָעוֹג חָרֹק עָלַי
שִׁנֵּימוֹ׃ אֲדֹנָי כַּמָּה תִּרְאֶה הָשִׁיבָה נַפְשִׁי מִשֹּׁאֵיהֶם
מִכְּפִירִים יְחִידָתִי׃ אוֹדְךָ בְּקָהָל רָב בְּעַם עָצוּם אֲהַלְלֶךָּ׃
כ אַל־יִשְׂמְחוּ־לִי אֹיְבַי שֶׁקֶר שֹׂנְאַי חִנָּם יִקְרְצוּ־עָיִן׃ כִּי לֹא
שָׁלוֹם יְדַבֵּרוּ וְעַל רִגְעֵי־אֶרֶץ דִּבְרֵי מִרְמוֹת יַחֲשֹׁבוּן׃
וַיַּרְחִיבוּ עָלַי פִּיהֶם אָמְרוּ הֶאָח ׀ הֶאָח רָאֲתָה עֵינֵנוּ׃
רָאִיתָה יְהוָה אַל־תֶּחֱרַשׁ אֲדֹנָי אַל־תִּרְחַק מִמֶּנִּי׃ הָעִירָה
וְהָקִיצָה לְמִשְׁפָּטִי אֱלֹהַי וַאדֹנָי לְרִיבִי׃ שָׁפְטֵנִי כְצִדְקְךָ

לה׳ י׳ קמץ רחב   יט׳ סגול באתנח   כ׳ סגול באתנח
כב פתח באתנח

יח איך וויל דיר דאַנקלויבן צווישן גרויס קָהל,
צווישן פילצאָליקן פאָלק וויל איך דיך רימען.
יט זאָלן זיך נישט פרייען איבער מיר די, וואָס זענען שֶקֶריש מיינע פיינט,
וואָס זענען אומזיסט מיינע שׂונאים – ווינקען מיט דעם אויג!
כ וואָרן נישט פון קיין שָלום רעדן זיי,
און אַף די געלאַסענע פון לאַנד
טראַכטן זיי אויס באַטריגערישע רייד.
כא און זיי האָבן צעפראַלט אַף מיר זייער מויל,
זיי האָבן געזאָגט: „אַהאַ! אַהאַ!
אונזער אויג האָט געזען!"
כב געזען האָסטו, גאָט, דו זאָלסט נישט פאַרשווייַגן!
גאָט, דו זאָלסט דיך נישט דערווייַטערן פון מיר!
כג וואַך אוף און כאַפּ דיך אוף צו מיין מִשפּט,
מיין גאָט און האַר – צו מיין קריג!

כד מִשפּט מיך נאָך דיין גערעכטיקייט נאָך, ג אָ ט , מיין גאָט!
און זאָלן זיי זיך נישט פרייען איבער מיר!
כה זאָלן זיי נישט זאָגן אין זייער האַרץ: „אַהאַ! אונזער זעל־באַגער!"
זאָלן זיי נישט זאָגן: „מיר האָבן אים פאַרשלונגען!"
כו זיי זאָלן ווערן פאַרשעמט, און ווערן רויט אינאיינעם זאָלן די,
וואָס פרייען זיך אַף מיין אומגליק,
זאָלן ווערן באַקליידט אין בושה און שמאַך
די, וואָס גרייַסן זיך איבער מיר!
כז יובלען און פרייען זיך וועלן די, וואָס וואוילבאַגערן פאַר מיר גערעכטיקייט,
און זיי וועלן תָמיד זאָגן: „געגרייַסט זאָל זיין ג אָ ט ,
וואָס וואוילבאַגערט דעם שָלום פון זיין קנעכט!"
כח און מיין צונג וועט אויסקלינגען דיין גערעכטיקייט,
דעם גאַנצן טאָג – דיין לויבגעזאַנג!

לו לַמְנַצֵּחַ, לְעֶבֶד־יְהוָה לְדָוִד. נְאֻם־פֶּשַׁע לָרָשָׁע

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
פון דעם קנעכט פון ג אָ ט , פון דָודן.

ב אַן אויסשפּראַך פון דער אָפּטריניקייט, פון דעם רָשע –:
„דרינען אין מיין האַרץ
איז נישטאָ קיין פַּחד פאַר גאָט!" – קעגן זיינע אויגן.
ג וואָרן ער האָט פאַר זיך גלאַט געמאַכט אין זיינע אויגן,
אַף צו געפינען זיין שולד, צו האַסן.
ד די רייד פון זיין מויל זענען אומרעכט און באַטרוג,
ער האָט פאַרמיטן צו באַקלערן, אַף צו טון גוטס.
ה אומרעכט טראַכט ער אַף זיין געלעגער,
ער טוט זיך שטעלן אַף דעם וועג, וואָס איז נישט גוט,
שלעכטס ווערט אים נישט נִמאָס.

כה יְהוָה אֱלֹהָי וְאַל־יִשְׂמְחוּ־לִי׃ אַל־יֹאמְרוּ בְלִבָּם הֶאָח
נַפְשֵׁנוּ אַל־יֹאמְרוּ בִּלַּעֲנוּהוּ׃ יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ ׀ יַחְדָּו שְׂמֵחֵי
רָעָתִי יִלְבְּשׁוּ־בֹשֶׁת וּכְלִמָּה הַמַּגְדִּילִים עָלָי׃ יָרֹנּוּ וְיִשְׂמְחוּ
חֲפֵצֵי צִדְקִי וְיֹאמְרוּ תָמִיד יִגְדַּל יְהוָה הֶחָפֵץ שְׁלוֹם עַבְדּוֹ׃
וּלְשׁוֹנִי תֶּהְגֶּה צִדְקֶךָ כָּל־הַיּוֹם תְּהִלָּתֶךָ׃

לו לַמְנַצֵּחַ לְעֶבֶד־יְהוָה לְדָוִד׃ נְאֻם־פֶּשַׁע לָרָשָׁע
בְּקֶרֶב לִבִּי אֵין פַּחַד אֱלֹהִים לְנֶגֶד עֵינָיו׃ כִּי־הֶחֱלִיק
אֵלָיו בְּעֵינָיו לִמְצֹא עֲוֹנוֹ לִשְׂנֹא׃ דִּבְרֵי־פִיו אָוֶן וּמִרְמָה
ה חָדַל לְהַשְׂכִּיל לְהֵיטִיב׃ אָוֶן ׀ יַחְשֹׁב עַל־מִשְׁכָּבוֹ יִתְיַצֵּב
עַל־דֶּרֶךְ לֹא־טוֹב רָע לֹא יִמְאָס׃ יְהוָה בְּהַשָּׁמַיִם
חַסְדֶּךָ אֱמוּנָתְךָ עַד־שְׁחָקִים׃ צִדְקָתְךָ ׀ כְּהַרְרֵי־אֵל
מִשְׁפָּטֶךָ תְּהוֹם רַבָּה אָדָם וּבְהֵמָה תוֹשִׁיעַ יְהוָה׃ מַה־
יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹהִים וּבְנֵי אָדָם בְּצֵל כְּנָפֶיךָ יֶחֱסָיוּן׃ יִרְוְיֻן
י מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ וְנַחַל עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם׃ כִּי עִמְּךָ מְקוֹר חַיִּים
בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה־אוֹר׃ מְשֹׁךְ חַסְדְּךָ לְיֹדְעֶיךָ וְצִדְקָתְךָ לְיִשְׁרֵי־

פד קמץ בלי אס״ף

ו גאָט, ביז אין דעם הימל איז דיין חֶסד,
דיין געטרײַשאַפט איז ביז אין די לופטהימלען.
ז דיין גערעכטיקייט – ווי די בערג פון גאָט,
דיינע מִשפָּטים – דער ריזיקער תּהום,
מענטש און פי מאַכסטו פרײַ, גאָט.
ח ווי קעסטלעך איז דיין חֶסד, גאָט!
און די מענטשנקינדער –
אין שאָטן פון דיינע פליגל קענען זיי זיך באַשירעמען,
ט זיי טוען זיך לאָבן פון דער פעטקייט פון דיין הויז,
און פון דעם באַך פון דיינע פאַרגעניגנס טרינקסטו זיי אָן.
י וואָרן ביי דיר איז דער קוואַל פון לעבן,
אין דיין ליכטיקייט זעען מיר ליכט.

יא צו אויס דיין חֶסד צו די, וואָס קענען דיך,
און דיין גערעכטיקייט – צו די רעכטפאַרטיקע פון האַרץ!
יב לאָז נישט קומען אַף מיר דער פוס פון גאַווה,

און די האַנט פון רשָעים זאָל מיך נישט פאַרוואָגלען.
יג דאָרט, זיי זענען געפאַלן, די ווערקער פון אומרעכט,
זיי ווערן אומגעשטויסן, און זיי וועלן נישט קענען אופשטיין!

לז לְדָוִד. אַל־תִּתְחַר בַּמְרֵעִים

א פון דָודן.

א דו זאָלסט דיך נישט גרימען קעגן די בײַזווערקער,
דו זאָלסט דיך נישט מקַנא זיין אין די טוער פון אומרעכט.
ב וואָרן ווי גראָז וועלן זיי גיך פאַרפאַלבן,
און ווי דער גרינער קרײַטעך וועלן זיי פאַרוועלקן.

ב ג פאַרזיכער דיך אין גאָט, און טו גוטס,
באַוואוין דאָס לאַנד, און פיטער דיך אין פאַרטרויען.
ד און דו האָב תַּענוג אין גאָט,
און ער וועט דיר געבן די פאַרלאַנגען פון דיין האַרץ.

ג ה קײַקל אַרוף אַף גאָט דיין וועגלאַסט,
און פאַרזיכער דיך אַף אים, און ער וועט טון.
ו און ער וועט אַרויסציען, ווי דאָס ליכט, דיין גערעכטיקייט,
און דיין רעכט – ווי די מיטאָג־העלקייט.

ד ז וואַרט שטיל אַף גאָט און האַר אַף אים!
דו זאָלסט דיך נישט גרימען קעגן דעם, וואָס איז מַצליח אין זיין וועג,
קעגן דעם מענטש, וואָס מאַכט ליסטפלענער!

ה ח לאָז אָפּ פון צאָרן, און פאַרלאָז דעם גרימצאָרן,
דו זאָלסט דיך נישט גרימען – עס איז נייערט צום שלעכטן!

לֵב : אַל־תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה וְיַד רְשָׁעִים אַל־תְּנִדֵנִי :
לז שָׁם נָפְלוּ פֹּעֲלֵי אָוֶן דֹּחוּ וְלֹא־יָכְלוּ קוּם : לז לְדָוִד ׀
אַל־תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים אַל־תְּקַנֵּא בְּעֹשֵׂי עַוְלָה : כִּי כֶחָצִיר
מְהֵרָה יִמָּלוּ וּכְיֶרֶק דֶּשֶׁא יִבּוֹלוּן : בְּטַח בַּיהוָה וַעֲשֵׂה־
טוֹב שְׁכָן־אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה : וְהִתְעַנַּג עַל־יְהוָה וְיִתֶּן־
ה לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ : גּוֹל עַל־יְהוָה דַּרְכֶּךָ וּבְטַח עָלָיו
וְהוּא יַעֲשֶׂה : וְהוֹצִיא כָאוֹר צִדְקֶךָ וּמִשְׁפָּטֶךָ כַּצָּהֳרָיִם :
דּוֹם ׀ לַיהוָה וְהִתְחוֹלֵל לוֹ אַל־תִּתְחַר בְּמַצְלִיחַ דַּרְכּוֹ
בְּאִישׁ עֹשֶׂה מְזִמּוֹת : הֶרֶף מֵאַף וַעֲזֹב חֵמָה אַל־תִּתְחַר
אַךְ־לְהָרֵעַ : כִּי־מְרֵעִים יִכָּרֵתוּן וְקֹוֵי יְהוָה הֵמָּה יִירְשׁוּ־
י אָרֶץ : וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל־מְקוֹמוֹ
וְאֵינֶנּוּ : וַעֲנָוִים יִירְשׁוּ־אָרֶץ וְהִתְעַנְּגוּ עַל־רֹב שָׁלוֹם :
זֹמֵם רָשָׁע לַצַּדִּיק וְחֹרֵק עָלָיו שִׁנָּיו : אֲדֹנָי יִשְׂחַק־לוֹ כִּי־
רָאָה כִּי־יָבֹא יוֹמוֹ : חֶרֶב ׀ פָּתְחוּ רְשָׁעִים וְדָרְכוּ קַשְׁתָּם
טו לְהַפִּיל עָנִי וְאֶבְיוֹן לִטְבוֹחַ יִשְׁרֵי־דָרֶךְ : חַרְבָּם תָּבוֹא

ט ווארן די בייזווערקער וועלן ווערן פאַרשניטן,
און די, וואָס האָפן צו גאָט, זיי וועלן יַרשענען דאָס לאַנד.

ו י יאָ, נאָך אַביסל – און נישטאָ מער קיין רָשע,
אַז דו וועסט נאָכזינען וועגן זיין אָרט – ערשט, ער איז נישטאָ!
יא און די קליינמוטיקע וועלן יַרשענען דאָס לאַנד,
און זיי וועלן האָבן תַּענוג פונוועגן דער פולע פון שָלום.

ז יב טוט ליסטפלאַנען דער רָשע קעגן דעם צַדיק
און קריצן אַף אים זיינע ציין, –
יג גאָט לאַכט פון אים,
ווארן ער האָט געזען, אַז סע וועט קומען זיין טאָג.

ח יד האָבן די רשָעים געצויגן אַ שווערד און געטרעטן זייער בויגן,
צו מאַכן פאַלן דעם אָרימאַן און דעם נויטבאַדערפטיקן,
צו שלאַכטן די רעכטפאַרטיקע פון וועג, –

טו ווערט זייער שווערד קומען אין זייַער אייַגן האַרץ,
און זייערע בויגנס וועלן ווערן צעבראָכן.

ט טז בעסער איז דעם צַדיק דאָס ביסל,
איידער די מענגע - פון אַ סך רשָעים.
יז וואָרן די אָרעמס פון די רשָעים וועלן ווערן צעבראָכן,
און די צַדיקים טוט גאָט אונטערלענען.

י יח גאָט קען די טעג פון די, וואָס זענען גאַנץ,
און זייער נַחלה ווערט געווערן אַף אייביק.
יט זיי וועלן נישט ווערן פאַרשעמט אין דער שָעה פון בייז,
און אין די טעג פון הונגער וועלן זיי ווערן זאַט.

כ כ פאַרוואָר, די רשָעים וועלן ווערן פאַרלוירן,
און די פיינט פון גאָט - ווי די קעסטלעכקייט פון לאַנען
ווערן זיי פאַרלענדט אין רויך, זיי ווערן פאַרלענדט.

ל כא דער רָשע אַנטלייַט און וויל נישט באַצאָלן,
און דער צַדיק טוט לייַטזועליקן און געבן.
כב פאַרוואָר, זיינע געבענטשטע וועלן יַרשענען דאָס לאַנד,
און זיינע פאַרשאָלטענע וועלן ווערן פאַרשניטן.

מ כג פון גאָט זענען געפעסטיקט די טריט פון אַ מענטש,
און זיין וועג טוט ער וואוילבאַגערן.
כד אַז ער פאַלט, ווערט ער נישט בלייבן אויסגעצויגן,
וואָרן גאָט לענט אונטער זיין האַנט.

נ כה יונג בין איך געווען, איך בין אויך געוואָרן אַלט,
און איך האָב נישט געזען, אַ צַדיק זאָל ווערן פאַרוואָרלאָזט
און זיין זאָמען זאָל זוכן ברויט.

בְּלִבָּם וְקַשְּׁתוֹתָם תִּשָּׁבַרְנָה׃ טוֹב מְעַט לַצַּדִּיק מֵהֲמוֹן
רְשָׁעִים רַבִּים׃ כִּי ׀ זְרוֹעוֹת רְשָׁעִים תִּשָּׁבַרְנָה וְסוֹמֵךְ
צַדִּיקִים יְהוָה׃ יוֹדֵעַ יְהוָה יְמֵי תְמִימִם וְנַחֲלָתָם לְעוֹלָם
תִּהְיֶה׃ לֹא יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה וּבִימֵי רְעָבוֹן יִשְׂבָּעוּ׃
כ כִּי רְשָׁעִים ׀ יֹאבֵדוּ וְאֹיְבֵי יְהוָה כִּיקַר כָּרִים כָּלוּ בֶעָשָׁן
כָּלוּ׃ לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם וְצַדִּיק חוֹנֵן וְנוֹתֵן׃ כִּי
מְבֹרָכָיו יִירְשׁוּ אָרֶץ וּמְקֻלָּלָיו יִכָּרֵתוּ׃ מֵיְהוָה מִצְעֲדֵי־גֶבֶר
כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ׃ כִּי־יִפֹּל לֹא יוּטָל כִּי־יְהוָה סוֹמֵךְ
כה יָדוֹ׃ נַעַר הָיִיתִי גַּם־זָקַנְתִּי וְלֹא־רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב וְזַרְעוֹ
מְבַקֶּשׁ־לָחֶם׃ כָּל־הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה׃
סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה־טוֹב וּשְׁכֹן לְעוֹלָם׃ כִּי יְהוָה ׀ אֹהֵב
מִשְׁפָּט וְלֹא־יַעֲזֹב אֶת־חֲסִידָיו לְעוֹלָם נִשְׁמָרוּ וְזֶרַע רְשָׁעִים
ל נִכְרָת׃ צַדִּיקִים יִירְשׁוּ־אָרֶץ וְיִשְׁכְּנוּ לָעַד עָלֶיהָ׃ פִּי־
צַדִּיק יֶהְגֶּה חָכְמָה וּלְשׁוֹנוֹ תְּדַבֵּר מִשְׁפָּט׃ תּוֹרַת
אֱלֹהָיו בְּלִבּוֹ לֹא תִמְעַד אֲשֻׁרָיו׃ צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק

ל׳ טו׳ הש׳ בדגש

כו דעם גאַנצן טאָג טוט ער לײַטזעליקן און פאַרלײַען,
און זיין זאָמען איז צום בענטשן.

ס כז קער אָפּ פון שלעכטס, און טו גוטס,
און בלייב וואוינען אַף אייביק.
כח וואָרן גאָט האָט ליב רעכט,
און ער פאַרלאָזט נישט זיינע פרומע,
אַף אייביק ווערן זיי אָפּגעהיט,
און דער זאָמען פון די רשעים וועט ווערן פאַרשניטן.
כט די צדיקים וועלן ירשענען דאָס לאַנד,
און זיי וועלן וואוינען אַף דעם אַף אייביק.

פּ ל דאָס מויל פון דעם צדיק טוט אויסקלינגען חכמה,
און זיין צונג טוט רעדן רעכט.
לא די תורה פון זיין גאָט איז אין זיין האַרץ, —
סע טוען נישט וואַנקען זיינע טריט.

צ לב דער רָשע לוגט אויס אַף דעם צַדיק,
און ער זוכט אים צו טײַטן. —
לג גאָט וועט אים נישט איבערלאָזן אין זײַן האַנט,
און ער וועט אים נישט לאָזן ווערן שולדיק, אַז מע וועט אים מִשפּטן.

ק לד האָף צו גאָט, און היט אָפּ זײַן וועג,
און ער וועט דיך דערהײבן, צו יַרשענען דאָס לאַנד, —
ביים פאַרשניידן די רשָעים — וועסטו צוזען.

ר לה איך האָב געזען דעם רָשע געוואַלטיק,
און אויסשפרייטן זיך ווי אַן אַלטגעזעסענער, צווײַגהאַפט,
לו און איז מען פאַרבײַגעגאַנגען, ערשט, זע — ער איז נישטאָ,
יאָ, איך האָב אים געזוכט — און ער איז נישט געווען צו געפינען.

ש לז היט דעם תָמים, און זע דעם רעכטפאַרטיקן,
וואָרן דער סוף געהערט דעם מענטש פון שָלום.
לח און די אָפּטריניקע, זיי וועלן ווערן פאַרטיליקט אינאײנעם,
דער סוף פון די רשָעים וועט ווערן פאַרשניטן.

ת לט און די ישועה פון די צַדיקים איז פון גאָט,
זייער שוצפעסטונג אין דער שָעה פון באַדרענגונג.
מ און גאָט טוט זיי העלפן, און ער לאָזט זיי אַנטרינען,
ער לאָזט זיי אַנטרינען פון די רשָעים, און ער טוט זיי באַפרייען,
וואָרן זיי האָבן זיך באַשירעמט אין אים.

לח מִזמור לְדָוִד, לְהַזְכִּיר

א אַ מִזמור פון דָודן, פאַר אַ דערמאַנונג.

ב גאָט, נישט אין דײַן גרימען זאָלסטו מיך שטראָפן,

וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ׃ יְהוָה לֹא־יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ וְלֹא יַרְשִׁיעֶנּוּ
בְּהִשָּׁפְטוֹ׃ קַוֵּה אֶל־יְהוָה ׀ וּשְׁמֹר דַּרְכּוֹ וִירוֹמִמְךָ לָרֶשֶׁת
לה אָרֶץ בְּהִכָּרֵת רְשָׁעִים תִּרְאֶה׃ רָאִיתִי רָשָׁע עָרִיץ וּמִתְעָרֶה
כְּאֶזְרָח רַעֲנָן׃ וַיַּעֲבֹר וְהִנֵּה אֵינֶנּוּ וָאֲבַקְשֵׁהוּ וְלֹא נִמְצָא׃
שְׁמָר־תָּם וּרְאֵה יָשָׁר כִּי־אַחֲרִית לְאִישׁ שָׁלוֹם׃ וּפֹשְׁעִים
נִשְׁמְדוּ יַחְדָּו אַחֲרִית רְשָׁעִים נִכְרָתָה׃ וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים
מ מֵיְהוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה׃ וַיַּעְזְרֵם יְהוָה וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם
לח מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי־חָסוּ בוֹ׃ לח מִזְמוֹר לְדָוִד
לְהַזְכִּיר׃ יְהוָה אַל־בְּקֶצְפְּךָ תוֹכִיחֵנִי וּבַחֲמָתְךָ תְיַסְּרֵנִי׃
כִּי־חִצֶּיךָ נִחֲתוּ בִי וַתִּנְחַת עָלַי יָדֶךָ׃ אֵין־מְתֹם בִּבְשָׂרִי
ה מִפְּנֵי זַעְמֶךָ אֵין־שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי׃ כִּי עֲוֺנֹתַי
עָבְרוּ רֹאשִׁי כְּמַשָּׂא כָבֵד יִכְבְּדוּ מִמֶּנִּי׃ הִבְאִישׁוּ נָמַקּוּ
חַבּוּרֹתָי מִפְּנֵי אִוַּלְתִּי׃ נַעֲוֵיתִי שַׁחֹתִי עַד־מְאֹד כָּל־הַיּוֹם
קֹדֵר הִלָּכְתִּי׃ כִּי־כְסָלַי מָלְאוּ נִקְלֶה וְאֵין מְתֹם בִּבְשָׂרִי׃
י נְפוּגוֹתִי וְנִדְכֵּיתִי עַד־מְאֹד שָׁאַגְתִּי מִנַּהֲמַת לִבִּי׃ אֲדֹנָי

לז׳ לט׳ דגש אחר שורק

און אין דיין גרימצאָרן – מיך מוסרן!
ג וואָרן דיינע פֿײַלן האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין מיר,
און סע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף מיר דיין האַנט.
ד עס איז נישטאָ קיין גאַנצקייט אין מיין פֿלייש צוליב דיין צערענונג,
עס איז נישטאָ קיין פֿרידן אין מיינע ביינער צוליב מיין זינד.
ה וואָרן מיינע שולדיקייטן זענען איבערגעפֿאָרן איבער מיין קאָפּ,
ווי אַ משׂא, אַ שווערע, זענען זיי געוואָרן צו שווער פֿאַר מיר.
ו שטינקיק, אייטעריק זענען געוואָרן מיינע בײַלן
צוליב מיין נאַרישקייט.
ז איך בין געוואָרן צעקרימט, איך בין געבויגן זייער שטאַרק,
דעם גאַנצן טאָג גיי איך אום אַ פֿאַרפֿינסטערטער.
ח פֿאַרוואָר, מיינע היפֿטן זענען אָנגעפֿילט מיט ברענונג,
און עס איז נישטאָ קיין גאַנצקייט אין מיין פֿלייש.
ט איך בין געוואָרן פֿאַרשטאַרט און צעמערשט זייער שטאַרק,
איך האָב געשלוכצט פֿון דעם ברומען פֿון מיין האַרץ.
י גאָט, מיין גאַנץ גלוסטן איז דיר אַנטקעגן,

און מיין זיפצן איז נישט פֿאַרבאָרגן פֿון דיר.
יא מיין האַרץ פּאָכט, מיך האָט פֿאַרלאָזן מיין כּוח,
און דאָס ליכט פֿון מיינע אויגן – אויך זייערס איז נישט מער מיט מיר.
יב מיינע באַליבטע און מיינע פֿריינט – זיי שטייען אָן אַ זייט פֿון מיין פּלאָג,
און מיינע נאָענטע – פֿון דער ווייטנס האָבן זיי זיך געשטעלט.
יג און סע האָבן פֿאַרוואָרפֿן פֿאַנגשטריק די, וואָס זוכן מיין נֶפֶש,
און די, וואָס פֿאָרשטן נאָך מיין אומגליק, זיי רעדן פֿון פֿאַרדאַרבונגען,
און באַטריגערייַען מורמלען זיי דעם גאַנצן טאָג.
יד און איך, ווי אַ טויבער, איך הער נישט,
און ווי אַ שטומער, וואָס עפֿנט נישט זיין מויל.
טו יאָ, איך בין געוואָרן ווי אַ מענטש, וואָס הערט נישט,
און וואָס אין זיין מויל זענען נישטאָ קיין שטראָפֿרייד.

טז וואָרן אַף דיר, גאָט, טו איך האַרן,
דו, דו וועסט ענטפֿערן, גאָט, מיין גאָט!
יז וואָרן איך האָב געזאָגט: „טאָמער וועלן זיי זיך פֿרייען איבער מיר,
ביים וואַנקען פֿון מיין פֿוס – זיך גרייַסן איבער מיר!
יח וואָרן איך בין אָנגעברייט צום אויסגליטשן זיך,
און מיין ווייַטיק איז תָּמיד מיר אַנטקעגן.
יט וואָרן מיין שולד טו איך פֿאַרקינדיקן,
איך בין באַזאָרגט פֿונוועגן מיין זינד.
כ און מיינע פֿיינט לעבן, זיי זענען פֿילצאָליק,
און אַ סך זענען די, וואָס זענען שֶׁקריש מיינע שׂונאים.
כא און די, וואָס באַצאָלן אַ רָעה פֿאַר אַ טוֹבה,
זיי פֿאַרהאַסן מיך פֿאַר מיין נאָכיאָגן נאָך גוטס.
כב דו זאָלסט מיך נישט פֿאַרלאָזן, גאָט,
מיין גאָט, דו זאָלסט דיך נישט דערווייַטערן פֿון מיר.
כג איַיל דיך צו מיין הילף,
גאָט, מיין ישועה!

נֶגְדְּךָ כָל־תַּאֲוָתִי וְאַנְחָתִי מִמְּךָ לֹא־נִסְתָּרָה׃ לִבִּי סְחַרְחַר
עֲזָבַנִי כֹחִי וְאוֹר־עֵינַי גַּם־הֵם אֵין אִתִּי׃ אֹהֲבַי ׀ וְרֵעַי
מִנֶּגֶד נִגְעִי יַעֲמֹדוּ וּקְרוֹבַי מֵרָחֹק עָמָדוּ׃ וַיְנַקְשׁוּ ׀ מְבַקְשֵׁי
נַפְשִׁי וְדֹרְשֵׁי רָעָתִי דִּבְּרוּ הַוּוֹת וּמִרְמוֹת כָּל־הַיּוֹם יֶהְגּוּ׃
טו וַאֲנִי כְחֵרֵשׁ לֹא אֶשְׁמָע וּכְאִלֵּם לֹא יִפְתַּח־פִּיו׃ וָאֱהִי כְּאִישׁ
אֲשֶׁר לֹא־שֹׁמֵעַ וְאֵין בְּפִיו תּוֹכָחוֹת׃ כִּי־לְךָ יְהוָה הוֹחָלְתִּי
אַתָּה תַעֲנֶה אֲדֹנָי אֱלֹהָי׃ כִּי־אָמַרְתִּי פֶּן־יִשְׂמְחוּ־לִי בְּמוֹט
רַגְלִי עָלַי הִגְדִּילוּ׃ כִּי־אֲנִי לְצֶלַע נָכוֹן וּמַכְאוֹבִי נֶגְדִּי
כ תָמִיד׃ כִּי־עֲוֹנִי אַגִּיד אֶדְאַג מֵחַטָּאתִי׃ וְאֹיְבַי חַיִּים
עָצֵמוּ וְרַבּוּ שֹׂנְאַי שָׁקֶר׃ וּמְשַׁלְּמֵי רָעָה תַּחַת טוֹבָה
יִשְׂטְנוּנִי תַּחַת רָדְופִי טוֹב׃ אַל־תַּעַזְבֵנִי יְהוָה אֱלֹהַי אַל־
תִּרְחַק מִמֶּנִּי׃ חוּשָׁה לְעֶזְרָתִי אֲדֹנָי תְּשׁוּעָתִי׃
לט לַמְנַצֵּחַ לִידִיתוּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אָמַרְתִּי אֶשְׁמְרָה
דְרָכַי מֵחֲטוֹא בִלְשׁוֹנִי אֶשְׁמְרָה לְפִי מַחְסוֹם בְּעֹד רָשָׁע
לְנֶגְדִּי׃ נֶאֱלַמְתִּי דוּמִיָּה הֶחֱשֵׁיתִי מִטּוֹב וּכְאֵבִי נֶעְכָּר׃
חַם־לִבִּי ׀ בְּקִרְבִּי בַּהֲגִיגִי תִבְעַר־אֵשׁ דִּבַּרְתִּי בִּלְשׁוֹנִי׃

לח׳ כא׳ רדפי קרי   לט׳ א׳ לידותון קרי

לט לַמְנַצֵּחַ, לִידוּתוּן, מִזְמוֹר לְדָוִד. אָמַרְתִּי אֶשְׁמְרָה דְרָכַי מֵחֲטוֹא בִלְשׁוֹנִי

א פֿאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, פֿאַר ידותון,
אַ מִזמוֹר פֿון דָודן.

ב איך האָב געזאָגט: „איך וויל אָפּהיטן מיינע וועגן
פֿון צו זינדיקן מיט מיין צונג,
איך וויל פֿאַרהיטן מיין מויל מיט אַ צוימשלאָס,
כּל־זמן דער רָשע איז נאָך מיר אַנטקעגן.
ג איך בין געווען פֿאַרשטומט אין שטילשוויַיגן, איך האָב געשוויגן פֿון דעם גוטן,
דאָך מיין ווייַטיק איז געווען צערירט,
ד מיין האַרץ איז געוואָרן דערהיצט דרינען אין מיר,
אַ פֿייער האָט זיך צעברענט ביי מיין נאָכטראַכטן, —

תהלים

איך האָב גערעדט מיט מיין צונג:
ה גאָט, לאָז מיך קענען מיין סוף,
און די מאָס פון מיינע טעג — וואָס זי איז,
איך וויל וויסן ווי פאַרמיטן איך בין.
ו זע, אין האַנטברייטן האָסטו געגעבן מיינע טעג,
און מיין געוווערן איז ווי גאָרנישט ניט דיר אַנטקעגן,
נײַערט אינגאַנצן אַ נישטיקייט איז איטלעכער שטאַנדהאַפטיקער מענטש. סֶלָה!

ז נײַערט ווי אַ שאָטנבילד טוט אומגיין דער מענטש,
נײַערט אַ נישטיקייט איז זייער פּילדערן,
מע הויפּט אָן און מע ווייסט נישט — ווער סע וועט דאָס אײַנזאַמלען.

ח און אַצינד, אַף וואָס טו איך האָפן, גאָט? —
מיין האַרונג — צו דיר געהערט זי.
ט זײַ מיך מַציל פון אַלע מיינע אָפּטריניקייטן,
דו זאָלסט מיך נישט מאַכן די חֶרפּה פון דעם שענדלעכן!
י איך בין פאַרשטומט, איך טו נישט עפּענען מיין מויל,
וואָרן דו, דו האָסט עס געטון.
יא טו אָפּ פון מיר דיין פּלאָג,
איך, פון דעם אָנגריף פון דיין האַנט ווער איך פאַרלענדט!
יב מיט שטראָפונגען פאַר שולדיקייט טוסטו מוסרן דעם מענטש,
און דו לאָזסט צעקריכן זיין גלוסטיקייט ווי אַ מאָיל.
נײַערט אַ נישטיקייט איז איטלעכער מענטש. סֶלָה!

יג דערהער, גאָט, מיין תּפילה,
און פאַרנעם מיין הילפגעשריי,
צו מיין טרער זאָלסטו נישט בלייבן טויב!
וואָרן אַ גֵר בין איך ביי דיר,
אַ באַזעצטער ווי אַלע מיינע אָבֿות.

ה הוֹדִיעֵנִי ׀ יְהוָה ׀ קִצִּי וּמִדַּת יָמַי מַה־הִיא אֵדְעָה מֶה־חָדֵל
אָנִי׃ הִנֵּה טְפָחוֹת ׀ נָתַתָּה יָמַי וְחֶלְדִּי כְאַיִן נֶגְדֶּךָ אַךְ
כָּל־הֶבֶל כָּל־אָדָם נִצָּב סֶלָה׃ אַךְ־בְּצֶלֶם ׀ יִתְהַלֶּךְ־אִישׁ
אַךְ־הֶבֶל יֶהֱמָיוּן יִצְבֹּר וְלֹא־יֵדַע מִי־אֹסְפָם׃ וְעַתָּה מַה־
קִּוִּיתִי אֲדֹנָי תּוֹחַלְתִּי לְךָ הִיא׃ מִכָּל־פְּשָׁעַי הַצִּילֵנִי חֶרְפַּת
י נָבָל אַל־תְּשִׂימֵנִי׃ נֶאֱלַמְתִּי לֹא אֶפְתַּח־פִּי כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ׃
הָסֵר מֵעָלַי נִגְעֶךָ מִתִּגְרַת יָדְךָ אֲנִי כָלִיתִי׃ בְּתוֹכָחוֹת עַל־
עָוֺן ׀ יִסַּרְתָּ אִישׁ וַתֶּמֶס כָּעָשׁ חֲמוּדוֹ אַךְ הֶבֶל כָּל־אָדָם סֶלָה׃
שִׁמְעָה תְפִלָּתִי ׀ יְהוָה וְשַׁוְעָתִי ׀ הַאֲזִינָה אֶל־דִּמְעָתִי אַל־
תֶּחֱרַשׁ כִּי גֵר אָנֹכִי עִמָּךְ תּוֹשָׁב כְּכָל־אֲבוֹתָי׃ הָשַׁע מִמֶּנִּי
מ וְאַבְלִיגָה בְּטֶרֶם אֵלֵךְ וְאֵינֶנִּי׃ מ לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד
מִזְמוֹר׃ קַוֺּה קִוִּיתִי יְהוָה וַיֵּט אֵלַי וַיִּשְׁמַע שַׁוְעָתִי׃ וַיַּעֲלֵנִי ׀
מִבּוֹר שָׁאוֹן מִטִּיט הַיָּוֵן וַיָּקֶם עַל־סֶלַע רַגְלַי כּוֹנֵן אֲשֻׁרָי׃
וַיִּתֵּן בְּפִי ׀ שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּה לֵאלֹהֵינוּ יִרְאוּ רַבִּים וְיִירָאוּ

יד קלעב אָפּ פון מיר, און לאָמיך אופהײַטערן,
איידער איך גיי אַוועק און בין מער נישטאָ!

מ לַמְנַצֵּחַ, לְדָוִד מִזְמוֹר. קַוֺּה קִוִּיתִי יְהוָה

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
פון דָודן, אַ מִזמור.

ב האָפן דערהאָפט האָב איך גאָט,
און ער האָט זיך צוגענײַגט צו מיר, און האָט דערהערט מיין הילפגעשרײַ.
ג און ער האָט מיך אַרופגעבראַכט פון דעם ברויזיקן גרוב,
פון דעם שלאַמיקן ליים,
און ער האָט אַרופגעשטעלט אַף אַ פעלז מיינע פיס,
האָט באַפעסטיקט מיינע שריט.
ד און ער האָט אַרייַנגעגעבן אין מיין מויל אַ נײַ געזאַנג,
אַ לויבגעזאַנג צו אונזער גאָט,

אַ סַך װעלן זען און װעלן זיך פאָרכטן,
און זיי װעלן זיך פאַרזיכערן אין ג א ָט.

ה װאױל איז דעם מענטש, װאָס האָט געמאַכט ג אָ ט פאַר זיין זיכערקייט,
און ער האָט זיך נישט אָפּגעװענדט צו די ליאַרמער און די אָפּװיַיכער נאָך ליגן!

ו אַ סַך האָסטו געטון, דו ג אָ ט, מיין גאָט,
דיינע װאונדער און דיינע טראַכטונגען פון אונזערטװעגן
–נישטאָ קיין גלייַכונג צו דיר!–
װאָלט איך װעלן פאַרקינדיקן און װאָלט װעלן אױסרעדן–
זענען זיי פילצאָליקער פון אױסצודערציילן!

ז קיין שלאַכט־אָפּער און שפּייז־אָפּער האָסטו נישט באַגערט,
–אױערן האָסטו מיר איינגעגראָבן!–
קיין בראַנד־אָפּער און זינד־אָפּער האָסטו נישט פאַרלאַנגט.
ח דעמאָלט האָב איך געזאָגט: זע, איך בין געקומען...
–אין דער ראָל פון סֵפר שטייט געשריבן אַף מיר–:
ט צו טון דיין רָצון, מיין גאָט, האָב איך באַגערט,
יאָ, דיין לערנונג איז אין מיטן מיינע אינגעװייַדן.

י איך האָב מבַשֵר געװען גערעכטיקייט צװישן גרױס קָהל,
זע, מיינע ליפּן האָב איך נישט צוריקגעהאַלטן,–
דו, ג אָ ט, דו װייסט.
יא דיין גערעכטיקייט האָב איך נישט צוגעדעקט אין מיטן מיין האַרץ,
דיין געטרייַשאַפט און דיין ישועה האָב איך אָנגעזאָגט,
איך האָב נישט פאַרהוילן דיין חֶסד און דיין אֶמת פאַר גרױס קָהל.

יב דו, ג אָ ט, דו זאָלסט נישט צוריקהאַלטן דיינע דערבאַרעמדיקייטן פון מיר!
דיין חֶסד און דיין אֶמת װעלן מיך תָמיד באַװאָרענען!
יג װאָרן מיך האָבן אַרומגעכאַפּט אומגליקן גאָה אָן אַ צאָל,

ה וְיִבְטָחוּ בַּיהֹוָה׃ אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר־שָׂם יְהֹוָה מִבְטַחוֹ וְלֹא־
פָנָה אֶל־רְהָבִים וְשָׂטֵי כָזָב׃ רַבּוֹת עָשִׂיתָ ׀ אַתָּה יְהֹוָה ׀ אֱלֹהַי
נִפְלְאֹתֶיךָ וּמַחְשְׁבֹתֶיךָ אֵלֵינוּ אֵין ׀ עֲרֹךְ אֵלֶיךָ אַגִּידָה
וַאֲדַבֵּרָה עָצְמוּ מִסַּפֵּר׃ זֶבַח וּמִנְחָה ׀ לֹא חָפַצְתָּ אָזְנַיִם
כָּרִיתָ לִּי עוֹלָה וַחֲטָאָה לֹא שָׁאָלְתָּ׃ אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה־בָאתִי
בִּמְגִלַּת־סֵפֶר כָּתוּב עָלָי׃ לַעֲשׂוֹת־רְצוֹנְךָ אֱלֹהַי חָפָצְתִּי
י וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי׃ בִּשַּׂרְתִּי צֶדֶק ׀ בְּקָהָל רָב הִנֵּה שְׂפָתַי
לֹא אֶכְלָא יְהֹוָה אַתָּה יָדָעְתָּ׃ צִדְקָתְךָ לֹא־כִסִּיתִי ׀ בְּתוֹךְ
לִבִּי אֱמוּנָתְךָ וּתְשׁוּעָתְךָ אָמָרְתִּי לֹא־כִחַדְתִּי חַסְדְּךָ וַאֲמִתְּךָ
לְקָהָל רָב׃ אַתָּה יְהֹוָה לֹא־תִכְלָא רַחֲמֶיךָ מִמֶּנִּי חַסְדְּךָ
וַאֲמִתְּךָ תָּמִיד יִצְּרוּנִי׃ כִּי אָפְפוּ־עָלַי ׀ רָעוֹת עַד־אֵין
מִסְפָּר הִשִּׂיגוּנִי עֲוֺנֹתַי וְלֹא־יָכֹלְתִּי לִרְאוֹת עָצְמוּ מִשַּׂעֲרוֹת
רֹאשִׁי וְלִבִּי עֲזָבָנִי׃ רְצֵה יְהֹוָה לְהַצִּילֵנִי יְהֹוָה לְעֶזְרָתִי
טו חוּשָׁה׃ יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ ׀ יַחַד מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי לִסְפּוֹתָהּ
יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיִכָּלְמוּ חֲפֵצֵי רָעָתִי׃ יָשֹׁמּוּ עַל־עֵקֶב בָּשְׁתָּם

מיך האָבן דערגרייַכט מיינע שולדיקייטן, און איך קען נישט זען:
זיי זענען פילצאָליקער פון די האָר אַף מיין קאָפּ,—
און מיין האַרץ האָט מיך פאַרלאָזן.
יד באַווייליק, גאָט, מציל צו זיין מיך,
גאָט, צו מיין הילף טו דיך אייַלן!

טו זיי זאָלן ווערן פאַרשעמט, און ווערן רויט אינאיינעם
זאָלן די, וואָס זוכן מיין נפש, צו מאַכן אַ סוף פון דעם,
זיי זאָלן ווייַכן אַהינטער, און ווערן אַ שמאַך זאָלן די,
וואָס באַגערן אַף מיר אומגליק,
טז זאָלן ווערן געפּלעט איבער זייער פאַרשעמטקייט
די, וואָס זאָגן צו מיר: „אַהאַ! אַהאַ!"
יז זאָלן זיך אַנטציקן, און פרייען אין דיר זאָלן זיך אַלע, וואָס זוכן דיך,
זאָלן תּמיד זאָגן:—„געגרייַסט זאָל זיין גאָט!"—
די, וואָס האָבן ליב דיין ישועה.

יח און איך בין אָרים און נויטבאַדערפטיק,—

גאָט וועט טראַכטן וועגן מיר!
מיין הילף און מיין אַנטרינונג ביסטו:
מיין גאָט, דו זאָלסט דיך נישט פאַרזאַמען!

מא לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
אַ מִזמוֹר פוֹן דָודן.

ב וואויל איז דעם, וואָס קלערט וועגן גערדריקטן!
אין דעם טאָג פון שלעכטס וועט אים גאָט לאָזן אַנטרונען ווערן.
ג גאָט וועט אים באַהיטן און אים דערהאַלטן ביים לעבן,
און אים וועט זיין וואויל אַף דער ערד,
–און דו זאָלסט אים נישט איבערגעבן אין דעם באַראָט פון זיינע פייַנט!–
ד גאָט וועט אים אונטערלענען אַף דעם קראַנקנבעט,
–זיין גאַנץ געלעגער בעטסטו איבער ביי זיין קראַנק זיין.–

ה איך, איך האָב געזאָגט: „גאָט, לייַטזעליק מיך,
הייַל מיין נֶפש, וואָרן איך האָב געזינדיקט קעגן דיר!
ו מיינע פיינט זאָגן שלעכטס וועגן מיר:
‚ווען וועט ער שטאַרבן און זיין נאָמען גיין פאַרלוירן?'
ז און אַז איינער קומט, צו זען זיך, רעדט ער פאַלשקייט,
זיין האַרץ זאַמלט אָן פאַר זיך אומרעכט,
ער גייט אַרויס אַף דער גאַס–רעדט ער איבער.
ח אייַניק קעגן מיר פליסטערן זיך איבער אַלע מיינע שוֹנאִים,
קעגן מיר, זיי טראַכטן אויס שלעכטס וועגן מיר:
ט ‚אַ שאַלקהאַפטיקע זאַך איז אויסגעגאָסן אין אים,
און ווער סע האָט זיך געלייגט, וועט שוין מער נישט אופשטיין!'

הָאֹמְרִים לִי הֶאָח ׀ הֶאָח׃ יָשִׂישׂוּ ׀ וְיִשְׂמְחוּ ׀ בְּךָ כָּל־
מְבַקְשֶׁיךָ יֹאמְרוּ תָמִיד יִגְדַּל יְהוָה אֹהֲבֵי תְּשׁוּעָתֶךָ׃ וַאֲנִי ׀
עָנִי וְאֶבְיוֹן אֲדֹנָי יַחֲשָׁב־לִי עֶזְרָתִי וּמְפַלְטִי אַתָּה אֱלֹהַי אַל־
מא תְּאַחַר׃ מא לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אַשְׁרֵי
מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהוָה׃ יְהוָה ׀
יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ יְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ וְאַל־תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו׃
יְהוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל־עֶרֶשׂ דְּוָי כָּל־מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ׃
ה אֲנִי אָמַרְתִּי יְהוָה חָנֵּנִי רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי־חָטָאתִי לָךְ׃ אוֹיְבַי
יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ׃ וְאִם־בָּא לִרְאוֹת ׀
שָׁוְא יְדַבֵּר לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר׃ יַחַד עָלַי
יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי עָלַי ׀ יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי׃ דְּבַר־בְּלִיַּעַל
י יָצוּק בּוֹ וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם׃ גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי ׀
אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב׃ וְאַתָּה
יְהוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם׃ בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי
חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי׃ וַאֲנִי בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ בִּי
וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם׃ בָּרוּךְ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃

מ׳ יח׳ פתח באתנח מא׳ ג ואשר קרי ה׳ מלרע

י אַפילו דער מענטש פון מיין בונדפרידן, וואס איך האָב מיך פאַרזיכערט
אין אים, דער מיט־עסער פון מיין ברויט,
האָט געמאַכט גרויס דעם פערז־טראָט איבער מיר.

יא דאָך דו, גאָט, לײַטזעליק מיך און ריכט מיך אויף,
און לאָמיך זיי באַצאָלן!"

יב אין דעם האָב איך דערקענט, אַז דו האָסט באַגער אין מיר:
וואָרן מיין פיינט קאָן נישט שאַלן איבער מיר.
יג און מיך, אין מיין גאַנצקייט האָסטו מיך אונטערגעלענט,
און דו האָסט מיך אַנידערגעשטעלט פאַר דיין פּנים אַף אייביק.

יד געבענטשט איז גאָט, דער גאָט פון ישׂראל,
פון דער אייביקייט אָן און ביז דער אייביקייט!
אָמֵן און אָמֵן!

דאָס צווייטע ספר

מב לַמְנַצֵּחַ, מַשְׂכִּיל לִבְנֵי־קֹרַח. כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
אַ באַקלערונג פון די זין פון קורחן.

ב ווי אַ הינד שמאַכט ביי די בעטן פון וואַסער,
אַזוי טוט שמאַכטן מיין נֶפש צו דיר, גאָט.
ג מיין נֶפש דאַרשט צו גאָט, צו דעם לעבעדיקן גאָט:
ווען וועל איך קאָנען קומען
און מיך ווײַזן פאַר דעם פָּנים פון גאָט?

ד מיין טרער איז מיר געוואָרן ברויט טאָג און נאַכט,
ווען מע זאָגט צו מיר דעם גאַנצן טאָג: „וואו איז דיין גאָט?"

ה דאָס וויל איך דערמאַנען און וויל אויסגיסן אין מיין נֶפש:
ווי איך בין פאָראויסגעגאַנגען מיט דעם געזעמל,
איך האָב געשפּרײַזט מיט זיי צו דעם הויז פון גאָט
מיט אַ קול פון יובל און דאַנקלויב, אַ פײַערלעכע מענגע.

ו וואָס בײַגסטו דיך, מיין נֶפש, און ברומסט אין מיר?
דו האַר אַף גאָט! פאַרוואָר, איך וועל אים נאָך דאַנקלויבן
פאַר די ישועות פון זיין פָּנים.

ז מיין גאָט, אין מיר איז געבויגן מיין נֶפש,
דעריבער טו איך דיך דערמאַנען פון דעם לאַנד פון יַרדן
און די חֶרמונס, פון דעם באַרג מִצְעָר.

ספר שני

מב לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי־קֹרַח׃ כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־
אֲפִיקֵי־מָיִם כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים׃ צָמְאָה נַפְשִׁי ׀
לֵאלֹהִים לְאֵל חָי מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים׃ הָיְתָה־
לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל־הַיּוֹם אַיֵּה
ה אֱלֹהֶיךָ׃ אֵלֶּה אֶזְכְּרָה ׀ וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי ׀ נַפְשִׁי כִּי אֶעֱבֹר ׀
בַּסָּךְ אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג׃
מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד
אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו׃ אֱלֹהַי עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן
אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן וְחֶרְמוֹנִים מֵהַר מִצְעָר׃ תְּהוֹם־אֶל־
תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ כָּל־מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ׃
יוֹמָם ׀ יְצַוֶּה יְהוָה ׀ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל
י חַיָּי׃ אוֹמְרָה ׀ לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ
בְּלַחַץ אוֹיֵב׃ בְּרֶצַח ׀ בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם
אֵלַי כָּל־הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ׃ מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וּמַה־
תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי

ח תהום צו תהום טוט רופן ביים גערויש פון דיינע וואַסערפאַלן,
אַלע דיינע וואַלן און דיינע וועלן, איבער מיר זענען זיי איבערגעפאָרן.

ט בייטאָג האָט גאָט פירגעבאָטן זיין חֶסד,
און ביינאַכט איז מיט מיר זיין געזאַנג,
אַ תפילה צו דעם גאָט פון מיין לעבן.
י איך וויל זאָגן צו גאָט, מיין פעלז: פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרגעסן?
פאַרוואָס מוז איך אומגיין פינסטער אין דער באַקלעמונג פון דעם פיינט?
יא מיט רציחה מיר אין די ביינער לעסטערן מיך מיינע באַדרענגער
מיט זייער זאָגן צו מיר דעם גאַנצן טאָג: „וואו איז דיין גאָט?"

יב וואָס בייגסטו דיך, מיין נֶפש, און וואָס ברומסטו אין מיר?
דו האַר אַף גאָט! פאַרוואָר, איך וועל אים נאָך דאַנקלויבן,–
די ישועות פון מיין פָּנים און מיין גאָט.

מג שָׁפְטֵנִי אֱלֹהִים, וְרִיבָה רִיבִי

א מִשפּט מיך, גאָט, און קריג מײַן קריג!
פון דעם שטאַם, נישט קיין פרומען,
פון דעם מענטש פון באַטרוג און אומרעכט זאָלסטו מיך לאָזן אַנטרינען!

ב דו ביסט דאָך דער גאָט פון מײַן שוצפעסטונג, — פאַרוואָס
האָסטו מיך פאַרוואָרפן?
פאַרוואָס מוז איך אַרומגיין פינסטער אין דער באַקלעמונג פון דעם פײַנט?

ג שיק דײַן ליכט און דײַן אֶמת, — זאָלן זיי מיך פירן,
זאָלן זיי מיך ברענגען צו דעם באַרג פון דײַן הייליקטום,
און צו דײַנע וואוינונגען:
ד אַז איך זאָל קענען קומען צו דעם מִזבֵּחַ פון גאָט,
צו גאָט, דער פרייד פון מײַן לוסטיקייט,
און איך וועל דיר דאַנקלויבן אַף דער האַרף, גאָט, מײַן גאָט!

ה וואָס בייגסטו דיך, מײַן נֶפש, און וואָס ברומסטו אין מיר?
דו האַר אַף גאָט! פאַרוואָר, איך וועל אים נאָך דאַנקלויבן, —
די ישועות פון מײַן פָּנים און מײַן גאָט.

מד לַמְנַצֵּחַ, לִבְנֵי־קֹרַח, מַשְׂכִּיל. אֱלֹהִים, בְּאָזְנֵינוּ שָׁמַעְנוּ

א פאַר דעם געזאַנגמײַסטער,
פון די זין פון קוֹרחן, אַ באַקלערונג.

ב גאָט, מיט אונזערע אויערן האָבן מיר געהערט,
אונזערע אָבות האָבן אונז דערציילט:
אַ ווערק האָסטו געווערקט אין זייערע טעג, אין די טעג פון אַמאָל.

מג וֵאלֹהָֽי׃ מג שָׁפְטֵנִי אֱלֹהִים ׀ וְרִיבָה רִיבִי מִגּוֹי
לֹא־חָסִיד מֵאִישׁ מִרְמָה וְעַוְלָה תְפַלְּטֵנִי׃ כִּֽי־אַתָּה ׀ אֱלֹהֵי
מָעוּזִּי לָמָה זְנַחְתָּנִי לָמָּה־קֹדֵר אֶתְהַלֵּךְ בְּלַחַץ אוֹיֵב׃
שְׁלַח־אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל־הַר־קָדְשְׁךָ
וְאֶל־מִשְׁכְּנוֹתֶֽיךָ׃ וְאָבוֹאָה ׀ אֶל־מִזְבַּח אֱלֹהִים אֶל־אֵל
ה שִׂמְחַת גִּילִי וְאוֹדְךָ בְכִנּוֹר אֱלֹהִים אֱלֹהָֽי׃ מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀
נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת
מד פָּנַי וֵאלֹהָֽי׃ מד לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מַשְׂכִּֽיל׃
אֱלֹהִים ׀ בְּאָזְנֵינוּ שָׁמַעְנוּ אֲבוֹתֵינוּ סִפְּרוּ־לָנוּ פֹּעַל פָּעַלְתָּ
בִימֵיהֶם בִּימֵי קֶֽדֶם׃ אַתָּה ׀ יָדְךָ ׀ גּוֹיִם הוֹרַשְׁתָּ וַתִּטָּעֵם
תָּרַע לְאֻמִּים וַתְּשַׁלְּחֵֽם׃ כִּי ׀ לֹא בְחַרְבָּם יָרְשׁוּ־אָרֶץ
וּזְרוֹעָם לֹא־הוֹשִׁיעָה לָּמוֹ כִּֽי־יְמִינְךָ וּזְרוֹעֲךָ וְאוֹר פָּנֶיךָ כִּי
ה רְצִיתָֽם׃ אַתָּה־הוּא מַלְכִּי אֱלֹהִים צַוֵּה יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹֽב׃ בְּךָ
צָרֵינוּ נְנַגֵּחַ בְּשִׁמְךָ נָבוּס קָמֵֽינוּ׃ כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח וְחַרְבִּי
לֹא תוֹשִׁיעֵֽנִי׃ כִּי הוֹשַׁעְתָּנוּ מִצָּרֵינוּ וּמְשַׂנְאֵינוּ הֱבִישׁוֹתָ׃
י בֵּאלֹהִים הִלַּלְנוּ כָל־הַיּוֹם וְשִׁמְךָ ׀ לְעוֹלָם נוֹדֶה סֶֽלָה׃ אַף־

ג דו, דיין האַנט, שטאַמען האָסטו אַנטיַרשנט, און זיי האָסטו איינגעפלאַנצט,
דו האָסט אומות צעשמעטערט, און זיי האָסטו פונאַנדערגעשטרעקט.
ד יאָ, נישט מיט זייער שווערד האָבן זיי געיַרשנט דאָס לאַנד,
און זייער אָרעם האָט זיי נישט באַפרייט,
נײַערט דיין רעכטע האַנט און דיין אָרעם, און דאָס ליכט פון דיין פּנים,
וואָרן דו האָסט זיי וואוילבאַוויליקט.

ה דו ביסט עס דאָך מיין מֶלך, אָ גאָט,–
געביט אַרויס יַעקֹבס ישועות!
ו מיט דיר וועלן מיר אַנידערשטויסן אונזערע באַדרענגער,
מיט דיין נאָמען וועלן מיר צעטראַמפּלען די אופשטענדיקע קעגן אונז!
ז וואָרן נישט אין מיין בויגן טו איך מיך פאַרזיכערן,
און מיין שווערד, זי וועט מיך נישט באַפרײַען,
ח נײַערט דו האָסט אונז באַפרייט פון אונזערע באַדרענגער,
און אונזערע שׂונאים, האָסטו געטון פאַרשעמען.
ט אין גאָט האָבן מיר זיך גערימט דעם גאַנצן טאָג,
און דיין נאָמען טוען מיר דאַנקלויבן אַף אייביק. סֶלָה!

י דאָך, דו האָסט פֿאַרוואָרפֿן און אונז אָנגעטון שמאַך,
און דו גייסט נישט אַרויס מיט אונזערע העררשאַרן,
יא דו לאָזסט אונז אומקערן אַהינטער פֿון פֿאַר דעם באַדרענגער,
און אונזערע שׂונאים, זיי האָבן געפּלינדערט פֿאַר זיך.
יב דו האָסט אונז איבערגעגעבן ווי שאָף, וואָס זענען פֿאַרצערונג,
און צווישן די ערדשטאַמען האָסטו אונז צעשויפּלט.
יג דו האָסט פֿאַרקויפֿט דיין פֿאָלק אָן געלט,
און דו האָסט דיר נישט פֿאַרמערט דורך זייער פֿאַרקויף.
יד דו האָסט פֿון אונז געמאַכט אַ חֶרפּה פֿאַר אונזערע שכֵנים,
אַ שפּאָט און אַ שפּאַס פֿאַר אונזערע אַרומיקע,
טו דו האָסט פֿון אונז געמאַכט אַ שפּראָך צווישן די שטאַמען,
אַ קאָפּ־שאָקלען צווישן די אומות.
טז דעם גאַנצן טאָג איז מיין שמאַך מיר אַנטקעגן,
און די בושה פֿון מיין פּנים האָט מיך באַדעקט,
יז פֿון דעם קול פֿון דעם לעסטערער און שענדער,
פֿאַר דעם פּנים פֿון דעם פֿיינט און נקמה־גיריקן.

יח אַל דאָסדאָזיקע איז געקומען אַף אונז, און מיר האָבן דיך נישט פֿאַרגעסן,
און מיר האָבן נישט געלייקנט אין דיין בונד.
יט אונזער האַרץ האָט נישט געוויַיכט אַהינטער,
און אונזערע טריט — אָפּגעניַיגט פֿון דיין שטעג,
כ ווען דו האָסט אונז צעמערשט אין אַן אָרט פֿון שאַקאַלן,
און דו האָסט אונז באַדעקט מיט דעם טויטשאָטן.
כא אויב מיר וואָלטן פֿאַרגעסן דעם נאָמען פֿון אונזער גאָט,
און מיר וואָלטן אויסגעשפּרייט אונזערע הענט צו אַ פֿרעמדן גאָט,
כב צי וואָלט גאָט דאָס נישט אויסגעפּאָרשט?
ער קאָן דאָך די פֿאַרהוילונגען פֿון האַרץ!
כג פֿאַרוואָר, פֿון דיינעטוועגן ווערן מיר געהאַרגעט דעם גאַנצן טאָג,
מיר ווערן גערעכנט ווי שאָף צום שלאַכטן.

זָנַחְתָּ וַתַּכְלִימֵנוּ וְלֹא־תֵצֵא בְּצִבְאוֹתֵינוּ׃ תְּשִׁיבֵנוּ אָחוֹר
מִנִּי־צָר וּמְשַׂנְאֵינוּ שָׁסוּ לָמוֹ׃ תִּתְּנֵנוּ כְּצֹאן מַאֲכָל וּבַגּוֹיִם
זֵרִיתָנוּ׃ תִּמְכֹּר־עַמְּךָ בְלֹא־הוֹן וְלֹא־רִבִּיתָ בִּמְחִירֵיהֶם׃
טו תְּשִׂימֵנוּ חֶרְפָּה לִשְׁכֵנֵינוּ לַעַג וָקֶלֶס לִסְבִיבוֹתֵינוּ׃ תְּשִׂימֵנוּ
מָשָׁל בַּגּוֹיִם מְנוֹד־רֹאשׁ בַּלְאֻמִּים׃ כָּל־הַיּוֹם כְּלִמָּתִי
נֶגְדִּי וּבֹשֶׁת פָּנַי כִּסָּתְנִי׃ מִקּוֹל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף מִפְּנֵי
אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם׃ כָּל־זֹאת בָּאַתְנוּ וְלֹא שְׁכַחֲנוּךָ וְלֹא־
שִׁקַּרְנוּ בִּבְרִיתֶךָ׃ לֹא־נָסוֹג אָחוֹר לִבֵּנוּ וַתֵּט אֲשֻׁרֵנוּ
כ מִנִּי אָרְחֶךָ׃ כִּי דִכִּיתָנוּ בִּמְקוֹם תַּנִּים וַתְּכַס עָלֵינוּ
בְצַלְמָוֶת׃ אִם־שָׁכַחְנוּ שֵׁם אֱלֹהֵינוּ וַנִּפְרֹשׂ כַּפֵּינוּ לְאֵל
זָר׃ הֲלֹא אֱלֹהִים יַחֲקָר־זֹאת כִּי־הוּא יֹדֵעַ תַּעֲלֻמוֹת לֵב׃
כִּי־עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל־הַיּוֹם נֶחְשַׁבְנוּ כְּצֹאן טִבְחָה׃ עוּרָה ׀
כה לָמָּה תִישַׁן ׀ אֲדֹנָי הָקִיצָה אַל־תִּזְנַח לָנֶצַח׃ לָמָּה־פָנֶיךָ
תַסְתִּיר תִּשְׁכַּח עָנְיֵנוּ וְלַחֲצֵנוּ׃ כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ
דָּבְקָה לָאָרֶץ בִּטְנֵנוּ׃ קוּמָה עֶזְרָתָה לָּנוּ וּפְדֵנוּ לְמַעַן
מה חַסְדֶּךָ׃ מה לַמְנַצֵּחַ עַל־שֹׁשַׁנִּים לִבְנֵי־קֹרַח

כד דערוואַך! פאַרוואָס טוסטו שלאָפן, גאָט?
כאַפּ דיך אויף! פאַרוואַרף נישט אַף אייביק!
כה פאַרוואָס זאָלסטו פאַרבאָרגן דיין פּנים,
פאַרגעסן אונזער פּיַין און אונזער באַקלעמונג?
כו אונזער נֶפש איז דאָך געבויגן צום שטויב,
צו דער ערד איז באַהעפט אונזער לייַב.
כז שטיי אויף, אונז צו הילף!
און לייז אונז אויס פון דיין חֶסד וועגן!

מה לַמְנַצֵּחַ, עַל־שׁוֹשַׁנִּים, לִבְנֵי־קֹרַח, מַשְׂכִּיל, שִׁיר יְדִידֹת.
רָחַשׁ לִבִּי דָּבָר טוֹב

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, אַף „שושַנים", פון די זין פון קורחן,
אַ באַקלערונג, אַ געזאַנג פון ליבשאַפטן.

תהלים

ב מיין האַרץ זומט פון גוטן וואָרט,
איך זאָג: מיינע ווערק זענען פאַר אַ מֶלך!
מיין צונג איז אַ גריפל פון אַ פלינקן שרייבער!

ג שיין־שענער ביסטו פון מענטשנקינדער,
חֵן איז אויסגעגאָסן אַף דיינע ליפּן,
דעריבער – : גאָט האָט דיך געבענטשט אַף אייביק.

ד גורט אָן, דו גיבור, אַף דער לענד דיין שווערד,
דיין פּראַכט און דיין גלאַנץ!
ה יאָ, דיין גלאַנץ איז: דרינג דורך!
רייַט אַרויס
פונוועגן דעם אֶמת און דער גערעכטער קליינמוטיקייט,
און זאָל דיין רעכטע האַנט דיר וועגווייַזן פאָרכטיקייטן!
ו דיינע פאַרשפּיצטע פייַלן
– פעלקער וועלן פאַלן אונטער דיר –
אין האַרץ פון די פיינט פון דעם מֶלך.
ז דיין שטול פון גאָט איז אייביק און אייביק:
אַ רוט פון רעכטפאַרטיקייט איז די רוט פון דיין מלוכה.
ח דו האָסט ליב געהאַט גערעכטיקייט, און האָסט פיינט געהאַט רְשָעות,
דעריבער האָט גאָט, דיין גאָט דיך געזאַלבט
מיט אייַל פון פרייד מער פון דיינע חֲבֵרים.

ט מירע, און אַלאָען, קאַזיעס זענען אַלע דיינע קליידער,
פון עלפאַנטבייַן־פאַלייַען דערפרייַען דיך סטרונעשפּילן.
י טעכטער פון מלָכים זענען צווישן דיינע קעסטלעכע,
ביי דיין רעכטער האַנט שטייט דאָס ווייב אין פייַנגאָלד פון אופיר.

יא הער, טאָכטער, און זע, און נייַג צו דיין אויער,
און פאַרגעס דיין פאָלק און דאָס הויז פון דיין פאָטער,

תהלים

מַשְׂכִּיל שִׁיר יְדִידֹת׃ רָחַשׁ לִבִּי ׀ דָּבָר טוֹב אֹמֵר אָנִי
מַעֲשַׂי לְמֶלֶךְ לְשׁוֹנִי עֵט ׀ סוֹפֵר מָהִיר׃ יָפְיָפִיתָ מִבְּנֵי
אָדָם הוּצַק חֵן בְּשְׂפְתוֹתֶיךָ עַל־כֵּן בֵּרַכְךָ אֱלֹהִים לְעוֹלָם׃
ה חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל־יָרֵךְ גִּבּוֹר הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ׃ וַהֲדָרְךָ ׀ צְלַח
רְכַב עַל־דְּבַר־אֱמֶת וְעַנְוָה־צֶדֶק וְתוֹרְךָ נוֹרָאוֹת יְמִינֶךָ׃
חִצֶּיךָ שְׁנוּנִים עַמִּים תַּחְתֶּיךָ יִפְּלוּ בְּלֵב אוֹיְבֵי הַמֶּלֶךְ׃
כִּסְאֲךָ אֱלֹהִים עוֹלָם וָעֶד שֵׁבֶט מִישֹׁר שֵׁבֶט מַלְכוּתֶךָ׃
אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע עַל־כֵּן ׀ מְשָׁחֲךָ אֱלֹהִים אֱלֹהֶיךָ
שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶיךָ׃ מֹר־וַאֲהָלוֹת קְצִיעוֹת כָּל־בִּגְדֹתֶיךָ
י מִן־הֵיכְלֵי שֵׁן מִנִּי שִׂמְּחוּךָ׃ בְּנוֹת מְלָכִים בְּיִקְּרוֹתֶיךָ
נִצְּבָה שֵׁגַל לִימִינְךָ בְּכֶתֶם אוֹפִיר׃ שִׁמְעִי־בַת וּרְאִי וְהַטִּי
אָזְנֵךְ וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ וּבֵית אָבִיךְ׃ וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יָפְיֵךְ כִּי־
הוּא אֲדֹנַיִךְ וְהִשְׁתַּחֲוִי־לוֹ׃ וּבַת־צֹר ׀ בְּמִנְחָה פָּנַיִךְ יְחַלּוּ
עֲשִׁירֵי עָם׃ כָּל־כְּבוּדָּה בַת־מֶלֶךְ פְּנִימָה מִמִּשְׁבְּצוֹת זָהָב
טו לְבוּשָׁהּ׃ לִרְקָמוֹת תּוּבַל לַמֶּלֶךְ בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ
מוּבָאוֹת לָךְ׃ תּוּבַלְנָה בִּשְׂמָחֹת וָגִיל תְּבֹאֶינָה בְּהֵיכַל
מֶלֶךְ׃ תַּחַת אֲבֹתֶיךָ יִהְיוּ בָנֶיךָ תְּשִׁיתֵמוֹ לְשָׂרִים בְּכָל־
הָאָרֶץ׃ אַזְכִּירָה שִׁמְךָ בְּכָל־דֹּר וָדֹר עַל־כֵּן עַמִּים יְהוֹדֻךָ

פה׳ ו׳ שוא באתנח   י׳ ק דגושה   יד׳ דגש אחר שורק

יב און דער מֶלך וועט גלוסטן נאָך דיין שיינקייט,—
ווייל ער איז דיין האַר—דעריבער זאָלסטו דיך בוקן צו אים!
יג און די טאָכטער פון צוֹר מיט געשאַנק,
דיין פָּנים וועלן דערהאַרן די רייכסטע פון פאָלק.
יד לויטער הערלעכקייט איז די בַּת־מֶלך אינעווייניק,
פון געפלעכטן פון גאָלד איז איר קליידונג.
טו איבער בונטגעוועבן וועט מען זי פירן צו דעם מֶלך,
מיידלעך הינטער איר, אירע פריינדינס:
„פאַר דיר האָט מען זיי געברענגט."
טז זיי ווערן געפירט מיט פריידן און לוסטיקייט,
זיי קומען אַריין אין דעם פּאַלײ פון דעם מֶלך.

יז אַנשטאָט דיינע פאָטערס—זיין וועלן דיינע זין,
דו וועסט זיי מאַכן פאַר שָׂרים אין דעם גאַנצן לאַנד.

יח איך וויל מאַכן געדענקען דיין נאָמען אין איטלעכן דור נאָך דור,
דעריבער וועלן פעלקער דיר דאַנקלויבן אַף אייביק און אייביק.

מו לַמְנַצֵּחַ, לִבְנֵי־קֹרַח, עַל־עֲלָמוֹת שִׁיר. אֱלֹהִים לָנוּ מַחֲסֶה וָעֹז

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, פון די זין פון קורחן,
נאָך „עֲלָמוֹת", אַ געזאַנג.

ב גאָט איז פאַר אונז אַ באַשירעמונג און אַ שוצפעסטונג,
אַ הילף אין באַדרענגונגען זייער געפינלעך.
ג דעריבער האָבן מיר נישט קיין מורא, ווען די ערד זאָל זיך בייַטן,
און ווען די בערג זאָלן אַריינוואַנקען אין דעם האַרץ פון יַמים;
ד מעגן ברומען, מעגן ברויזן זײַנע וואַסערן,
מעגן וויטערן די בערג פאַר זיין האָפערדיקייט. סֶלָה!

ה אַ שטראָם — זײַנע בעכן דערפרייַען די שטאָט פון גאָט,
דאָס הייליקסטע פון די וואוינונגען פון דעם אייבערשטן.
ו גאָט איז דרינען אין איר, זי וועט נישט וואַנקען:
העלפן וועט איר גאָט ביי דער ווענדונג פון פרימאָרגן.
ז וועלטשטאַמען האָבן געפילדערט, מלוכות האָבן געוואַנקט,
ער האָט אַרויסגעגעבן זיין קול — איז געוואָרן צעגאַנגען די ערד.
ח גאָט פון די הערשאַרן איז מיט אונז,
אַ בורג איז פאַר אונז דער גאָט פון יַעקב. סֶלָה!

ט גייט, זעט די ווערק פון גאָט,
וואָס האָט געמאַכט פאַרוויסטונגען אַף דער ערד.
י ער פאַרשטערט מִלחָמות ביזן עק פון דער ערד,
דעם בויגן צעברעכט ער, און ער צעהאַקט די שפיז,
די לאַסטוועגן פאַרברענט ער אין פייַער:
יא „לאָזט אָפּ, און דערקענט, אַז איך בין גאָט!

מו לְעֹלָם וָעֶד : מו לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח עַל־עֲלָמוֹת
שִׁיר : אֱלֹהִים לָנוּ מַחֲסֶה וָעֹז עֶזְרָה בְצָרוֹת נִמְצָא מְאֹד :
עַל־כֵּן לֹא־נִירָא בְּהָמִיר אָרֶץ וּבְמוֹט הָרִים בְּלֵב יַמִּים :
ה יֶהֱמוּ יֶחְמְרוּ מֵימָיו יִרְעֲשׁוּ־הָרִים בְּגַאֲוָתוֹ סֶלָה : נָהָר פְּלָגָיו
יְשַׂמְּחוּ עִיר־אֱלֹהִים קְדֹשׁ מִשְׁכְּנֵי עֶלְיוֹן : אֱלֹהִים בְּקִרְבָּהּ
בַּל־תִּמּוֹט יַעְזְרֶהָ אֱלֹהִים לִפְנוֹת בֹּקֶר : הָמוּ גוֹיִם מָטוּ
מַמְלָכוֹת נָתַן בְּקוֹלוֹ תָּמוּג אָרֶץ : יְהוָה צְבָאוֹת עִמָּנוּ
מִשְׂגָּב לָנוּ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב סֶלָה : לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת יְהוָה אֲשֶׁר
י שָׂם שַׁמּוֹת בָּאָרֶץ : מַשְׁבִּית מִלְחָמוֹת עַד־קְצֵה הָאָרֶץ
קֶשֶׁת יְשַׁבֵּר וְקִצֵּץ חֲנִית עֲגָלוֹת יִשְׂרֹף בָּאֵשׁ : הַרְפּוּ וּדְעוּ
כִּי־אָנֹכִי אֱלֹהִים אָרוּם בַּגּוֹיִם אָרוּם בָּאָרֶץ : יְהוָה צְבָאוֹת
מז עִמָּנוּ מִשְׂגָּב לָנוּ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב סֶלָה : מז לַמְנַצֵּחַ
לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר : כָּל־הָעַמִּים תִּקְעוּ־כָף הָרִיעוּ לֵאלֹהִים
בְּקוֹל רִנָּה : כִּי־יְהוָה עֶלְיוֹן נוֹרָא מֶלֶךְ גָּדוֹל עַל־כָּל־
הָאָרֶץ : יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ וּלְאֻמִּים תַּחַת רַגְלֵינוּ :

איך וועל זײַן דערהויבן צווישן די שטאַמען, איך וועל
זײַן דערהויבן אױף דער ערד!״

יב גאָט פון די הערשאַרן איז מיט אונז,
אַ בורג איז פאַר אונז דער גאָט פון יַעקב. סֶלָה!

מז לַמְנַצֵּחַ, לִבְנֵי־קֹרַח, מִזְמוֹר. כָּל־הָעַמִּים, תִּקְעוּ־כָף

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
פון די זין פון קורַחן, אַ מִזמור.

ב איר אַלע פעלקער, פּאַטשט די האַנט!
שאַלט צו גאָט מיט אַ קול פון יובל!
ג פאַרוואָר, גאָט, דער אײבערשטער, איז פּאַרכטיק,
איז אַ גרויסער מֶלך איבער דער גאַנצער ערד!

ד ער האָט געמאַכט אונטערטעניק פעלקער אונטער אונז,
און אומות אונטער אונזערע פיס,

ה ער האָט אויסדערוויילט פאַר אונז אונזער נחלה,
דעם שטאָלץ פון יַעקב, וואָס ער האָט ליב. סֶלָה!

ו גאָט איז אַרופגעגאַנגען מיט שאַלונג,
גאָט — ביי דעם קול פון שופר.
ז טוט לויבשפּילן צו גאָט, טוט לויבשפּילן!
טוט לויבשפּילן צו אונזער מֶלך, טוט לויבשפּילן!
ח וואָרן מֶלך פון דער גאַנצער ערד איז גאָט, —
טוט לויבשפּילן אַ באַקלערונג־ליד.
ט גאָט איז געוואָרן מֶלך איבער די וועלטשטאַמען,
גאָט האָט זיך געזעצט אַף דעם שטול פון זיין הייליקייט.

י די איידלהאַרן פון פעלקער, זיי זענען געוואָרן צונויפגעזאַמלט —
אַ פאָלק פון דעם גאָט פון אַברָהם,
וואָרן צו גאָט געהערן די שילדן פון דער ערד, —
ער איז זייער דערהויבן.

מח שִׁיר, מִזְמוֹר לִבְנֵי־קֹרַח. גָּדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל מְאֹד

א אַ געזאַנג, אַ מִזמור פון די זין פון קורחן.

ב גרויס איז גאָט, און איז זייער געלויבט
אין דער שטאָט פון אונזער גאָט, דעם באַרג פון זיין הייליקטום:
ג שיין שפּיציק, די פרייד פון דער גאַנצער ערד
איז דער באַרג צִיון, די ענד־זייטן פון צָפון —
די שטאָט פון דעם מעכטיקן מֶלך!
ד גאָט אין אירע פּאַלאַצן
האָט זיך געלאָזט דערקענען פאַר אַ בורג.

ה וואָרן זע, מלָכים האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן,
אינאיינעם זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען.

ה יִבְחַר־לָנוּ אֶת־נַחֲלָתֵנוּ אֶת גְּאוֹן יַעֲקֹב אֲשֶׁר־אָהֵב סֶלָה׃
עָלָה אֱלֹהִים בִּתְרוּעָה יְהֹוָה בְּקוֹל שׁוֹפָר׃ זַמְּרוּ אֱלֹהִים
זַמֵּרוּ זַמְּרוּ לְמַלְכֵּנוּ זַמֵּרוּ׃ כִּי מֶלֶךְ כָּל־הָאָרֶץ אֱלֹהִים
זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל׃ מָלַךְ אֱלֹהִים עַל־גּוֹיִם אֱלֹהִים יָשַׁב ׀ עַל־
י כִּסֵּא קָדְשׁוֹ׃ נְדִיבֵי עַמִּים ׀ נֶאֱסָפוּ עַם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם כִּי
מח לֵאלֹהִים מָגִנֵּי־אֶרֶץ מְאֹד נַעֲלָה׃ מח שִׁיר מִזְמוֹר
לִבְנֵי־קֹרַח׃ גָּדוֹל יְהֹוָה וּמְהֻלָּל מְאֹד בְּעִיר אֱלֹהֵינוּ הַר־
קָדְשׁוֹ׃ יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל־הָאָרֶץ הַר־צִיּוֹן יַרְכְּתֵי צָפוֹן
ה קִרְיַת מֶלֶךְ רָב׃ אֱלֹהִים בְּאַרְמְנוֹתֶיהָ נוֹדַע לְמִשְׂגָּב׃ כִּי־
הִנֵּה הַמְּלָכִים נוֹעֲדוּ עָבְרוּ יַחְדָּו׃ הֵמָּה רָאוּ כֵּן תָּמָהוּ
נִבְהֲלוּ נֶחְפָּזוּ׃ רְעָדָה אֲחָזָתַם שָׁם חִיל כַּיּוֹלֵדָה׃ בְּרוּחַ
קָדִים תְּשַׁבֵּר אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ׃ כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ ׀ כֵּן רָאִינוּ
בְּעִיר־יְהֹוָה צְבָאוֹת בְּעִיר אֱלֹהֵינוּ אֱלֹהִים יְכוֹנְנֶהָ עַד־עוֹלָם
י סֶלָה׃ דִּמִּינוּ אֱלֹהִים חַסְדֶּךָ בְּקֶרֶב הֵיכָלֶךָ׃ כְּשִׁמְךָ
אֱלֹהִים כֵּן תְּהִלָּתְךָ עַל־קַצְוֵי־אֶרֶץ צֶדֶק מָלְאָה יְמִינֶךָ׃

מז׳ ה׳ סגול בלי מקף   מח׳ יא׳ סגול באתנח

ו קוים האָבן זיי געזען – ערשט, זיי זענען געוואָרן דערשטוינט,
זענען געוואָרן געפּלעפט, האָבן זיך אַוועקגעאײַלט.
ז אַ ציטערנישט האָט זיי אָנגעכאַפּט דאָרטן,
אַ ווייַען ווי אַ געווינערן.
ח מיט דעם ווינט פון מִזרח
צעברעכסטו די שיפן פון תַּרשיש.
ט ווי מיר האָבן געהערט, אַזוי האָבן מיר געזען
אין דער שטאָט פון דעם גאָט פון די הערשאַרן,
אין דער שטאָט פון אונזער גאָט:–
גאָט זאָל זי באַפעסטיקן ביז אייביק. סֶלָה!

י מיר האָבן איבערגעקלערט, גאָט, פון דיין חֶסד
דרינען אין דיין הֵיכל.
יא ווי דיין נאָמען, גאָט,
אַזוי איז דיין לויבגעזאַנג איבער די עקן פון דער ערד,
דיין רעכטע האַנט איז פול גערעכטיקייט.

יב סע מעג זיך פרייען דער באַרג ציון,
סע מעגן זיין לוסטיק די טעכטער פון יהודה
פונוועגן דיינע מִשפָּטים.

יג רינגלט אַרום ציון, און קרײַזט זי אַרום,
ציילט איבער אירע טערעמער,
יד שטעלט אָן אייער האַרץ אַף איר וואַל,
שנײַדט דורך אירע פּאַלאַצן,
כּדי איר זאָלט דערציילן דעם שפּעטערן דור:
טו פאַרוואָר, דאָס איז גאָט, אונזער גאָט, אייביק און אייביק,
ער וועט אונז פירן איבער דעם טויט.

מט לַמְנַצֵּחַ, לִבְנֵי־קֹרַח, מִזְמוֹר. שִׁמְעוּ־זֹאת כָּל־הָעַמִּים

א פאַר דעם גוואַנגמײַנסטער,
פון די זין פון קורחן, אַ מִזמור.

ב הערט דאָסדאָזיקע, איר אַלע פעלקער,
פאַרנעמט, איר אַלע באַוואוינער פון דער וועלט,
ג סײַ מענטשנקינדער, סײַ לײַטנקינדער,
רייכער און נויטבאַדערפטיקער אינאיינעם!
ד מיין מויל וועט רעדן חָכמה,
און פאַרשטענדיקייט איז דאָס טראַכטן פון מיין האַרץ.
ה איך וועל נײַגן מיין אויער צו אַ שפּראָך,
איך וועל עפענען מיין רעטעניש מיט דער האַרף.

ו פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן אין די טעג פון שלעכטס,
ווען מיך רינגלט אַרום די שולד פון מיינע פערזן־טרעטערס,

יב די טעכטער פון יהודה — די אַרומיקע שטעט און לענדערייען, וואָס געהערן צו יהודה. פאַרגלייך: במדבר כא, כה.

יִשְׂמַח ׀ הַר־צִיּוֹן תָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה לְמַעַן מִשְׁפָּטֶיךָ :
סֹבּוּ צִיּוֹן וְהַקִּיפוּהָ סִפְרוּ מִגְדָּלֶיהָ : שִׁיתוּ לִבְּכֶם ׀ לְחֵילָה
טו פַּסְּגוּ אַרְמְנוֹתֶיהָ לְמַעַן תְּסַפְּרוּ לְדוֹר אַחֲרוֹן : כִּי זֶה ׀
אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ עוֹלָם וָעֶד הוּא יְנַהֲגֵנוּ עַל־מוּת :

מט לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר : שִׁמְעוּ־זֹאת כָּל־הָעַמִּים
הַאֲזִינוּ כָּל־יֹשְׁבֵי חָלֶד : גַּם־בְּנֵי אָדָם גַּם־בְּנֵי־אִישׁ יַחַד
עָשִׁיר וְאֶבְיוֹן : פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת :
ה אַטֶּה לְמָשָׁל אָזְנִי אֶפְתַּח בְּכִנּוֹר חִידָתִי : לָמָּה אִירָא בִּימֵי
רָע עֲוֺן עֲקֵבַי יְסֻבֵּנִי : הַבֹּטְחִים עַל־חֵילָם וּבְרֹב עָשְׁרָם
יִתְהַלָּלוּ : אָח לֹא־פָדֹה יִפְדֶּה אִישׁ לֹא־יִתֵּן לֵאלֹהִים כָּפְרוֹ :
י וְיֵקַר פִּדְיוֹן נַפְשָׁם וְחָדַל לְעוֹלָם : וִיחִי־עוֹד לָנֶצַח לֹא יִרְאֶה
הַשָּׁחַת : כִּי יִרְאֶה ׀ חֲכָמִים יָמוּתוּ יַחַד כְּסִיל וָבַעַר יֹאבֵדוּ
וְעָזְבוּ לַאֲחֵרִים חֵילָם : קִרְבָּם בָּתֵּימוֹ ׀ לְעוֹלָם מִשְׁכְּנֹתָם
לְדֹר וָדֹר קָרְאוּ בִשְׁמוֹתָם עֲלֵי אֲדָמוֹת : וְאָדָם בִּיקָר בַּל־
יָלִין נִמְשַׁל כַּבְּהֵמוֹת נִדְמוּ : זֶה דַרְכָּם כֵּסֶל לָמוֹ וְאַחֲרֵיהֶם ׀

ז די, וואָס פאַרזיכערן זיך אַף זייער פאַרמעגן,
און רימען זיך מיט דער פולע פון זייער עשירות?!
ח אויסקויפן קאָן אַ מענטש נישט אויסקויפן אַ ברודער,
ער קאָן גאָט נישט געבן זיין אויסלייזגעלט,
ט – יאָ, צו קעסטלעך איז די אויסקויפונג פון זייער נפש,
און דאָס איז פאַרמיטן אַף אייביק, –
י אַז ער זאָל נאָך לעבן אין דער אייביקייט,
ער זאָל נישט מוזן זען דעם גרוב!
יא פאַרוואָר, ער מוז זען: חכמים שטאַרבן,
נאַר און פאַרגרעבטער – אינאיינעם ווערן זיי פאַרלוירן,
און זיי לאָזן איבער פאַר אַנדערע זייער פאַרמעגן,
יב זייער אינעווייניק, זייערע הייזער – אַף אייביק,
זייערע וואוינונגען – אַף דור־דורות.
זיי האָבן אָנגערופן איבער לענדערייען זייערע נעמען,
יג דאָך דער מענטש בלייבט נישט איבערנעכטיקן אין דער קעסטלעכקייט,
ער איז געגליכן ווי די בהמות, וואָס ווערן געמאַכט שטום.

יד דאָס איז דער וועג פון די, וואָס פאַר זיי איז די נאַרישקייט,
און הינטער זיי זענען די, וואָס וויליקן איַין אין זייער זאָג. סֶלָה!
טו ווי שאָף ווערן זיי אַריינגעטון אין דער נידערוועלט,
דער טויט וועט זיי פּיטערן,
און אַף מאָרגן וועלן שאַלטן איבער דעם זיַיעריקן די רעכטפאַרטיקע.
און זייער געשטאַלט וועט ווערן פאַרפאַלבט פון דער נידערוועלט,
זי באַדאַרף נישט קיין געבייַ פאַר זיך.
טז דאָך מיין נֶפש וועט גאָט אויסקויפן פון דער האַנט פון דער נידערוועלט,
ווען ער וועט מיך צונעמען. סֶלָה!

יז דו זאָלסט נישט מורא האָבן, ווען אַ מענטש ווערט רייך,
ווען סע ווערט געמערט דער כָּבוד פון זיין הויז!
יח וואָרן ביי זיין טויט וועט ער נישט מיטנעמען דאָס אַלץ,
זיין כָּבוד וועט נישט נידערן נאָך אים.
יט אַפילו אַז ער האָט ביים לעבן געטון בענטשן זיין נֶפש:
—„און מע וועט דיר דאַנקלויבן, וואָס דו האָסט דיר געטון גוטס"—
כ סע וועט מוזן קומען צו דעם דור פון זיינע אָבות,
וואָס וועלן ביז אייביק נישט זען שוין דאָס ליכט.
כא אַ מענטש אין דער קעסטלעכקייט, אַז ער קאָן נישט פאַרשטיין,
איז געגליכן ווי די בהֵמות, וואָס ווערן געמאַכט שטום.

נ מִזְמוֹר לְאָסָף. אֵל, אֱלֹהִים יְהוָֹה דִּבֶּר

א אַ מִזמור פון אָסָפן.

גאָט, גאָט, דער האַר האָט גערעדט, און ער האָט גערופן די ערד
פון דעם אופשייַנען פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג.
ב פון צִיון, דער גאַנצענער שיינקייט,
האָט אופגעשטראַלט גאָט,

יד אין זייער זאָג — וואָס זייערע עלטערן זאָגן. ווערטלעך: מיט זייער מויל.

טו בְּפִיהֶם יִרְצוּ סֶלָה׃ כַּצֹּאן ׀ לִשְׁאוֹל שַׁתּוּ מָוֶת יִרְעֵם וַיִּרְדּוּ
בָם יְשָׁרִים ׀ לַבֹּקֶר וְצִירָם לְבַלּוֹת שְׁאוֹל מִזְּבֻל לוֹ׃ אַךְ־
אֱלֹהִים יִפְדֶּה־נַפְשִׁי מִיַּד שְׁאוֹל כִּי יִקָּחֵנִי סֶלָה׃ אַל־תִּירָא
כִּי־יַעֲשִׁר אִישׁ כִּי־יִרְבֶּה כְּבוֹד בֵּיתוֹ׃ כִּי לֹא בְמוֹתוֹ יִקַּח
הַכֹּל לֹא־יֵרֵד אַחֲרָיו כְּבוֹדוֹ׃ כִּי־נַפְשׁוֹ בְּחַיָּיו יְבָרֵךְ וְיוֹדֻךָ כִּי־
כ תֵיטִיב לָךְ׃ תָּבוֹא עַד־דּוֹר אֲבוֹתָיו עַד־נֵצַח לֹא יִרְאוּ־אוֹר׃
אָדָם בִּיקָר וְלֹא יָבִין נִמְשַׁל כַּבְּהֵמוֹת נִדְמוּ׃
נ מִזְמוֹר לְאָסָף אֵל ׀ אֱלֹהִים יְהוָה דִּבֶּר וַיִּקְרָא־אָרֶץ
מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ עַד־מְבֹאוֹ׃ מִצִּיּוֹן מִכְלַל־יֹפִי אֱלֹהִים הוֹפִיעַ׃
יָבֹא אֱלֹהֵינוּ וְאַל־יֶחֱרַשׁ אֵשׁ־לְפָנָיו תֹּאכֵל וּסְבִיבָיו נִשְׂעֲרָה
מְאֹד׃ יִקְרָא אֶל־הַשָּׁמַיִם מֵעָל וְאֶל־הָאָרֶץ לָדִין עַמּוֹ׃
ה אִסְפוּ־לִי חֲסִידָי כֹּרְתֵי בְרִיתִי עֲלֵי־זָבַח׃ וַיַּגִּידוּ שָׁמַיִם צִדְקוֹ
כִּי־אֱלֹהִים ׀ שֹׁפֵט הוּא סֶלָה׃ שִׁמְעָה עַמִּי ׀ וַאֲדַבֵּרָה יִשְׂרָאֵל
וְאָעִידָה בָּךְ אֱלֹהִים אֱלֹהֶיךָ אָנֹכִי׃ לֹא עַל־זְבָחֶיךָ אוֹכִיחֶךָ
וְעוֹלֹתֶיךָ לְנֶגְדִּי תָמִיד׃ לֹא־אֶקַּח מִבֵּיתְךָ פָר מִמִּכְלְאֹתֶיךָ
י עַתּוּדִים׃ כִּי־לִי כָל־חַיְתוֹ־יָעַר בְּהֵמוֹת בְּהַרְרֵי־אָלֶף׃ יָדַעְתִּי

מט טו וצורם קרי

ג –ער קומט אָן, אונזער גאָט, און וועט נישט שווייגן!–
אַ פייער פאַראויס פאַר אים וועט פאַרצערן,
און רונדאַרום אים וועט זייער שטאַרעמען.
ד ער רופט צו דעם הימל פון אויבן,
און צו דער ערד,– צו דן זיין זיין פאָלק:
ה „זאַמלט איַין צו מיר מיינע פרומע,
וואָס האָבן פאַרשניטן מיין בונד איבער דעם שלאַכט־אָפּער!"
ו און די הימלען האָבן פאַרקינדיקט זיין גערעכטיקייט,
וואָרן גאָט, ער איז ריכטער. סֶלָה!

ז „הער, מיין פאָלק, און לאָמיך רעדן,
ישׂראל, און לאָמיך באַצייַגן קעגן דיר,
איך, גאָט, דיין גאָט.
ח נישט איבער דיינע שלאַכט־אָפּער וויל איך דיך שטראָפן,–
דיינע בראַנד־אָפּער זענען דאָך תּמיד אַנטקעגן מיר.
ט איך וויל נישט נעמען פון דיין הויז קיין יונגן אָקס,
פון דיינע פאַרצאַמונגען– קיין בעק.

י וואָרן צו מיר געהערט דאָס גאַנצע ווילד פון וואַלד,
די בהֵמות אַף די בערג פון אַ טויזנט,
יא איך קען דאָס גאַנצע געפליגל פון די בערג,
און דאָס געווימל פון פעלד איז ביי מיר.
יב ווען איך וואָלט זיין הונגעריק – איך וואָלט דיר נישט דאַרפן זאָגן,
וואָרן צו מיר געהערט די וועלט און איר פולקייט.
יג צי דאַרף איך עסן דאָס פלייש פון שטיראָקסן,
און טרינקען דאָס בלוט פון בעק?!
יד אָפּער צו גאָט דאַנקלויב,
אַזוי טו באַצאָלן דעם אייבערשטן דיינע נדרים!
טו און רוף מיך אין דעם טאָג פון באַדרענגונג –
איך וועל דיך אופשנירן, און דו וועסט מיר אָנטון כָבוד."

טז און צום רָשע טוט זאָגן גאָט:
„ווי קומסטו צו דערציילן מיינע געזעצן,
און זאָלסט טראָגן מיין בונד אַף דיין מויל?!
יז דו, דו האָסט דאָך פיינט מוסר,
און דו האָסט געוואָרפן הינטער דיר מיינע רייד.
יח אַז דו האָסט געזען אַ גנב, האָסטו איינגעוויליקט מיט אים,
און מיט נואַפים האָסטו געהאַט דיין חֵלק.
יט דיין מויל האָסטו אַרויסגעלאָזט אין שלעכטס,
און דיין צונג טוט צונויפבינדן באַטרוג.
כ זיצסטו – רעדסטו אָן אַף דיין ברודער,
אַף דעם זון פון דיין מוטער ברענגסטו גנאַי.
כא דאָסדאָזיקע האָסטו געטון – און וואָלט איך געשוויגן,
וואָלטסטו געמיינט, עס איז – וואָס איך בין אַזוי ווי דו.
איך וועל דיך שטראָפן, און וועל עס דיר גרייטן פאַר דיינע אויגן:
כב באַגרייפט דאָך דאָסדאָזיקע, איר, וואָס זענט פאַרגעסן פון גאָט,
טאָמער וועל איך פאַרצוקן, און סע וועט נישט זיין ווער עס זאָל מַציל זיין!

כָּל־עוֹף הָרִים וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי׃ אִם־אֶרְעַב לֹא־אֹמַר לָךְ
כִּי־לִי תֵבֵל וּמְלֹאָהּ׃ הַאוֹכַל בְּשַׂר אַבִּירִים וְדַם עַתּוּדִים
אֶשְׁתֶּה׃ זְבַח לֵאלֹהִים תּוֹדָה וְשַׁלֵּם לְעֶלְיוֹן נְדָרֶיךָ׃
טו וּקְרָאֵנִי בְּיוֹם צָרָה אֲחַלֶּצְךָ וּתְכַבְּדֵנִי׃ וְלָרָשָׁע ׀ אָמַר
אֱלֹהִים מַה־לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וַתִּשָּׂא בְרִיתִי עֲלֵי־פִיךָ׃ וְאַתָּה
שָׂנֵאתָ מוּסָר וַתַּשְׁלֵךְ דְּבָרַי אַחֲרֶיךָ׃ אִם־רָאִיתָ גַנָּב וַתִּרֶץ
עִמּוֹ וְעִם מְנָאֲפִים חֶלְקֶךָ׃ פִּיךָ שָׁלַחְתָּ בְרָעָה וּלְשׁוֹנְךָ
כ תַּצְמִיד מִרְמָה׃ תֵּשֵׁב בְּאָחִיךָ תְדַבֵּר בְּבֶן־אִמְּךָ תִּתֶּן־דֹּפִי׃
אֵלֶּה עָשִׂיתָ ׀ וְהֶחֱרַשְׁתִּי דִּמִּיתָ הֱיוֹת־אֶהְיֶה כָמוֹךָ אוֹכִיחֲךָ
וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ׃ בִּינוּ־נָא זֹאת שֹׁכְחֵי אֱלוֹהַּ פֶּן־אֶטְרֹף
וְאֵין מַצִּיל׃ זֹבֵחַ תּוֹדָה יְכַבְּדָנְנִי וְשָׂם דֶּרֶךְ אַרְאֶנּוּ בְּיֵשַׁע
נא אֱלֹהִים׃ נא לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ בְּבוֹא־אֵלָיו
נָתָן הַנָּבִיא כַּאֲשֶׁר־בָּא אֶל־בַּת־שָׁבַע׃ חָנֵּנִי אֱלֹהִים כְּחַסְדֶּךָ
כְּרֹב רַחֲמֶיךָ מְחֵה פְשָׁעָי׃ הרבה כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֹנִי וּמֵחַטָּאתִי
ה טַהֲרֵנִי׃ כִּי־פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד׃ לְךָ

נא׳ ד׳ הֶרֶב קרי

כג ווער סע אָפּפערט דאַנקלויב – טוט מיר אָן כָּבוד,
און ווער סע מאַכט אַ וועג –
דעם וועל איך ווײַזן די ישועה פֿון גאָט."

נא לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. בְּבוֹא־אֵלָיו נָתָן הַנָּבִיא

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַסטער,
אַ מִזמור פֿון דָוִדן,
ב ווען עס איז געקומען צו אים נָתן, דער נָביא,
נאָך דעם ווי ער איז געקומען צו בַּת־שֶׁבַע.

ג לײַטזעליק מיך, גאָט, נאָך דײַן חֶסד נאָך!
נאָך דער פֿולע נאָך פֿון דײַנע דערבאַרעמונגען מעק אויס מײַנע אָפּטריניקייטן!
ד וואַש וואָס מערער מיך אָפּ פֿון מײַן שולד,
און רייניק מיך פֿון מײַן זינד!
ה וואָרן איך, איך דערקען מײַנע אָפּטריניקייטן,

און מיין זינד איז תּמיד מיר אַנטקעגן,
ו –קעגן דיר, דיר אַליין האָב איך געזינדיקט,
און איך האָב געטון, וואָס ס'איז שלעכט אין דיינע אויגן, –
כּדי דו זאָלסט זיין גערעכט אין דיין רעדן,
דו זאָלסט זיין לויטער אין דיין מִשפּטן.

ז זע, אין שולד בין איך געוואָרן געקראַיסט,
און אין זינד האָט מיך אויסגעוואַרעמט מיין מוטער.
ח זע, דו באַגערסט דאָך אֶמת ביז אין די פּיבערן,
לאָז מיך דעריבער אין דער באַהאַלטנקייט דערקענען חָכמה.
ט דו זאָלסט מיך אַנטזינדיקן מיט אֵזוב, און איך וועל זיין ריין,
דו זאָלסט מיך וואַשן, און איך וועל זיין ווייסער פון שניי!

י דו זאָלסט מיך לאָזן הערן אַנטציקן און פרייד,
זאָלן זיין לוסטיק די ביינער, וואָס דו האָסט צעמערשט!
יא פאַרבאָרג דיין פּנים פון מיינע זינד,
און אַלע מיינע שולדיקייטן – מעק אויס!
יב אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר, גאָט,
און אַ פעסטן גייַסט באַנייַ דרינען אין מיר!
יג דו זאָלסט מיך נישט אַוועקוואַרפן פון פאַר דיין פּנים,
און דעם גייַסט פון דיין הייליקונג זאָלסטו נישט צונעמען פון מיר!
יד קער מיר אום דאָס אַנטציקן פון דיין ישועה,
און דער גייַסט פון פרייַגיביקייט זאָל מיך אונטערלענען:
טו איך זאָל די אָפּטריניקע לערנען דיינע וועגן,
און די זינדיקע וועלן זיך אומקערן צו דיר.

טז זייַ מיך מַציל פון בלוטשולדיקייטן, גאָט,
דו גאָט פון מיין ישועה:
זאָל אויסיובלען מיין צונג דיין גערעכטיקייט!
יז גאָט, מיינע ליפּן זאָלסטו עפענען,

לְבַדְּךָ ׀ חָטָאתִי וְהָרַע בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי לְמַעַן תִּצְדַּק בְּדָבְרֶךָ
תִּזְכֶּה בְשָׁפְטֶךָ׃ הֵן־בְּעָווֹן חוֹלָלְתִּי וּבְחֵטְא יֶחֱמַתְנִי אִמִּי׃
הֵן־אֱמֶת חָפַצְתָּ בַטֻּחוֹת וּבְסָתֻם חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי׃ תְּחַטְּאֵנִי
י בְאֵזוֹב וְאֶטְהָר תְּכַבְּסֵנִי וּמִשֶּׁלֶג אַלְבִּין׃ תַּשְׁמִיעֵנִי שָׂשׂוֹן
וְשִׂמְחָה תָּגֵלְנָה עֲצָמוֹת דִּכִּיתָ׃ הַסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵחֲטָאָי
וְכָל־עֲוֺנֹתַי מְחֵה׃ לֵב טָהוֹר בְּרָא־לִי אֱלֹהִים וְרוּחַ נָכוֹן
חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי׃ אַל־תַּשְׁלִיכֵנִי מִלְּפָנֶיךָ וְרוּחַ קָדְשְׁךָ אַל־
תִּקַּח מִמֶּנִּי׃ הָשִׁיבָה לִּי שְׂשׂוֹן יִשְׁעֶךָ וְרוּחַ נְדִיבָה
טו תִסְמְכֵנִי׃ אֲלַמְּדָה פֹשְׁעִים דְּרָכֶיךָ וְחַטָּאִים אֵלֶיךָ יָשׁוּבוּ׃
הַצִּילֵנִי מִדָּמִים ׀ אֱלֹהִים אֱלֹהֵי תְּשׁוּעָתִי תְּרַנֵּן לְשׁוֹנִי
צִדְקָתֶךָ׃ אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ׃ כִּי ׀
לֹא־תַחְפֹּץ זֶבַח וְאֶתֵּנָה עוֹלָה לֹא תִרְצֶה׃ זִבְחֵי אֱלֹהִים
כ רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב־נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה׃ הֵיטִיבָה
בִרְצוֹנְךָ אֶת־צִיּוֹן תִּבְנֶה חוֹמוֹת יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ אָז תַּחְפֹּץ
זִבְחֵי־צֶדֶק עוֹלָה וְכָלִיל אָז יַעֲלוּ עַל־מִזְבַּחֲךָ פָרִים׃
נב לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ בְּבוֹא ׀ דּוֹאֵג

און מיין מויל וועט פאַרקינדיקן דיין לויבגעזאַנג.
יח וואָרן דו באַגערסט נישט קיין שלאַכט־אָפּפער — יאָ, איך וואָלט געגעבן,
קיין בראַנד־אָפּפער באַוויליקסטו נישט:
יט שלאַכט־אָפּפער פון גאָט זענען — אַ געבראָכענער גייַסט,
אַ האַרץ, אַ צעבראָכנס און אַ צעמערשטס,
גאָט, וועסטו נישט פאַראַכטן.

כ טו גוטס ציון אין דיין באַוויליקונג,
דו זאָלסט אופבויען די מויערן פון ירושָלַיִם!
כא דעמאָלט וועסטו באַגערן שלאַכט־אָפּפער פון גערעכטיקייט,
בראַנד־אָפּפער און גאַנץ־אָפּפער,
דעמאָלט זאָלן ווערן אַרופגעבראַכט יונגע אָקסן אַף דיין מִזבּחַ.

נב לַמְנַצֵחַ, מַשְׂכִּיל לְדָוִד. בְּבוֹא דוֹאֵג הָאֲדֹמִי וַיַּגֵד לְשָׁאוּל

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
אַ באַקלערונג פון דָוִדן,

ב וועג עס איז געקומען דואֵג, דער אֱדוֹמי, און האָט פֿאַרקינדיקט שָאולן,
און ער האָט צו אים געזאָגט:
דָוִד איז געקומען אין דעם הויז פֿון אַחִימֶלֶכן.

ג וואָס רימסטו דיך מיט דעם בייִז, דו גיבור?
דער חֶסד פֿון גאָט געווערט דעם גאַנצן טאָג.
ד פֿאַרדאַרבונגען טוט טראַכטן דיין צונג,
ווי אַ געשאַרפֿט שער־מעסער, טוער פֿון באַטרוג!
ה דו האָסט ליב בייז מער פֿון גוטס,
שֶקר — מער פֿון רעדן גערעכטיקייט. סֶלָה!
ו דו האָסט ליב אַלע רייד פֿון פֿאַרשלינגונג,
צונג פֿון באַטרוג!
ז אויך דיך וועט גאָט צעשמעטערן אַף אייביק,
ער וועט דיך פּאַקן און דיך אַרויסרייַסן פֿון דעם געצעלט,
און ער וועט דיך אויסוואָרצלען פֿון דעם לאַנד פֿון לעבן. סֶלָה!

ח און די צַדיקים וועלן זען, און זיי וועלן זיך פֿאָרכטן,
און איבער אים וועלן זיי לאַכן:
ט „זע, דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט נישט געמאַכט
גאָט פֿאַר זיין שוצפֿעסטונג,
און ער האָט זיך פֿאַרזיכערט אין דער פֿולע פֿון זיין עֲשירות,
האָט געטראָצט אין זיין פֿאַרדאַרבן."
י און איך בין ווי אַ צווייַגהאַפֿטער אייַלבערטבוים אין דעם הויז פֿון גאָט,
איך פֿאַרזיכער מיך אין דעם חֶסד פֿון גאָט אייביק און אייביק.
יא איך וויל דיר דאַנקלויבן אַף אייביק, וואָרן דו האָסט עס געטון,
און איך וויל דערהאָפֿן דיין נאָמען, וואָרן ער איז גוט קעגן דיינע פֿרומע.

נג לַמְנַצֵּחַ, עַל־מָחֲלַת, מַשְׂכִּיל לְדָוִד. אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ

א פֿאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, אַף „מַחלַת",
אַ באַקלערונג פֿון דָודן.

תהלים

הָאֲדוֹמִי וַיַּגֵּד לְשָׁאוּל וַיֹּאמֶר לוֹ בָּא דָוִד אֶל־בֵּית אֲחִימֶלֶךְ׃
מַה־תִּתְהַלֵּל בְּרָעָה הַגִּבּוֹר חֶסֶד אֵל כָּל־הַיּוֹם׃ הַוּוֹת
ה תַּחְשֹׁב לְשׁוֹנֶךָ כְּתַעַר מְלֻטָּשׁ עֹשֵׂה רְמִיָּה׃ אָהַבְתָּ רָּע
מִטּוֹב שֶׁקֶר ׀ מִדַּבֵּר צֶדֶק סֶלָה׃ אָהַבְתָּ כָל־דִּבְרֵי־בָלַע
לְשׁוֹן מִרְמָה׃ גַּם־אֵל יִתָּצְךָ לָנֶצַח יַחְתְּךָ וְיִסָּחֲךָ מֵאֹהֶל
וְשֵׁרֶשְׁךָ מֵאֶרֶץ חַיִּים סֶלָה׃ וְיִרְאוּ צַדִּיקִים וְיִירָאוּ וְעָלָיו
יִשְׂחָקוּ׃ הִנֵּה הַגֶּבֶר לֹא יָשִׂים אֱלֹהִים מָעוּזּוֹ וַיִּבְטַח בְּרֹב
י עָשְׁרוֹ יָעֹז בְּהַוָּתוֹ׃ וַאֲנִי ׀ כְּזַיִת רַעֲנָן בְּבֵית אֱלֹהִים
בָּטַחְתִּי בְחֶסֶד־אֱלֹהִים עוֹלָם וָעֶד׃ אוֹדְךָ לְעוֹלָם כִּי עָשִׂיתָ
נג וַאֲקַוֶּה שִׁמְךָ כִי־טוֹב נֶגֶד חֲסִידֶיךָ׃ נג לַמְנַצֵּחַ
עַל־מָחֲלַת מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ אֵין אֱלֹהִים
הִשְׁחִיתוּ וְהִתְעִיבוּ עָוֶל אֵין עֹשֵׂה־טוֹב׃ אֱלֹהִים מִשָּׁמַיִם
הִשְׁקִיף עַל־בְּנֵי־אָדָם לִרְאוֹת הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ אֶת־אֱלֹהִים׃
ה כֻּלּוֹ סָג יַחְדָּו נֶאֱלָחוּ אֵין עֹשֵׂה־טוֹב אֵין גַּם־אֶחָד׃ הֲלֹא
יָדְעוּ פֹּעֲלֵי אָוֶן אֹכְלֵי עַמִּי אָכְלוּ לֶחֶם אֱלֹהִים לֹא קָרָאוּ׃

נב׳ פ׳ דגש אחר שורק

ב דער שענדלעכער האָט געזאָגט אין זיין האַרץ: „עס איז נישטאָ קיין גאָט!"
זיי האָבן פאַרדאָרבן און זיך פאַראומווערדיקט פון אומרעכט,
נישטאָ קיינער, וואָס טוט גוטס.

ג גאָט האָט פון הימל אַראָפּגעלוגט אַף די מענטשנקינדער,
צו זען, צי עס איז פאַראַן אַ באַקלערער,
אַ נאָכפאָרשער פון גאָט.

ד אַל דאָס האָט אָפּגעווייכט, זיי זענען אינאיינעם געוואָרן איינגעשמוצט,
נישטאָ קיינער, וואָס טוט גוטס,
נישטאָ אַפילו קיין איינציקער.

ה צי האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, די ווערקער פון אומרעכט,
וואָס האָבן געפרעסן מיין פאָלק: זיי האָבן געפרעסן אַ ברויט,
גאָט האָבן זיי נישט גערופן?!

ו דאָרט, זיי האָבן געגרוילט אַ גרוילונג, וואו ס'איז נישט געווען קיין גרוילונג

וואָרן גאָט האָט צעזייט די ביינער פון דיין באַלעגערער,
דו האָסט געטון פאַרשעמען, וואָרן גאָט האָט זיי פאַרמיאוסט.

ז הלוואַי זאָלן ווערן געגעבן פון ציון די ישועות פון ישׂראל!
ווען גאָט לאָזט אומקערן זיך די געפאַנגענשאַפט פון זיין פאָלק–
וועט זיין לוסטיק יַעקב, וועט זיך פרייען ישׂראל.

נד לַמְנַצֵּחַ, בִּנְגִינוֹת, מַשְׂכִּיל לְדָוִד. בְּבוֹא הַזִּיפִים וַיֹּאמְרוּ לְשָׁאוּל

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, מיט סטרונעשפּיל,
אַ באַקלערונג פון דָודן.
ב ווען עס זענען געקומען צו אים די זיפים און זיי האָבן געזאָגט צו שָאולן:
טוט דָוד זיך נישט פאַרבאָרגן ביי אונז?!

ג גאָט, מיט דיין נאָמען טו מיך באַפרייַען,
און מיט דיין גבורה זאָלסטו מיך דַן זיין!
ד גאָט, דערהער מיין תּפילה,
פאַרנעם די זאָגן פון מיין מויל!
ה וואָרן פאַרפרעמדטע זענען אופגעשטאַנען אַף מיר,
און טראָציקע האָבן געזוכט מיין נֶפש,
זיי האָבן נישט געשטעלט גאָט אַנטקעגן זיך. סֶלָה!

ו זע, גאָט איז מיר אַ העלפער,
גאָט, מיט די אונטערלענער פון מיין נֶפש,
ז ער וועט אומקערן דאָס בייז אַף מיינע נאָכלוגערס,–
אין דיין געטריישאַפט טו זיי אויסראָטן!

ח אין פרייגיביקייט וויל איך שלאַכטן צו דיר,
איך וויל דאַנקלויבן דיין נאָמען, גאָט, וואָרן ער איז גוט,
ט וואָרן פון איטליכער באַדרענגונג האָט ער מיך מַציל געווען,
און אַף מיינע פייַנט האָט אַראָפּגעזען מיין אויג.

שָׁ֤ם ׀ פָּֽחֲדוּ־פַחַד֮ לֹא־הָ֪יָה֫ פָ֥חַד כִּֽי־אֱלֹהִ֗ים פִּ֭זַּר עַצְמ֣וֹת חֹנָ֑ךְ
הֱ֝בִשֹׁ֗תָה כִּֽי־אֱלֹהִ֥ים מְאָסָֽם׃ מִ֥י יִתֵּ֥ן מִצִּיּוֹן֮ יְשֻׁע֪וֹת
יִשְׂרָ֫אֵ֥ל בְּשׁ֣וּב אֱ֭לֹהִים שְׁב֣וּת עַמּ֑וֹ יָגֵ֥ל יַ֝עֲקֹ֗ב יִשְׂמַ֥ח יִשְׂרָאֵֽל׃
נד לַמְנַצֵּ֥חַ בִּנְגִינֹ֗ת מַשְׂכִּ֥יל לְדָוִֽד׃ בְּב֣וֹא
הַ֭זִּיפִים וַיֹּאמְר֣וּ לְשָׁא֑וּל הֲלֹ֥א דָ֝וִ֗ד מִסְתַּתֵּ֥ר עִמָּֽנוּ׃ אֱ֭לֹהִים
בְּשִׁמְךָ֣ הוֹשִׁיעֵ֑נִי וּבִגְבֽוּרָתְךָ֥ תְדִינֵֽנִי׃ אֱ֭לֹהִים שְׁמַ֣ע תְּפִלָּתִ֑י
ה הַ֝אֲזִ֗ינָה לְאִמְרֵי־פִֽי׃ כִּ֤י זָרִ֨ים ׀ קָ֤מוּ עָלַ֗י וְֽעָרִיצִים֮ בִּקְשׁ֪וּ
נַ֫פְשִׁ֥י לֹ֤א שָׂ֨מוּ אֱלֹהִ֖ים לְנֶגְדָּ֣ם סֶֽלָה׃ הִנֵּ֣ה אֱ֭לֹהִים עֹזֵ֣ר לִ֑י
אֲ֝דֹנָ֗י בְּֽסֹמְכֵ֥י נַפְשִֽׁי׃ יָשִׁ֣וב הָ֭רַע לְשֹׁרְרָ֑י בַּ֝אֲמִתְּךָ֗ הַצְמִיתֵֽם׃
בִּנְדָבָ֥ה אֶזְבְּחָה־לָּ֑ךְ אוֹדֶ֖ה שִּׁמְךָ֥ יְהוָ֣ה כִּי־טֽוֹב׃ כִּ֣י מִכָּל־
נה צָ֭רָה הִצִּילָ֑נִי וּ֝בְאֹיְבַ֗י רָאֲתָ֥ה עֵינִֽי׃ נה לַמְנַצֵּ֥חַ
בִּנְגִינֹ֗ת מַשְׂכִּ֥יל לְדָוִֽד׃ הַאֲזִ֣ינָה אֱ֭לֹהִים תְּפִלָּתִ֑י וְאַל־
תִּ֝תְעַלַּ֗ם מִתְּחִנָּתִֽי׃ הַקְשִׁ֣יבָה לִּ֣י וַעֲנֵ֑נִי אָרִ֖יד בְּשִׂיחִ֣י
וְאָהִֽימָה׃ מִקּ֤וֹל אוֹיֵ֗ב מִפְּנֵ֣י עָקַ֣ת רָשָׁ֑ע כִּֽי־יָמִ֥יטוּ עָלַ֥י אָ֝֗וֶן
ה וּבְאַ֥ף יִשְׂטְמֽוּנִי׃ לִ֭בִּי יָחִ֣יל בְּקִרְבִּ֑י וְאֵימ֥וֹת מָ֝֗וֶת נָפְל֥וּ עָלָֽי׃
יִרְאָ֣ה וָ֭רַעַד יָ֣בֹא בִ֑י וַ֝תְּכַסֵּ֗נִי פַּלָּצֽוּת׃ וָאֹמַ֗ר מִֽי־יִתֶּן־לִּ֣י

נה׳ טו׳ ישיא מות קרי

נה לַמְנַצֵּחַ, בִּנְגִינוֹת, מַשְׂכִּיל לְדָוִד. הַאֲזִינָה אֱלֹהִים תְּפִלָּתִי

א פאַר דעם־גערזאַנגמייַסטער, מיט סטרונעשפּיל,
אַ באַקלערונג פון דָודן.

ב פאַרנעם, גאָט, מיין תּפילה,
און דו זאָלסט דיך נישט פאַרהוילן פון מיין געבעט!

ג האָרך דיך צו צו מיר, און ענטפער מיר!
איך שלייַ מיך אום אין מיין קלאָג, און איך טו ברומען

ד פונוועגן דעם קול פון דעם פייַנט,
פון פאַר דער מאַטערונג פון דעם רָשע,
וואָרן זיי האָבן גענייַגט איבער מיר אומרעכט,
און אין צאָרן טוען זיי מיך פאַרהאַסן.

ה מיין האַרץ האָט געקראַיסט דרינען אין מיר,
און טויטשרעקן זענען געפאַלן איבער מיר,

ו מורא און ציטער קומען אָף מיר,
און באַדעקט האָט מיך אַ שוידער.

ז אונ איך האָב געזאָגט: הַלוואַי וואָלט מיר ווער געגעבן
אַ געפלעדער ווי אַ טויב,
איך וואָלט אַוועקגעפּליגן און וואָלט בלייבן רוען.
ח זע, איך וואָלט ווייט אַוועקגעוואָגלט,
איך וואָלט גענעכטיקט אין דער מִדבּר! סֶלָה!
ט איך וואָלט צוגעאײַלט פאַר מיר אַן אַנטרינונג
פון פאַר דעם ברויזיקן ווינט, פון פאַר דעם שטאָרעם.

י פאַרשלינג, גאָט, צעשפּאַלט זייער צונג!
וואָרן איך האָב געזען רויב און קריג אין דער שטאָט.
יא טאָג און נאַכט רינגלען זיי זי אַרום אַף אירע מויערן,
און דרינען אין איר זענען אומרעכט און אומגליק,
יב דרינען אין איר זענען פאַרדאַרבונגען,
און סע ווערט נישט אָפּגעטון פון איר מאַרקגאַס קיין דריקונג און באַטרוג.

יג נאָר עס איז נישט קיין פיַינט, וואָס האָט מיך געלעסטערט,
– דאָס וואָלט איך פאַרטראָגן –,
נישט מיינער אַ שׂונא האָט זיך געגרייַסט איבער מיר,
– יאָ, איך וואָלט מיך פאַרבאָרגן פון אים –,
יד נייַערט דו, אַ מענטש נאָך מיין גלייַכן נאָך,
מיין געזעל און מיין באַקענטער,
טו וואָס אינאײנעם האָבן מיר זיך זיס געסודעט,
מיר זענען געגאַנגען אין גאָטס הויז צווישן געליאַרעם. –
טז זאָל אָנפאַלן אַף זיי דער טויט!
זאָלן זיי נידערן אין דער נידערוועלט לעבעדיקערהייט!
וואָרן דרינען צווישן זיי, אין זייער וויַל־אָרט, זענען שלעכטסקייטן.

יז איך, צו גאָט טו איך רופן,
און גאָט וועט מיך באַפרייַען.
יח אָוונט און פרימאָרגן און בייטאָג טו איך קלאָגן און ברומען, –

אֵבֶר כַּיּוֹנָה אָעוּפָה וְאֶשְׁכֹּנָה׃ הִנֵּה אַרְחִיק נְדֹד אָלִין
בַּמִּדְבָּר סֶלָה׃ אָחִישָׁה מִפְלָט לִי מֵרוּחַ סֹעָה מִסָּעַר׃
י בַּלַּע אֲדֹנָי פַּלַּג לְשׁוֹנָם כִּי־רָאִיתִי חָמָס וְרִיב בָּעִיר׃ יוֹמָם
וָלַיְלָה יְסוֹבְבֻהָ עַל־חוֹמֹתֶיהָ וְאָוֶן וְעָמָל בְּקִרְבָּהּ׃ הַוּוֹת
בְּקִרְבָּהּ וְלֹא־יָמִישׁ מֵרְחֹבָהּ תֹּךְ וּמִרְמָה׃ כִּי ׀ לֹא־אוֹיֵב
יְחָרְפֵנִי וְאֶשָּׂא לֹא־מְשַׂנְאִי עָלַי הִגְדִּיל וְאֶסָּתֵר מִמֶּנּוּ׃ וְאַתָּה
טו אֱנוֹשׁ כְּעֶרְכִּי אַלּוּפִי וּמְיֻדָּעִי׃ אֲשֶׁר יַחְדָּו נַמְתִּיק סוֹד בְּבֵית
אֱלֹהִים נְהַלֵּךְ בְּרָגֶשׁ׃ יַשִּׁימָוֶת ׀ עָלֵימוֹ יֵרְדוּ שְׁאוֹל חַיִּים
כִּי־רָעוֹת בִּמְגוּרָם בְּקִרְבָּם׃ אֲנִי אֶל־אֱלֹהִים אֶקְרָא וַיהוָה
יוֹשִׁיעֵנִי׃ עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרַיִם אָשִׂיחָה וְאֶהֱמֶה וַיִּשְׁמַע קוֹלִי׃
כ פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקֲּרָב־לִי כִּי־בְרַבִּים הָיוּ עִמָּדִי׃ יִשְׁמַע ׀
אֵל ׀ וְיַעֲנֵם וְיֹשֵׁב קֶדֶם סֶלָה ׀ אֲשֶׁר אֵין חֲלִיפוֹת לָמוֹ וְלֹא
יָרְאוּ אֱלֹהִים׃ שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ׃ חָלְקוּ ׀
מַחְמָאֹת פִּיו וּקְרָב־לִבּוֹ רַכּוּ דְבָרָיו מִשֶּׁמֶן וְהֵמָּה פְתִחוֹת׃
הַשְׁלֵךְ עַל־יְהוָה ׀ יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ לֹא־יִתֵּן לְעוֹלָם

נ׳ ז׳ יש״ב ק׳

און ער האָט דערהערט מיין קול,

יט ער האָט אויסגעקויפט אין פרידן מיין נֶפש פון דעם קאַמף קעגן מיר,
וואָרן מיט אַ סך זענען זיי געווען אַרום מיר.

כ גאָט וועט דערהערן און וועט זיי אָפּענטפערן,
יאָ, ער, וואָס זיצט פון פאַרצייטנס אָן, סֶלָה!
ווייל ביי זיי זענען נישטאָ קיין בייַטונגען,
און זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר גאָט.

כא יענער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט אַף די, וואָס זענען געווען
מיט אים אין פרידן,
ער האָט פאַרשוועכט זיין בונד.

כב גלאַטיק זענען געווען די פּוטער־רייד פון זיין מויל,
דאָך זיין האַרץ איז קאַמף,
זיינע רייד זענען געווען ווייכער פון בוימל,
דאָך אָפּענע שווערדן זענען זיי.

כג וואַרף אַרויף דיין גורל אַף ג א ָ ט, און ער וועט דיך פאַרזאָרגן,

ער וועט נישט געבן אַף אייביק קיין וואַנקען פאַר דעם גערעכטן.
כד און דו, גאָט, דו וועסט זיי אַראָפּנידערן אין דער ברונע־טיפקייט פון גרוב,
די מענטשן פון בלוטשולדיקייטן און באַטרוג וועלן נישט דערציען
קיין העלפט פון זייערע טעג.
און איך, איך טו מיך פאַרזיכערן אין דיר.

נו לַמְנַצֵּחַ, עַל־יוֹנַת אֵלֶם רְחוֹקִים, לְדָוִד, מִכְתָּם. בֶּאֱחֹז אֹתוֹ פְלִשְׁתִּים בְּגַת

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, אַף „יוֹנַת אֵלֶם רְחֹקִים",
פון דָודן, אַ מִכתָּם,
ווען די פּלִשתּים האָבן אים געכאַפּט אין גַת.

ב לייַטזעליק מיך, גאָט, וואָרן דער מענטש שנאַפּט נאָך מיר,
קריגנדיק דעם גאַנצן טאָג קלעמט ער מיך אַרום.
ג מיינע נאָכלוגערס שנאַפּן דעם גאַנצן טאָג,
פאַרוואָר, אַ סַך האַלטן מִלחָמה מיט מיר, דערהויבענער.
ד דעם טאָג, וואָס איך האָב מורא,
טו איך מיך פאַרזיכערן אין דיר.
ה אין גאָט, וואָס איך טו לויבזינגען זיין וואָרט,
אין גאָט האָב איך מיך פאַרזיכערט, – איך האָב נישט קיין מורא –
וואָס קאָן אַ שטיק פלייש מיר טון?!

ו דעם גאַנצן טאָג מאַכן זיי טריב מיינע רייד,
אַלע זייערע מַחשָבות זענען קעגן מיר צום שלעכטן.
ז זיי קלויבן זיך צונויף, זיי באַהאַלטן זיך אויס,
זיי, וואָס מיינע טריט טוען זיי היטן,
ווי זיי האָבן דערהאָפט מיין נֶפש.
ח איבער דעם אומרעכט אַן אַנטרינונג פאַר זיי?
אין צאָרן, גאָט, לאָז אַראָפּנידערן די פעלקער!

מ֥וֹט לַצַּדִּֽיק׃ וְאַתָּ֤ה ׀ אֱלֹהִ֡ים ׀ תּוֹרִדֵ֬ם ׀ לִבְאֵ֬ר שַׁ֗חַת אַנְשֵׁ֤י
דָמִ֣ים וּ֭מִרְמָה לֹא־יֶחֱצ֣וּ יְמֵיהֶ֑ם וַ֝אֲנִ֗י אֶבְטַח־בָּֽךְ׃
נו לַמְנַצֵּ֤חַ ׀ עַל־י֬וֹנַת אֵ֣לֶם רְ֭חֹקִים לְדָוִ֣ד מִכְתָּ֑ם בֶּאֱחֹ֨ז
אֹת֖וֹ פְלִשְׁתִּ֣ים בְּגַֽת׃ חָנֵּ֣נִי אֱ֭לֹהִים כִּֽי־שְׁאָפַ֣נִי אֱנ֑וֹשׁ כָּל־
הַ֝יּ֗וֹם לֹחֵ֥ם יִלְחָצֵֽנִי׃ שָׁאֲפ֣וּ שׁ֭וֹרְרַי כָּל־הַיּ֑וֹם כִּֽי־רַבִּ֨ים
ה לֹחֲמִ֖ים לִ֣י מָרֽוֹם׃ י֥וֹם אִירָ֑א אֲ֝נִ֗י אֵלֶ֥יךָ אֶבְטָֽח׃ בֵּאלֹהִים֮
אֲהַלֵּ֪ל דְּבָ֫ר֥וֹ בֵּאלֹהִ֣ים בָּ֭טַחְתִּי לֹ֣א אִירָ֑א מַה־יַּעֲשֶׂ֖ה בָשָׂ֣ר
לִֽי׃ כָּל־הַ֭יּוֹם דְּבָרַ֣י יְעַצֵּ֑בוּ עָלַ֖י כָּל־מַחְשְׁבֹתָ֣ם לָרָֽע׃
יָג֤וּרוּ ׀ יִצְפּ֗וֹנוּ הֵ֭מָּה עֲקֵבַ֣י יִשְׁמֹ֑רוּ כַּ֝אֲשֶׁ֗ר קִוּ֥וּ נַפְשִֽׁי׃ עַל־
אָ֥וֶן פַּלֶּט־לָ֑מוֹ בְּ֝אַ֗ף עַמִּ֤ים ׀ הוֹרֵ֬ד אֱלֹהִֽים׃ נֹדִי֮ סָפַ֪רְתָּ֫ה אָ֥תָּה
י שִׂ֣ימָה דִמְעָתִ֣י בְנֹאדֶ֑ךָ הֲ֝לֹ֗א בְּסִפְרָתֶֽךָ׃ אָ֨ז ׀ יָ֘שׁ֤וּבוּ אוֹיְבַ֣י
אָ֭חוֹר בְּי֣וֹם אֶקְרָ֑א זֶה־יָ֝דַ֗עְתִּי כִּֽי־אֱלֹהִ֥ים לִֽי׃ בֵּֽ֭אלֹהִים
אֲהַלֵּ֣ל דָּבָ֑ר בַּ֝יהֹוָ֗ה אֲהַלֵּ֥ל דָּבָֽר׃ בֵּאלֹהִ֣ים בָּ֭טַחְתִּי לֹ֣א
אִירָ֑א מַה־יַּעֲשֶׂ֖ה אָדָ֣ם לִֽי׃ עָלַ֣י אֱלֹהִ֣ים נְדָרֶ֑יךָ אֲשַׁלֵּ֖ם
תּוֹדֹ֣ת לָֽךְ׃ כִּ֤י הִצַּ֪לְתָּ נַפְשִׁ֡י מִמָּ֗וֶת הֲלֹ֥א רַגְלַי֮ מִדֶּ֥חִי
לְ֭הִתְהַלֵּךְ לִפְנֵ֣י אֱלֹהִ֑ים בְּ֝א֗וֹר הַֽחַיִּֽים׃ נז

פו׳ ז׳ יצפונו קרי

ט מיין וואָגלען האָסטו געציילט, דו,
טו אַריין מיין טרער אין דיין לאָגל,–
צי איז דאָס נישט אין דיין ציילונג?
י דעמאָלט וועלן זיך אומקערן מיינע פֿיַינט אַהינטער,
אין דעם טאָג, וואָס איך טו רופֿן,
דאָס ווייס איך, אַז גאָט איז פֿאַר מיר.
יא אין גאָט, וואָס איך טו לויבזינגען דאָס וואָרט,
אין גאָט, וואָס איך טו לויבזינגען דאָס וואָרט,
יב אין גאָט האָב איך מיך פֿאַרזיכערט,–איך האָב נישט קיין מורא,–
וואָס קאָן אַ מענטש מיר טון?!

יג אַף מיר, גאָט, זענען דיינע נדרים,
איך וועל דיר באַצאָלן דאַנק־אָפּפֿער,
יד וואָרן דו האָסט מַציל געווען מיין נֶפש פֿון טויט,
צי נישט?–מיינע פֿיס פֿון שטויסונג,
אַרומצוגיין פֿאַר גאָט
אין דעם ליכט פֿון לעבן.

נז לַמְנַצֵּחַ, אַל־תַּשְׁחֵת, לְדָוִד, מִכְתָּם. בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי־שָׁאוּל בַּמְּעָרָה

א פֿאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, „דו זאָלסט נישט פֿאַרדאַרבן“,
פֿון דָודן, אַ מִכתָּם,
ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿון שָאולן אין דער הייַל אַריין.

ב לייַטזעליק מיך, גאָט, לייַטזעליק מיך,
וואָרן אין דיר האָט זיך באַשירעמט מיין נֶפש.
און אין שאָטן פֿון דיינע פֿליגל וויל איך מיך באַשירעמען,
ביז סע וועט אַריבערגיין די פֿאַרדאַרבונג.

ג איך טו רופֿן צו גאָט, דעם אייבערשטן,
צו גאָט, וואָס פֿאַרפֿאַרטיקט פֿאַר מיר.
ד ער וועט שיקן פֿון הימל, און ער וועט מיך באַפֿרייַען,
–מעג לעסטערן דער, וואָס שנאַפּט נאָך מיר. סֶלָה!–
גאָט וועט שיקן זיין חֶסד און זיין אֶמת.

ה מיין נֶפש איז אין דער מיט פֿון לייבן,
איך מוז מיך אַנידערלייגן לעם פֿאַרפֿלאַקערנדיקע,
מענטשנקינדער, וואָס זייערע ציין זענען שפּיז און פֿייַלן,
און זייער צונג – אַ שאַרפֿע שווערד.
ו דערהייב דיך איבער דעם הימל, גאָט,
איבער דער גאַנצער ערד – דיין הערלעכקייט!

ז זיי האָבן אָנגעבגרייט אַ נעץ פֿאַר מיינע טריט,
מע האָט איינגעבויגן מיין נֶפש,
זיי האָבן געגראָבן אַ גרוב פֿאָראויס פֿאַר מיר –
זיי זענען אַרייַנגעפֿאַלן אין זיין מיט! סֶלָה!

ח מיין האַרץ איז געפֿעסטיקט, גאָט, מיין האַרץ איז געפֿעסטיקט,

נז לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי־
שָׁאוּל בַּמְּעָרָה: חָנֵּנִי אֱלֹהִים ׀ חָנֵּנִי כִּי בְךָ חָסָיָה נַפְשִׁי
וּבְצֵל־כְּנָפֶיךָ אֶחְסֶה עַד־יַעֲבֹר הַוּוֹת: אֶקְרָא לֵאלֹהִים
עֶלְיוֹן לָאֵל גֹּמֵר עָלָי: יִשְׁלַח מִשָּׁמַיִם ׀ וְיוֹשִׁיעֵנִי חֵרֵף
ה שֹׁאֲפִי סֶלָה יִשְׁלַח אֱלֹהִים חַסְדּוֹ וַאֲמִתּוֹ: נַפְשִׁי ׀ בְּתוֹךְ
לְבָאִם אֶשְׁכְּבָה לֹהֲטִים בְּנֵי־אָדָם שִׁנֵּיהֶם חֲנִית וְחִצִּים
וּלְשׁוֹנָם חֶרֶב חַדָּה: רוּמָה עַל־הַשָּׁמַיִם אֱלֹהִים עַל כָּל־
הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ: רֶשֶׁת ׀ הֵכִינוּ לִפְעָמַי כָּפַף נַפְשִׁי כָּרוּ לְפָנַי
שִׁיחָה נָפְלוּ בְתוֹכָהּ סֶלָה: נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים נָכוֹן לִבִּי
אָשִׁירָה וַאֲזַמֵּרָה: עוּרָה כְבוֹדִי עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר
י אָעִירָה שָּׁחַר: אוֹדְךָ בָעַמִּים ׀ אֲדֹנָי אֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים:
כִּי־גָדֹל עַד־שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ וְעַד־שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ: רוּמָה עַל־
שָׁמַיִם אֱלֹהִים עַל כָּל־הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ:
נח לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם: הַאֻמְנָם אֵלֶם

איך וויל זינגען, און איך וויל לויבשפּילן.
ט וואַך אויף, מיין הערלעכקייט, וואַך אויף, דו ציטער און האַרף,
איך וויל וואַך מאַכן דעם מאָרגנשטערן.

י איך וויל דיר דאַנקלויבן צווישן די פעלקער, גאָט,
איך וויל דיר לויבשפּילן צווישן די אומות.
יא וואָרן גרויס ביז דעם הימל איז דיין חֶסד,
און ביז די לופטהימלען איז דיין אֱמת.
יב דערהייב דיך איבער דעם הימל, גאָט,
איבער דער גאַנצער ערד — דיין הערלעכקייט!

נח לַמְנַצֵּחַ, אַל־תַּשְׁחֵת, לְדָוִד, מִכְתָּם.
הַאֻמְנָם אֵלֶם צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן

א פאַר דעם געזאַנגמייַסטער, „דו זאָלסט נישט פאַרדאַרבן",
פון דודן, אַ מִכתָּם.

ב וואָרהאַפטיק: רעדט איר פון דער פאַרשטומונג פון גערעכטיקייט?
מִשפּט איר רעכטפאַרטיק די מענטשנקינדער?
ג יאָ, אין האַרץ טוט איר ווערקן עַוולות,
אין דעם לאַנד —
טוט איר וועגן די רויב פון אייערע הענט! —
ד פאַרפרעמדט זענען די רשָעים פון דער מוטערטראַכט אָן,
זיי האָבן פאַרבלאָנדזעט פון בויך אָן, די רעדערס פון ליגן.
ה אַ גיפט האָבן זיי, געגליכן דעם גיפט פון אַ שלאַנג,
זענען ווי דער טויבער פּיפּערנאָטער, וואָס פאַרשטאָפּט זיין אויער,
ו וואָס הערט זיך נישט צו צו דעם קול פון באַשווערערס,
פון קליגסטן פאַרבינדער פון בינדונגען.

ז גאָט, רײַס אַרויס זייערע צײַן אין זייער מויל,
דאָס געביס פון די יונגע לײַבן צעשטויס, גאָט!
ח זיי זאָלן צערינען, ווי וואַסער זאָלן זיי אײַנגיין אין זיך!
— טוט ער טרעטן, זאָלן זיין זיינע פײַלן ווי אָפּגעשניטענע! —
ט זענען ווי אַ שנעק, אין צערינונג צעגייט ער,
אַ מַפּיל פון אַן אִשה, — זיי האָבן נישט געזען די זון!
י נאָך איידער אייערע טעפּ קענען דערשפּירן דעם וועגדאָרן:
סײַ לעבנפריש, סײַ פאַרגלוטיקט — וועט ער אים אַוועקשטאָרעמען.

יא לאָז זיך פרייען דער צַדיק, וואָרן ער האָט געזען נקָמה,
זיינע טריט וועט ער מעגן וואַשן אין דעם בלוט פון דעם רָשע.
יב און דער מענטש וועט זאָגן: פאַרוואָר, פאַראַן איז פרוכט פאַר דעם צַדיק,
פאַרוואָר, פאַראַן אַ גאָט, וואָס מִשפּט אַף דער ערד!

נט לַמְנַצֵּחַ, אַל־תַּשְׁחֵת, לְדָוִד, מִכְתָּם. בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, „דו זאָלסט נישט פאַרדאַרבן“,
פון דָודן, אַ מִכתָּם,

צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן מֵישָׁרִים תִּשְׁפְּטוּ בְּנֵי אָדָם׃ אַף־בְּלֵב עוֹלֹת
תִּפְעָלוּן בָּאָרֶץ חֲמַס יְדֵיכֶם תְּפַלֵּסוּן׃ זֹרוּ רְשָׁעִים מֵרָחֶם
ה תָּעוּ מִבֶּטֶן דֹּבְרֵי כָזָב׃ חֲמַת־לָמוֹ כִּדְמוּת חֲמַת־נָחָשׁ כְּמוֹ־
פֶתֶן חֵרֵשׁ יַאְטֵם אָזְנוֹ׃ אֲשֶׁר לֹא־יִשְׁמַע לְקוֹל מְלַחֲשִׁים
חוֹבֵר חֲבָרִים מְחֻכָּם׃ אֱלֹהִים הֲרָס־שִׁנֵּימוֹ בְּפִימוֹ
מַלְתְּעוֹת כְּפִירִים נְתֹץ ׀ יְהוָה׃ יִמָּאֲסוּ כְמוֹ־מַיִם
יִתְהַלְּכוּ־לָמוֹ יִדְרֹךְ חִצָּו כְּמוֹ יִתְמֹלָלוּ׃ כְּמוֹ שַׁבְּלוּל תֶּמֶס
י יַהֲלֹךְ נֵפֶל אֵשֶׁת בַּל־חָזוּ שָׁמֶשׁ׃ בְּטֶרֶם יָבִינוּ סִּירֹתֵיכֶם
אָטָד כְּמוֹ־חַי כְּמוֹ־חָרוֹן יִשְׂעָרֶנּוּ׃ יִשְׂמַח צַדִּיק כִּי־חָזָה
נָקָם פְּעָמָיו יִרְחַץ בְּדַם הָרָשָׁע׃ וְיֹאמַר אָדָם אַךְ־פְּרִי
לַצַּדִּיק אַךְ יֵשׁ־אֱלֹהִים שֹׁפְטִים בָּאָרֶץ׃

נט לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל
וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ׃ הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי ׀ אֱלֹהָי
מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי׃ הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים
הוֹשִׁיעֵנִי׃ כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים לֹא־
ה פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהוָה׃ בְּלִי־עָוֺן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ עוּרָה
לִקְרָאתִי וּרְאֵה׃ וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן

נח׳ח׳ הציו ק׳

ווען שאָול האָט געשיקט,
און זיי האָבן געהיט דאָס הויז, אים צו טייטן.

ב זײַ מיך מציל פון מײַנע פײַנט, מײַן גאָט,
פון די אופשטענדיקע קעגן מיר זאָלסטו מיך דערהײַכן!
ג זײַ מיך מציל פון די ווערקער פון אומרעכט,
און פון בלוטשולדיקע מענטשן באַפרײַ מיך!
ד וואָרן זע, זיי האָבן געלאָקערט אַף מײַן נֶפֶש,
די טראָציקע קלויבן זיך צונויף אַף מיר, —
עס איז נישט מײַן אָפּטריניקייט און נישט מײַן זינד, ג א ָ ט!
ה אָן פאַרשולדיקונג — לויפן זיי אָן און ברייטן זיך אָן.
וואַך אוף, צו באַגעגענען מיך, און זע!
ו דו ביסט דאָך ג א ָ ט, גאָט פון די הערשאַרן, דער גאָט פון ישׂראל,
כאַפּ דיך אוף, צו רעכענען זיך מיט אַלע וועלטשטאַמען!
דו זאָלסט נישט לײַטזעליקן די אַלע אומרעכטפולע פאַררעטער! סֶלָה!

ז צו אָוונט־צו קערן זיי זיך אום, זיי האַילן ווי אַ הונט,
און זיי רינגלען אַרום די שטאָט.
ח זע, זיי גאַווערן מיט זייער מויל,
שווערדן זענען אין זייערע ליפּן,
וואָרן: „ווער הערט?!"
ט און דו, גאָט, דו וועסט לאַכן פון זיי,
דו וועסט שפּעטן פון אַלע וועלטשטאַמען.
י זיין מאַכט—!—דיך וויל איך דערהיטן.
פאַרוואָר, גאָט איז מיין בורג!
יא גאָט פון מיין חֶסד וועט זיך פעדערן מיר אַנטקעגן,
גאָט האָט מיך געלאָזט זען אין מיינע נאָכלויגערס.

יב דו זאָלסט זיי נישט הַרגענען, טאָמער וועט מיין פאָלק פאַרגעסן!
לאָז זיי אומוואָגלען דורך דיין קראַפט, און נידער זיי אַראָפּ,
גאָט, אונזער שילד,—
יג אָ, די זינד פון זייער מויל—דאָס וואָרט פון זייערע ליפּן!—
און זאָלן זיי באַצווינגען זיך אין זייער גַאווה,
און דורך דעם פלוך און דורך דער לייַקענונג, וואָס זיי דערציילן.
יד פאַרלענד אין דעם גלוטצאָרן, פאַרלענד, און זאָלן זיי נישט ווערן,
און זאָלן זיי פאַרשטיין, אַז גאָט איז געוועלטיקער אין יַעקב,—
ביז די ראַנדן פון די ערד. סֶלָה!

טו און קערן זיי זיך אום צו אָוונט־צו, האַילן זיי ווי אַ הונט,
און זיי רינגלען אַרום די שטאָט,
טז זיי, וואָס זיי וואָגלען אום נאָך פאַרצערונג,
אויב זיי ווערן נישט זאַט—יאָ, בלייבן זיי איבערנעכטיקן.
יז און איך, איך וועל באַזינגען דיין מאַכט,
יאָ, איך וועל צו מאָרגנ־צו יובלען פון דיין חֶסד.
וואָרן דו ביסט געווען פאַר מיר אַ בורג,
און אַן אַנטרינונג אין דעם טאָג, ווען איך בין געווען באַדרענגט.

סֶלָה׃ יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר׃ הִנֵּה ׀
יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם כִּי־מִי שֹׁמֵעַ׃ וְאַתָּה
י יְהוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם׃ עֻזּוֹ אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה
כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי׃ אֱלֹהֵי חַסְדּוֹ יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי
בְשֹׁרְרָי׃ אַל־תַּהַרְגֵם ׀ פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ
וְהוֹרִידֵמוֹ מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי׃ חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ
בִגְאוֹנָם וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ׃ כַּלֵּה בְחֵמָה כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ
טו וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה׃ וְיָשֻׁבוּ
לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר׃ הֵמָּה יְנִועוּן לֶאֱכֹל אִם־לֹא
יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ׃ וַאֲנִי ׀ אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי־
הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר־לִי׃ עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה כִּי־
ס אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי׃ ס לַמְנַצֵּחַ עַל־
שׁוּשַׁן עֵדוּת מִכְתָּם לְדָוִד לְלַמֵּד׃ בְּהַצּוֹתוֹ ׀ אֶת אֲרַם
נַהֲרַיִם וְאֶת־אֲרַם צוֹבָה וַיָּשָׁב יוֹאָב וַיַּךְ אֶת־אֱדוֹם בְּגֵיא־
מֶלַח שְׁנֵים עָשָׂר אָלֶף׃ אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ פְרַצְתָּנוּ אָנַפְתָּ
תְּשׁוֹבֵב לָנוּ׃ הִרְעַשְׁתָּה אֶרֶץ פְּצַמְתָּהּ רְפָה שְׁבָרֶיהָ כִי־

נט׳ ז׳ קמץ בלא אס״ף   יא׳ חסדי קרי   טו׳ קמץ בלא אס״ף   טז׳ ינועון קרי
ס ב׳ סגול בלי נקף

יח מיין שוצפעסטונג, צו דיר וויל איך לויבשפּילן:
פֿאַרוואָר, גאָט איז מיין בורג, דער גאָט פֿון מיין חסד.

ס לַמְנַצֵּחַ, עַל־שׁוּשַׁן עֵדוּת, מִכְתָּם לְדָוִד, לְלַמֵּד

א פֿאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, אַף „שושן עֵדות״,
אַ מִכְתָּם פֿון דָודן, אַף צו באַלערנען —,

ב ווען ער האָט געפֿאָכטן מיט אֲרַם נַהֲרַיִם און מיט אֲרַם צוֹבָה,
און יוֹאָב האָט זיך אומגעקערט, און ער האָט געשלאָגן פֿון אֱדוֹם,
אין דעם טאָל פֿון זאַלץ,
צוועלף טויזנט.

ג גאָט, דו האָסט אונז פֿאַרוואָרפֿן, דו האָסט אונז דורכגעבראָכן,
דו האָסט געצערנט — לאָז זיך עס אומקערן צו אונז!

ד דו האָסט צעטרייסלט דאָס לאַנד, דו האָסט עס צעשפּאָלטן —
פֿאַרהייל זיינע בראָכן, וואָרן סע וואַנקט.

ה דו האָסט געלאָזט זען דיין פאָלק האַרטקייט,
דו האָסט אונז אָנגעטרונקען פון דעם וויַין פון פאַרטומלונג.
ו דו האָסט נעגעבן פאַר דיינע פאָרכטיקע אַ באַנערציַיכן,
צו זיין אַרויסגעציַיכנט
פון דער וואָרהאַפטיקייט וועגן. סֶלָה!
ז כּדֵי דיינע באַליבטע זאָלן ווערן אופגעשנירט —
באַפריַי מיט דיין רעכטער האַנט, און ענטפער מיר!

ח גאָט האָט גערעדט ביי זיין הייליקייט:
— איך מעג אָנקווועלן! —
איך וויל צעטיַילן שכֶם,
און דעם טאָל סוכּות וועל איך אויסמעסטן.
ט מיר געהערט גִלעָד, און מיר געהערט מנַשֶה,
און אֶפרַיִם איז דער שוצקיווער פון מיין קאָפּ,
יהודה איז מיין געזעץ־קריצער, —
י מוֹאָב איז מיין וואַשבעקן,
אַף אֶדום וועל איך ווארפן מיין שוך,
איבער מיר, פּלֶשֶת, טוסטו אופשאַלן?

יא ווער וועט מיך ברענגען אין דער פאַרשאַנצטער שטאָט?
ווער וואָלט מיך געפירט ביז קיין אֶדום?
יב צי נישט דו, גאָט, וואָס דו האָסט אונז פאַרוואָרפן,
און דו ביסט נישט אַרויסגעגאַנגען, גאָט, מיט אונזערע הערשאַרן?
יג ברענג אונז הילף פון פאַר דעם באַדרענגער, —
עס איז דאָך פאַלש די ישועה פון דעם מענטש!
יד מיט גאָט וועלן מיר טון העלדישקייט.
און ער, ער וועט צעטראַמפלען אונזערע באַדרענגער.

ה מָטָה׃ הִרְאִיתָ עַמְּךָ קָשָׁה הִשְׁקִיתָנוּ יַיִן תַּרְעֵלָה׃
נָתַתָּה לִּירֵאֶיךָ נֵּס לְהִתְנוֹסֵס מִפְּנֵי קֹשֶׁט סֶלָה׃ לְמַעַן
יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ וַעֲנֵנוּ׃ אֱלֹהִים ׀ דִּבֶּר בְּקָדְשׁוֹ
אֶעְלֹזָה אֲחַלְּקָה שְׁכֶם וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד׃ לִי גִלְעָד ׀ וְלִי
י מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם מָעוֹז רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי׃ מוֹאָב ׀ סִיר
רַחְצִי עַל־אֱדוֹם אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עָלַי פְּלֶשֶׁת הִתְרֹעָעִי׃ מִי
יֹבִלֵנִי עִיר מָצוֹר מִי נָחַנִי עַד־אֱדוֹם׃ הֲלֹא־אַתָּה אֱלֹהִים
זְנַחְתָּנוּ וְלֹא־תֵצֵא אֱלֹהִים בְּצִבְאוֹתֵינוּ׃ הָבָה־לָּנוּ עֶזְרָת
מִצָּר וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם׃ בֵּאלֹהִים נַעֲשֶׂה־חָיִל וְהוּא
יָבוּס צָרֵינוּ׃ סא לַמְנַצֵּחַ ׀ עַל־נְגִינַת לְדָוִד׃ סא
שִׁמְעָה אֱלֹהִים רִנָּתִי הַקְשִׁיבָה תְּפִלָּתִי׃ מִקְצֵה הָאָרֶץ ׀
אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר־יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי׃ כִּי־
ה הָיִיתָ מַחְסֶה לִי מִגְדַּל־עֹז מִפְּנֵי אוֹיֵב׃ אָגוּרָה בְאָהָלְךָ
עוֹלָמִים אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה׃ כִּי־אַתָּה אֱלֹהִים
שָׁמַעְתָּ לִנְדָרָי נָתַתָּ יְרֻשַּׁת יִרְאֵי שְׁמֶךָ׃ יָמִים עַל־יְמֵי־מֶלֶךְ

ס׳ ז ועננו ק׳

סא לַמְנַצֵּחַ, עַל־נְגִינַת, לְדָוִד. שִׁמְעָה אֱלֹהִים רִנָּתִי

א פֿאַר דער געזאַנגמייַנסטער, אַף סטרונעשפּיל,
פֿון דָודן.

ב דערהער, גאָט, מיין אופשרייַען,
האָרך מיין תּפֿילה!
ג פֿון עק פֿון דער ערד רוף איך צו דיר, ווען מיין האַרץ טוט פֿאַרשמאַכטן:
אַף דעם פֿעלזנשטיין, וואָס איז העכער פֿון מיר, זאָלסטו מיך פֿירן!
ד וואָרן דו ביסט געווען פֿאַר מיר אַ באַשירעמונג,
אַ מעכטיקער טורעם פֿון פֿאַר דעם פּנים פֿון דעם פֿייַנט.

ה לאָמיך ווייַלן אין דיין געצעלט אייביקייטן,
לאָמיך באַשירעמען מיך אין דער פֿאַרבאָרגעניש פֿון דיינע פֿליגל! סֶלָה!
ו וואָרן דו, גאָט, דו האָסט דיך צוגעהערט צו מיינע נדרים,
דו האָסט אָפּגעגעבן די ירושה פֿון די פֿאָרכטיקע פֿון דיין נאָמען

ז דו זאָלסט מערן טעג אַף די טעג פון דעם מֶלך,
זיינע יאָרן – ווי אַ דור אַף אַ דור.
ח ער זאָל אייביק זיצן פאַר גאָט,
חֶסד און אֶמת באַשטים, זיי זאָלן אים באַוואָרענען!

ט אַזוי וויל איך לויבשפּילן דיין נאָמען אַף אייביק,
כּדֵי איך זאָל קענען באַצאָלן מיינע נדָרים טאָג נאָך טאָג.

סב לַמְנַצֵּחַ, עַל־יְדוּתוּן, מִזְמוֹר לְדָוִד.

אַךְ אֶל־אֱלֹהִים דּוּמִיָּה נַפְשִׁי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, נאָך ידותון,
אַ מִזמור פון דָודן.

ב נייַערט צו גאָט טוט שטילהאַרן מיין נֶפש,
פון אים איז מיין ישועה.
ג נייַערט ער איז מיין פעלזנשטיין און מיין ישועה,
מיין בורג – איך וועל נישט וואַנקען קיין סך.

ד ביז ווי לאַנג וועט איר באַדראָען אַ מענטש,
– איר וועט ווערן אויסגעמאָרדערט, איר אַלע! –
ווי אַן איינגעבייגטע וואַנט,
אַן אומגעשטויסענער צאַם?

ה נייַערט פון זיין דערהויבנקייט אומצושטויסן באַראָטן זיי זיך,
זיי וויליקן אייַן ליגנט,
זיי בענטשן, איטלעכער מיט זיין מויל,
און דרינען אין זיך שעלטן זיי. סֶלָה!

ו נייַערט צו גאָט טו שטילהאַרן, מיין נֶפש,
וואָרן פון אים איז מיין האָפענונג.

תּוֹסִיף שְׁנוֹתָיו כְּמוֹ־דֹר וָדֹר׃ יֵשֵׁב עוֹלָם לִפְנֵי אֱלֹהִים
חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרֻהוּ׃ כֵּן ׀ אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ לָעַד לְשַׁלְּמִי
סב נְדָרַי יוֹם ׀ יוֹם׃ סב לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן מִזְמוֹר
לְדָוִד׃ אַךְ אֶל־אֱלֹהִים דּוּמִיָּה נַפְשִׁי מִמֶּנּוּ יְשׁוּעָתִי׃
אַךְ־הוּא צוּרִי וִישׁוּעָתִי מִשְׂגַּבִּי לֹא־אֶמּוֹט רַבָּה׃ עַד־
אָנָה ׀ תְּהוֹתְתוּ עַל־אִישׁ תְּרָצְּחוּ כֻלְּכֶם כְּקִיר נָטוּי גָּדֵר
ה הַדְּחוּיָה׃ אַךְ מִשְּׂאֵתוֹ ׀ יָעֲצוּ לְהַדִּיחַ יִרְצוּ כָזָב בְּפִיו
יְבָרֵכוּ וּבְקִרְבָּם יְקַלְלוּ־סֶלָה׃ אַךְ לֵאלֹהִים דּוֹמִּי נַפְשִׁי כִּי־
מִמֶּנּוּ תִּקְוָתִי׃ אַךְ־הוּא צוּרִי וִישׁוּעָתִי מִשְׂגַּבִּי לֹא אֶמּוֹט׃
עַל־אֱלֹהִים יִשְׁעִי וּכְבוֹדִי צוּר־עֻזִּי מַחְסִי בֵּאלֹהִים׃ בִּטְחוּ
בוֹ בְכָל־עֵת ׀ עָם שִׁפְכוּ־לְפָנָיו לְבַבְכֶם אֱלֹהִים מַחֲסֶה־לָּנוּ
י סֶלָה׃ אַךְ ׀ הֶבֶל בְּנֵי־אָדָם כָּזָב בְּנֵי־אִישׁ בְּמֹאזְנַיִם
לַעֲלוֹת הֵמָּה מֵהֶבֶל יָחַד׃ אַל־תִּבְטְחוּ בְעֹשֶׁק וּבְגָזֵל אַל־
תֶּהְבָּלוּ חַיִל ׀ כִּי־יָנוּב אַל־תָּשִׁיתוּ לֵב׃ אַחַת ׀ דִּבֶּר

ז נײַערט ער איז מײַן פֿעלזנשטיין און מײַן ישועה,
מײַן בורג – איך װעל נישט װאַנקען.

ח בײַ גאָט איז מײַן ישועה און מײַן הערלעכקײט,
דער פֿעלזנשטיין פֿון מײַן מאַכט, מײַן באַשירעמונג – איז אין גאָט.
ט פֿאַרזיכערט אײַך אין אים אין איטלעכער שָׁעה, אָ פֿאָלק,
גיסט אויס פֿאַר אים אײַער האַרץ, –
גאָט איז אַ באַשירעמונג פֿאַר אונדז. סֶלָה!

י נײַערט אַ נישטיקײט זענען די מענטשנקינדער, אַ ליגן – די לײַטנקינדער,
אין די װאָגשאָלן – װאָלטן אַרופֿגײן
זײ אינאײנעם נאָך מער פֿון אַ נישטיקײט.

יא איר זאָלט אײַך נישט פֿאַרזיכערן אין באַדריקונג,
און אין גזֵילה לאָזט אײַך נישט װערן נישטיק!
פֿאַרמעגן, אַז סע געדײַט,
זאָלט איר נישט אַרײַנטון דרין דאָס האַרץ!

יב אײנס האָט גאָט גערעדט,
צװײ זענען דאָס, װאָס איך האָב געהערט:
אַז די מאַכט געהערט צו גאָט,
יג און דיר, גאָט, געהערט דער חֶסד,
װאָרן דו, דו באַצאָלסט דעם מענטש נאָך זײַן טואונג נאָך.

סג מִזְמוֹר לְדָוִד, בִּהְיוֹתוֹ בְּמִדְבַּר יְהוּדָה.
אֱלֹהִים, אֵלִי אַתָּה אֲשַׁחֲרֶךָּ

א אַ מִזמוֹר פֿון דָודן,
װען־ער איז געװען אין דער מִדבר פֿון יהודה.

ב גאָט, מײַן גאָט ביסטו, איך דערגאַר דיך,
נאָך דיר האָט געדאַרשט מײַן נֶפש,
נאָך דיר האָט זיך אויסגעלאָזט מײַן לײַב
אין אַ לאַנד, װיסט און מאַט, אָן װאַסער.

ג אַזוי האָב איך דיך אויסגעקוקט אין הײליקטום,
צו זען דײַן מאַכט און דײַן כָּבוד,
ד װאָרן דײַן חֶסד איז בעסער פֿון דעם לעבן:
מײַנע ליפּן װעלן דיך רימען.
ה אַזוי װיל איך דיך בענטשן בײַ מײַן לעבן,
אין דײַן נאָמען װיל איך אופֿהײבן מײַנע הענט.
ו װי אַף מאַרך און פֿעטס װעט זיך זעטיקן מײַן נֶפש,
און מיט יובלענדיקע ליפּן װעט לויבזינגען מײַן מויל.

ז װען איך דערמאַן דיך אַף מײַן געלעגער –
מורמל איך צו דיר אין די נאַכטװאַכן.
ח װאָרן דו ביסט געװען פֿאַר מיר אַ הילף,
און אין שאָטן פֿון דײַנע פֿליגל האָב איך געיובלט.

אֱלֹהִים שְׁתַּיִם־זוּ שָׁמָעְתִּי כִּי עֹז לֵאלֹהִים׃ וּלְךָ־אֲדֹנָי
חָסֶד כִּי־אַתָּה ׀ תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ׃
סג מִזְמוֹר לְדָוִד בִּהְיוֹתוֹ בְּמִדְבַּר יְהוּדָה׃ אֱלֹהִים ׀
אֵלִי אַתָּה אֲשַׁחֲרֶךָּ צָמְאָה לְךָ ׀ נַפְשִׁי כָּמַהּ לְךָ בְשָׂרִי
בְּאֶרֶץ־צִיָּה וְעָיֵף בְּלִי־מָיִם׃ כֵּן בַּקֹּדֶשׁ חֲזִיתִךָ לִרְאוֹת
עֻזְּךָ וּכְבוֹדֶךָ׃ כִּי־טוֹב חַסְדְּךָ מֵחַיִּים שְׂפָתַי יְשַׁבְּחוּנְךָ׃
ה כֵּן אֲבָרֶכְךָ בְחַיָּי בְּשִׁמְךָ אֶשָּׂא כַפָּי׃ כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן
תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל־פִּי׃ אִם־זְכַרְתִּיךָ עַל־
יְצוּעָי בְּאַשְׁמֻרוֹת אֶהְגֶּה־בָּךְ׃ כִּי־הָיִיתָ עֶזְרָתָה לִּי וּבְצֵל
כְּנָפֶיךָ אֲרַנֵּן׃ דָּבְקָה נַפְשִׁי אַחֲרֶיךָ בִּי תָּמְכָה יְמִינֶךָ׃
י וְהֵמָּה לְשׁוֹאָה יְבַקְשׁוּ נַפְשִׁי יָבֹאוּ בְּתַחְתִּיּוֹת הָאָרֶץ׃
יַגִּירֻהוּ עַל־יְדֵי־חָרֶב מְנָת שֻׁעָלִים יִהְיוּ׃ וְהַמֶּלֶךְ יִשְׂמַח
בֵּאלֹהִים יִתְהַלֵּל כָּל־הַנִּשְׁבָּע בּוֹ כִּי יִסָּכֵר פִּי דוֹבְרֵי־
סד שָׁקֶר׃ סד לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ שְׁמַע־
אֱלֹהִים קוֹלִי בְשִׂיחִי מִפַּחַד אוֹיֵב תִּצֹּר חַיָּי׃ תַּסְתִּירֵנִי

ט מיין נֶפֶש האָט זיך באַהעפּט אָן דיר נאָך,
מיך האָט אונטערגעלענט דיין רעכטע האַנט.
י און יענע, וואָס זוכן צו פאַרוויסטן מיין נֶפֶש,
זיי וועלן אַריין אין די נידערטיפן פון דער ערד.
יא מע וועט אים אויסגיסן דורך דער האַנט פון דער שווערד,
די גאָב פון פוקסן וועלן זיי ווערן.
יב און דער מֶלך וועט זיך פרייען מיט גאָט,
סע וועט זיך לויבזינגען איטלעכער, וואָס שווערט ביי אים,
וואָרן סע וועט ווערן פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון די רעדערס פון שֶקר.

סד לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. שְׁמַע־אֱלֹהִים קוֹלִי בְשִׂיחִי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
אַ מִזְמוֹר פון דָודן.

ב דערהער, גאָט, מיין קול, ווען איך קלאָג!
פאַר דעם פַּחד פון דעם פיינט זאָלסטו באַוואָרענען מיין לעבן!

ג דו זאָלסט מיך פֿאַרבאָרגן פֿון דעם באַראָט פֿון די בײזװערקער,
פֿון דעם געפּילדער פֿון די װערקער פֿון אומרעכט,
ד װאָס האָבן אָנגעשאַרפֿט זײער צונג װי אַ שװערד,
זײ האָבן געטרעטן זײער פֿײַל – אַ ביטער װאָרט,
ה צו שיסן אין פֿאַרבאָרגענישן דעם תּמים,
פּלוצלינג באַשיסן זײ אים, און האָבן נישט קײן מורא.
ו זײ שטאַרקן בײ זיך די בײזע זאַך,
זײ דערצײלן פֿון אונטערלײגן פֿאַרשטריקונגען,
זײ זאָגן: „װער װעט זײ זען?!"
ז זײ האָבן נאָכגעשפּירט עװלות:
„מיר האָבן דערגאַנצט!
װערט נאָכגעשפּירט די שפּור –
די אינעװײניקײט אָבער פֿון דעם מענטש און דאָס האַרץ איז טיף!"

ח ערשט, גאָט האָט געשאָסן אַף זײ אַ פֿײַל,
פּלוצלינג,
עס זענען געשען זײערע שלעק.
ט און מיט װאָס מע האָט יענעם געװאָלט מאַכן שטרויכלען: איבער זײ זײער צונג!
טרײסלען זיך מוזן אַלע, װאָס זעען זײ,
י און זײ מוזן זיך פֿאָרכטן, איטלעכער מענטש,
און זײ מוזן פֿאַרקינדיקן דאָס װערק פֿון גאָט,
און באַקלערן זײן טואונג.
יא דער גערעכטער װעט זיך פֿרײען מיט גאָט און זיך באַשירעמען אין אים,
און סע װעלן זיך לױבזינגען אַלע רעכטפֿאַרטיקע פֿון האַרץ.

סה לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד, שִׁיר. לְךָ דֻמִיָּה תְהִלָּה

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
אַ מִזמור פֿון דָודן, אַ געזאַנג.

מִסּוֹד מְרֵעִים מֵרִגְשַׁת פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ אֲשֶׁר שָׁנְנוּ כַחֶרֶב
ה לְשׁוֹנָם דָּרְכוּ חִצָּם דָּבָר מָר׃ לִירוֹת בַּמִּסְתָּרִים תָּם
פִּתְאֹם יֹרֻהוּ וְלֹא יִירָאוּ׃ יְחַזְּקוּ־לָמוֹ ׀ דָּבָר רָע יְסַפְּרוּ
לִטְמוֹן מוֹקְשִׁים אָמְרוּ מִי יִרְאֶה־לָּמוֹ׃ יַחְפְּשׂוּ־עוֹלֹת
תַּמְנוּ חֵפֶשׂ מְחֻפָּשׂ וְקֶרֶב אִישׁ וְלֵב עָמֹק׃ וַיֹּרֵם אֱלֹהִים
חֵץ פִּתְאוֹם הָיוּ מַכּוֹתָם׃ וַיַּכְשִׁילֻהוּ עָלֵימוֹ לְשׁוֹנָם
י יִתְנֹדְדוּ כָּל־רֹאֵה בָם׃ וַיִּירְאוּ כָּל־אָדָם וַיַּגִּידוּ
פֹּעַל אֱלֹהִים וּמַעֲשֵׂהוּ הִשְׂכִּילוּ׃ יִשְׂמַח צַדִּיק בַּיהוָה
וְחָסָה בוֹ וְיִתְהַלְלוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃
סה לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד שִׁיר׃ לְךָ דֻמִיָּה תְהִלָּה ׀
אֱלֹהִים בְּצִיּוֹן וּלְךָ יְשֻׁלַּם־נֶדֶר׃ שֹׁמֵעַ תְּפִלָּה עָדֶיךָ כָּל־
בָּשָׂר יָבֹאוּ׃ דִּבְרֵי עֲוֺנֹת גָּבְרוּ מֶנִּי פְּשָׁעֵינוּ אַתָּה תְכַפְּרֵם׃
ה אַשְׁרֵי ׀ תִּבְחַר וּתְקָרֵב יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ קְדֹשׁ
הֵיכָלֶךָ׃ נוֹרָאוֹת ׀ בְּצֶדֶק תַּעֲנֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ מִבְטָח כָּל־קַצְוֵי־
אֶרֶץ וְיָם רְחֹקִים׃ מֵכִין הָרִים בְּכֹחוֹ נֶאְזָר בִּגְבוּרָה׃ מַשְׁבִּיחַ ׀

ב צו דיר טוט שטילהאַרן לויבגעזאַנג, גאָט אין ציון,
און דיר ווערט געצאָלט דער נֶדר.
ג דו הערער פון תּפילה,
צו דיר מוז קומען איטלעך פלייש.
ד די רייד פון די שולדיקייטן, האָבן זיי זיך געשטאַרקט איבער מיר:
אונזערע אָפּטריניקייטן – דו װעסט זיי מכפּר זיין.
ה וואויל איז דעם, וואָס דו טוסט אויסדערווײַלן און דערנענטערן,
ער זאָל באַוואוינען דיינע הויפן!
לאָמיר זיך זעטיקן מיט דעם גוטס פון דיין הויז,
די הייליקייט פון דיין הֵיכל!

ו דורך פאָרכטיקייטן טוסטו אונז ענטפערן אין גערעכטיקייט,
גאָט פון אונזער ישועה,
דו זיכערקייט פון אַלע עקן פון דער ערד
און פון דעם יַם פון די ווייטן,
ז וואָס באַפעסטיקט בערג מיט זיין כּוח,
איז אָנגעגורט מיט גבורה,

ח וואָס באַרואיקט דאָס ברויזן פון די יַמען, דאָס ברויזן פון זייערע אינדן,
און דאָס געברום פון די אומות.
ט און סע קריגן מורא די באַוואוינער פון די ענד־עקן פאַר דיינע צייכנס,
די אופגאַנגען פון מאָרגן און אָוונט מאַכסטו יובלען.

י דו האָסט געדענקט אָן דער ערד און דו האָסט זי אָנגעטרונקען,
פילפאַך האָסטו זי געמאַכט רייך,
דער באָך פון גאָט איז פול מיט וואַסער,
דו ברייטסט אָן זייער קאָרן, פאַרוואָר, אַזוי ברייטסטו זי אָן:
יא אירע אַקערשניטן לאָזסטו זאַט־טרינקען, אַראָפּזינקען אירע איינשניטן,
מיט שפּריַרעגנס מאַכסטו זי ווייך,
איר שפּראָצונג טוסטו בענטשן.

יב דו האָסט געקרייִנט דאָס יאָר מיט דיין גוטס,
און דיינע געלייזן טריפן פעטקייט,
יג סע טריפן די פּיטערפעלצער פון דער מִדבר,
און לוסטיקייט גורטן זיך אָן די היגלען,
יד די לאָנען זענען באַקליידט מיט שאָף,
און די טאָלן זענען איינגעהילט מיט תּבואה,
זיי שאַלן, יאָ, זיי זינגען.

סו לַמְנַצֵּחַ, שִׁיר, מִזְמוֹר. הָרִיעוּ לֵאלֹהִים כָּל־הָאָרֶץ

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
אַ געזאַנג, אַ מִזמור.

שאַלט צו גאָט, אָ גאַנצע ערד!
ב טוט לויבשפּילן דער הערלעכקייט פון זיין נאָמען!
מאַכט הערלעך זיין לויבגעזאַנג!
ג זאָגט צו גאָט: „ווי פאָרכטיק זענען דיינע מַעשים!

שְׁאוֹן יַמִּים שְׁאוֹן גַּלֵּיהֶם וַהֲמוֹן לְאֻמִּים׃ וַיִּירְאוּ יֹשְׁבֵי קְצָוֺת
י מֵאוֹתֹתֶיךָ מוֹצָאֵי בֹקֶר וָעֶרֶב תַּרְנִין׃ פָּקַדְתָּ הָאָרֶץ וַתְּשֹׁקְקֶהָ י
רַבַּת תַּעְשְׁרֶנָּה פֶּלֶג אֱלֹהִים מָלֵא מָיִם תָּכִין דְּגָנָם כִּי־כֵן
תְּכִינֶהָ׃ תְּלָמֶיהָ רַוֵּה נַחֵת גְּדוּדֶיהָ בִּרְבִיבִים תְּמֹגְגֶנָּה
צִמְחָהּ ׀ תְּבָרֵךְ׃ עִטַּרְתָּ שְׁנַת טוֹבָתֶךָ וּמַעְגָּלֶיךָ יִרְעֲפוּן
דָּשֶׁן׃ יִרְעֲפוּ נְאוֹת מִדְבָּר וְגִיל גְּבָעוֹת תַּחְגֹּרְנָה׃ לָבְשׁוּ
כָרִים ׀ הַצֹּאן וַעֲמָקִים יַעַטְפוּ־בָר יִתְרוֹעֲעוּ אַף־יָשִׁירוּ׃
סו לַמְנַצֵּחַ שִׁיר מִזְמוֹר הָרִיעוּ לֵאלֹהִים כָּל־
הָאָרֶץ׃ זַמְּרוּ כְבוֹד־שְׁמוֹ שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ׃ אִמְרוּ
לֵאלֹהִים מַה־נּוֹרָא מַעֲשֶׂיךָ בְּרֹב עֻזְּךָ יְכַחֲשׁוּ לְךָ אֹיְבֶיךָ׃
כָּל־הָאָרֶץ ׀ יִשְׁתַּחֲווּ לְךָ וִיזַמְּרוּ־לָךְ יְזַמְּרוּ שִׁמְךָ סֶלָה׃
ה לְכוּ וּרְאוּ מִפְעֲלוֹת אֱלֹהִים נוֹרָא עֲלִילָה עַל־בְּנֵי אָדָם׃ הָפַךְ
יָם ׀ לְיַבָּשָׁה בַּנָּהָר יַעַבְרוּ בְרָגֶל שָׁם נִשְׂמְחָה בּוֹ׃ מֹשֵׁל
בִּגְבוּרָתוֹ ׀ עוֹלָם עֵינָיו בַּגּוֹיִם תִּצְפֶּינָה הַסּוֹרְרִים ׀ אַל־ירימו
לָמוֹ סֶלָה׃ בָּרְכוּ עַמִּים ׀ אֱלֹהֵינוּ וְהַשְׁמִיעוּ קוֹל תְּהִלָּתוֹ׃

סו ז׳ ירומו קרי

דורך דער פולע פון דיין מאַכט וועלן זיך פאַרלײקענען פאַר דיר דײנע פײַנט.
ד די גאַנצע ערד – פאַר דיר וועלן זיי זיך בוקן, און וועלן לויבשפּילן צו דיר,
זיי וועלן לויבשפּילן דיין נאָמען.״ סֶלָה!

ה גײט און זעט די ווערק פון גאָט,
ער איז פאָרכטיק אין דער האַנדלונג איבער די מענטשנקינדער!
ו ער האָט פאַרקערט דעם ים אַף יַבָּשָׁה,
דורך דעם שטראָם זענען זיי דורכגעגאַנגען צו פוס –
דאָרט – לאָמיר זיך פרײַען מיט אים!
ז ער געוועלטיקט מיט זיין גבורה אייביק,
זיינע אויגן האַלטן וואַך אַף די פעלקער,
די אָפּקערער – זיי זאָלן זיך נישט איבערהײַבן! סֶלָה!

ח בענטשט, פעלקער, אונזער גאָט,
און לאָזט הערן דאָס קול פון זיין לויבגעזאַנג,
ט וואָס ער האָט אַריינגעטון אונזער נֶפש אין לעבן,
און האָט נישט געלאָזט, אונזער פוס זאָל וואַנקען.

י פאַרוואָר, דו האָסט אונז געפּרובירט, גאָט,
דו האָסט אונז אויסגעשמאָלצן ווי מע שמעלצט זילבער:
יא דו האָסט אונז געבּרענגט אין אַ פאַנגנעץ,
דו האָסט אונז אַרופגעטון אַ מאַרטער אַף אונזערע היפטן,
יב דו האָסט געלאָזט רייטן דעם מענטש איבער אונזערע קעפּ,
מיר זענען געקומען אין פייער און אין וואַסער, –
דאָך האָסטו אונז אַרויסגעפירט צו גערעטעניש.

יג איך וויל קומען אין דיין הויז מיט בראַנד־אָפּער,
איך וויל דיר באַצאָלן מיינע נדרים,
יד וואָס מיינע ליפּן האָבן אַפּירגעשטויסן
און מיין מויל האָט גערעדט, ווען איך בין געווען באַדרענגט,
טו בראַנד־אָפּער פון פעטלינגען וויל איך אַרופברענגען פאַר דיר
מיט דעמפּונג פון ווידערס,
איך וויל גרייט מאַכן רינד און בעק. סֶלָה!

טז קומט, הערט אויס, און לאָמיך דערציילן, איר אַלע גאָטספאָרכטיקע,
וואָס ער האָט געטון פאַר מיין נֶפש!
יז צו אים האָב איך גערופן מיט מיין מויל,
און דערהייבונג איז געווען אונטער מיין צונג.
יח אומרעכט, ווען איך וואָלט געוואָלט זען אין מיין האַרץ –
וואָלט נישט אויסגעהערט גאָט, –
יט נאָר פאַרוואָר, גאָט האָט אויסגעהערט,
ער האָט געהאָרכט אַף דעם קול פון מיין תפילה.
כ געבענטשט איז גאָט,
וואָס ער האָט נישט אָפּגעקערט מיין תפילה,
און זיין חֶסד פון מיר!

י הַשָּׂם נַפְשֵׁנוּ בַּחַיִּים וְלֹא נָתַן לַמּוֹט רַגְלֵנוּ: כִּי־בְחַנְתָּנוּ
אֱלֹהִים צְרַפְתָּנוּ כִּצְרָף־כָּסֶף: הֲבֵאתָנוּ בַמְּצוּדָה שַׂמְתָּ
מוּעָקָה בְמָתְנֵינוּ: הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ בָּאנוּ בָאֵשׁ
וּבַמַּיִם וַתּוֹצִיאֵנוּ לָרְוָיָה: אָבוֹא בֵיתְךָ בְעוֹלוֹת אֲשַׁלֵּם לְךָ
טו נְדָרָי: אֲשֶׁר־פָּצוּ שְׂפָתָי וְדִבֶּר־פִּי בַּצַּר־לִי: עֹלוֹת מֵחִים
אַעֲלֶה־לָּךְ עִם־קְטֹרֶת אֵילִים אֶעֱשֶׂה בָקָר עִם־עַתּוּדִים סֶלָה:
לְכוּ שִׁמְעוּ וַאֲסַפְּרָה כָּל־יִרְאֵי אֱלֹהִים אֲשֶׁר עָשָׂה לְנַפְשִׁי:
אֵלָיו פִּי־קָרָאתִי וְרוֹמַם תַּחַת לְשׁוֹנִי: אָוֶן אִם־רָאִיתִי
בְלִבִּי לֹא יִשְׁמַע אֲדֹנָי: אָכֵן שָׁמַע אֱלֹהִים הִקְשִׁיב בְּקוֹל
כ תְּפִלָּתִי: בָּרוּךְ אֱלֹהִים אֲשֶׁר לֹא־הֵסִיר תְּפִלָּתִי וְחַסְדּוֹ
סז מֵאִתִּי: סז לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר שִׁיר: אֱלֹהִים
יְחָנֵּנוּ וִיבָרְכֵנוּ יָאֵר פָּנָיו אִתָּנוּ סֶלָה: לָדַעַת בָּאָרֶץ דַּרְכֶּךָ
בְּכָל־גּוֹיִם יְשׁוּעָתֶךָ: יוֹדוּךָ עַמִּים ׀ אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים
ה כֻּלָּם: יִשְׂמְחוּ וִירַנְּנוּ לְאֻמִּים כִּי־תִשְׁפֹּט עַמִּים מִישֹׁר וּלְאֻמִּים ׀
בָּאָרֶץ תַּנְחֵם סֶלָה: יוֹדוּךָ עַמִּים ׀ אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים

סז לַמְנַצֵּחַ, בִּנְגִינוֹת, מִזְמוֹר, שִׁיר. אֱלֹהִים יְחָנֵּנוּ וִיבָרְכֵנוּ

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, מיט סטרונעשפּיל,
אַ מִזמור, אַ געזאַנג.

ב גאָט זאָל אונז לײַטזעליקן און בענטשן,
ער זאָל לאָזן לײַכטן זײַן פּנים בײַ אונז, — סֶלָה!
ג אַז מע זאָל דערקענען דײַן וועג אױף דער ערד,
צווישן אַלע שטאַמען דײַן ישועה!

ד זאָלן דיר דאַנקלויבן די פעלקער, גאָט,
זאָלן דיר דאַנקלויבן די פעלקער אַלבאַנאַנד,
ה זאָלן זיך פרײען און זאָלן יובלען די אומות,
וואָרן דו וועסט מִשפּטן די פעלקער רעכטפאַרטיק,
און די אומות, אױף דער ערד וועסטו זײ פירן. סֶלָה!

ו זאָלן דיר דאַנקלויבן די פעלקער, גאָט,
זאָלן דיר דאַנקלויבן די פעלקער, אַלבאַנאַנד.

ז די ערד האָט געגעבן איר געוויקס,
זאָל אונז בענטשן גאָט, אונזער גאָט,
ח זאָל אונז בענטשן גאָט,
און זאָלן זיך פאָרכטן פאַר אים אַלע ראַנדן פון דער ערד.

סח לַמְנַצֵּחַ, לְדָוִד, מִזְמוֹר, שִׁיר. יָקוּם אֱלֹהִים, יָפוּצוּ אוֹיְבָיו

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
פון דָודן, אַ מִזמור, אַ געזאַנג.

ב גאָט וועט אופשטיין, צעשפּרייט וועלן ווערן זיינע פיינט,
און סע וועלן אַנטלױפן זיינע שׂונאים פאַר זיין פּנים!

ג ווי רויך ווערט פאַרוויִט, זאָלסטו פאַרוויִען –,
ווי וואַקס ווערט צעפלאָסן פאַר דעם פייער,
וועלן ווערן פאַרלוירן די רשָעים פאַר דעם פּנים פון גאָט.
ד און די צַדיקים וועלן זיך פרייען, און זיי וועלן אָנקוועלן פאַר גאָט,
און זיי וועלן זיך אַנטציקן אין דער פרייד.

ה זינגט צו גאָט, טוט לויבשפּילן זיין נאָמען,
דערהייבט פאַר דעם, וואָס רייַט דורך די טונקלקייטן,
מיט „גאָט איז זיין נאָמען!"
און קוועלט אָן פאַר אים,
ו דעם פאָטער פון יתומים און דעם דַיִין פון אַלמָנות,
גאָט אין דער וואוינונג פון זיין הייליקטום.
ז גאָט מאַכט זיצן די פאַראיינזאַמטע אין אַ הויז,
ער ציט אַרויס די געבונדענע אין געדייאונג,
דאָך די אָפּקערערס זענען געבליבן וואוינען אין קאַל-לאַנד.

ח גאָט, ווען דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פאָראויס פאַר דיין פאָלק,
ווען דו האָסט געטרעטן דורך דער וויסטעניש, – סֶלָה!

כֻּלָּם׃ אֶרֶץ נָתְנָה יְבוּלָהּ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ׃ יְבָרְכֵנוּ
סח אֱלֹהִים וְיִירְאוּ אוֹתוֹ כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ׃ סח לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד
מִזְמוֹר שִׁיר׃ יָקוּם אֱלֹהִים יָפוּצוּ אוֹיְבָיו וְיָנוּסוּ מְשַׂנְאָיו
מִפָּנָיו׃ כְּהִנְדֹּף עָשָׁן תִּנְדֹּף כְּהִמֵּס דּוֹנַג מִפְּנֵי־אֵשׁ יֹאבְדוּ
רְשָׁעִים מִפְּנֵי אֱלֹהִים׃ וְצַדִּיקִים יִשְׂמְחוּ יַעַלְצוּ לִפְנֵי
ה אֱלֹהִים וְיָשִׂישׂוּ בְשִׂמְחָה׃ שִׁירוּ לֵאלֹהִים זַמְּרוּ שְׁמוֹ סֹלּוּ
לָרֹכֵב בָּעֲרָבוֹת בְּיָהּ שְׁמוֹ וְעִלְזוּ לְפָנָיו׃ אֲבִי יְתוֹמִים
וְדַיַּן אַלְמָנוֹת אֱלֹהִים בִּמְעוֹן קָדְשׁוֹ׃ אֱלֹהִים ׀ מוֹשִׁיב
יְחִידִים ׀ בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת אַךְ־סוֹרְרִים שָׁכְנוּ
צְחִיחָה׃ אֱלֹהִים בְּצֵאתְךָ לִפְנֵי עַמֶּךָ בְּצַעְדְּךָ בִישִׁימוֹן
סֶלָה׃ אֶרֶץ רָעָשָׁה ׀ אַף־שָׁמַיִם נָטְפוּ מִפְּנֵי אֱלֹהִים זֶה
י סִינַי מִפְּנֵי אֱלֹהִים אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ גֶּשֶׁם נְדָבוֹת תָּנִיף
אֱלֹהִים נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ׃ חַיָּתְךָ יָשְׁבוּ־בָהּ
תָּכִין בְּטוֹבָתְךָ לֶעָנִי אֱלֹהִים׃ אֲדֹנָי יִתֶּן־אֹמֶר הַמְבַשְּׂרוֹת
צָבָא רָב׃ מַלְכֵי צְבָאוֹת יִדֹּדוּן יִדֹּדוּן וּנְוַת בַּיִת תְּחַלֵּק
שָׁלָל׃ אִם־תִּשְׁכְּבוּן בֵּין שְׁפַתָּיִם כַּנְפֵי יוֹנָה נֶחְפָּה
טו בַכֶּסֶף וְאֶבְרוֹתֶיהָ בִּירַקְרַק חָרוּץ׃ בְּפָרֵשׂ שַׁדַּי ׀ מְלָכִים

סח׳ יד׳ סגול באתנח

ט האָט געוויטערט די ערד, סע האָבן אויך געטריפט די הימלען
פאַר דעם פּנים פון גאָט,
— דאָס איז דער סיני! —
פאַר דעם פּנים פון גאָט, דעם גאָט פון ישׂראל.

י אַ רעגן פון פרייַגיביקייטן האָסטו אַראָפּגעשפּרענגט, גאָט,
דיין נַחלה, און וואָס עס איז געווען פאַרשמאַכט, האָסטו געטון אופריכטן,
יא דיין הערט, זיי ווערן איינגעזעסן אין איר,
אין דיין גוטסקייט האָסטו געטון אָנברייטן פאַר דעם אָרימאַן, גאָט.

יב גאָט, גיט אַרויס אַ זאָג,
— די אָנזאָגערנס, גרויס איז די שאַר —:
יג „די מלאָכים פון הערשאַרן, זיי וואָגלען אַוועק, וואָגלען אַוועק,
און די באַוואוינערן פון הויז צעטיילט דאָס זאַקרויב:
יד — צי ווילט איר ליגן צווישן די פּי־געהעפטן?! —
פליגלען פון דער טויב, באַדעקט מיט זילבער,

און אירע פֿלעדערן מיט גרינגעלן ערץ.
טו ווען דער אַלמעכטיקער צעשפּרייט די מלָכים אין איר –
ווערט שנייאיק אַף דעם צַלמון."
טו אַ באַרג פון גאָט איז דער באַרג בָּשן,
אַ פּיל־גיבליקער באַרג איז דער באַרג בָּשן!
יז פאַרוואָס באַשיקלט איר, פּיל־גיבליקע בערג,
דעם באַרג, וואָס גאָט האָט געגלוסט פאַר זיין זיץ,
וואָס גאָט וועט אויך באַוואוינען אַף אייביק?!

יח די רײַטערײַ פון גאָט – זענען צענטויזנטער,
טויזנטער אין וועקסלצוג,
גאָט צווישן זיי – דער סיני אין הייליקטום!
יט דו ביסט אַרופגעגאַנגען צו דער הייך, דו האָסט געפאַנגען אַ געפאַנגענשאַפט,
דו האָסט גענומען מַתָּנות צווישן מענטשן,
אַז אַפילו ביי די אָפּקערערס זאָל וואוינען גאָט, דער גאָט.

כ געבענטשט איז גאָט! טאָג נאָך טאָג לאָדט ער זיך אָן פאַר אונז,
דער גאָט פון אונזער ישועה. סֶלָה!
כא יאָ, גאָט איז פאַר אונז אַ גאָט פון ישועות,
און ביי גאָט, דעם האַר,
זענען די אויסגאַנגען פון טויט.

כב פאַרוואָר, גאָט וועט צעשמעטערן דעם קאָפּ פון זיינע פיינט,
דעם האָריקן שײַדל
פון דעם, וואָס גייט זיך אום אין זיינע פאַרשולדונגען.
כג גאָט האָט געזאָגט: „פון בָּשן וועל איך אומקערן,
איך וועל אומקערן פון דיווירבלען פון דעם יַם,
כד כדי דו זאָלסט שמעטערן דיין פוס אין בלוט,
די צונג פון דיינע הינט –
זי זאָל האָבן די גאָב פון די פיינט.

בָּהּ תַּשְׁלֵג בְּצַלְמוֹן׃ הַר־אֱלֹהִים הַר־בָּשָׁן הַר גַּבְנֻנִּים
הַר־בָּשָׁן׃ לָמָּה ׀ תְּרַצְּדוּן הָרִים גַּבְנֻנִּים הָהָר חָמַד
אֱלֹהִים לְשִׁבְתּוֹ אַף־יְהוָה יִשְׁכֹּן לָנֶצַח׃ רֶכֶב אֱלֹהִים
רִבֹּתַיִם אַלְפֵי שִׁנְאָן אֲדֹנָי בָם סִינַי בַּקֹּדֶשׁ׃ עָלִיתָ
לַמָּרוֹם ׀ שָׁבִיתָ שֶּׁבִי לָקַחְתָּ מַתָּנוֹת בָּאָדָם וְאַף סוֹרְרִים
כ לִשְׁכֹּן ׀ יָהּ אֱלֹהִים׃ בָּרוּךְ אֲדֹנָי יוֹם ׀ יוֹם יַעֲמָס־לָנוּ הָאֵל
יְשׁוּעָתֵנוּ סֶלָה׃ הָאֵל ׀ לָנוּ אֵל לְמוֹשָׁעוֹת וְלֵיהוִה אֲדֹנָי
לַמָּוֶת תּוֹצָאוֹת׃ אַךְ־אֱלֹהִים יִמְחַץ רֹאשׁ אֹיְבָיו קָדְקֹד
שֵׂעָר מִתְהַלֵּךְ בַּאֲשָׁמָיו׃ אָמַר אֲדֹנָי מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב
מִמְּצֻלוֹת יָם׃ לְמַעַן ׀ תִּמְחַץ רַגְלְךָ בְּדָם לְשׁוֹן כְּלָבֶיךָ
כה מֵאֹיְבִים מִנֵּהוּ׃ רָאוּ הֲלִיכוֹתֶיךָ אֱלֹהִים הֲלִיכוֹת אֵלִי
מַלְכִּי בַקֹּדֶשׁ׃ קִדְּמוּ שָׁרִים אַחַר נֹגְנִים בְּתוֹךְ עֲלָמוֹת
תּוֹפֵפוֹת׃ בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹהִים אֲדֹנָי מִמְּקוֹר יִשְׂרָאֵל׃
שָׁם בִּנְיָמִן ׀ צָעִיר רֹדֵם שָׂרֵי יְהוּדָה רִגְמָתָם שָׂרֵי זְבֻלוּן
שָׂרֵי נַפְתָּלִי׃ צִוָּה אֱלֹהֶיךָ עֻזֶּךָ עוּזָּה אֱלֹהִים זוּ
ל פָּעַלְתָּ לָּנוּ׃ מֵהֵיכָלֶךָ עַל־יְרוּשָׁלָ͏ִם לְךָ יוֹבִילוּ מְלָכִים שָׁי׃

יח׳ רפה אחר מפיק   כש׳ דגש אחר שורק

כה זיי האָבן געזען דיינע גאַנגען, גאָט,
די גאַנגען פון מיין גאָט, מיין מלך, אין דעם הײליקטום:
כו פון פאָרנט זינגער, דערנאָכדעם סטרונעשפּילער,
אין דער מיטן פון יונגפרויען, וואָס פּײַקלען:
כז – בענטשט אין די איינזאַמלונגען גאָט,
דעם האַר, איר, פון דעם קוואַל פון ישׂראל! –
כח דאָרט איז בנימין, דער יינגסטער, זייער שאַלטער:
די האַרן פון יהודה, זייער ראָט־געזעמל,
די האַרן פון זבולון, די האַרן פון נפתּלי.

כט דיין גאָט האָט פירגעבאָטן דיין מאַכט! –
דערהאַלט אין מאַכט, גאָט,
דאָס, וואָס דו האָסט געוועקט פאַר אונז,
ל פון דיין היכל איבער ירושלים!
צו דיר וועלן מלכים ברענגען צאָל.

לא פאַרשרײַ די חיה פון דעם שילף,
די האָרדע פון שטיראָקסן צווישן די קעלבער פון פעלקער,
טראַמפּלענדיק מיט בראָכשטיקער פון זילבער!–
ער האָט צעשטרײַט די פעלקער, וואָס באַגערן שלאַכטן.
לב זײ וועלן קומען, די פירשטן פון מִצרַיִם,
כּוּש וועט צואײַלן זײנע הענט צו גאָט.

לג מלוכות פון דער ערד, זינגט צו גאָט,
טוט לויבשפּילן גאָט, – סֶלָה!
לד צו דעם, וואָס רײַט דורך די הימלען פון די פאַרצײַטיקע הימלען!
אָט, ער גיט אַרויס אַ קול, אַ קול פון מאַכט!
לה גיט מאַכט צו גאָט!
איבער יִשׂראל איז זײן דערהויבנקײט,
און זײן מאַכט – אין די לופטהימלען!
לו פאָרכטיק איז גאָט פון דײנע הײליקטומען!
גאָט פון יִשׂראל,
ער גיט מאַכט און פעסטיקײט דעם פאָלק:
געבענטשט איז גאָט!

סט לַמְנַצֵּחַ, עַל־שׁוֹשַׁנִּים, לְדָוִד. הוֹשִׁיעֵנִי אֱלֹהִים

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, אַף „שׁוֹשַׁנִּים",
פון דָודן.

ב באַפרײַ מיך, גאָט,
וואָרן די וואַסערן זענען געקומען ביזן נֶפֶש.
ג איך בין אײַנגעזונקען אין ווירבלדיקן שלאַם, און עס איז נישטאָ קײן באַשטאַנד,
איך בין געקומען אין די טיפן פון וואַסער, און די פלוט האָט מיך פאַרפלײצט,
ד איך האָב מיך אײַנגעמידט מיט מײַן רופן, מײַן קעל איז געוואָרן אָנגעצונדן,
מײַנע אויגן זענען געוואָרן פאַרלענדט
פון האַרן אַף מײַן גאָט.

גְּעַר חַיַּת קָנֶה עֲדַת אַבִּירִים ׀ בְּעֶגְלֵי עַמִּים מִתְרַפֵּס
בְּרַצֵּי־כָסֶף בִּזַּר עַמִּים קְרָבוֹת יֶחְפָּצוּ : יֶאֱתָיוּ חַשְׁמַנִּים
מִנִּי מִצְרָיִם כּוּשׁ תָּרִיץ יָדָיו לֵאלֹהִים : מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ
שִׁירוּ לֵאלֹהִים זַמְּרוּ אֲדֹנָי סֶלָה : לָרֹכֵב בִּשְׁמֵי שְׁמֵי־קֶדֶם
לה הֵן יִתֵּן בְּקוֹלוֹ קוֹל עֹז : תְּנוּ עֹז לֵאלֹהִים עַל־יִשְׂרָאֵל
גַּאֲוָתוֹ וְעֻזּוֹ בַּשְּׁחָקִים : נוֹרָא אֱלֹהִים ׀ מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אֵל
יִשְׂרָאֵל הוּא נֹתֵן ׀ עֹז וְתַעֲצֻמוֹת לָעָם בָּרוּךְ אֱלֹהִים :

סט לַמְנַצֵּחַ ׀ עַל־שׁוֹשַׁנִּים לְדָוִד : הוֹשִׁיעֵנִי
אֱלֹהִים כִּי בָאוּ מַיִם עַד־נָפֶשׁ : טָבַעְתִּי ׀ בִּיוֵן מְצוּלָה
וְאֵין מָעֳמָד בָּאתִי בְמַעֲמַקֵּי־מַיִם וְשִׁבֹּלֶת שְׁטָפָתְנִי : יָגַעְתִּי
ה בְקָרְאִי נִחַר גְּרוֹנִי כָּלוּ עֵינַי מְיַחֵל לֵאלֹהָי : רַבּוּ ׀
מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי שֹׂנְאַי חִנָּם עָצְמוּ מַצְמִיתַי אֹיְבַי שֶׁקֶר אֲשֶׁר
לֹא־גָזַלְתִּי אָז אָשִׁיב : אֱלֹהִים אַתָּה יָדַעְתָּ לְאִוַּלְתִּי וְאַשְׁמוֹתַי
מִמְּךָ לֹא־נִכְחָדוּ : אַל־יֵבֹשׁוּ בִי ׀ קֹוֶיךָ אֲדֹנָי יֱהוִה צְבָאוֹת
אַל־יִכָּלְמוּ בִי מְבַקְשֶׁיךָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל : כִּי־עָלֶיךָ נָשָׂאתִי
חֶרְפָּה כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנָי : מוּזָר הָיִיתִי לְאֶחָי וְנָכְרִי לִבְנֵי
י אִמִּי : כִּי־קִנְאַת בֵּיתְךָ אֲכָלָתְנִי וְחֶרְפּוֹת חוֹרְפֶיךָ נָפְלוּ

ספ׳ ה׳ סגול באתנח

ה מערער פון די האָר אַף מיין קאָפּ זענען די, וואָס זענען אומזיסט מיינע שונאים,
פּילצאָליקער זענען געוואָרן מיינע אויסראָטער, וואָס זענען שֶקריש מיינע פֿײַנט.
וואָס איך האָב נישט געגאַזלט — מוז איך דעמאָלט אומקערן.

ו דו, גאָט, דו ווייסט פון מיין נאַרישקייט,
און מיינע שולדיקייטן זענען נישט פאַרהוילן פון דיר.

ז לאָז נישט פאַרשעמט ווערן דורך מיר די, וואָס האָפן אַף דיר,
האַר, גאָט פון די ערשאַרן,
לאָז נישט ווערן צו שמאַך דורך מיר די, וואָס זוכן דיך,
גאָט פון ישׂראל!

ח וואָרן פון דיינעטוועגן האָב איך דערטראָגן חרפּה,
שמאַך האָט באַדעקט מיין פּנים.

ט אַ פאַרפרעמדטער בין איך געוואָרן פאַר מיינע ברידער,
און אַן אומבאַקאַנטער — פאַר די זין פון מיין מוטער.

י וואָרן די קנאָה פאַר דיין הויז האָט מיך פאַרצערט,
און די לעסטערונגען פון דיינע לעסטערער זענען געפאַלן אַף מיר.

יא און האָב איך אויסגעוויינט אין פאַסטן מיין נֶפש —
ערשט, דאָס איז געוואָרן צו לעסטערונגען פאַר מיר;
יב און האָב איך מיר געגעבן אַ זאַק פאַר אַ קלייד —
ערשט, איך בין געוואָרן אַ שפּראַכוואָרט פאַר זיי.
יג סע פּלאַפּלען פון מיר די זיצערס אין טויער,
און סע לידלען — די טרינקערס פון געטראַנק.

יד און איך, מיין תפילה איז צו דיר, גאָט, אַף אַ שָעה פון באַוויליקונג,
גאָט, אין דער פולע פון דיין חֶסד,
ענטפער מיר מיט דעם אֶמת פון דיין ישועה!
טו זיי מיך מַציל פון דעם ליים, און לאָמיך נישט פאַרזינקען,
לאָמיך ניצול ווערן פון מיינע שׂונאים, יאָ, פון די טיפן פון וואַסער!
טז זאָל מיך נישט פאַרפלייצן די פלוט וואַסער,
און זאָל מיך נישט איינשלינגען דערווירבל,
און זאָל די ברונע נישט פאַרשליסן איבער מיר איר מויל!
יז ענטפער מיר, גאָט, וואָרן גוט איז דיין חֶסד,
נאָך דער פולע נאָך פון דיינע דערבאַרעמדיקייטן ווענד דיך צו מיר!
יח און דו זאָלסט נישט פאַרבאַרגן דיין פנים פון דיין קנעכט,
וואָרן איך בין באַדרענגט, — גיך ענטפער מיר!
יט גענענען צו מיין נֶפש, לייז עס אויס,
פונוועגן מיינע פיינט קויף מיך אויס!

כ דו, דו קענסט מיין חרפה און מיין בושה און מיין שמאַך,
דיר אַנטקעגן זענען אַלע מיינע באַדרענגער.
כא חרפה האָט צעבראָכן מיין האַרץ, און איך בין פאַרשלאָפט,
יאָ, איך האָב געהאָפט אַף באַדויערונג, און נישטאָ,
און אַף טרייסטער, און איך האָב נישט געפונען.
כב און זיי האָבן אַריינגעגעבן גיפט אין מיין לאָבונג,
און פאַר מיין דאָרשט האָבן זיי מיך אָנגעטרונקען מיט עסיק.

עָלָי : וָאֶבְכֶּה בַצּוֹם נַפְשִׁי וַתְּהִי לַחֲרָפוֹת לִי : וָאֶתְּנָה
לְבוּשִׁי שָׂק וָאֱהִי לָהֶם לְמָשָׁל : יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר
וּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר : וַאֲנִי תְפִלָּתִי־לְךָ ׀ יְהוָה עֵת רָצוֹן
טו אֱלֹהִים בְּרָב־חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ : הַצִּילֵנִי מִטִּיט
וְאַל־אֶטְבָּעָה אִנָּצְלָה מִשֹּׂנְאַי וּמִמַּעֲמַקֵּי־מָיִם : אַל־תִּשְׁטְפֵנִי ׀
שִׁבֹּלֶת מַיִם וְאַל־תִּבְלָעֵנִי מְצוּלָה וְאַל־תֶּאְטַר־עָלַי בְּאֵר
פִּיהָ : עֲנֵנִי יְהוָה כִּי־טוֹב חַסְדֶּךָ כְּרֹב רַחֲמֶיךָ פְּנֵה אֵלָי :
וְאַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵעַבְדֶּךָ כִּי־צַר־לִי מַהֵר עֲנֵנִי : קָרְבָה
כ אֶל־נַפְשִׁי גְאָלָהּ לְמַעַן אֹיְבַי פְּדֵנִי : אַתָּה יָדַעְתָּ חֶרְפָּתִי
וּבָשְׁתִּי וּכְלִמָּתִי נֶגְדְּךָ כָּל־צוֹרְרָי : חֶרְפָּה ׀ שָׁבְרָה לִבִּי
וָאָנוּשָׁה וָאֲקַוֶּה לָנוּד וָאַיִן וְלַמְנַחֲמִים וְלֹא מָצָאתִי : וַיִּתְּנוּ
בְּבָרוּתִי רֹאשׁ וְלִצְמָאִי יַשְׁקוּנִי חֹמֶץ : יְהִי־שֻׁלְחָנָם לִפְנֵיהֶם
לְפָח וְלִשְׁלוֹמִים לְמוֹקֵשׁ : תֶּחְשַׁכְנָה עֵינֵיהֶם מֵרְאוֹת
כה וּמָתְנֵיהֶם תָּמִיד הַמְעַד : שְׁפָךְ־עֲלֵיהֶם זַעְמֶךָ וַחֲרוֹן אַפְּךָ
יַשִּׂיגֵם : תְּהִי־טִירָתָם נְשַׁמָּה בְּאָהֳלֵיהֶם אַל־יְהִי יֹשֵׁב :
כִּי־אַתָּה אֲשֶׁר־הִכִּיתָ רָדָפוּ וְאֶל־מַכְאוֹב חֲלָלֶיךָ יְסַפֵּרוּ :
תְּנָה־עָוֺן עַל־עֲוֺנָם וְאַל־יָבֹאוּ בְּצִדְקָתֶךָ : יִמָּחוּ מִסֵּפֶר
ל חַיִּים וְעִם צַדִּיקִים אַל־יִכָּתֵבוּ : וַאֲנִי עָנִי וְכוֹאֵב יְשׁוּעָתְךָ
אֱלֹהִים תְּשַׂגְּבֵנִי : אֲהַלְלָה שֵׁם־אֱלֹהִים בְּשִׁיר וַאֲגַדְּלֶנּוּ

כג זאָל זייער טיש ווערן פאַר זיי אַ פּאַלנעץ,
און פאַר די צופרידענע – אַ פאַרשטריקונג!
כד זאָלן זייערע אויגן ווערן פאַרפינסטערט פון צו זען,
און זייערע לענדן לאָז תּמיד וואַנקען!
כה גיס אויס אויף זיי דיין צערענונג,
און דער גרים פון דיין צאָרן זאָל זיי דערגרייכן!
כו זאָל זייער לאַגער־רינג ווערן וויסט,
אין זייערע געצעלטן זאָל נישט זיין קיין זיצער!
כז וואָרן וועמען דו, דו האָסט געשלאָגן – רודפן זיי,
און פון דעם ווייטיק פון דיינע דערשלאָגענע דערציילן זיי זיך.
כח גיב־צו שולד אויף זייער שולדיקייט,
און זאָלן זיי נישט אַריינקומען אין דיין גערעכטיקייט!
כט אויסגעמעקט זאָלן זיי ווערן פון דעם בוך פון לעבן,
און מיט די גערעכטע זאָלן זיי נישט ווערן פאַרשריבן!

ל׳ און איך בין אָרים און צעוויייטיקט, —
דיין ישועה, גאָט, זאָל מיך דערהייבן!
לא איך וויל לויבזינגען דעם נאָמען פון גאָט מיט געזאַנג,
און איך וויל אים גרייסן מיט דאַנקלויב.
לב און בעסער וועט דאָס זיין ביי גאָט פון אַן אָקס, אַ יונגן אָקס,
אַ באַהאָרנטן, אַ באַקלאָענטן.
לג די קלייינמוטיקע האָבן געזען, און זיי וועלן זיך פרייען,
איר פאַרשער פון גאָט, זאָל אופלעבן אייער האַרץ!
לד וואָרן גאָט הערט זיך צו צו די נויטבאַדערפטיקע,
און זיינע געבונדענע פאַראַכט ער נישט.
לה זאָלן אים לויבזינגען הימל און ערד,
די יַמים, און אַלץ, וואָס טוט זיך ווימלען אין זיי.
לו וואָרן גאָט וועט באַפרייען צִיון,
און ער וועט אופבויען די שטעט פון יהודה,
און זיי וועלן זיך באַזעצן דאָרטן און עס יַרשענען.
לז און דער זאָמען פון זיינע קנעכט וועט עס אַרבן,
און די, וואָס האָבן ליב זיין נאָמען, וועלן וואוינען דערין.

ע לַמְנַצֵּחַ, לְדָוִד, לְהַזְכִּיר. אֱלֹהִים, לְהַצִּילֵנִי

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
פון דָודן, פאַר אַ דערמאַנונג.

ב גאָט, מיך מַציל צו זיין,
גאָט, צו מיין הילף טו דיך איילן!
ג זיי זאָלן ווערן פאַרשעמט, און ווערן רויט זאָלן די, וואָס זוכן מיין נֶפש,
זיי זאָלן וויַיכן אַהינטער, און ווערן אַ שמאַך זאָלן די,
וואָס באַגערן אַף מיר אומגליק.
ד זאָלן ווערן אומגעקערט איבער זייער פאַרשעמטקייט
די, וואָס זאָגן: אַהאַ! אַהאַ!

בְתוֹדָה׃ וְתִיטַב לַיהוָה מִשּׁוֹר פָּר מַקְרִן מַפְרִיס׃ רָאוּ
עֲנָוִים יִשְׂמָחוּ דֹּרְשֵׁי אֱלֹהִים וִיחִי לְבַבְכֶם׃ כִּי־שֹׁמֵעַ אֶל־
לה אֶבְיוֹנִים יְהוָה וְאֶת־אֲסִירָיו לֹא בָזָה׃ יְהַלְלוּהוּ שָׁמַיִם
וָאָרֶץ יַמִּים וְכָל־רֹמֵשׂ בָּם׃ כִּי אֱלֹהִים ׀ יוֹשִׁיעַ צִיּוֹן וְיִבְנֶה
עָרֵי יְהוּדָה וְיָשְׁבוּ שָׁם וִירֵשׁוּהָ׃ וְזֶרַע עֲבָדָיו יִנְחָלוּהָ
ע וְאֹהֲבֵי שְׁמוֹ יִשְׁכְּנוּ־בָהּ׃ ע לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד לְהַזְכִּיר׃
אֱלֹהִים לְהַצִּילֵנִי יְהוָה לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה׃ יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ מְבַקְשֵׁי
נַפְשִׁי יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיִכָּלְמוּ חֲפֵצֵי רָעָתִי׃ יָשׁוּבוּ עַל־עֵקֶב
ה בָּשְׁתָּם הָאֹמְרִים הֶאָח ׀ הֶאָח׃ יָשִׂישׂוּ וְיִשְׂמְחוּ ׀ בְּךָ כָּל־
מְבַקְשֶׁיךָ וְיֹאמְרוּ תָמִיד יִגְדַּל אֱלֹהִים אֹהֲבֵי יְשׁוּעָתֶךָ׃
וַאֲנִי ׀ עָנִי וְאֶבְיוֹן אֱלֹהִים חוּשָׁה־לִּי עֶזְרִי וּמְפַלְטִי אַתָּה
עא יְהוָה אַל־תְּאַחַר׃ עא בְּךָ־יְהוָה חָסִיתִי אַל־
אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם׃ בְּצִדְקָתְךָ תַּצִּילֵנִי וּתְפַלְּטֵנִי הַטֵּה־אֵלַי
אָזְנְךָ וְהוֹשִׁיעֵנִי׃ הֱיֵה לִי ׀ לְצוּר מָעוֹן לָבוֹא תָּמִיד צִוִּיתָ

ה זאָלן זיך אַנטציקן, און פרייען אין דיר זאָלן זיך אַלע, וואָס זוכן דיך,
און זאָלן תּמיד זאָגן: — „געגרייסט זאָל זיין גאָט!" —
די, וואָס האָבן ליב דיין ישועה.

ו און איך בין אָרים און נויטבאַדערפטיק, —
גאָט, איַיל דיך צו מיר!
מיין הילף און מיין אַנטרינונג ביסטו:
ג א ָט, דו זאָלסט דיך נישט פאַרזאַמען!

עא בְּךָ־יְהוָה חָסִיתִי, אַל־אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם

א אין דיר, ג אָ ט, האָב איך מיך באַשירעמט,
לאָמיך נישט ווערן פאַרשעמט אַף אייביק!
ב דורך דיין גערעכטיקייט זאָלסטו מיך מציל זיין, און זאָלסט מיך לאָזן אַנטרינען!
נייַג צו צו מיר דיין אויער, און באַפרייַ מיך!
ג דו זייַ פאַר מיר אַ וואוינונג — אַ פעלזנשטיין,
וואוהין צו קענען קומען תּמיד.
דו האָסט געבאָטן, מיך צו באַפרייַען,
וואָרן מיין פעלז און מיין פעסטונג ביסטו.

ד מיין גאָט, לאָז מיך אַנטרינען פון דער האַנט פון דעם רָשע,
פון דער פויסט פון דעם באַעוולער און נייַטער!
ה וואָרן דו ביסט מיין האָפענונג,
דו האַר, גאָט, מיין זיכערקייט פון מיין יוגנט אָן.
ו אַף דיר בין איך געווען אָנגעלענט פון בויך אָן,
פון די אינגעווייַדן פון מיין מוטער ביסטו מיין אַרויסציער,
צו דיר איז מיין לויבגעזאַנג תָּמיד.
ז ווי אַ וואונדער בין איך געוואָרן פאַר אַ סַך,
בעֵת דו ביסט מיין באַשירעמונג פון מאַכט.
ח מיין מויל וועט זיין פול פון דיין לויבגעזאַנג,
דעם גאַנצן טאָג – פון דיין ציראַט.

ט דו זאָלסט מיך נישט אַוועקוואַרפן בעֵת דער עלטער,
ווען מיין כּוֹחַ לאָזט זיך אויס – זאָלסטו מיך נישט פאַרלאָזן!
י וואָרן מיינע פייַנט האָבן געזאָגט וועגן מיר –
און די, וואָס היטן־אויף מיין נֶפש, באַראָטן זיך אינאייַנעם,
יא אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט אים פאַרלאָזן,
יאָגט נאָך און פאַקט אים, וואָרן נישטאָ ווער עס זאָל מַציל זיין.
יב גאָט, דו זאָלסט דיך נישט דערווייַטערן פון מיר,
מיין גאָט, צו מיין הילף טו דיך אייַלן!
יג זיי זאָלן ווערן פאַרשעמט, פאַרלענדט ווערן זאָלן די, וואָס האַסן מיין נֶפש,
זאָלן ווערן איינגעהילט פון חרפּה און שמאַך די,
וואָס זוכן אַף מיר אומגליק!

יד און איך, איך וועל תָּמיד האַרן,
און איך וועל מערן אַף אַל דיין לויבגעזאַנג.
טו מיין מויל וועט דערציילן פון דיין גערעכטיקייט,
דעם גאַנצן טאָג – פון דיין ישועה,
וואָרן איך וויס נישט פון קיין אָפּציילונגען.
טז איך וועל קומען מיט די גבורות פון דעם האַר גאָט,
איך וועל דערמאָנען דיין גערעכטיקייט, דיינע אַליין.

לְהוֹשִׁיעֵנִי כִּֽי־סַלְעִי וּמְצוּדָתִי אָֽתָּה׃ אֱלֹהַי פַּלְּטֵנִי מִיַּד
ה רָשָׁע מִכַּף מְעַוֵּל וְחוֹמֵֽץ׃ כִּֽי־אַתָּה תִקְוָתִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה
מִבְטַחִי מִנְּעוּרָֽי׃ עָלֶיךָ ׀ נִסְמַכְתִּי מִבֶּטֶן מִמְּעֵי אִמִּי אַתָּה
גוֹזִי בְּךָ תְהִלָּתִי תָמִֽיד׃ כְּמוֹפֵת הָיִיתִי לְרַבִּים וְאַתָּה
מַֽחֲסִי־עֹֽז׃ יִמָּלֵא פִי תְּהִלָּתֶךָ כָּל־הַיּוֹם תִּפְאַרְתֶּֽךָ׃
י אַל־תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה כִּכְלוֹת כֹּחִי אַל־תַּעַזְבֵֽנִי׃ כִּֽי־
אָמְרוּ אוֹיְבַי לִי וְשֹׁמְרֵי נַפְשִׁי נוֹעֲצוּ יַחְדָּֽו׃ לֵאמֹר אֱלֹהִים
עֲזָבוֹ רִדְפוּ וְתִפְשׂוּהוּ כִּֽי־אֵין מַצִּֽיל׃ אֱלֹהִים אַל־תִּרְחַק
מִמֶּנִּי אֱלֹהַי לְעֶזְרָתִי חִֽישָׁה׃ יֵבֹשׁוּ יִכְלוּ שֹׂטְנֵי נַפְשִׁי
יַעֲטוּ חֶרְפָּה וּכְלִמָּה מְבַקְשֵׁי רָעָתִֽי׃ וַאֲנִי תָּמִיד אֲיַחֵל
טו וְהוֹסַפְתִּי עַל־כָּל־תְּהִלָּתֶֽךָ׃ פִּי ׀ יְסַפֵּר צִדְקָתֶךָ כָּל־הַיּוֹם
תְּשׁוּעָתֶךָ כִּי לֹא יָדַעְתִּי סְפֹרֽוֹת׃ אָבוֹא בִּגְבֻרוֹת אֲדֹנָי יֱהֹוִה
אַזְכִּיר צִדְקָתְךָ לְבַדֶּֽךָ׃ אֱלֹהִים לִמַּדְתַּנִי מִנְּעוּרָי וְעַד־הֵנָּה
אַגִּיד נִפְלְאוֹתֶֽיךָ׃ וְגַם ׀ עַד־זִקְנָה ׀ וְשֵׂיבָה אֱלֹהִים אַל־
תַּעַזְבֵנִי עַד־אַגִּיד זְרוֹעֲךָ לְדוֹר לְכָל־יָבוֹא גְּבוּרָתֶֽךָ׃ וְצִדְקָתְךָ
אֱלֹהִים עַד־מָרוֹם אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ גְדֹלוֹת אֱלֹהִים מִי כָמֽוֹךָ׃
כ אֲשֶׁר הִרְאִיתַנוּ ׀ צָרוֹת רַבּוֹת וְרָעוֹת תָּשׁוּב תְּחַיֵּינוּ
וּמִתְּהֹמוֹת הָאָרֶץ תָּשׁוּב תַּעֲלֵֽנוּ׃ תֶּרֶב ׀ גְּדֻלָּתִי וְתִסֹּב

עא׳ יב׳ חושה קרי   כ׳ הראיתני קרי   תחייני קרי   תעלני קרי

יז גאָט, דו האָסט מיך באַלערנט פון מיין יוגנט אָן,
און ביז איצט האָב איך פאַרקינדיקט דיינע וואונדער.

יח און אויך ביז דער עלטער און גרייַזקייט, גאָט, זאָלסטו מיך נישט פאַרלאָזן,
ביז איך וועל האָבן פאַרקינדיקט פאַר דעם דור דיין אָרעם,
פאַר איטלעכן, וואָס וועט קומען, דיין גבורה,
יט און דיין גערעכטיקייט, גאָט, וואָס איז ביז דער הייך;
דו, וואָס האָסט געטון גרויסקייטן, —
גאָט, ווער איז אַזוי ווי דו?!
כ דו, וואָס האָסט מיך געלאָזט זען צָרות אַ סך און שלעכטסקייטן,
דו וועסט אומקערן, וועסט מיך באַלעבן,
און פון די אָפּגרונטן פון דער ערד וועסטו אומקערן, וועסט מיך אַרופברענגען.
כא דו זאָלסט מערן מיין גרויסקייט,
און דו זאָלסט דיך ווענדן, זאָלסט מיך טרייַסטן.

כב אויך איך, איך וויל מיט ציטערשפּיל דאַנקלויבן דיר דיין
ווָרהאַפטיקייט, מיין גאָט,
איך וויל לויבשפּילן צו דיר אַף דער האַרף,
הייליקער פון ישׂראל!
כג מיינע ליפּן וועלן יובלען, ווען איך וועל לויבשפּילן צו דיר,
און מיין נפֿש, וואָס דו האָסט אויסגעקויפט.
כד אויך מיין צונג וועט דעם גאַנצן טאָג אויסקלינגען דיין גערעכטיקייט,
וואָרן זיי זענען געוואָרן פאַרשעמט, וואָרן געוואָרן רויט זענען די,
וואָס זוכן אַף מיר אומגליק.

עב לִשְׁלֹמֹה. אֱלֹהִים, מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן

א פון שלמהן.

גאָט, גיב דיינע רעכטשפּראָכן דעם מלך,
און דיין גערעכטיקייט – דעם בן־מלך,
ב ער זאָל דָן זיין דיין פאָלק אין גערעכטיקייט,
און דיינע אָרימע – אין רעכט!
ג וועלן די בערג טראָגן שלום פאַר דעם פאָלק,
און די היגלען – אין גערעכטיקייט.
ד ער וועט משפּטן די אָרימע פון פאָלק,
ער וועט באַפרייען די קינדער פון דעם נויטבאַדערפטיקן,
און וועט צעמערשטן דעם באַדריקער.
ה זיי וועלן פאַר דיר זיך פאָרכטן מיט דער זון,
און אין אָנגעזיכט פון דער לבֿנה – דור־דורות.
ו ער וועט אַראָפּנידערן ווי רעגן אַף געשניטנס,
ווי שפּרייערעגן, אַ באַשפּרענגונג אַף דער ערד.
ז אין זיינע טעג וועט בליען דער צדיק,
און אַפולע פון שלום, ביז סע וועט נישט זיין מער קיין לבֿנה.

כב מיט ציטערשפּיל — ווערטלעך: מיט דער ציטער שפּיל־כּלי, מיט דעם ציטער־אינסטרומענט.

תְּנַחֲמֵנִי׃ גַּם־אֲנִי ׀ אוֹדְךָ בִכְלִי־נֶבֶל אֲמִתְּךָ אֱלֹהָי אֲזַמְּרָה
לְךָ בְכִנּוֹר קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃ תְּרַנֵּנָּה שְׂפָתַי כִּי אֲזַמְּרָה־לָּךְ
וְנַפְשִׁי אֲשֶׁר פָּדִיתָ׃ גַּם־לְשׁוֹנִי כָּל־הַיּוֹם תֶּהְגֶּה צִדְקָתֶךָ
עב כִּי־בֹשׁוּ כִי־חָפְרוּ מְבַקְשֵׁי רָעָתִי׃ עב לִשְׁלֹמֹה ׀
אֱלֹהִים מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן וְצִדְקָתְךָ לְבֶן־מֶלֶךְ׃ יָדִין עַמְּךָ
בְצֶדֶק וַעֲנִיֶּיךָ בְמִשְׁפָּט׃ יִשְׂאוּ הָרִים שָׁלוֹם לָעָם וּגְבָעוֹת
בִּצְדָקָה׃ יִשְׁפֹּט ׀ עֲנִיֵּי־עָם יוֹשִׁיעַ לִבְנֵי אֶבְיוֹן וִידַכֵּא עוֹשֵׁק׃
ה יִירָאוּךָ עִם־שָׁמֶשׁ וְלִפְנֵי יָרֵחַ דּוֹר דּוֹרִים׃ יֵרֵד כְּמָטָר עַל־
גֵּז כִּרְבִיבִים זַרְזִיף אָרֶץ׃ יִפְרַח־בְּיָמָיו צַדִּיק וְרֹב שָׁלוֹם
עַד־בְּלִי יָרֵחַ׃ וְיֵרְדְּ מִיָּם עַד־יָם וּמִנָּהָר עַד־אַפְסֵי־אָרֶץ׃
י לְפָנָיו יִכְרְעוּ צִיִּים וְאֹיְבָיו עָפָר יְלַחֵכוּ׃ מַלְכֵי תַרְשִׁישׁ
וְאִיִּים מִנְחָה יָשִׁיבוּ מַלְכֵי שְׁבָא וּסְבָא אֶשְׁכָּר יַקְרִיבוּ׃
וְיִשְׁתַּחֲווּ־לוֹ כָל־מְלָכִים כָּל־גּוֹיִם יַעַבְדוּהוּ׃ כִּי־יַצִּיל אֶבְיוֹן
מְשַׁוֵּעַ וְעָנִי וְאֵין־עֹזֵר לוֹ׃ יָחֹס עַל־דַּל וְאֶבְיוֹן וְנַפְשׁוֹת
אֶבְיוֹנִים יוֹשִׁיעַ׃ מִתּוֹךְ וּמֵחָמָס יִגְאַל נַפְשָׁם וְיֵיקַר דָּמָם
טו בְּעֵינָיו׃ וִיחִי וְיִתֶּן־לוֹ מִזְּהַב שְׁבָא וְיִתְפַּלֵּל בַּעֲדוֹ תָמִיד

כב׳ קמץ בז״א אסף

ח און ער זאָל שאַלטן פון ים ביז ים,
און פון דעם שטראָם ביז די ראַנדן פון דער ערד.
ט פאַר אים זאָלן קניִען די שיפמאַכטן,
און זיינע פיינט זאָלן לעקן דעם שטויב.
י די מלכים פון תּרשיש און די אינזלען, צינז־גאָב זאָלן זיי שיקן,
די מלכים פון שבֿא און סבֿא, צינז־געשאַנק זאָלן זיי גענעענען.
יא און צו אים זאָלן זיך בוקן אַלע מלכים,
אַלע שטאַמען זאָלן דינען אים.
יב וואָרן ער וועט מציל זיין דעם נויטבאַדערפטיקן, וואָס שרײַט נאָך הילף,
און דעם אָרימאַן, און דעם, וואָס האָט נישט קיין העלפער.
יג ער וועט זיך דערבאַרעמען אױף דעם געדריקטן און נויטבאַדערפטיקן,
און די נפשות פון די נויטבאַדערפטיקע וועט ער באַפרײַען,
יד פון דריקונג און פון רויב וועט ער אויסלײַזן זייער נפֿש,
און זייער בלוט וועט זיין קעסטלעך אין זיינע אויגן.
טו און ער זאָל לעבן! און מע וועט אים געבן פון דעם גאָלד פון שבֿא,

און מע וועט מִתפַּלֵל זיין פאַר אים תָּמיד,
דעם גאַנצן טאָג וועט מען אים בענטשן:
טז „ער זאָל זיין אַן איבערגעבליבן ... פון תּבואָה אין לאַנד,
אַף דעם קאָפּ פון די בערג,
זאָל רוישן ווי דער לְבָנון זיין פרוכט,
און זיי זאָלן אַרויסבליִען פון שטאָט ווי קרײַטעך פון דער ערד!
יז זאָל זיין זיין נאָמען אַף אייביק,
אין אָנגעזיכט פון דער זון זאָל זיך נאָכפלאַנצן זיין נאָמען,
און מע זאָל זיך בענטשן אין אים,
זאָלן אַלע שטאַמען אים רימען."

יח געבענטשט איז גאָט, גאָט, דער גאָט פון יִשׂראל,
וואָס טוט וואונדער, ער אַליין,
יט און געבענטשט איז דער נאָמען פון זיין הערלעכקייט אַף אייביק,
און זאָל ווערן פול פון זיין הערלעכקייט די גאַנצע ערד!
אָמֵן און אָמֵן!

כ געענדיקט זענען די תּפילות
פון דָוד בֶּן־יִשַׁי.

דאָס דריטע ספר

עג מִזְמוֹר לְאָסָף. אַךְ טוֹב לְיִשְׂרָאֵל אֱלֹהִים

א אַ מִזמור פון אָסָפן.

פאַרוואָר, גוט איז גאָט צו יִשׂראל,
צו די לויטערע אין האַרץ.

כָּל־הַיּוֹם יְבָרְכֶנְהוּ׃ יְהִי פִסַּת־בַּר ׀ בָּאָרֶץ בְּרֹאשׁ הָרִים
יִרְעַשׁ כַּלְּבָנוֹן פִּרְיוֹ וְיָצִיצוּ מֵעִיר כְּעֵשֶׂב הָאָרֶץ׃ יְהִי שְׁמוֹ ׀
לְעוֹלָם לִפְנֵי־שֶׁמֶשׁ יָנִּין שְׁמוֹ וְיִתְבָּרְכוּ־בוֹ כָּל־גּוֹיִם
יְאַשְּׁרוּהוּ׃ בָּרוּךְ ׀ יְהוָה אֱלֹהִים אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עֹשֵׂה
נִפְלָאוֹת לְבַדּוֹ׃ וּבָרוּךְ ׀ שֵׁם כְּבוֹדוֹ לְעוֹלָם וְיִמָּלֵא כְבוֹדוֹ
כ אֶת־כֹּל הָאָרֶץ אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃ כָּלּוּ תְפִלּוֹת דָּוִד בֶּן־יִשָׁי׃

ספר שלישי

עג מִזְמוֹר לְאָסָף אַךְ טוֹב לְיִשְׂרָאֵל
אֱלֹהִים לְבָרֵי לֵבָב׃ וַאֲנִי כִּמְעַט נָטָיוּ רַגְלָי כְּאַיִן שֻׁפְּכָה
אֲשֻׁרָי׃ כִּי־קִנֵּאתִי בַּהוֹלְלִים שְׁלוֹם רְשָׁעִים אֶרְאֶה׃
ה כִּי אֵין חַרְצֻבּוֹת לְמוֹתָם וּבָרִיא אוּלָם׃ בַּעֲמַל אֱנוֹשׁ
אֵינֵמוֹ וְעִם־אָדָם לֹא יְנֻגָּעוּ׃ לָכֵן עֲנָקַתְמוֹ גַאֲוָה יַעֲטָף־
שִׁית חָמָס לָמוֹ׃ יָצָא מֵחֵלֶב עֵינֵמוֹ עָבְרוּ מַשְׂכִּיּוֹת לֵבָב׃
יָמִיקוּ ׀ וִידַבְּרוּ בְרָע עֹשֶׁק מִמָּרוֹם יְדַבֵּרוּ׃ שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם

עב׳ יז׳ ינון קרי   עג׳ ב׳ נטיו ק׳   שפכו ר׳

ב און איך, נאָך אַביסל — האָבן זיך געניײגט מיינע פיס,
נאָך אַ קלייניקייט — האָבן זיך אויסגעגאָסן מיינע שריט.

ג וואָרן איך האָב מיך מקנא געווען אין די פּראַלערס,
אַז איך האָב געזען דעם שָלום פון די רשָעים.

ד וואָרן עס זענען נישטאָ קיין קנופּן ביי זייער טויט,
און געשטאָפּט איז זייער פּויע.

ה אין דער מי פון דעם מענטש זענען זיי נישטאָ,
און מיט לײַט ווערן זיי נישט געפּלאָגט.

ו דעריבער איז גאווה זייער נאַקנבאַנד,
אַן אָנטו פון רויב הילט זיי אַרום.

ז פון פעטס קריכט אַרויס זייער אויג,
סע גייען איבער פון האַרץ די אויסמאָלונגען.

ח זיי מאַכן חוזק, און אין שלעכטסקייט רעדן זיי פון באַדריקונג,
פון אויבן אַראָפּ רעדן זיי.

ט זיי האָבן געשטעלט זייער מויל אין דעם הימל,
און זייער צונג גייט אַרום אַף דער ערד.
י דעריבער: „זאָל זיך קערן זיין פאָלק אַהערצו,
און וואַסער פון פולן מעגן זיי זיך אָנזויגן!"
יא און זיי זאָגן: „ווי אַזוי קאָן גאָט וויסן?
און צי איז פאַראַן וויסן ביים אײבערשטן?!"
יב זע, דאָס זענען די רשָעים,
און אייביק צופרידענע–האָבן זיי דערגרייכט מאַכט.

יג פאַרוואָר, אײטל האָב איך געלײטערט מיין האַרץ,
און מיר געוואַשן אין ריינקייט מיינע הענט,–
יד איך בין דאָך געווען געפלאָגט דעם גאַנצן טאָג,
און אין די פרימאָרגנס איז געווען מיין שטראָף.

טו ווען איך וואָלט געווען געזאָגט: „איך וויל עס דערציילן ווי ס'איז,"–
זע, איך וואָלט געווען פאַרראָטן דעם דור פון דיינע זין.
טז און אַז איך האָב געטראַכט, דאָס צו פאַרשטיין,
איז דאָס געווען פײַן אין מיינע אויגן.
יז ביז איך בין געקומען צו די הייליקטומען פון גאָט,
איך האָב מיך גענומען פאַרשטיין אַף זייער סוף:
יח פאַרוואָר, אַף גליטשיקייטן האָסטו זיי געשטעלט,
דו האָסט זיי געלאָזט צעפאַלן אַף חורבָנות.
יט וויאַזוי זענען זיי געוואָרן צו אַ פאַרוויסטונג אין אַ רֶגע!
ס'איז אַ סוף צו זיי, זיי לאָזן זיך אויס פון אַנגסטן!
כ ווי אַ חָלום נאָכן אויפכאַפּן זיך,
גאָט, ווערסטו ביים דערוואַכן פאַראַכטן זייער שאָטנבילד.
כא ווען מיין האַרץ האָט געיורן,
און איך האָב מיר געשניטן מיינע נירן,
כב בין איך דאָך געווען פאַרגרעבט, און איך האָב נישט פאַרשטאַנען,
פיך בין איך געווען ביי דיר.

י פִּיהֶם וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ : לָכֵן ׀ יָשׁוּב עַמּוֹ הֲלֹם וּמֵי
מָלֵא יִמָּצוּ לָמוֹ : וְאָמְרוּ אֵיכָה יָדַע־אֵל וְיֵשׁ דֵּעָה בְעֶלְיוֹן :
הִנֵּה־אֵלֶּה רְשָׁעִים וְשַׁלְוֵי עוֹלָם הִשְׂגּוּ־חָיִל : אַךְ־רִיק
זִכִּיתִי לְבָבִי וָאֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי : וָאֱהִי נָגוּעַ כָּל־הַיּוֹם
טו וְתוֹכַחְתִּי לַבְּקָרִים : אִם־אָמַרְתִּי אֲסַפְּרָה כְמוֹ הִנֵּה דוֹר
בָּנֶיךָ בָגָדְתִּי : וָאֲחַשְּׁבָה לָדַעַת זֹאת עָמָל הִיא בְעֵינָי :
עַד־אָבוֹא אֶל־מִקְדְּשֵׁי־אֵל אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם : אַךְ בַּחֲלָקוֹת
תָּשִׁית לָמוֹ הִפַּלְתָּם לְמַשּׁוּאוֹת : אֵיךְ הָיוּ לְשַׁמָּה כְרָגַע
כ סָפוּ תַמּוּ מִן־בַּלָּהוֹת : כַּחֲלוֹם מֵהָקִיץ אֲדֹנָי בָּעִיר ׀
צַלְמָם תִּבְזֶה : כִּי יִתְחַמֵּץ לְבָבִי וְכִלְיוֹתַי אֶשְׁתּוֹנָן :
וַאֲנִי־בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ : וַאֲנִי תָּמִיד
עִמָּךְ אָחַזְתָּ בְּיַד יְמִינִי : בַּעֲצָתְךָ תַנְחֵנִי וְאַחַר כָּבוֹד
כה תִּקָּחֵנִי : מִי־לִי בַשָּׁמָיִם וְעִמְּךָ לֹא־חָפַצְתִּי בָאָרֶץ : כָּלָה
שְׁאֵרִי וּלְבָבִי צוּר־לְבָבִי וְחֶלְקִי אֱלֹהִים לְעוֹלָם : כִּי־הִנֵּה
רְחֵקֶיךָ יֹאבֵדוּ הִצְמַתָּה כָּל־זוֹנֶה מִמֶּךָּ : וַאֲנִי ׀ קִרֲבַת
אֱלֹהִים לִי־טוֹב שַׁתִּי ׀ בַּאדֹנָי יֱהֹוִה מַחְסִי לְסַפֵּר כָּל־
עד מַלְאֲכוֹתֶיךָ : עד מַשְׂכִּיל לְאָסָף לָמָה אֱלֹהִים

עג׳ ישוב קרי   פח׳ היא ק׳

כג דאָך בין איך תָּמיד מיט דיר,
דו האָסט צוגעהאַלטן מיין רעכטע האַנט.
כד מיט דיין עֵצה וועסטו מיך פירן,
און דערנאָך וועסטו מיך אַרופנעמען אין הערלעכקייט.
כה ווער האָב איך אין הימל — ?
און מיט דיר — האָב איך נישט קיין באַגער צו דער ערד.
כו ווערט פאַרלענדט מיין לייַב און מיין האַרץ —
דער פעלזנשטיין פון מיין האַרץ, און מיין טייל, איז גאָט אַף אייביק.
כז וואָרן זע, די דערווייַטערטע פון דיר, וועלן ווערן פאַרלוירן,
דו ראָטסט אויס איטלעכן, וואָס טוט אַוועקבולן פון דיר.
כח און איך, די נאָענטקייט פון גאָט איז מיין גוטס,
איך האָב געמאַכט מיין באַשירעמונג אין דעם האַר גאָט,
צו קענען דערציילן פון אַלע דיינע ווערק.

עד מַשְׂכִּיל לְאָסָף. לָמָה אֱלֹהִים זָנַחְתָּ לָנֶצַח

א אַ באַקלערונג פון אָסָפֿן.

פאַרוואָס, גאָט, האָסטו פאַרוואָרפן אַף אייביק?
טוט רייכערן דיין צאָרן קעגן די שאָף פון דיין פיטערונג?
ב געדענק דיין געמיינדע, וואָס דו האָסט דערוואָרבן פאַרצייטנס,
וואָס דו האָסט אויסגעלייזט – דעם שֵבט פון דיין אַרבטייל,
דעם באַרג צִיון, וואָס דו האָסט גענומען רוען אַף אים!
ג הייב אוף דיינע טריט צו די חורבָנות, וואָס דויערן:
אַלדאָס בייז האָט געטון דער פיינט אין דעם הייליקטום.
ד דיינע באַדרענגער האָבן געברילט דרינען פון דיין איינזאַמל־אָרט,
זיי האָבן אופגעשטעלט זייערע צייכנס פאַר צייכנס.
ה עס איז געווען קענטיק, ווי איינער וואָלט אַרופגעבראַכט אויבן
אין דעם געצווייַג פון אַ בוים – העק.
ו און איצט, זיינע שניצערייַען מיטאַנאַנד
האָבן זיי צעשטאַמפּט מיט שטאַבעס און האַמערס.
ז זיי האָבן אַוועקגעשיקט מיטן פייער דיין הייליקטום,
צו דער ערד האָבן זיי פאַרשוועכט דאָס רו־אָרט פון דיין נאָמען.
ח זיי האָבן געזאָגט אין זייער האַרץ: „זייער נאָכפלאַנצונג מיטאַנאַנד!"
זיי האָבן פאַרברענט אַלע איינזאַמל־ערטער פון גאָט אין לאַנד.
ט אונזערע צייכנס זעען מיר נישט,
עס איז נישטאָ מער קיין נָביא,
און נישטאָ מיט אונז קיינער, וואָס זאָל וויסן – ביז ווען.
י ביז ווי לאַנג, גאָט, וועט לעסטערן דער באַדרענגער?
וועט דער פיינט פאַראָפּשייַען דיין נאָמען אַף אייביק?
יא פאַרוואָס ציסטו צוריק דיין האַנט, יאָ, דיין רעכטע האַנט?
דרין פון דיין שויס אַרויס, פאַרלענד!

יב דאָך איז גאָט מיין מֶלך פון פאַרצייטנס אָן,

זָנַחְתָּ לָנֶצַח יֶעְשַׁן אַפְּךָ בְּצֹאן מַרְעִיתֶךָ : זְכֹר עֲדָתְךָ ׀
קָנִיתָ קֶּדֶם גָּאַלְתָּ שֵׁבֶט נַחֲלָתֶךָ הַר־צִיּוֹן זֶה ׀ שָׁכַנְתָּ בּוֹ :
הָרִימָה פְעָמֶיךָ לְמַשֻּׁאוֹת נֶצַח כָּל־הֵרַע אוֹיֵב בַּקֹּדֶשׁ :
ה שָׁאֲגוּ צֹרְרֶיךָ בְּקֶרֶב מוֹעֲדֶךָ שָׂמוּ אוֹתֹתָם אֹתוֹת : יִוָּדַע
כְּמֵבִיא לְמָעְלָה בִּסְבָךְ־עֵץ קַרְדֻּמּוֹת : וְעַתָּ פִּתּוּחֶיהָ יָּחַד
בְּכַשִּׁיל וְכֵילַפּוֹת יַהֲלֹמוּן : שִׁלְּחוּ בָאֵשׁ מִקְדָּשֶׁךָ לָאָרֶץ
חִלְּלוּ מִשְׁכַּן שְׁמֶךָ : אָמְרוּ בְלִבָּם נִינָם יָחַד שָׂרְפוּ כָל־
מוֹעֲדֵי־אֵל בָּאָרֶץ : אוֹתֹתֵינוּ לֹא־רָאִינוּ אֵין־עוֹד נָבִיא
י וְלֹא־אִתָּנוּ יֹדֵעַ עַד־מָה : עַד־מָתַי אֱלֹהִים יְחָרֶף צָר
יְנָאֵץ אוֹיֵב שִׁמְךָ לָנֶצַח : לָמָּה תָשִׁיב יָדְךָ וִימִינֶךָ מִקֶּרֶב
חֵוֹקְךָ כַלֵּה : וֵאלֹהִים מַלְכִּי מִקֶּדֶם פֹּעֵל יְשׁוּעוֹת בְּקֶרֶב
הָאָרֶץ : אַתָּה פוֹרַרְתָּ בְעָזְּךָ יָם שִׁבַּרְתָּ רָאשֵׁי תַנִּינִים
טו עַל־הַמָּיִם : אַתָּה רִצַּצְתָּ רָאשֵׁי לִוְיָתָן תִּתְּנֶנּוּ מַאֲכָל לְעָם
לְצִיִּים : אַתָּה בָקַעְתָּ מַעְיָן וָנָחַל אַתָּה הוֹבַשְׁתָּ נַהֲרוֹת
אֵיתָן : לְךָ יוֹם אַף־לְךָ לָיְלָה אַתָּה הֲכִינוֹתָ מָאוֹר
וָשָׁמֶשׁ : אַתָּה הִצַּבְתָּ כָּל־גְּבוּלוֹת אָרֶץ קַיִץ וָחֹרֶף אַתָּה
יְצַרְתָּם : זְכָר־זֹאת אוֹיֵב חֵרֵף ׀ יְהוָה וְעַם־נָבָל נִאֲצוּ
שְׁמֶךָ : אַל־תִּתֵּן לְחַיַּת נֶפֶשׁ תּוֹרֶךָ חַיַּת עֲנִיֶּיךָ אַל־תִּשְׁכַּח

עד' ו' ועתה ק' ז' הל' רפה יא' חיקך קרי

ער טוט ווערקן ישועות דרינען אין דעם לאַנד.
יג דו, דו האָסט צעבראָקט מיט דיין מאַכט דעם יַם,
דו האָסט צעבראָכן די קעפּ פון די דראַכן איבערן וואַסער,
יד דו, דו האָסט צעשטיקערט די קעפּ פון לִוויָתן,
דו האָסט אים געגעבן פאַר אַ צערונג דעם פאָלק, די וויסטן־באַוואוינער.
טו דו, דו האָסט געשפּאָלטן קוואַל און באָך,
דו, דו האָסט אויסגעטריקנט די אורשטענדיקע שטראָמען.
טז דיר געהערט דער טאָג, דיר – אויך די נאַכט,
דו, דו האָסט אָנגעברייט דאָס געלייַכט און די זון,
יז דו, דו האָסט אופגעשטעלט אַלע גרעניצן פון דער ערד,
זומער און ווינטער, דו, דו האָסט זיי געפערעמט.

יח געדענק דאָסדאָזיקע: דער פיינט האָט געלעסטערט ג אָ ט!
און אַ שענדלעך פאָלק האָט פאַראָפּשייַט דיין נאָמען!

יט דו זאָלסט נישט איבערגעבן דעם געווילד דאָס נֶפש פון דיין טירטלטויב!
דאָס לעבן פון דיינע אָרימע זאָלסטו נישט פאַרגעסן אַף אייביק!
כ קוק דיך אום אַף דעם בונד!
וואָרן די פינסטערנישן פון דער ערד זענען געוואָרן פול
מיט פיטערפלעצער פון רויב.
כא לאָז דער צעמערשטער זיך נישט אָפּקערן אין שמאַך!
דער אָרימאַן און דער נויטבאַדערפטיקער זאָלן לויבן דיין נאָמען!
כב שטיי אוף, גאָט, קריג דיין קריג!
געדענק דיין געלעסטערט זיין פון דעם שענדלעכן דעם גאַנצן טאָג!
כג דו זאָלסט נישט פאַרגעסן דאָס קול פון דיינע באַדרענגער,
דאָס געברויז פון די אופשטענדיקע קעגן דיר שטײַגט תָמיד אוף.

עה לַמְנַצֵּחַ, אַל־תַּשְׁחֵת, מִזְמוֹר לְאָסָף, שִׁיר. הוֹדִינוּ לְּךָ אֱלֹהִים

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, „דו זאָלסט נישט פאַרדאַרבן",
אַ מִזמוֹר פון אָסָפן, אַ געזאַנג.

ב — מיר דאַנקלויבן דיר, גאָט,
מיר דאַנקלויבן, און נאָענט איז דיין נאָמען די,
וואָס דערציילן דיינע וואונדער.

ג — פאַרוואָר, איך וועל נעמען אַ באַשטימטע צייט,
איך, רעכטפאַרטיק וועל איך מִשפּטן.
ד מעגן ערד און אַלע אירע באַוואוינער צעגיין —
איך, איך האָב פעסטגעשטעלט אירע זײַלן. סֶלָה!

ה איך זאָג צו די פראַלערס: איר זאָלט נישט פראַלן!
און צו די רשָעִים: איר זאָלט נישט אופהײַבן דעם האָרן!
ו איר זאָלט נישט אופהײַבן אין דער הייך אייער האָרן,
רעדן מיט אַ פרעכשטײַפן האַלז!

כ לָנֶצַח׃ הַבֵּט לַבְּרִית כִּי־מָלְאוּ מַחֲשַׁכֵּי־אֶרֶץ נְאוֹת חָמָס׃
אַל־יָשֹׁב דַּךְ נִכְלָם עָנִי וְאֶבְיוֹן יְהַלְלוּ שְׁמֶךָ׃ קוּמָה
אֱלֹהִים רִיבָה רִיבֶךָ זְכֹר חֶרְפָּתְךָ מִנִּי־נָבָל כָּל־הַיּוֹם׃
אַל־תִּשְׁכַּח קוֹל צֹרְרֶיךָ שְׁאוֹן קָמֶיךָ עֹלֶה תָמִיד׃
עה לַמְנַצֵּחַ ׀ אַל־תַּשְׁחֵת מִזְמוֹר לְאָסָף
שִׁיר׃ הוֹדִינוּ לְּךָ ׀ אֱלֹהִים הוֹדִינוּ וְקָרוֹב שְׁמֶךָ סִפְּרוּ
נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ כִּי אֶקַּח מוֹעֵד אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט׃
נְמֹגִים־אֶרֶץ וְכָל־יֹשְׁבֶיהָ אָנֹכִי תִכַּנְתִּי עַמּוּדֶיהָ סֶּלָה׃
ה אָמַרְתִּי לַהוֹלְלִים אַל־תָּהֹלּוּ וְלָרְשָׁעִים אַל־תָּרִימוּ קָרֶן׃
אַל־תָּרִימוּ לַמָּרוֹם קַרְנְכֶם תְּדַבְּרוּ בְצַוָּאר עָתָק׃ כִּי
לֹא מִמּוֹצָא וּמִמַּעֲרָב וְלֹא מִמִּדְבַּר הָרִים׃ כִּי־אֱלֹהִים
שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים׃ כִּי כוֹס בְּיַד־יְהוָה וְיַיִן חָמַר ׀
מָלֵא מֶסֶךְ וַיַּגֵּר מִזֶּה אַךְ־שְׁמָרֶיהָ יִמְצוּ יִשְׁתּוּ כֹּל רִשְׁעֵי־
י אָרֶץ׃ וַאֲנִי אַגִּיד לְעֹלָם אֲזַמְּרָה לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ וְכָל־
קַרְנֵי רְשָׁעִים אֲגַדֵּעַ תְּרוֹמַמְנָה קַרְנוֹת צַדִּיק׃

ז – וואָרן נישט פֿון אופֿגאַנג און פֿון מַערב,
און נישט פֿון דער מִדבר – איז די דערהײבונג,
ח נײַערט גאָט איז ריכטער:
דעם דערנידעריקט ער, און דעם דערהײבט ער.
ט פֿאַרוואָר, אַ כּוֹס איז אין דער האַנט פֿון גאָ ט,
און אַ ווײַן גליט פֿול פֿון מישונג,
און ער גיסט אָן פֿון דעם,
אויסזויגן, אויסטרינקען נײַערט זײַנע הײוון
מוזן אַלע רשָעים פֿון דער ערד.

י און איך וויל פֿאַרקינדיקן אַף אײביק,
איך וויל לויבשפּילן צו דעם גאָט פֿון יַעקב.

יא – און אַלע הערנער פֿון די רשָעים וועל איך אָפּהאַקן!
סע וועלן ווערן דערהויבן די הערנער פֿון דעם צַדיק!

עו לַמְנַצֵּחַ, בִּנְגִינוֹת, מִזְמוֹר לְאָסָף, שִׁיר. נוֹדָע בִּיהוּדָה אֱלֹהִים

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, מיט סטרונעשפּיל,
אַ מִזמור פֿון אָסָפֿן, אַ געזאַנג.

ב אין יהודה האָט זיך גאָט געלאָזט דערקענען,
אין יִשׂראל איז גרויס זײַן נאָמען.
ג און אין שָׁלֵם איז געוואָרן זײַן בײַדל,
און זײַן וואוינונג אין צִיוֹן.
ד דאָרט האָט ער צעבראָכן די בליצן פֿון דעם בויגן,
שילד און שווערד און מִלחָמה. סֶלָה!

ה ליכטיקער ביסטו,
מעכטיקער פֿון די בערג פֿון פֿאַרצוקונג.
ו זאַקרויב זענען זײ געוואָרן — די שטירשטאַרקע פֿון האַרץ,
זײ האָבן געשלומערט זײער שלאָף,
און אַלע קריגערלײַט האָבן נישט געפֿונען זײערע הענט.
ז פֿון דײַן אָנשרײַען, גאָט פֿון יַעקב,
זענען געוואָרן באַטויבט סײַ רײַטוואָגן, סײַ פֿערד.

ח דו, פֿאָרכטיק ביסטו,
און ווער קאָן באַשטיין פֿאַר דיר דעמאָלט, פֿון דײַן צאָרן אָן?!
ט פֿון דעם הימל אַראָפּ האָסטו געלאָזט הערן דִין,
די ערד האָט געקריגן מוֹרא און איז געבליבן שטיל,
י ווען גאָט איז אופֿגעשטאַנען צום מִשפּט,
צו באַפֿרײַען אַלע קלײנמוטיקע פֿון דער ערד. סֶלָה!

יא פֿאַרוואָר, דאָס גרימען פֿון דעם מענטש מוז דיר דאַנקלויבן,
דעם איבערבלײַב פֿון די גרימיקייטן וועסטו דיר אָנגורטן.
יב נֶדרט, און באַצאָלט צו גאָט, אײַער גאָט!

עו לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר לְאָסָף שִׁיר : נוֹדָע
בִּיהוּדָה אֱלֹהִים בְּיִשְׂרָאֵל גָּדוֹל שְׁמוֹ : וַיְהִי בְשָׁלֵם סֻכּוֹ
וּמְעוֹנָתוֹ בְצִיּוֹן : שָׁמָּה שִׁבַּר רִשְׁפֵי־קָשֶׁת מָגֵן וְחֶרֶב
ה וּמִלְחָמָה סֶלָה : נָאוֹר אַתָּה אַדִּיר מֵהַרְרֵי־טָרֶף :
אֶשְׁתּוֹלְלוּ ׀ אַבִּירֵי לֵב נָמוּ שְׁנָתָם וְלֹא־מָצְאוּ כָל־אַנְשֵׁי־
חַיִל יְדֵיהֶם : מִגַּעֲרָתְךָ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב נִרְדָּם וְרֶכֶב וָסוּס :
אַתָּה ׀ נוֹרָא אַתָּה וּמִי־יַעֲמֹד לְפָנֶיךָ מֵאָז אַפֶּךָ : מִשָּׁמַיִם
י הִשְׁמַעְתָּ דִּין אֶרֶץ יָרְאָה וְשָׁקָטָה : בְּקוּם־לַמִּשְׁפָּט אֱלֹהִים
לְהוֹשִׁיעַ כָּל־עַנְוֵי־אֶרֶץ סֶלָה : כִּי־חֲמַת אָדָם תּוֹדֶךָּ
שְׁאֵרִית חֵמֹת תַּחְגֹּר : נִדְרוּ וְשַׁלְּמוּ לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כָּל־סְבִיבָיו יוֹבִילוּ שַׁי לַמּוֹרָא : יִבְצֹר רוּחַ נְגִידִים נוֹרָא
עז לְמַלְכֵי־אָרֶץ : עז לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדִיתוּן לְאָסָף
מִזְמוֹר : קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים
וְהַאֲזִין אֵלָי : בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי יָדִי ׀ לַיְלָה נִגְּרָה
וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי : אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה

עו׳ ד׳ הס׳ רפה ו׳ מלרע עז׳ א׳ ידותון קרי

אַלע רונדאַרום אים —
זאָלן ברענגען צאָל דעם פאָרכטיקן,
יג וואָס שנײַדט אונטער דעם מוט פון די פירשטן,
וואָס איז מוראדיק פאַר די מלכים פון דער ערד.

עז לַמְנַצֵּחַ, עַל־יְדוּתוּן, לְאָסָף, מִזְמוֹר.
קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, נאָך ידותון,
פון אָספֿן, אַ מזמור.

ב מײַן קול איז צו גאָט, און איך מוז שרײַען,
מײַן קול איז צו גאָט, און דו טו מיך פאַרנעמען!
ג אין דעם טאָג פון מײַן באַדרענגונג האָב איך געפאָרשט גאָט,
בײַנאַכט איז מײַן האַנט געווען אויסגעשטרעקט, און איז
נישט געוואָרן פאַרשטאַרט,
מײַן נפש וויל זיך נישט לאָזן טרײסטן.

ד וויל איך דערמאָנען גאָט – ערשט, איך מוז ברומען,
וויל איך קלאָגן – ערשט, סע פאַרשמאַכט מיין גייַסט. סֶלָה!

ה דו האַלטסט־אויף די דעקלעך פון מיינע אויגן,
איך בין צערודערט און איך קאָן נישט רעדן.
ו איך האָב איבערגעטראַכט די טעג פון אַמאָל,
די יאָרן פון פאַרצייטנס.
ז איך וויל דערמאָנען ביינאַכט מיין סטרונעשפּיל,
מיט מיין האַרץ וויל איך מיך קלאָגן,
און מיין גייַסט האָט נאָכגעשפּירט:
ח צי אַף אייביקייטן וועט גאָט פאַרוואַרפן?
און ער וועט שוין מער נאָכאַמאָל נישט באַוויליקן?
ט צי האָט אַף אייביק אופגעהערט זיין חֶסד?
איז געענדיקט דער צוזאָג אַף דור־דורות?
י צי האָט גאָט פאַרגעסן לייַטזעליק זיין,
אָדער האָט ער פאַרשפּאַרט אין צאָרן זיינע דערבאַרעמדיקייטן? סֶלָה!

יא און איך האָב געזאָגט: דאָס איז מיין שלאַפקייט:
דאָס ענדערן זיך פון דער רעכטער האַנט פון דעם אייבערשטן.
יב איך טו געדענקען די האַנדלונגען פון גאָט,
פאַרוואָר, איך מוז געדענקען דיינע וואונדער פון אַמאָל.
יג און איך מוז נאָכטראַכטן וועגן דיין איטלעכן ווערק,
און וועגן דיינע האַנדלונגען מוז איך קלאָגן.

יא און איך האָב געזאָגט — דאָס איז מיין שלאַפקייט — :
די יאָרן פון דער רעכטער האַנט פון דעם אייבערשטן
יב וויל איך דערמאָנען, די האַנדלונגען פון גאָט. —
יאָ, איך מוז דערמאָנען דיינע וואונדער פון אַמאָל,
יג און איך מוז נאָכטראַכטן אין דיין איטלעכן ווערק,
און וועגן דיינע האַנדלונגען מוז איך קלאָגן.

תהלֿים

ה אָשִׂ֫יחָה ׀ וְתִתְעַטֵּ֖ף רוּחִ֣י סֶֽלָה׃ אָ֭חַזְתָּ שְׁמֻר֣וֹת עֵינָ֑י
נִ֝פְעַ֗מְתִּי וְלֹ֣א אֲדַבֵּֽר׃ חִשַּׁ֣בְתִּי יָמִ֣ים מִקֶּ֑דֶם שְׁ֝נ֗וֹת עוֹלָמִֽים׃
אֶ֥זְכְּרָ֥ה נְגִינָתִ֗י בַּ֫לָּ֥יְלָה עִם־לְבָבִ֥י אָשִׂ֑יחָה וַיְחַפֵּ֥שׂ רוּחִֽי׃
הַ֭לְעוֹלָמִים יִזְנַ֥ח ׀ אֲדֹנָ֑י וְלֹֽא־יֹסִ֖יף לִרְצ֣וֹת עֽוֹד׃ הֶאָפֵ֣ס
י לָנֶ֣צַח חַסְדּ֑וֹ גָּ֥מַר אֹ֝֗מֶר לְדֹ֣ר וָדֹֽר׃ הֲשָׁכַ֣ח חַנּ֣וֹת אֵ֑ל
אִם־קָפַ֥ץ בְּ֝אַ֗ף רַחֲמָ֥יו סֶֽלָה׃ וָאֹמַ֣ר חַלּ֣וֹתִי הִ֑יא שְׁ֝נ֗וֹת
יְמִ֣ין עֶלְיֽוֹן׃ אֶזְכּ֥וֹר מַֽעַלְלֵי־יָ֑הּ כִּֽי־אֶזְכְּרָ֖ה מִקֶּ֣דֶם פִּלְאֶֽךָ׃
וְהָגִ֥יתִי בְכָל־פָּעֳלֶ֑ךָ וּֽבַעֲלִ֖ילוֹתֶ֣יךָ אָשִֽׂיחָה׃ אֱ֭לֹהִים בַּקֹּ֣דֶשׁ
טו דַּרְכֶּ֑ךָ מִי־אֵ֥ל גָּ֝ד֗וֹל כֵּֽאלֹהִֽים׃ אַתָּ֣ה הָ֭אֵל עֹ֣שֵׂה פֶ֑לֶא
הוֹדַ֖עְתָּ בָֽעַמִּ֣ים עֻזֶּֽךָ׃ גָּאַ֣לְתָּ בִּזְר֣וֹעַ עַמֶּ֑ךָ בְּנֵֽי־יַעֲקֹ֖ב וְיוֹסֵ֣ף
סֶֽלָה׃ רָ֘א֤וּךָ מַּ֙יִם ׀ אֱֽלֹהִ֗ים רָא֣וּךָ מַּ֣יִם יָחִ֑ילוּ אַ֝֗ף יִרְגְּז֥וּ
תְהֹמֽוֹת׃ זֹ֤רְמוּ מַ֨יִם ׀ עָב֗וֹת ק֭וֹל נָתְנ֣וּ שְׁחָקִ֑ים אַף־
חֲ֝צָצֶ֗יךָ יִתְהַלָּֽכוּ׃ ק֤וֹל רַֽעַמְךָ֨ ׀ בַּגַּלְגַּ֗ל הֵאִ֣ירוּ בְרָקִ֣ים
כ תֵּבֵ֑ל רָגְזָ֖ה וַתִּרְעַ֣שׁ הָאָֽרֶץ׃ בַּיָּ֤ם דַּרְכֶּ֗ךָ וּֽ֭שְׁבִילְיךָ בְּמַ֣יִם

עז׳ יב׳ אזכור קרי ס׳ יתיר י׳

יד גאָט, אין הייליקייט איז דײַן וועג.
ווער איז אַ גאָט, גרויס ווי גאָט?!
טו דו ביסט דער גאָט, וואָס טוט וואונדער,
דו האָסט געלאָזט דערקענען דײַן מאַכט צווישן די פעלקער:
טז דו האָסט אויסגעלייזט מיט דעם אָרעם דײַן פאָלק,
די זין פון יַעקב און יוסף. סֶלָה!
יז די וואַסערן האָבן דיך געזען, גאָט,
די וואַסערן האָבן דיך געזען, האָבן זיי געקראַיסט,
יאָ, סע האָבן זיך געטרייסלט די תהומען.

יח געפליצט האָבן די וואָלקנס וואַסער,
די לופטהימלען האָבן אַרויסגעגעבן אַ קול,
יאָ, דײַנע פײַלן זענען אומגעלאָפן.
יט דאָס קול פון דײַן דונער איז געווען אין דעם געדריי,
די בליצן האָבן באַלײַכט דעם וועלטרוים,
סע האָט זיך געטרייסלט און געוויטערט די ערד.

כ דורך דעם יַם איז געווען דײַן וועג,

און דיין דורכגאַנג – דורך וואַסערן אַ סך,
און דיינע טריט זענען נישט געווען צו דערקענען.

כא דו האָסט געפירט דיין פֿאָלק ווי אַ שאָף־הערט
דורך דער האַנט פון משה און אַהרן.

עח מַשְׂכִּיל לְאָסָף. הַאֲזִינָה עַמִּי תּוֹרָתִי

א אַ באַקלערונג פון אָסָפֿן.

פֿאַרנעם, מיין פֿאָלק, מיין לערנונג!
נייגט צו אייער אויער צו די זאָגן פון מיין מויל!
ב איך וויל עפֿענען מיין מויל מיט אַ מָשָל,
איך וויל שפּרודלען רעטענישן פון אַמאָל.
ג וואָס מיר האָבן געהערט און האָבן דערקענט,
און אונזערע אָבות האָבן אונז דערציילט,
ד וועלן מיר נישט פֿאַרהוילן פון זייערע זין פון אַ שפּעטערדיקן דור,
ביים דערציילן די לויבגעזאַנגען פון גאָט,
און זיין מאַכט און זיינע וואונדער, וואָס ער האָט געטון.

ה ער האָט דאָך אופגעשטעלט אַ באַצייגונג אין יַעקב,
און האָט געטון זעצן תּורה אין יִשׂראל,
וואָס ער האָט געבאָטן אונזערע אָבות,
צו לאָזן קענען זיי זייערע קינדער,
ו כּדי פֿאַרשטיין זאָל דער שפּעטערער דור,
די זין, וואָס וועלן געבוירן ווערן,
זאָלן אופשטיין און זיי זאָלן דערציילן זייערע זין,
ז אַז זיי זאָלן טון זעצן אַף גאָט זייער פֿאַרטרויען,
און זיי זאָלן נישט פֿאַרגעסן די האַנדלונגען פון גאָט,
און זיינע געבאָטן זאָלן זיי באַוואָרענען,

רַבִּים וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ׃ נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ בְּיַד־מֹשֶׁה
עח וְאַהֲרֹן׃ עח מַשְׂכִּיל לְאָסָף הַאֲזִינָה עַמִּי תּוֹרָתִי
הַטּוּ אָזְנְכֶם לְאִמְרֵי־פִי׃ אֶפְתְּחָה בְמָשָׁל פִּי אַבִּיעָה
חִידוֹת מִנִּי־קֶדֶם׃ אֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ וַנֵּדָעֵם וַאֲבוֹתֵינוּ סִפְּרוּ־לָנוּ׃
לֹא נְכַחֵד ׀ מִבְּנֵיהֶם לְדוֹר אַחֲרוֹן מְסַפְּרִים תְּהִלּוֹת יְהוָה
ה וֶעֱזוּזוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיָּקֶם עֵדוּת ׀ בְּיַעֲקֹב וְתוֹרָה
שָׂם בְּיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר צִוָּה אֶת־אֲבוֹתֵינוּ לְהוֹדִיעָם לִבְנֵיהֶם׃
לְמַעַן יֵדְעוּ ׀ דּוֹר אַחֲרוֹן בָּנִים יִוָּלֵדוּ יָקֻמוּ וִיסַפְּרוּ לִבְנֵיהֶם׃
וְיָשִׂימוּ בֵאלֹהִים כִּסְלָם וְלֹא יִשְׁכְּחוּ מַעַלְלֵי־אֵל וּמִצְוֺתָיו
יִנְצֹרוּ׃ וְלֹא יִהְיוּ ׀ כַּאֲבוֹתָם דּוֹר סוֹרֵר וּמֹרֶה דּוֹר לֹא־
הֵכִין לִבּוֹ וְלֹא־נֶאֶמְנָה אֶת־אֵל רוּחוֹ׃ בְּנֵי־אֶפְרַיִם נוֹשְׁקֵי
י רוֹמֵי־קָשֶׁת הָפְכוּ בְּיוֹם קְרָב׃ לֹא שָׁמְרוּ בְּרִית אֱלֹהִים
וּבְתוֹרָתוֹ מֵאֲנוּ לָלֶכֶת׃ וַיִּשְׁכְּחוּ עֲלִילוֹתָיו וְנִפְלְאוֹתָיו
אֲשֶׁר הֶרְאָם׃ נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם
שְׂדֵה־צֹעַן׃ בָּקַע יָם וַיַּעֲבִירֵם וַיַּצֶּב־מַיִם כְּמוֹ־נֵד׃ וַיַּנְחֵם

ח און זיי זאָלן נישט ווערן ווי זייערע אָבות,
אַ דור, אַן אָפּקערערישער און ווידערשפּעניקער,
אַ דור, וואָס האָט נישט אָנגעברייט זיין האַרץ,
און זיין גייַסט איז נישט געווען געטריַי גאָט.

ט די זין פון אֶפרַיִם, באַוואָפנטע בויגנשיסער,
זיי האָבן זיך אויסגעדרייט אין דעם טאָג פון דער שלאַכט!
י זיי האָבן נישט אָפּגעהיט דעם בונד פון גאָט,
און אין זיין לערנונג האָבן זיי נישט געוואָלט צו גיין.
יא און זיי האָבן פאַרגעסן זיינע האַנדלונגען,
און זיינע וואונדער, וואָס ער האָט זיי באַוויזן:
יב קעגנאיבער זייערע אָבות האָט ער געטון וואונדער
אין דעם לאַנד מִצרַיִם, דעם פעלד פון צוֹעַן:—
יג ער האָט געשפּאָלטן דעם יַם און האָט זיי דורכגעפירט,
און האָט אַוועקגעשטעלט וואַסערן ווי אַ שטויס,
יד און ער האָט זיי געפירט מיט דעם וואָלקן בייטאָג,
און די גאַנצע נאַכט מיט דעם ליכט פון פייער.

טו ער האָט געשפּאָלטן פעלזנשטיינער אין דער מִדבר,
און האָט זיי אָנגעטרונקען ווי פון גרויסע תהומען,
טז און ער האָט אַרויסגעצויגן פלוסן פון דעם פעלז,
און האָט געלאָזט נידערן וואַסער ווי שטראָמען.

יז נאָר זיי האָבן געמערט נאָך מער צו זינדיקן קעגן אים,
צו ווידערשפּעניקן דעם אײבערשטן אין דער וויסטעניש.
יח און זיי האָבן געפּריווט גאָט אין זייער האַרץ,
צו פאַרלאַנגען עסן פאַר זייער נֶפש.
יט און זיי האָבן גערעדט קעגן גאָט,
זיי האָבן געזאָגט: „צי קען גאָט
צוגרייטן אַ טיש אין דער מִדבר?
כ זע, ער האָט געשלאָגן דעם פעלזנשטיין, און גערונען זענען וואַסערן,
און באָכן האָבן געפלייצט, —
צי וועט ער אויך קענען געבן ברויט,
אָדער אָנברייטן פלייש פאַר זיין פאָלק?"
כא דעריבער, גאָט האָט געהערט, און ער איז אַריין אין צאָרן־אויסבראָך,
און אַ פייער האָט אופגעלאָדערט קעגן יַעקב,
יאָ, אויך אַ צאָרן איז אופגעגאַנגען קעגן יִשׂראל.
כב וואָרן זיי האָבן נישט געגלייבט אין גאָט,
און זיי האָבן זיך נישט פאַרזיכערט אין זיין ישועה.
כג יאָ, ער האָט פירגעבאָטן די לופטהימלען פון אויבן,
און די טירן פון הימל האָט ער געעפנט,
כד און ער האָט גערעגנט אַף זיי מָן צום עסן,
יאָ, הימל־קאָרן האָט ער זיי געגעבן.
כה ברויט פון די געוואַלטיקע האָט געגעסן דער מענטש,
שפּייז האָט ער געשיקט פאַר זיי צו דער זעט.
כו ער האָט געלאָזט ציען דעם מִזרח אין הימל,

כו דעם מזרח — דעם מזרח־ווינט, דעם דרום־ווינט.

טו בֶּעָנָן יוֹמָם וְכָל־הַלַּיְלָה בְּאוֹר אֵשׁ׃ יְבַקַּע צֻרִים בַּמִּדְבָּר
וַיַּשְׁקְ כִּתְהֹמוֹת רַבָּה׃ וַיּוֹצִא נוֹזְלִים מִסָּלַע וַיּוֹרֶד
כַּנְּהָרוֹת מָיִם׃ וַיּוֹסִיפוּ עוֹד לַחֲטֹא־לוֹ לַמְרוֹת עֶלְיוֹן
בַּצִּיָּה׃ וַיְנַסּוּ־אֵל בִּלְבָבָם לִשְׁאָל־אֹכֶל לְנַפְשָׁם׃ וַיְדַבְּרוּ
כ בֵּאלֹהִים אָמְרוּ הֲיוּכַל אֵל לַעֲרֹךְ שֻׁלְחָן בַּמִּדְבָּר׃ הֵן
הִכָּה־צוּר ׀ וַיָּזוּבוּ מַיִם וּנְחָלִים יִשְׁטֹפוּ הֲגַם־לֶחֶם יוּכַל תֵּת
אִם־יָכִין שְׁאֵר לְעַמּוֹ׃ לָכֵן ׀ שָׁמַע יְהוָה וַיִּתְעַבָּר וְאֵשׁ
נִשְּׂקָה בְיַעֲקֹב וְגַם־אַף עָלָה בְיִשְׂרָאֵל׃ כִּי לֹא הֶאֱמִינוּ
בֵּאלֹהִים וְלֹא בָטְחוּ בִּישׁוּעָתוֹ׃ וַיְצַו שְׁחָקִים מִמָּעַל וְדַלְתֵי
שָׁמַיִם פָּתָח׃ וַיַּמְטֵר ׀ עֲלֵיהֶם מָן לֶאֱכֹל וּדְגַן־שָׁמַיִם נָתַן
כה לָמוֹ׃ לֶחֶם אַבִּירִים אָכַל אִישׁ צֵידָה שָׁלַח לָהֶם לָשֹׂבַע׃
יַסַּע קָדִים בַּשָּׁמָיִם וַיְנַהֵג בְּעֻזּוֹ תֵימָן׃ וַיַּמְטֵר עֲלֵיהֶם כֶּעָפָר
שְׁאֵר וּכְחוֹל יַמִּים עוֹף כָּנָף׃ וַיַּפֵּל בְּקֶרֶב מַחֲנֵהוּ סָבִיב
לְמִשְׁכְּנֹתָיו׃ וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׂבְּעוּ מְאֹד וְתַאֲוָתָם יָבִא לָהֶם׃
ל לֹא־זָרוּ מִתַּאֲוָתָם עוֹד אָכְלָם בְּפִיהֶם׃ וְאַף אֱלֹהִים ׀ עָלָה
בָהֶם וַיַּהֲרֹג בְּמִשְׁמַנֵּיהֶם וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל הִכְרִיעַ׃ בְּכָל־
זֹאת חָטְאוּ־עוֹד וְלֹא הֶאֱמִינוּ בְּנִפְלְאוֹתָיו׃ וַיְכַל־בַּהֶבֶל

און האָט געלענקט מיט זיין מאַכט דעם דָרום,
כז און ער האָט גערעגנט אַף זיי פלייש ווי שטויב,
און ווי זאַמד פון די יַמים – באַפליגלט געפליגל,
כח און האָט דאָס געלאָזט פאַלן דרינען פון זיין לאַגער,
רונדאַרום זיינע וואוינונגען.
כט און זיי האָבן געגעסן און זענען געוואָרן זייער זאַט,
אַזוי האָט ער זייער תּאווה דערברענגט פאַר זיי.
ל זיי זענען נישט געווען פאַרפרעמדט פון זייער תּאווה,
זייער עסן איז נאָך געווען אין זייער מויל –
לא און דער צאָרן פון גאָט איז אופגעגאַנגען קעגן זיי,
און ער האָט געהאַרגעט צווישן זייערע פעטסטע,
און די אויסדערווייַלטע פון ישׂראל האָט ער געוואָרפן אַף די קני.

לב נאָך דעם אַלעמען האָבן זיי נאָכאַמאָל געזינדיקט,
און זיי האָבן נישט געגלייבט אין זיינע וואונדער.

לג און ער האָט פאַרלענדט אין נישטיקייט זייערע טעג,
און זייערע יאָרן – אין פּלעפונג.
לד ווען ער האָט זיי געהאַרגעט – דעמאָלט האָבן זיי אים געפאָרשט,
און זיי האָבן זיך אומגעקערט און האָבן דערגאַרט גאָט,
לה און זיי האָבן זיך דערמאַנט, אַז גאָט איז זייער פעלזנשטיין,
און גאָט, דער אייבערשטער, איז זייער אויסלייזער.
לו און זיי האָבן אים געשמייכלט מיט זייער מויל,
און מיט זייער צונג האָבן זיי געלייגט פאַר אים.
לז וואָרן זייער האַרץ איז נישט געווען געפעסטיקט מיט אים,
און זיי זענען נישט געווען געטריי אין זיין בונד.
לח נאָר ער איז דערבאַרעמדיק, ער איז מכפּר די שולד,
און ער פאַרדאַרבט נישט,
און אַ סך מאָל לאָזט ער אָפּקערן זיין צאָרן,
און לאָזט נישט אופוואַכן זיין גאַנצן גרימצאָרן.
לט און ער געדענקט, אַז פליש זענען זיי,
ווינט, וואָס גייט אַוועק און קערט זיך ניט אום צוריק.

מ וויפל מאָל האָבן זיי אים ווידערגעשפעניקט אין דער מדבר,
האָבן אים געמאַכט טריב אין דער וויסטע!
מא און זיי האָבן זיך ווידער אומגעקערט און געפּריווט גאָט,
און דעם הייליקן פון ישראל האָבן זיי געקרענקט.
מב זיי האָבן נישט געדענקט זיין האַנט,
דעם טאָג, וואָס ער האָט זיי אויסגעקויפט פון דעם באַדרענגער,
מג ווי ער האָט געטון זיינע צייכנס אין מצרים,
און זיינע וואונדער אין דעם פעלד פון צוען:
מד און ער האָט פאַרקערט אַף בלוט זייערע ניל־שטראָמען,
אַז זייערע פלוסן זאָלן זיי נישט קענען טרינקען.
מה און ער האָט געשיקט צווישן זיי די שטעכפליג, און דאָס האָט זיי געפרעסן,
און די פראָש, און זי האָט זיי פאַרדאַרבט.
מו און ער האָט געגעבן דעם שפּרינגער זייער געוויקס,

יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתָם בַּבֶּהָלָה׃ אִם־הֲרָגָם וּדְרָשׁוּהוּ וְשָׁבוּ
לה וְשִׁחֲרוּ־אֵל׃ וַיִּזְכְּרוּ כִּי־אֱלֹהִים צוּרָם וְאֵל עֶלְיוֹן גֹּאֲלָם׃ *
וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ־לוֹ׃ וְלִבָּם לֹא־נָכוֹן עִמּוֹ
וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ׃ וְהוּא רַחוּם ׀ יְכַפֵּר עָוֺן וְלֹא־יַשְׁחִית
וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ וְלֹא־יָעִיר כָּל־חֲמָתוֹ׃ וַיִּזְכֹּר כִּי־בָשָׂר
מ הֵמָּה רוּחַ הוֹלֵךְ וְלֹא יָשׁוּב׃ כַּמָּה יַמְרוּהוּ בַמִּדְבָּר
יַעֲצִיבוּהוּ בִּישִׁימוֹן׃ וַיָּשׁוּבוּ וַיְנַסּוּ אֵל וּקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל
הִתְווּ׃ לֹא־זָכְרוּ אֶת־יָדוֹ יוֹם אֲשֶׁר־פָּדָם מִנִּי־צָר׃
אֲשֶׁר־שָׂם בְּמִצְרַיִם אֹתוֹתָיו וּמוֹפְתָיו בִּשְׂדֵה־צֹעַן׃ וַיַּהֲפֹךְ
מה לְדָם יְאֹרֵיהֶם וְנֹזְלֵיהֶם בַּל־יִשְׁתָּיוּן׃ יְשַׁלַּח בָּהֶם עָרֹב
וַיֹּאכְלֵם וּצְפַרְדֵּעַ וַתַּשְׁחִיתֵם׃ וַיִּתֵּן לֶחָסִיל יְבוּלָם וִיגִיעָם
לָאַרְבֶּה׃ יַהֲרֹג בַּבָּרָד גַּפְנָם וְשִׁקְמוֹתָם בַּחֲנָמַל׃ וַיַּסְגֵּר
לַבָּרָד בְּעִירָם וּמִקְנֵיהֶם לָרְשָׁפִים׃ יְשַׁלַּח־בָּם ׀ חֲרוֹן אַפּוֹ
נ עֶבְרָה וָזַעַם וְצָרָה מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים׃ יְפַלֵּס נָתִיב
לְאַפּוֹ לֹא־חָשַׂךְ מִמָּוֶת נַפְשָׁם וְחַיָּתָם לַדֶּבֶר הִסְגִּיר׃ וַיַּךְ
כָּל־בְּכוֹר בְּמִצְרָיִם רֵאשִׁית אוֹנִים בְּאָהֳלֵי־חָם׃ וַיַּסַּע כַּצֹּאן
עַמּוֹ וַיְנַהֲגֵם כַּעֵדֶר בַּמִּדְבָּר׃ וַיַּנְחֵם לָבֶטַח וְלֹא פָחָדוּ

עה' לו' חצי הספר

און זייער מי — דעם היישעריק.
מז ער האָט דערהאַרגעט מיט האָגל זייער ווייַנשטאָק,
און זייערע פייַגנביימער — מיט האָגלשטיין.
מח און ער האָט איבערגעענטפערט זייער פעלד־פי צו דעם האָגל,
און זייערע פי־הערטן — צו די בליצן.
מט ער האָט געשיקט קעגן זיי דאָס גרימען פון זיין צאָרן,
צאָרן־אויסבראָך און צערענונג און באַדרענגונג,
אַן אָנשיקעניש פון באַטשאַפטער פון בייזן.
נ ער האָט אויסגעגלייַכט אַ שטעג פאַר זיין צאָרן,
ער האָט נישט אָפּגעהאַלטן זייער נֶפש פון דעם טויט,
און זייער לעבן האָט ער איבערגעענטפערט צו דער פעסט.
נא און ער האָט געשלאָגן יעדן בכור אין מִצרַיִם,
דעם אָנהייב פון מענערקראַפט — אין די געצעלטן פון חָם.
נב און זיין פאָלק האָט ער געלאָזט ציען ווי שאָף,
און ער האָט זיי געלענקט ווי אַ הערט אין דער מִדבר,

נג און ער האָט זיי געפירט צו זיכערקייט, און זיי האָבן זיך
ניט געדאַרפט שרעקן,
ווען דער ים האָט באַדעקט זייערע פֿײַנט.
נד און ער האָט זיי געבראַכט צו דער גרעניץ פֿון זײַן הייליקטום,
דעם דאָזיקן באַרג, וואָס זײַן רעכטע האַנט האָט דערוואָרבן.
נה און ער האָט פֿאַרטריבן פֿון פֿאַר זיי פֿעלקער,
און ער האָט געלאָזט פֿאַר זיי צופֿאַלן מיט דער מעסטשנור אַ נחלה,
און האָט געלאָזט וואוינען אין זייערע געצעלטן די שבֿטים פֿון ישׂראל.

נו נאָר זיי האָבן געפּרוּווט און ווידערשפּעניקט גאָט, דעם אייבערשטן,
און זײַנע באַצײַגונגען האָבן זיי ניט אָפּגעהיט,
נז און ווי זייערע פֿאָטערס האָבן זיי אָפּגעווײַכט און בוגד געווען,
זיי זענען געוואָרן פֿאַרקערט ווי אַ באַטריגערישער בויגן.
נח און זיי האָבן אים געמאַכט פֿאַרדראָס מיט זייערע במות,
און מיט זייערע אָפּבילדער האָבן זיי אים געמאַכט אײַפֿעריק.
נט האָט גאָט געהערט, און ער איז אַרײַן אין צאָרן־אויסברוך,
און ער האָט זייער פֿאַרמיאוסט ישׂראל.
ס און ער האָט אָפּגעשטויסן דעם משכּן פֿון שילוֹ,
דאָס געצעלט, וואָס ער האָט געלאָזט רוען צווישן מענטשן.
סא ער האָט איבערגעגעבן אין דער געפֿאַנגענשאַפֿט זײַן מאַכט,
און זײַן צירונג — אין דער האַנט פֿון דעם באַדרענגער.
סב און ער האָט איבערגעענטפֿערט זײַן פֿאָלק צו דער שווערד,
און אויף זײַן נחלה איז ער אַרײַן אין צאָרן־אויסברוך.
סג זײַנע בחורים האָט פֿאַרצערט דאָס פֿײַער,
און זײַנע מיידלעך זענען ניט געוואָרן געריימט.
סד זײַנע כּוֹהנים זענען געפֿאַלן דורך דער שווערד,
און זײַנע אַלמנות האָבן ניט געקאָנט באַוויינען.

סה און גאָט האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי אַ שלאָפֿיקער,
ווי אַ גיבור, וואָס יובלט־אויף פֿון ווײַן:

וְאֶת־אוֹיְבֵיהֶם כִּסָּה הַיָּם׃ וַיְבִיאֵם אֶל־גְּבוּל קׇדְשׁוֹ הַר־זֶה
נה קָנְתָה יְמִינוֹ׃ וַיְגָרֶשׁ מִפְּנֵיהֶם ׀ גּוֹיִם וַיַּפִּילֵם בְּחֶבֶל נַחֲלָה
וַיַּשְׁכֵּן בְּאׇהֳלֵיהֶם שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְנַסּוּ וַיַּמְרוּ אֶת־אֱלֹהִים
עֶלְיוֹן וְעֵדוֹתָיו לֹא שָׁמָרוּ׃ וַיִּסֹּגוּ וַיִּבְגְּדוּ כַּאֲבוֹתָם נֶהְפְּכוּ
כְּקֶשֶׁת רְמִיָּה׃ וַיַּכְעִיסוּהוּ בְּבָמוֹתָם וּבִפְסִילֵיהֶם יַקְנִיאוּהוּ׃
ס שָׁמַע אֱלֹהִים וַיִּתְעַבָּר וַיִּמְאַס מְאֹד בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיִּטֹּשׁ מִשְׁכַּן
שִׁלוֹ אֹהֶל שִׁכֵּן בָּאָדָם׃ וַיִּתֵּן לַשְּׁבִי עֻזּוֹ וְתִפְאַרְתּוֹ בְיַד־צָר׃
וַיַּסְגֵּר לַחֶרֶב עַמּוֹ וּבְנַחֲלָתוֹ הִתְעַבָּר׃ בַּחוּרָיו אָכְלָה־אֵשׁ
וּבְתוּלֹתָיו לֹא הוּלָּלוּ׃ כֹּהֲנָיו בַּחֶרֶב נָפָלוּ וְאַלְמְנֹתָיו לֹא
סה תִבְכֶּינָה׃ וַיִּקַץ כְּיָשֵׁן ׀ אֲדֹנָי כְּגִבּוֹר מִתְרוֹנֵן מִיָּיִן׃ וַיַּךְ צָרָיו
אָחוֹר חֶרְפַּת עוֹלָם נָתַן לָמוֹ׃ וַיִּמְאַס בְּאֹהֶל יוֹסֵף וּבְשֵׁבֶט
אֶפְרַיִם לֹא בָחָר׃ וַיִּבְחַר אֶת־שֵׁבֶט יְהוּדָה אֶת־הַר צִיּוֹן אֲשֶׁר
ע אָהֵב׃ וַיִּבֶן כְּמוֹ־רָמִים מִקְדָּשׁוֹ כְּאֶרֶץ יְסָדָהּ לְעוֹלָם׃ וַיִּבְחַר
בְּדָוִד עַבְדּוֹ וַיִּקָּחֵהוּ מִמִּכְלְאֹת צֹאן׃ מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ
לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ׃ וַיִּרְעֵם כְּתֹם לְבָבוֹ
עט וּבִתְבוּנוֹת כַּפָּיו יַנְחֵם׃ עט מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹהִים

עח סב׳ דגש אחר שורק

סו און ער האָט געשלאָגן זײַנע באַדרענגער אַהינטער,
אַן אײביקע חרפה האָט ער געגעבן איבער זײ.
סז און ער האָט פֿאַרמיאוסט דאָס געצעלט פֿון יוסף,
און דעם שֵבֶט אֶפרַיִם האָט ער נישט אויסדערװײלט,
סח נײַערט ער האָט אויסדערװײלט דעם שֵבֶט יהודה,
דעם באַרג צִיון, װאָס ער האָט ליב געקריגן.
סט און ער האָט געבויט װי די הײכן זײַן הײליקטום,
װי די ערד, װאָס ער האָט געגרונטפֿעסטיקט אױף אײביק.
ע און ער האָט אויסדערװײלט דָוִדן, זײַן קנעכט,
און ער האָט אים גענומען פֿון די אָפּצױמען פֿון שאָף,
עא פֿון הינטער די אָנזױגעװדיקע האָט ער אים געבראַכט,
צו פּיטערן יַעקבֿ, זײַן פֿאָלק,
און יִשׂראל, זײַן אַרבטײל.
עב און ער האָט זײ געפּיטערט נאָך דער גאַנצקײט נאָך פֿון זײַן האַרץ,
און מיט דער פֿאַרשטענדיקײט פֿון זײַנע הענט האָט ער זײ געפֿירט.

עט מִזְמוֹר לְאָסָף. אֱלֹהִים, בָּאוּ גוֹיִם בְּנַחֲלָתֶךָ

א אַ מִזמור פון אָסָפן.

גאָט, וועלטשטאַמען זענען געקומען אין דיין נַחלה,
זיי האָבן מטַמא געווען דעם היכל פון דיין הייליקטום,
זיי האָבן געמאַכט ירושלַים צו שטיין־הויפנס.
ב זיי האָבן געגעבן דעם טויטן קערפער פון דיינע קנעכט
אַ צערונג פאַר דעם געפליגל פון דעם הימל,
דאָס פלייש פון דיינע פרומע – פאַר דעם געווילד פון דער ערד.
ג זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט ווי וואַסער
רונדאַרום ירושלַים,
און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל מקַבר זיין.
ד מיר זענען געוואָרן אַ חרפה פאַר אונזערע שכֵנים,
אַ שפּאָט און אַ שפּאָס פאַר אונזערע אַרומיקע.

ה ביז ווען, גאָט, –ווילסטו צערענען אַף אייביק?
וועט ברענען ווי אַ פייער דיין קנאָה?
ו גיס אויס דיין גרימצאָרן אַף די שטאַמען, וואָס ווילן דיך נישט קענען,
און אַף די מלוכות, וואָס ווילן נישט רופן דיין נאָמען!
ז וואָרן מע האָט געפרעסן יַעקבן,
און זיין פּיטערפלאַץ האָבן זיי פאַרוויסט!

ח דו זאָלסט נישט געדענקען קעגן אונז די פריערדיקע שולדיקייטן!
גיך זאָלן זיך פעדערן אַנטקעגן אונז דיינע דערבאַרעמדיקייטן,
וואָרן מיר זענען זייער דערדריקט.
ט העלף אונז, גאָט פון אונזער ישועה,
צוליב דעם כָּבוד פון דיין נאָמען!
און זיי אונז מַציל, און זיי מכַפּר אַף אונזערע זינד
פון דיין נאָמען וועגן!
י פאַרוואָס זאָלן די וועלטשטאַמען זאָגן: „וואו איז זייער גאָט?!"

בָּאוּ גוֹיִם ׀ בְּנַחֲלָתֶךָ טִמְּאוּ אֶת־הֵיכַל קָדְשֶׁךָ שָׂמוּ אֶת יְרוּשָׁלַםִ
לְעִיִּים׃ נָתְנוּ אֶת־נִבְלַת עֲבָדֶיךָ מַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמָיִם בְּשַׂר
חֲסִידֶיךָ לְחַיְתוֹ־אָרֶץ׃ שָׁפְכוּ דָמָם ׀ כַּמַּיִם סְבִיבוֹת
יְרוּשָׁלָםִ וְאֵין קוֹבֵר׃ הָיִינוּ חֶרְפָּה לִשְׁכֵנֵינוּ לַעַג וָקֶלֶס
ה לִסְבִיבוֹתֵינוּ׃ עַד־מָה יְהוָה תֶּאֱנַף לָנֶצַח תִּבְעַר כְּמוֹ־אֵשׁ
קִנְאָתֶךָ׃ שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ ׀ אֶל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּךָ וְעַל־
מַמְלָכוֹת אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ לֹא קָרָאוּ׃ כִּי אָכַל אֶת־יַעֲקֹב וְאֶת־
נָוֵהוּ הֵשַׁמּוּ׃ אַל תִּזְכָּר־לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ
רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד׃ עָזְרֵנוּ ׀ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ עַל־דְּבַר
כְּבוֹד־שְׁמֶךָ וְהַצִּילֵנוּ וְכַפֵּר עַל־חַטֹּאתֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ׃
י לָמָּה ׀ יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה אֱלֹהֵיהֶם יִוָּדַע בַּגּיִּים לְעֵינֵינוּ
נִקְמַת דַּם־עֲבָדֶיךָ הַשָּׁפוּךְ׃ תָּבוֹא לְפָנֶיךָ אֶנְקַת אָסִיר
כְּגֹדֶל זְרוֹעֲךָ הוֹתֵר בְּנֵי תְמוּתָה׃ וְהָשֵׁב לִשְׁכֵנֵינוּ
שִׁבְעָתַיִם אֶל־חֵיקָם חֶרְפָּתָם אֲשֶׁר חֵרְפוּךָ אֲדֹנָי׃ וַאֲנַחְנוּ
עַמְּךָ ׀ וְצֹאן מַרְעִיתֶךָ נוֹדֶה לְּךָ לְעוֹלָם לְדֹר וָדֹר נְסַפֵּר
פ תְּהִלָּתֶךָ׃ פ לַמְנַצֵּחַ אֶל־שֹׁשַׁנִּים עֵדוּת לְאָסָף

עז׳ י׳ בגים ק׳

זאָל ווערן באַקענט צווישן די וועלטשטאַמען פאַר אונזערע אויגן
די נקמה פאַר דעם בלוט פון דיינע קנעכט, וואָס איז געוואָרן פאַרגאָסן!
יא זאָל קומען פאַר דיר דאָס קרעכצן פון דעם געבונדענעם!
נאָך דער גרייס נאָך פון דיין אָרעם
לאָז איבערבלייבן די קינדער פון שטאַרבן!
יב און קער אום אונזערע שכנים אין זייער בוזעם זיבנפאַך
זייער לעסטערונג, מיט וואָס זיי האָבן דיך געלעסטערט, גאָט!
יג און מיר, דיין פאָלק, און די שאָף פון דיין פיטערונג,
מיר ווילן דיר דאַנקלויבן אַף אייביק,
אַף דור־דורות
וועלן מיר דערציילן דיין לויבגעזאַנג.

פ לַמְנַצֵּחַ, אֶל־שׁוֹשַׁנִּים, עֵדוּת לְאָסָף, מִזְמוֹר.
רֹעֵה יִשְׂרָאֵל הַאֲזִינָה

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, נאָך „שושנים“,
אַ באַצייַגונג פון אָספן, אַ מזמור.

ב פֿאַסטעך פֿון יִשׂרָאֵל, פֿאַרנעם!
דו, וואָס האָסט געלענקט יוֹסֵפֿן ווי אַ שאָף־הערט,
וואָס האָסט דײַין זיץ איבער די כּרובים, שטראַל־אויף!
ג פֿאָראויס פֿאַר אֶפֿרַיִם און בִּנְיָמִין און מְנַשֶׁה
דערוועק דײַין גבֿורה,
און גיי פֿאַר אונז צו דער ישועה!
ד גאָט, לאָז זיך עס אומקערן פֿאַר אונז,
און לאָז לײַכטן דײַין פּנים, און מיר וועלן האָבן אַ ישועה!

ה גאָט, אָ גאָט פֿון די הערשאַרן,
ביז ווי לאַנג וועסטו צאָרן־רײַכערן קעגן דער תּפֿילה פֿון דײַין פֿאָלק?
ו דו האָסט זיי געלאָזט עסן טרערנברויט,
און האָסט זיי אָנגעטרונקען מיט טרערן דרײַפֿאַכווייז.
ז דו האָסט געמאַכט פֿון אונז אַ געצאַנק פֿאַר אונזערע שכנים,
און אונזערע פֿײַנט שפּאָטן צווישן זיך.
ח גאָט פֿון די הערשאַרן, לאָז זיך עס אומקערן פֿאַר אונז,
און לאָז לײַכטן דײַין פּנים, און מיר וועלן האָבן אַ ישועה!

ט אַ ווײַנשטאָק האָסטו געלאָזט ציען פֿון מִצרַיִם,
דו האָסט פֿאַרטריבן שטאַמען, און אים האָסטו אײַנגעפֿלאַנצט.
י דו האָסט אָפּגעראַמט פֿאַר אים,
און ער האָט פֿאַרוואָרצלט זײַנע וואָרצלען און האָט אָנגעפֿילט דאָס לאַנד.
יא בערג זענען געוואָרן באַדעקט פֿון זײַן שאָטן,
און זײַנע צווײַגן זענען געוווען צעדערן פֿון גאָט.
יב ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע ריטער ביז דעם יַם,
און ביז דעם שטראָם — זײַנע יונגע צווײַגן.

יג פֿאַרוואָס האָסטו אײַנגעבראָכן זײַנע צאַמען,
אַז אַלע, וואָס טוען פֿאַרבײַגיין דעם וועג, זאָלן אים אַרומצופּן?
יד דער חזיר פֿון דעם וואַלד טוט אים אָפּנאָגן,

מזמור׃ רעה ישראל ׀ האזינה נהג כצאן יוסף ישב
הכרבים הופיעה׃ לפני אפרים ׀ ובנימן ומנשה עוררה
את־גבורתך ולכה לישעתה לנו׃ אלהים השיבנו והאר
ה פניך ונושעה׃ יהוה אלהים צבאות עד־מתי עשנת
בתפלת עמך׃ האכלתם לחם דמעה ותשקמו בדמעות
שליש׃ תשימנו מדון לשכנינו ואיבינו ילעגו־למו׃
אלהים צבאות השיבנו והאר פניך ונושעה׃ גפן ממצרים
י תסיע תגרש גוים ותטעה׃ פנית לפניה ותשרש שרשיה
ותמלא־ארץ׃ כסו הרים צלה וענפיה ארזי־אל׃ תשלח
קציריה עד־ים ואל־נהר יונקותיה׃ למה פרצת גדריה
וארוה כל־עברי דרך׃ יכרסמנה חזיר מיער וזיז שדי
טו ירענה׃ אלהים צבאות שוב נא הבט משמים וראה
ופקד גפן זאת׃ וכנה אשר־נטעה ימינך ועל־בן אמצתה
לך׃ שרפה באש כסוחה מגערת פניך יאבדו׃ תהי־
ידך על־איש ימינך על־בן־אדם אמצת לך׃ ולא־נסוג
כ ממך תחינו ובשמך נקרא׃ יהוה אלהים צבאות
פא השיבנו האר פניך ונושעה׃ פא למנצח על־

פ׳ יד׳ עין תלויה   כז׳ כ׳ רבתי

און דאָס געווימל פון פעלד טוט אים אָפּפּיטערן.
טו גאָט פון די הערשאַרן, קער דיך דאָך אום,
קוק אַראָפּ פון דעם הימל, און זע,
און נעם דיך אָן פאַר דעמדאָזיקן ווײַנשטאָק
טז און דער אײַנזעצונג, וואָס דײַן רעכטע האַנט האָט אײַנגעפלאַנצט,
און פאַר דעם זון, וואָס דו האָסט געמאַכט שטאַרק פאַר דיר.

יז ער ווערט פאַרברענט אין פײַער, ווערט אָפּפאַל,
פון דעם דראָען פון דײַן פּנים ווערן זיי פאַרלוירן.
יח זאָל זײַן דײַן האַנט אַף דעם מענטש פון דײַן רעכטער האַנט,
און אַף דעם מענטשנקינד, וואָס דו האָסט געמאַכט שטאַרק פאַר דיר,
יט און מיר וועלן נישט אָפּווײַכן פון דיר!
דו זאָלסט אונז באַלעבן, און מיר וועלן אויסרופן דײַן נאָמען!
כ גאָט, אָ גאָט פון די הערשאַרן, לאָז זיך עס אומקערן פאַר אונז,
לאָז לײַכטן דײַן פּנים, און מיר וועלן האָבן אַ ישועה!

פא לַמְנַצֵּחַ, עַל־הַגִּתִּית, לְאָסָף. הַרְנִינוּ לֵאלֹהִים עוּזֵּנוּ

א פאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, אַף דער גִתִּית,
פון אָסָפן.

ב יובלט צו גאָט, אונזער מאַכט,
שאַלט צו דעם גאָט פון יַעקבֿ!
ג הייבט אָן דעם ליבשפּיל, און גיט אַהער די פּויק,
די ליבלעכע האַרף מיט דער ציטער!
ד בלאָזט שופר אין ראש־חודש,
ביי דער פולער לְבָנה, צו דעם טאָג פון אונזער פּײַערונג!
ה וואָרן אַ חוק פאַר יִשׂרָאֵל איז דאָס,
אַ רעכטשאַפונג פון דעם גאָט פון יַעקבֿ.
ו ער האָט דאָס געמאַכט פאַר אַ באַצײַגונג אין יוסף
ביי זיין אַרויסגיין איבערן לאַנד מִצרַיִם —
אַ לָשון, וואָס איך האָב נישט געקענט, האָב איך געהערט:

ז „איך האָב אָפּגעטון זיין אַקסל פון דער מַשׂא,
זיינע הענט זענען געוואָרן פרײַ פון דעם לאַסטקאָרב.
ח דו האָסט גערופן אין דער באַדרענגונג, און איך האָב דיך אופגעשנירט,
איך האָב דיר געענטפערט אין דער פאַרבאָרגעניש פון דונער,
איך האָב דיך פרובירט ביי דעם וואַסער מריבָה. סֶלָה!

ט „הער, מיין פאָלק, און איך וועל באַצײַגן קעגן דיר,
יִשׂרָאֵל, אויב דו וואָלטסט דיך געוועזן צוהערן צו מיר!
י זאָל נישט זיין ביי דיר קיין פרעמדער גאָט,
און זאָלסט דיך נישט בוקן צו קיין נָכרישן גאָט!
יא איך בין גאָט, דיין גאָט,
וואָס האָט דיך אַרופגעבראַכט פון דעם לאַנד מִצרַיִם.
פראַל אוף דיין מויל און איך וועל עס אָנפילן!

הַגִּתִּית לְאָסָף׃ הַרְנִינוּ לֵאלֹהִים עוּזֵּנוּ הָרִיעוּ לֵאלֹהֵי
יַעֲקֹב׃ שְׂאוּ־זִמְרָה וּתְנוּ־תֹף כִּנּוֹר נָעִים עִם־נָבֶל׃ תִּקְעוּ
ה בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֶּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ׃ כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא
מִשְׁפָּט לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ עֵדוּת ׀ בִּיהוֹסֵף שָׂמוֹ בְּצֵאתוֹ עַל־
אֶרֶץ מִצְרָיִם שְׂפַת לֹא־יָדַעְתִּי אֶשְׁמָע׃ הֲסִירוֹתִי מִסֵּבֶל
שִׁכְמוֹ כַּפָּיו מִדּוּד תַּעֲבֹרְנָה׃ בַּצָּרָה קָרָאתָ וָאֲחַלְּצֶךָּ
אֶעֶנְךָ בְּסֵתֶר רַעַם אֶבְחָנְךָ עַל־מֵי מְרִיבָה סֶלָה׃ שְׁמַע
י עַמִּי וְאָעִידָה בָּךְ יִשְׂרָאֵל אִם־תִּשְׁמַע־לִי׃ לֹא־יִהְיֶה בְךָ
אֵל זָר וְלֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר׃ אָנֹכִי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הַרְחֶב־פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ׃ וְלֹא־שָׁמַע
עַמִּי לְקוֹלִי וְיִשְׂרָאֵל לֹא־אָבָה לִי׃ וָאֲשַׁלְּחֵהוּ בִּשְׁרִירוּת
לִבָּם יֵלְכוּ בְּמוֹעֲצוֹתֵיהֶם׃ לוּ עַמִּי שֹׁמֵעַ לִי יִשְׂרָאֵל בִּדְרָכַי
טו יְהַלֵּכוּ׃ כִּמְעַט אוֹיְבֵיהֶם אַכְנִיעַ וְעַל־צָרֵיהֶם אָשִׁיב יָדִי׃
מְשַׂנְאֵי יְהוָה יְכַחֲשׁוּ־לוֹ וִיהִי עִתָּם לְעוֹלָם׃ וַיַּאֲכִילֵהוּ
מֵחֵלֶב חִטָּה וּמִצּוּר דְּבַשׁ אַשְׂבִּיעֶךָ׃

פא׳ ב׳ דגש אחר שורק

יב „נאָר מיין פֿאָלק האָט זיך נישט צוגעהערט צו מיין קול,
און ישׂראל האָט מיך נישט געוואָלט.

יג איך האָב עס אָוועקגעשיקט אין דער איינגעשפּאַרטקייט פֿון זייער האַרץ:
זאָלן זיי גיין אין זייערע באַראַטונגען!

יד הלוואַי וואָלט מיין פֿאָלק זיך געוווּן צוהערן צו מיר,
ישׂראל, וואָלטן זיי געוווּן גיין אין מיינע וועגן!

טו ווי לײַכט איך וואָלט געמאַכט אונטערטעניק זייערע פֿײַנט,
און קעגן זייערע באַדרענגער וואָלט איך אומגעקערט מיין האַנט!

טז די שׂונאים פֿון גאָט וואָלטן זיך פֿאַרלײַקנט פֿאַר אים,
און זייער שטראָף־שעה וואָלט געוואָרן אויף אייביק.

יז און אים וואָלט מען געשפּײַזט פֿון דעם פֿעטס פֿון ווייץ,
און מיט האָניק פֿון דעם פֿעלזנשטיין וואָלט איך דיך געזעטיקט."

פב מִזְמוֹר לְאָסָף. אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת־אֵל

א אַ מִזמור פון אָסָפֿן.

גאָט שטייט אין דער געמיינדע פון גאָט,
אין דער מיט פון די „געטער" טוט ער מִשפּטן.

ב „ביז ווי לאַנג וועט איר מִשפּטן אומגערעכט,
און נושׂא־פּנים זיין די רשָעים?" סֶלָה!
ג „מִשפּט דעם געדריקטן און דעם יָתום,
דעם אָרימאַן און דעם דאַרבעדיקן טוט גערעכטיקייט.
ד לאָזט אַנטרינען דעם געדריקטן און נויטבאַדערפטיקן,
פון דער האַנט פון די רשָעים זייט מַציל!

ה „זיי דערקענען נישט און זיי פאַרשטייען נישט,
אין פינסטערניש גייען זיי זיך אום:
סע וואַנקען אַלע גרונטפעסטן פון דער ערד.
ו איך, איך וואָלט געזאָגט: געטער זענט איר,
און זין פון דעם אייבערשטן זענט איר אַלע!
ז דאָך ווי דער מענטש מוזט איר שטאַרבן,
און ווי איינער פון די האַרן מוזט איר פאַלן!"

ח שטיי אוף, גאָט, מִשפּט די ערד!
וואָרן דו, דו וועסט אַרבן אַלע וועלטשטאַמען!

א אין דער געמיינדע פון גאָט — צווישן די דיינים און ריכטער, צו זען, אַז זיי זאָלן משפטן מיט אמת. געטער — ריכטער. זיי ווערן אָנגערופן געטער (זע קלח, א), מחמת זיי שטעלן פאָר מיט זיך דאָס געזעץ פון גאָט. פאַרגלייך שמות ד, טז; ז, א; כא, ו; כב, ח.

פב מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת־אֵל בְּקֶרֶב אֱלֹהִים
יִשְׁפֹּט׃ עַד־מָתַי תִּשְׁפְּטוּ־עָוֶל וּפְנֵי רְשָׁעִים תִּשְׂאוּ־סֶלָה׃
שִׁפְטוּ־דַל וְיָתוֹם עָנִי וָרָשׁ הַצְדִּיקוּ׃ פַּלְּטוּ־דַל וְאֶבְיוֹן מִיַּד
ה רְשָׁעִים הַצִּילוּ׃ לֹא יָדְעוּ ׀ וְלֹא יָבִינוּ בַּחֲשֵׁכָה יִתְהַלָּכוּ
יִמּוֹטוּ כָּל־מוֹסְדֵי אָרֶץ׃ אֲנִי אָמַרְתִּי אֱלֹהִים אַתֶּם וּבְנֵי
עֶלְיוֹן כֻּלְּכֶם׃ אָכֵן כְּאָדָם תְּמוּתוּן וּכְאַחַד הַשָּׂרִים תִּפֹּלוּ׃
קוּמָה אֱלֹהִים שָׁפְטָה הָאָרֶץ כִּי־אַתָּה תִנְחַל בְּכָל־הַגּוֹיִם׃
פג שִׁיר מִזְמוֹר לְאָסָף׃ אֱלֹהִים אַל־דֳּמִי־לָךְ אַל־
תֶּחֱרַשׁ וְאַל־תִּשְׁקֹט אֵל׃ כִּי־הִנֵּה אוֹיְבֶיךָ יֶהֱמָיוּן וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ
ה רֹאשׁ׃ עַל־עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד וְיִתְיָעֲצוּ עַל־צְפוּנֶיךָ׃ אָמְרוּ
לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי וְלֹא־יִזָּכֵר שֵׁם־יִשְׂרָאֵל עוֹד׃ כִּי נוֹעֲצוּ
לֵב יַחְדָּו עָלֶיךָ בְּרִית יִכְרֹתוּ׃ אָהֳלֵי אֱדוֹם וְיִשְׁמְעֵאלִים
מוֹאָב וְהַגְרִים׃ גְּבָל וְעַמּוֹן וַעֲמָלֵק פְּלֶשֶׁת עִם־יֹשְׁבֵי צוֹר׃

פג שִׁיר, מִזְמוֹר לְאָסָף. אֱלֹהִים, אַל־דֳּמִי־לָךְ

א אַ געזאַנג, אַ מִזמור פון אָסָפֿן.

ב גאָט, לאָז נישט זיין קיין שטילונג ביי דיר!
דו זאָלסט נישט שטילשווייַגן און זאָלסט נישט רוען, גאָט!
ג וואָרן זע, דיינע פיינט ברומען,
און דיינע שׂונאים האָבן אופגעהויבן דעם קאָפּ.
ד קעגן דיין פֿאָלק ליסטיקן זיי אויס אַ סוד,
און זיי באַראָטן זיך קעגן דיינע באַהאַלטענע.
ה זיי האָבן געזאָגט: „קומט, און לאָמיר זיי אויסראָטן פון שטאַמענטום,
און זאָל מער נישט געדאַכט ווערן דער נאָמען פון יִשׂראל!"
ו פאַרוואָר, זיי האָבן זיך באַראָטן פון האַרצן מיטאַנאַנדער,
קעגן דיר טוען זיי פאַרשניידן אַ בונד:
ז די געצעלטן פון אֱדום און די יִשמְעֵאלים,
מואָב און די הַגרימער,
ח גבָל און עַמון און עֲמָלֵק,
פְּלֶשֶׁת מיט די באַוואוינערס פון צוֹר.

ט אויף אַשור האָט זיך אײַנגערײַט מיט זײ,
זײ זענען געוואָרן אַן אָרעם פֿאַר די זין פֿון לוט. סֶלָה!

י טו צו זײ ווי מִדיָנען,
ווי סִיסראָן, ווי יָבִינען בײַ דעם באָך קישון,
יא וואָס זענען געוואָרן פֿאַרטיליקט אין עֵין־דאָר,
זײ זענען געוואָרן מיסט פֿאַר דער ערד!
יב מאַך זײ, זײערע איידלהאַרן, ווי עוֹרֵב און ווי זאֵב,
און ווי זֶבַח און ווי צַלמוּנע — אַלע זײערע פֿירשטן,
יג וואָס האָבן געזאָגט: „לאָמיר יַרשענען פֿאַר זיך
די פּיטערפֿלעצער פֿון גאָט!"
יד מײַן גאָט, מאַך זײ ווי אַ געדרײַ,
ווי שטרוי פֿאַר דעם ווינט!
טו ווי פֿײַער, וואָס פֿאַרברענט אַ וואַלד,
און ווי פֿלאַם, וואָס צעפֿלאַקערט בערג,
טז אַזוי זאָלסטו זײ נאָכיאָגן מיט דײַן שטאָרעם,
און מיט דײַן געוויטער זאָלסטו זײ פֿלעפֿן!
יז פֿיל אָן זײערע פֶּנימער מיט שמאַך,
אַז זײ זאָלן זוכן דײַן נאָמען, גאָט!
יח זײ זאָלן ווערן פֿאַרשעמט און געפֿלעפֿט ביז אַף אײביק,
יאָ, זײ זאָלן ווערן רויט און זאָלן ווערן פֿאַרלוירן!
יט און זײ וועלן דערקענען, אַז דו, דײַן נאָמען: גאָט, דו אַליין
ביסט דער אײבערשטער איבער דער גאַנצער ערד.

פד לַמְנַצֵּחַ, עַל־הַגִּתִּית, לִבְנֵי־קֹרַח, מִזְמוֹר.
מַה־יְּדִידוֹת מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער, אַף דער גִתִּית,
פֿון די זין פֿון קורחן, אַ מִזמור.

י גַּם־אַשּׁוּר נִלְוָה עִמָּם הָיוּ זְרוֹעַ לִבְנֵי־לוֹט סֶלָה׃ עֲשֵׂה־
לָהֶם כְּמִדְיָן כְּסִיסְרָא כְיָבִין בְּנַחַל קִישׁוֹן׃ נִשְׁמְדוּ בְעֵין־
דֹּאר הָיוּ דֹּמֶן לָאֲדָמָה׃ שִׁיתֵמוֹ נְדִיבֵמוֹ כְּעֹרֵב וְכִזְאֵב
וּכְזֶבַח וּכְצַלְמֻנָּע כָּל־נְסִיכֵמוֹ׃ אֲשֶׁר אָמְרוּ נִירְשָׁה־לָּנוּ אֵת
טו נְאוֹת אֱלֹהִים׃ אֱלֹהַי שִׁיתֵמוֹ כַגַּלְגַּל כְּקַשׁ לִפְנֵי־רוּחַ׃ כְּאֵשׁ
תִּבְעַר־יָעַר וּכְלֶהָבָה תְּלַהֵט הָרִים׃ כֵּן תִּרְדְּפֵם בְּסַעֲרֶךָ
וּבְסוּפָתְךָ תְבַהֲלֵם׃ מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ
יְהוָה׃ יֵבֹשׁוּ וְיִבָּהֲלוּ עֲדֵי־עַד וְיַחְפְּרוּ וְיֹאבֵדוּ׃ וְיֵדְעוּ כִּי־
אַתָּה שִׁמְךָ יְהוָה לְבַדֶּךָ עֶלְיוֹן עַל־כָּל־הָאָרֶץ׃
פד לַמְנַצֵּחַ עַל־הַגִּתִּית לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר׃ מַה־יְּדִידוֹת
מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יְהוָה צְבָאוֹת׃ נִכְסְפָה וְגַם־כָּלְתָה ׀ נַפְשִׁי
לְחַצְרוֹת יְהוָה לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל־חָי׃ גַּם־צִפּוֹר ׀
מָצְאָה בַיִת וּדְרוֹר ׀ קֵן לָהּ אֲשֶׁר־שָׁתָה אֶפְרֹחֶיהָ אֶת־מִזְבְּחוֹתֶיךָ
ה יְהוָה צְבָאוֹת מַלְכִּי וֵאלֹהָי׃ אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד

ב ווי ליבלעך זענען דיינע וואוינונגען,
גאָט פון די הערשאַרן!

ג מיין נשמה האָט געבענקט, יאָ, און זי האָט זיך אויסגעלאָזט
נאָך די הויפן פון גאָט,
מיין האַרץ און מיין פלייש—
זיי יובלען צו דעם לעבעדיקן גאָט.

ד אַפילו דאָס פייגעלע האָט זיך געפונען אַ הויז,
און די שוואַלב — אַ נעסט פאַר זיך, וואו זי טוט אַריין אירע יונגע:
ביי דיינע מִזבּחות, גאָט פון די הערשאַרן,
מיין מֶלך און מיין גאָט!

ה וואויל איז די, וואָס זיצן אין דיין הויז,
שטענדיק וועלן זיי דיך קענען לויבן. סֶלָה!

ד אַפילו דאָס פייגעלע — דאָס שפערל. צִפּור איז דער אַלגעמיינער אויסדרוק פאַר קליינע פייגל, און באַציט זיך דאָ אַף דעם שפערל, וואָס האַלט זיך אוף אין ישובים און בויט זיך זיין נעסט אין אַ ווינקל, אַ שפּאַרע, אָדער אונטער די סטריכעס פון הייזער. פאַרגלייך משלי, כו, ב. תּרגום זעצט עס איבער די טויב.

י וואויל איז דעם מענטש, וואָס זיין מאַכט איז אין דיר, —
אין זייער האַרץ זענען די שטראָזן!

ז ביים דורכגיין דורך דעם טאָל פון געוויין —
אַ קוואַל־אָרט טוען זיי מאַכן פון אים,
וואָס אויך דער פרי־רעגן הילט־אײַן מיט בּרכות.

י וואויל — אָדער: גליקלעך איז דער מענטש. אין זייער האַרץ זענען די שטראָזן — די וועגן קיין ציון. אַז וואויל איז די, וואָס טראַכטן עולה־רגל צו זיין אין בית־המקדש אַריין. וואָרן שוין דאָס טראַכטן פון דעם אַליין איז אַ גרויסע פרייד. דער איבערגאַנג פון איינצאָל — זיין מאַכט צו מערצאָל — זייער האַרץ איז גאַנץ פשוט, מחמת מענטש איז דאָ אין קאָלעקטיוון זין.

ז ביים דורכגיין דורך דעם טאָל פון געוויין — אַ קוואַל־אָרט טוען זיי מאַכן פון אים — אַ פיגוראַטיווער אויסדרוק. די שווערע נסיעה פון די עולי־רגל ווערט לײַכט, אַז מ׳טראַכט וואוהין מ׳גייט. זייער האָפענונג און זייער פרייד מאַכן די זאַמדיקע וויסטע פאַר אַ פלאַץ פון קוואַלן. טאָל פון געוויין — אַזוי די סעפּטואַגינטע, תּרגום און אַלע אַלטע ווערזיעס. און די מסורה דערקלערט, אַז בכא איז ווי בכה — וויינען. טייל פאַרבינדן בכא מיט דעם נאָמען פון דער געגנט בּוכים, אַף דעם וועג פון גילגל ביי יריחו קיין בית־אל (שופטים ב, א—ה). ראַב״ע זאָגט, אַז בכא איז דער נאָמען פון אַ פלאַנץ, אָדער פון אַ טאָל, וואו סע וואַקסן ביימער, וואָס מ׳רופט בכאים. דער באור און אַנדערע נעמען בכא פאַר דעם נאָמען פון אַ באַלזאַם־בוים, און פאַרבינדן דאָס וואָרט מיט די ביימער בכאים אין דעם טאָל רפאים, צו צפון־מערב פון ירושלים (שמואל ב׳ ה, כג—כד; דברי הימים א׳ יד, טו). די בכאים טריפן מיט טראָפּנס באַלזאַם. סע קאָן זיין, אַז דער בוים איז ענליך צו דעם בוים, וואָס מ׳רופט אין אַראַביש באַכאַ און וואַקסט אין דעם טריקענעם טאָל ביי מעקאַ. לויט דעם איז בעמק הבכא — אין דעם טאָל פון בכא, וואָס האָט געמוזט זיין אַ זאַמדיקער טאָל, נאָענט פון ירושלים, וואו די עולי־רגל זענען דורכגעגאַנגען. מעגלעך, אַז צוליב דעם, וואָס דאָרטן זענען געוואַקסן די בכאים, די טריפנדיקע ביימער, דעריבער האָט מען אים גערופן „טאָל פון געוויין״. נאָר טייל פאָרשער ווייזן אָן, אַז אין יענע געגנטן האָבן נישט געקאָנט וואַקסן קיין באַלזאַם־ביימער, מחמת זיי נייטיקן זיך אין אַ סך אַ הייסערן קלימאַט ווי ס׳איז געוויינלעך דאָרטן. איין פאָרשער ברענגט, אַז אין דער געגנט פון סיני געפינט זיך אַ טאָל, וואָס הייסט וואַדי בעכאַ — דער טאָל פון געוויין.

יְהַלְלוּךָ סֶּלָה׃ אַשְׁרֵי אָדָם עוֹז־לוֹ בָךְ מְסִלּוֹת בִּלְבָבָם׃
עֹבְרֵי ׀ בְּעֵמֶק הַבָּכָא מַעְיָן יְשִׁיתוּהוּ גַּם־בְּרָכוֹת יַעְטֶה מוֹרֶה׃
יֵלְכוּ מֵחַיִל אֶל־חָיִל יֵרָאֶה אֶל־אֱלֹהִים בְּצִיּוֹן׃ יְהוָה אֱלֹהִים
צְבָאוֹת שִׁמְעָה תְפִלָּתִי הַאֲזִינָה אֱלֹהֵי יַעֲקֹב סֶלָה׃ מָגִנֵּנוּ ׳ י
רְאֵה אֱלֹהִים וְהַבֵּט פְּנֵי מְשִׁיחֶךָ׃ כִּי טוֹב־יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ
מֵאָלֶף בָּחַרְתִּי הִסְתּוֹפֵף בְּבֵית אֱלֹהַי מִדּוּר בְּאָהֳלֵי־רֶשַׁע׃
כִּי שֶׁמֶשׁ ׀ וּמָגֵן יְהוָה אֱלֹהִים חֵן וְכָבוֹד יִתֵּן יְהוָה לֹא יִמְנַע־
טוֹב לַהֹלְכִים בְּתָמִים׃ יְהוָה צְבָאוֹת אַשְׁרֵי אָדָם בֹּטֵחַ בָּךְ׃
פה לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר׃ רָצִיתָ יְהוָה

סו׳ יא׳ פתח באתנח

ח זיי גייען פון ׳שאַר צו שאַר,
מע באַווייַזט זיך פאַר גאָט אין ציון.

ט „גאָט, אָ גאָט פון די הערשאַרן, דערהער מיין תּפילה,
פאַרנעם, גאָט פון יַעקבֿ!" סֶלָה!
י „אונזער שילד דו, זע, גאָט,
און דערבליק דאָס פָּנים פון דיין געזאַלבטן."

יא פאַרוואָר, עס איז בעסער אַ טאָג אין דיינע הויפן, איידער טויזנט—,
איך האָב אויסדערוויילט צו שטיין אויף דער שוועל אין דעם הויז פון מיין גאָט,
איידער וואוינען אין די געצעלטן פון רשעות.

יב פאַרוואָר, זון און שילד איז גאָט, דער גאָט,
לייַטזעליקייט און כָּבוד גיט גאָט,
ער וועט נישט פאַרמיטן קיין גוטס פון די, וואָס גייען אין גאַנצקייט.

יג גאָט פון די הערשאַרן,
וואויל איז דעם מענטש, וואָס פאַרזיכערט זיך אין דיר.

פה לַמְנַצֵּחַ, לִבְנֵי־קֹרַח, מִזְמוֹר. רָצִיתָ יְהוָה אַרְצֶךָ

א פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
פון די זין פון קורחן, אַ מִזמור.

ב דו האָסט וואוילבאַוויליקט, גאָט, דיין לאַנד,
דו האָסט אומגעקערט יַעקבס געפאַנגענשאַפט,
ג דו האָסט דערטראָגן די שולד פון דיין פאָלק,
דו האָסט פאַרדעקט אַל זייער זינד. סֶלָה!
ד דו האָסט איינגעזאַמלט דיין גאַנצן צאָרן־אויסבראָך,
דו האָסט דיך אָפגעקערט פון דעם גרימען פון דיין צאָרן.

ה לאָז זיך עס אומקערן פאַר אונז, גאָט פון אונזער ישועה,
און צעשטער דיין כַּעס קעגן אונז!
ו צי וועסטו אַף אייביק צערענען אַף אונז?
וועסטו אויסציִען דיין צאָרן אַף דור־דורות?
ז צי דו, וועסטו נישט אומקערן, אונז באַלעבן,
אַז דיין פאָלק זאָל זיך פרייען אין דיר?
ח ווייַז אונז, גאָט, דיין חֶסד,
און דיין ישועה זאָלסטו אונז געבן!

ט לאָמיך הערן וואָס סע וועט רעדן גאָט, דער האַר,
פאַרוואָר, ער וועט רעדן שָלום צו זיין פאָלק און צו זיינע פרומע,
און – זאָלן זיי זיך נישט אומקערן צו נאַרישקייט.
י וואָרהאַפטיק, זיין ישועה איז נאָענט צו זיינע פאָרכטיקע,
כּדֵי עס זאָל רוען די הערלעכקייט אין אונזער לאַנד.
יא חֶסד און אֶמת האָבן זיך אָנגעגעגנט,
גערעכטיקייט און שָלום האָבן זיך צעקושט.
יב אֶמת טוט שפראָצן פון דער ערד,
און גערעכטיקייט האָט אַראָפגעלוגט פון דעם הימל.
יג גאָט וועט אויך געבן דאָס גוטע,
און אונזער לאַנד וועט געבן איר געוויקס.
יד גערעכטיקייט וועט גיין פאָראויס פאַר אים
און וועט מאַכן זיינע טריט פאַר אַ וועג.

אַרְצֶךָ שַׁבְתָּ שְׁבוּת יַעֲקֹב׃ נָשָׂאתָ עֲוֺן עַמֶּךָ כִּסִּיתָ כָל־חַטָּאתָם
ה סֶלָה׃ אָסַפְתָּ כָל־עֶבְרָתֶךָ הֱשִׁיבוֹתָ מֵחֲרוֹן אַפֶּךָ׃ שׁוּבֵנוּ
אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ וְהָפֵר כַּעַסְךָ עִמָּנוּ׃ הַלְעוֹלָם תֶּאֱנַף־בָּנוּ תִּמְשֹׁךְ
אַפְּךָ לְדֹר וָדֹר׃ הֲלֹא אַתָּה תָּשׁוּב תְּחַיֵּנוּ וְעַמְּךָ יִשְׂמְחוּ־
בָךְ׃ הַרְאֵנוּ יְהוָה חַסְדֶּךָ וְיֶשְׁעֲךָ תִּתֶּן־לָנוּ׃ אֶשְׁמְעָה
מַה־יְדַבֵּר הָאֵל יְהוָה כִּי ׀ יְדַבֵּר שָׁלוֹם אֶל־עַמּוֹ וְאֶל־חֲסִידָיו
י וְאַל־יָשׁוּבוּ לְכִסְלָה׃ אַךְ קָרוֹב לִירֵאָיו יִשְׁעוֹ לִשְׁכֹּן כָּבוֹד
בְּאַרְצֵנוּ׃ חֶסֶד־וֶאֱמֶת נִפְגָּשׁוּ צֶדֶק וְשָׁלוֹם נָשָׁקוּ׃ אֱמֶת
מֵאֶרֶץ תִּצְמָח וְצֶדֶק מִשָּׁמַיִם נִשְׁקָף׃ גַּם־יְהוָה יִתֵּן הַטּוֹב
וְאַרְצֵנוּ תִּתֵּן יְבוּלָהּ׃ צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ
פו פְּעָמָיו׃ פו תְּפִלָּה לְדָוִד ׀ הַטֵּה־יְהוָה אָזְנְךָ
עֲנֵנִי כִּי־עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי׃ שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי־חָסִיד אָנִי הוֹשַׁע
עַבְדְּךָ אַתָּה אֱלֹהַי הַבּוֹטֵחַ אֵלֶיךָ׃ חָנֵּנִי אֲדֹנָי כִּי־אֵלֶיךָ
אֶקְרָא כָּל־הַיּוֹם׃ שַׂמֵּחַ נֶפֶשׁ עַבְדֶּךָ כִּי אֵלֶיךָ אֲדֹנָי נַפְשִׁי
ה אֶשָּׂא׃ כִּי־אַתָּה אֲדֹנָי טוֹב וְסַלָּח וְרַב־חֶסֶד לְכָל־קֹרְאֶיךָ׃

פה׳ ב׳ שבית ק׳ פו׳ ב׳ פתח באתנח

פו תְּפִלָּה לְדָוִד. הַטֵּה־יְהוָה אָזְנְךָ

א אַ תּפילה פון דָודן.

נייג צו, גאָט, דיין אויער, ענטפער מיר,
וואָרן אָרים און נויטבאַדערפטיק בין איך.
ב באַהיט מיין נֶפש, וואָרן פרום בין איך.
דו, מיין גאָט, באַפריי דיין קנעכט,
וואָס פאַרזיכערט זיך אין דיר!
ג לייטזעליק מיך, גאָט,
וואָרן צו דיר טו איך רופן דעם גאַנצן טאָג.
ד דערפריי דאָס נֶפש פון דיין קנעכט,
וואָרן צו דיר, גאָט, טו איך אופהייבן מיין נֶפש.
ה וואָרן דו, גאָט, ביסט גוט און פאַרגעביק,
און רייך אין חֶסד פאַר אַלע, וואָס רופן דיך.

ו פאַרנעם, גאָט, מיין תּפילה,

און האָרך דיך צו צו דעם קול פון מיינע געבעטן!
ז אין דעם טאָג פון מיין באַדרענגונג טו איך דיך רופן,
וואָרן דו וועסט מיר ענטפערן.

ח נישטאָ אַזאַ ווי דו צווישן די געטער, אָ גאָט,
און נישטאָ – ווי דיינע מַעשׂים.
ט אַלע וועלטשטאַמען, וואָס דו האָסט געמאַכט,
וועלן קומען און זיך בוקן פאַר דיר, גאָט,
און זיי וועלן אָנטון כָּבוד דיין נאָמען.
י וואָרן גרויס ביסטו און טוסט וואונדער,
דו, גאָט, אַליין.

יא טו מיר צוואווייזן, גאָט, דיין וועג, איך וויל גיין אין דיין אֶמת,
מאַך אייניק מיין האַרץ, צו פאָרכטן זיך פאַר דיין נאָמען.
יב איך וויל דיר דאַנקלויבן, גאָט, מיין גאָט, מיט מיין גאַנצן האַרץ,
און איך וויל אָנטון כָּבוד דיין נאָמען אַף אייביק.
יג וואָרן דיין חֶסד איז געווען גרויס איבער מיר,
און דו האָסט מַציל געווען מיין נֶפש פון דער אונטערשטער נידערוועלט.

יד גאָט, מוטווויליקע זענען אופגעשטאַנען אַף מיר,
און אַ באַנדע האַרטע לייט האָבן געזוכט מיין נֶפש,
און זיי האָבן דיך נישט געשטעלט זיך אַנטקעגן.
טו נאָר דו, גאָט, ביסט אַ גאָט, אַ דערבאַרעמדיקער און לייטועליקער,
געדולדיק און רייַך אין חֶסד און אֶמת.
טז ווענד דיך צו צו מיר און לייטזעליק מיך,
גיב דיין מאַכט צו דיין קנעכט,
און אַ ישועה דעם זון פון דיין דינסט.
יז טו מיט מיר אַ צייכן צום גוטן,
און זאָלן זען מיינע שׂוֹנאִים און זאָלן זיי ווערן פאַרשעמט,
וואָרן דו, גאָט, האָסט מיר געהאָלפן און מיך געטרייסט.

הַאֲזִינָה יְהוָה תְּפִלָּתִי וְהַקְשִׁיבָה בְּקוֹל תַּחֲנוּנוֹתָי׃ בְּיוֹם
צָרָתִי אֶקְרָאֶךָּ כִּי תַעֲנֵנִי׃ אֵין־כָּמוֹךָ בָאֱלֹהִים ׀ אֲדֹנָי וְאֵין
כְּמַעֲשֶׂיךָ׃ כָּל־גּוֹיִם ׀ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ יָבוֹאוּ ׀ וְיִשְׁתַּחֲווּ לְפָנֶיךָ
י אֲדֹנָי וִיכַבְּדוּ לִשְׁמֶךָ׃ כִּי־גָדוֹל אַתָּה וְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת אַתָּה
אֱלֹהִים לְבַדֶּךָ׃ הוֹרֵנִי יְהוָה ׀ דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ יַחֵד לְבָבִי
לְיִרְאָה שְׁמֶךָ׃ אוֹדְךָ ׀ אֲדֹנָי אֱלֹהַי בְּכָל־לְבָבִי וַאֲכַבְּדָה שִׁמְךָ
לְעוֹלָם׃ כִּי־חַסְדְּךָ גָּדוֹל עָלָי וְהִצַּלְתָּ נַפְשִׁי מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיָּה׃
אֱלֹהִים ׀ זֵדִים קָמוּ עָלַי וַעֲדַת עָרִיצִים בִּקְשׁוּ נַפְשִׁי וְלֹא
טו שָׂמוּךָ לְנֶגְדָּם׃ וְאַתָּה אֲדֹנָי אֵל־רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם
וְרַב־חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ פְּנֵה אֵלַי וְחָנֵּנִי תְּנָה־עֻזְּךָ לְעַבְדֶּךָ וְהוֹשִׁיעָה
לְבֶן־אֲמָתֶךָ׃ עֲשֵׂה־עִמִּי אוֹת לְטוֹבָה וְיִרְאוּ שֹׂנְאַי וְיֵבֹשׁוּ
פז כִּי־אַתָּה יְהוָה עֲזַרְתַּנִי וְנִחַמְתָּנִי׃ פז לִבְנֵי־קֹרַח
מִזְמוֹר שִׁיר יְסוּדָתוֹ בְּהַרְרֵי־קֹדֶשׁ׃ אֹהֵב יְהוָה שַׁעֲרֵי צִיּוֹן
מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב׃ נִכְבָּדוֹת מְדֻבָּר בָּךְ עִיר הָאֱלֹהִים
סֶלָה׃ אַזְכִּיר ׀ רַהַב וּבָבֶל לְיֹדְעָי הִנֵּה פְלֶשֶׁת וְצוֹר עִם־
ה כּוּשׁ זֶה יֻלַּד־שָׁם׃ וּלְצִיּוֹן ׀ יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד־בָּהּ וְהוּא

פז לִבְנֵי־קֹרַח, מִזְמוֹר, שִׁיר. יְסוּדָתוֹ בְּהַרְרֵי־קֹדֶשׁ

א פון די זין פון קורחן, אַ מִזמור, אַ געזאַנג.

זיין גרונטפעסטונג איז אַף די בערג פון הייליקטום.
ב גאָט האָט ליב די טויערן פון צִיון
מער פון אַלע וואוין־ערטער פון יַעקב.

ג הערלעכקייטן ווערן גערעדט פון דיר,
דו שטאָט פון גאָט: — סֶלָה! —
ד „איך וויל געדענקען רַהַב און בָּבֶל צווישן מיינע באַקענער,
זע, פְּלֶשֶׁת און צור מיט כּוּש:
,דער איז געבוירן געוואָרן דאָרטן׳.
ה און פון צִיון וועט ווערן געזאָגט:
,מענטש נאָך מענטש איז געבוירן געוואָרן אין איר,
און ער, דער אייבערשטער, וועט זי באַפעסטיקן׳.״

ו גאָט וועט ציילן ביים פאַרשרייבן די פעלקער:
„דער איז געבוירן געוואָרן דאָרטן." סֶלָה!

ז און זינגער ווי פלייטנשפּילער:
„אַלע מיינע קוואַלן זענען אין דיר."

פח שִׁיר, מִזְמוֹר, לִבְנֵי־קֹרַח, לַמְנַצֵּחַ, עַל־מַחֲלַת לְעַנּוֹת, מַשְׂכִּיל לְהֵימָן הָאֶזְרָחִי. יְהוָֹה אֱלֹהֵי יְשׁוּעָתִי

א אַ געזאַנג, אַ מִזמור פון די זין פון קורחן,
פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער, אַף „מַחֲלַת לְעַנּוֹת",
אַ באַקלערונג פון הֵימָן, דעם אֶזרחי.

ב גאָט, אָ גאָט פון מיין ישועה!
איך האָב געשריגן בייטאָג, ביינאַכט – דיר אַנטקעגן.
ג זאָל קומען פאַר דיר מיין תּפילה,
נייַג צו דיין אויער צו מיין אופשרייען!
ד וואָרן געזעטיקט מיט אומגליקן איז מיין נֶפש,
און מיין לעבן האָט געגרייַכט צו דער נידערוועלט.
ה איך ווער גערעכנט מיט די, וואָס נידערן אַראָפּ אין גרוב,
איך בין געוואָרן ווי אַ מענטש אָן קראַפט.
ו צווישן די טויטע – אַ פרייַער,
ווי די דערשלאָגענע, וואָס ליגן אין קֶבר,
די, וואָס דו געדאַכטסט זיי נישט מער,
זיי זענען דאָך געוואָרן אָפּגעשניטן פון דיין האַנט.

ז דו האָסט מיך אַריינגעטון אין דעם אונטערשסטן גרוב,
אין די פינסטערנישן, אין די ווירבלען.
ח אַף מיר האָט זיך אָנגעלענט דיין גרימצאָרן,
און דו האָסט אָנגעבויגן אַלע דיינע וואַלן. סֶלָה!

יְכוֹנְנֶהָ עֶלְיוֹן׃ יְהֹוָה יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים זֶה יֻלַּד־שָׁם
סֶלָה׃ וְשָׁרִים כְּחֹלְלִים כָּל־מַעְיָנַי בָּךְ׃
פח שִׁיר מִזְמוֹר לִבְנֵי־קֹרַח לַמְנַצֵּחַ עַל־מָחֲלַת לְעַנּוֹת
מַשְׂכִּיל לְהֵימָן הָאֶזְרָחִי׃ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יְשׁוּעָתִי יוֹם־צָעַקְתִּי
בַלַּיְלָה נֶגְדֶּךָ׃ תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתִי הַטֵּה אָזְנְךָ לְרִנָּתִי׃
ה כִּי־שָׂבְעָה בְרָעוֹת נַפְשִׁי וְחַיַּי לִשְׁאוֹל הִגִּיעוּ׃ נֶחְשַׁבְתִּי
עִם־יוֹרְדֵי בוֹר הָיִיתִי כְּגֶבֶר אֵין־אֱיָל׃ בַּמֵּתִים חָפְשִׁי כְּמוֹ
חֲלָלִים ׀ שֹׁכְבֵי קֶבֶר אֲשֶׁר לֹא־זְכַרְתָּם עוֹד וְהֵמָּה מִיָּדְךָ נִגְזָרוּ׃
שַׁתַּנִי בְּבוֹר תַּחְתִּיּוֹת בְּמַחֲשַׁכִּים בִּמְצֹלוֹת׃ עָלַי סָמְכָה
חֲמָתֶךָ וְכָל־מִשְׁבָּרֶיךָ עִנִּיתָ סֶּלָה׃ הִרְחַקְתָּ מְיֻדָּעַי מִמֶּנִּי
י שַׁתַּנִי תוֹעֵבוֹת לָמוֹ כָּלֻא וְלֹא אֵצֵא׃ עֵינִי דָאֲבָה מִנִּי־עֹנִי
קְרָאתִיךָ יְהֹוָה בְּכָל־יוֹם שִׁטַּחְתִּי אֵלֶיךָ כַפָּי׃ הֲלַמֵּתִים
תַּעֲשֶׂה־פֶּלֶא אִם־רְפָאִים יָקוּמוּ ׀ יוֹדוּךָ סֶּלָה׃ הַיְסֻפַּר בַּקֶּבֶר
חַסְדֶּךָ אֱמוּנָתְךָ בָּאֲבַדּוֹן׃ הֲיִוָּדַע בַּחֹשֶׁךְ פִּלְאֶךָ וְצִדְקָתְךָ
בְּאֶרֶץ נְשִׁיָּה׃ וַאֲנִי ׀ אֵלֶיךָ יְהֹוָה שִׁוַּעְתִּי וּבַבֹּקֶר תְּפִלָּתִי
טו תְקַדְּמֶךָּ׃ לָמָה יְהֹוָה תִּזְנַח נַפְשִׁי תַּסְתִּיר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי׃

פח׳ יד׳ פתח באתנח

ט דו האָסט דערווײַטערט מײַנע באַקענטע פון מיר,
דו האָסט מיך געמאַכט פאַר זיי אַן אומווערדיקייט,
פאַרשפאַרט, און איך קען נישט אַרויסגיין.
י מײַן אויג גייט אויס פון דער פּײַן.
איך האָב דיך גערופן, גאָט, אַלע טאָג,
איך האָב אויסגעשטרעקט צו דיר מײַנע הענט.
יא צי וועסטו פאַר די טויטע טון אַ וואונדער?
אָדער וועלן אופשטיין געשפענסטער, דיר דאַנקלויבן? סֶלָה!
יב צי וועט ווערן דערציילט אין דעם קֶבר פון דײַן חֶסד,
פון דײַן געטרײַשאַפט – אין דער פאַרלירונג?
יג צי וועט ווערן באַקענט אין דער פינסטערניש דײַן וואונדער,
און דײַן גערעכטיקייט – אין דעם לאַנד פון פאַרגעסונג?

יד און איך, צו דיר, גאָט, האָב איך געשריגן,
און אין דער פרי פעדערט זיך קעגן דיר מײַן תפילה.
טו פאַרוואָס, גאָט, פאַרוואַרפסטו מײַן נֶפש,

פאַרבאָרגסט דיין פּנים פון מיר?
טו געפּײַניקט בין איך און גיי אײַן פון דער יוגנט אָן,
איך האָב דערטראָגן דיינע אַנגסטן, איך בין אָפּהענטיק.
יז איבער מיר זענען אַריבער דיינע גרימונגען,
דיינע פאַרבליפונגען האָבן מיך אויסגעראָט.
יח זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט ווי געוועסער דעם גאַנצן טאָג,
זיי האָבן אינאײַנעם געקרײַזט אַרום מיר.
יט דו האָסט דערווייטערט פון מיר געליבטן און פריינט,
מיינע באַקענטע – איז די פינסטערניש.

פט מַשְׂכִּיל לְאֵיתָן הָאֶזְרָחִי. חַסְדֵי יְהֹוָה עוֹלָם אָשִׁירָה

א אַ באַקלערונג פון איתן, דעם אֶזרחי.

ב די חסדים פון גאָט וויל איך אייביק באַזינגען,
אַף דור־דורות וויל איך מאַכן באַקאַנט מיט מיין מויל דיין געטרײַשאַפט.
ג פאַרוואָר, איך האָב געזאָגט: אײַביק וועט זיין געבויט דער חסד,
די הימלען – דו האָסט באַפעסטיקט אין זיי דיין געטרײַשאַפט:
ד „איך האָב פאַרשניטן אַ בונד מיט מיין אויסדערוויילטן,
איך האָב געשוואוירן דָודן, מיין קנעכט:
ה ,ביז אַף אײַביק וועל איך באַפעסטיקן דיין זאָמען,
און איך וועל אופבויען דיין שטול אַף דור־דורות'." סֶלָה!
ו און די הימלען וועלן דאַנקלויבן דיין וואונדער, גאָט,
אויך דיין געטרײַשאַפט – אין דעם קהל פון די הייליקע.
ז וואָרן ווער אין דעם לופטהימל איז ענלעך צו גאָט,
איז געגליכן צו גאָט צווישן די זין פון גאָט,
ח דעם גאָט, שטאַרק געשראָקן אין דעם באַראָט פון די הײַליקע,
און פאָרכטיק איבער אַלע זיינע אַרומיקע?!
ט גאָט, אָ גאָט פון די הערשאַרן,
ווער איז אַזאַ ווי דו, אַ געוואַלטיקער, גאָט?
און דיין געטרײַשאַפט איז רונדאַרום דיר.

עָנִי אֲנִי וְגֹוֵעַ מִנֹּעַר נָשָׂאתִי אֵמֶיךָ אָפוּנָה : עָלַי עָבְרוּ
חֲרוֹנֶיךָ בִּעוּתֶיךָ צִמְּתוּתֻנִי : סַבּוּנִי כַמַּיִם כָּל־הַיּוֹם הִקִּיפוּ
עָלַי יָחַד : הִרְחַקְתָּ מִמֶּנִּי אֹהֵב וָרֵעַ מְיֻדָּעַי מַחְשָׁךְ :
פט מַשְׂכִּיל לְאֵיתָן הָאֶזְרָחִי : חַסְדֵי יְהוָה
עוֹלָם אָשִׁירָה לְדֹר וָדֹר ׀ אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי : כִּי־אָמַרְתִּי
עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה שָׁמַיִם ׀ תָּכִן אֱמוּנָתְךָ בָהֶם : כָּרַתִּי
ה בְרִית לִבְחִירִי נִשְׁבַּעְתִּי לְדָוִד עַבְדִּי : עַד־עוֹלָם אָכִין
זַרְעֶךָ וּבָנִיתִי לְדֹר־וָדוֹר כִּסְאֲךָ סֶלָה : וְיוֹדוּ שָׁמַיִם פִּלְאֲךָ
יְהוָה אַף־אֱמוּנָתְךָ בִּקְהַל קְדֹשִׁים : כִּי מִי בַשַּׁחַק יַעֲרֹךְ
לַיהוָה יִדְמֶה לַיהוָה בִּבְנֵי אֵלִים : אֵל נַעֲרָץ בְּסוֹד־קְדֹשִׁים
רַבָּה וְנוֹרָא עַל־כָּל־סְבִיבָיו : יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי צְבָאוֹת מִי־
י כָמוֹךָ חֲסִין ׀ יָהּ וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ : אַתָּה מוֹשֵׁל בְּגֵאוּת
הַיָּם בְּשׂוֹא גַלָּיו אַתָּה תְשַׁבְּחֵם : אַתָּה דִכִּאתָ כֶחָלָל רָהַב
בִּזְרוֹעַ עֻזְּךָ פִּזַּרְתָּ אוֹיְבֶיךָ : לְךָ שָׁמַיִם אַף־לְךָ אָרֶץ תֵּבֵל
וּמְלֹאָהּ אַתָּה יְסַדְתָּם : צָפוֹן וְיָמִין אַתָּה בְרָאתָם תָּבוֹר
וְחֶרְמוֹן בְּשִׁמְךָ יְרַנֵּנוּ : לְךָ זְרוֹעַ עִם־גְּבוּרָה תָּעֹז יָדְךָ
טו תָּרוּם יְמִינֶךָ : צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאֶךָ חֶסֶד וֶאֱמֶת
יְקַדְּמוּ פָנֶיךָ : אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה יְהוָה בְּאוֹר־פָּנֶיךָ

י דו געוועלטיקסט איבער דער שטאָלצקייט פון דעם יַם,
אַז זיינע אינדן ברויזן – טוסטו זיי באַרואיקן.
יא דו האָסט צעמערשט ווי אַ דערשלאָגענעם רַהַב,
מיט דעם אָרעם פון דיין מאַכט האָסטו צעשטרײַט דיינע פיינט.
יב צו דיר געהערט דייַר הימל, צו דיר אויך די ערד,
די וועלט און איר פולקייט – דו האָסט זיי געגרונטפעסטיקט.
יג צָפון און דָרום – דו האָסט זיי באַשאַפן,
תָבוֹר און חֶרמוֹן – זיי יובלען איבער דיין נאָמען.
יד צו דיר געהערט דער אָרעם מיט דער גבורה,
מעכטיק איז דיין האַנט, דערהויבן איז דיין רעכטע האַנט.
טו גערעכטיקייט און רעכט זענען די פעסטיקייט פון דיין שטול,
חֶסד און אֶמת פעדערן זיך קעגן דיין פָּנים.

טז וואויל איז דעם פאָלק, וואָס קען די שאַלונג!
גאָט, אין ליכט פון דיין פָּנים טוען זיי גיין.

יז איבער דײַן נאָמען זענען זיי לוסטיק דעם גאַנצן טאָג,
און דורך דײַן גערעכטיקייט זענען זיי דערהויבן.
יח וואָרן די ציראַט פון זייער מאַכט ביסטו,
און דורך דײַן באַוויליקונג איז דערהויבן אונזער האָרן.
יט וואָרן צו גאָט געהערט אונזער שילד,
און צו דעם הײַליקן פון יִשׂרָאֵל – אונזער מֶלֶך.

•

כ דעמאָלט האָסטו גערעדט אין אַ זעאונג צו דײַנע פרומע,
און דו האָסט געזאָגט:
„איך האָב אַרופגעלייגט הילף אַף אַ גיבור,
איך האָב דערהויבן אַן אויסדערוויילטן פון דעם פאָלק.
כא איך האָב געפונען דָוִדן, מײַן קנעכט,
מיט דעם אייל פון מײַן הײַליקונג האָב איך אים געזאַלבט,
כב אַז מײַן האַנט זאָל זײַן פעסט מיט אים,
אויך מײַן אָרעם זאָל אים שטאַרקן.
כג קיין פֿײַנט זאָל אים נישט באַפאַלן,
און קיין זון פון אומרעכט זאָל אים נישט פּײַניקן.
כד און איך וועל צעשטויסן פאַר אים זײַנע באַדרענגער,
און זײַנע שׂוֹנאִים וועל איך צעשלאָגן.
כה און מײַן געטרײַשאַפט און מײַן חֶסד וועלן זײַן מיט אים,
און דורך מײַן נאָמען וועט ווערן דערהויבן זײַן האָרן.
כו און איך וועל אַרופטון זײַן האַנט אַף דעם יַם,
און אַף די שטראָמען – זײַן רעכטע האַנט.
כז ער וועט מיך רופן: ,מײַן פאָטער ביסטו,
מײַן גאָט איז דער פעלזנשטיין פון מײַן ישועה!'
כח אויך פאַר דעם בכוֹר וועל איך אים מאַכן,
דעם העכסטן איבער די מְלָכִים פון דער ערד.
כט אַף אייביק וועל איך היטן פאַר אים מײַן חֶסד,
און מײַן בונד וועט אים בלײַבן געטרײַ.

יְהַלֵּכוּן׃ בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל־הַיּוֹם וּבְצִדְקָתְךָ יָרוּמוּ׃ כִּי־
תִפְאֶרֶת עֻזָּמוֹ אָתָּה וּבִרְצוֹנְךָ תָּרִים קַרְנֵנוּ׃ כִּי לַיהוָה
כ מָגִנֵּנוּ וְלִקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל מַלְכֵּנוּ׃ אָז דִּבַּרְתָּ־בְחָזוֹן לַחֲסִידֶךָ
וַתֹּאמֶר שִׁוִּיתִי עֵזֶר עַל־גִּבּוֹר הֲרִימוֹתִי בָחוּר מֵעָם׃ מָצָאתִי
דָּוִד עַבְדִּי בְּשֶׁמֶן קָדְשִׁי מְשַׁחְתִּיו׃ אֲשֶׁר יָדִי תִּכּוֹן עִמּוֹ
אַף־זְרוֹעִי תְאַמְּצֶנּוּ׃ לֹא־יַשִּׁא אוֹיֵב בּוֹ וּבֶן־עַוְלָה לֹא
כה יְעַנֶּנּוּ׃ וְכַתּוֹתִי מִפָּנָיו צָרָיו וּמְשַׂנְאָיו אֶגּוֹף׃ וֶאֱמוּנָתִי
וְחַסְדִּי עִמּוֹ וּבִשְׁמִי תָּרוּם קַרְנוֹ׃ וְשַׂמְתִּי בַיָּם יָדוֹ וּבַנְּהָרוֹת
יְמִינוֹ׃ הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה אֵלִי וְצוּר יְשׁוּעָתִי׃ אַף־
אָנִי בְּכוֹר אֶתְּנֵהוּ עֶלְיוֹן לְמַלְכֵי־אָרֶץ׃ לְעוֹלָם אֶשְׁמוֹר־לוֹ
ל חַסְדִּי וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ׃ וְשַׂמְתִּי לָעַד זַרְעוֹ וְכִסְאוֹ כִּימֵי
שָׁמָיִם׃ אִם־יַעַזְבוּ בָנָיו תּוֹרָתִי וּבְמִשְׁפָּטַי לֹא יֵלֵכוּן׃
אִם־חֻקֹּתַי יְחַלֵּלוּ וּמִצְוֺתַי לֹא יִשְׁמֹרוּ׃ וּפָקַדְתִּי בְשֵׁבֶט
פִּשְׁעָם וּבִנְגָעִים עֲוֺנָם׃ וְחַסְדִּי לֹא־אָפִיר מֵעִמּוֹ וְלֹא אֲשַׁקֵּר
לה בֶּאֱמוּנָתִי׃ לֹא־אֲחַלֵּל בְּרִיתִי וּמוֹצָא שְׂפָתַי לֹא אֲשַׁנֶּה׃
אַחַת נִשְׁבַּעְתִּי בְקָדְשִׁי אִם־לְדָוִד אֲכַזֵּב׃ זַרְעוֹ לְעוֹלָם
יִהְיֶה וְכִסְאוֹ כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי׃ כְּיָרֵחַ יִכּוֹן עוֹלָם וְעֵד בַּשַּׁחַק

פס' יח' תרום קרי פס' כט' יתיר ו' מה' פתח בס"פ

ל און איך וועל טון זעצן אַף אײביק זיין זאָמען,
און זיין שטול – ווי די טעג פון דעם הימל.

לא אויב זיינע זין וועלן פאַרלאָזן מיין תּורה,
און זיי וועלן נישט גיין אין מיינע רעכטשפּראָכן,

לב אויב זיי וועלן פאַרשוועכן מיינע געזעצן,
און זיי וועלן נישט אָפּהיטן מיינע מצוות –

לג און איך וועל באַשטראָפן מיט אַ רוט זייער אָפּטריניקייט,
און מיט פּלאָגן – זייער שולד.

לד נאָר מיין חסד וועל איך נישט אָפּבערעקלען פון אים,
און איך וועל נישט פעלשן אין מיין געטריישאַפט,

לה איך וועל נישט פאַרשוועכן מיין בונד,
און וואָס מיינע ליפּן ברענגען אַרויס – וועל איך נישט ענדערן.

לו איין מאָל האָב איך געשוואוירן ביי מיין הייליקייט:
– צי וועל איך לייקענען אין דודן?! –

לז זיין זאָמען וועט בלייבן אַף אײביק,
און זיין שטול – ווי די זון מיר אַנטקעגן.

לח ווי די לְבָנה וועט ער זיין אייביק באַפעסטיקט,
און אַן עֵדות אין לופטהימל, באַגלייבט." סֶלָה!

לט און דו, דו האָסט פאַרוואָרפן און האָסט פאַרמיאוסט,
דו ביסט אַריין אין צאָרן־אויסבראָך מיט דיין געזאַלבטן,
מ דו האָסט פאַראָפשייַט דעם בונד פון דיין קנעכט,
דו האָסט פאַרשוועכט זיין קרוינקראַנץ צו דער ערד,
מא דו האָסט איַינגעבראָכן אַלע זיינע צאַמען,
דו האָסט געמאַכט פון זיינע פעסטונגען אַ תֵל.
מב סע פּלינדערן אים אַלע, וואָס טוען פאַרבייַגיין דעם וועג,
ער איז געוואָרן אַ חרפה פאַר זיינע שכֵנים.
מג דו האָסט דערהויבן די רעכטע האַנט פון זיינע באַדרענגער,
דו האָסט דערפרייַט אַלע זיינע פֿייַנט.
מד יאָ, דו האָסט אָפּגעקערט די פעלזנהאַרטקייט פון זיין שווערד,
און דו האָסט אים נישט געלאָזט באַשטיין אין מִלחָמה.
מה דו האָסט פאַרשטערט זיין ריינקייט,
און זיין שטול האָסטו געשלייַדערט צו דער ערד.
מו דו האָסט געקירצט די טעג פון זיין יוגנט,
דו האָסט אַרומגעהילט אַרום אים בושה. סֶלָה!

מז ביז ווען, גאָט, – ווילסטו דיך פאַרבאָרגן אַף אייביק?
וועט ברענען ווי אַ פייער דיין גרימצאָרן?
מח געדענק: איך, וואָס איז דאָס געווערן,
אַף וואָס פאַר אַ נישטיקייט האָסטו באַשאַפן אַלע מענטשנקינדער?!
מט ווער איז דער מענטש, וואָס האָט געלעבט און נישט געמוזט זען דעם טויט,
האָט געמאַכט אַנטרינען זיין נֶפש פון דער נידערוועלט? סֶלָה!
נ וואו זענען דיינע ערשטע חסָדים, גאָט,
וואָס דו האָסט צוגעשוואוירן דָוִדן אין דיין געטרייַשאַפט?
נא געדענק, גאָט, פון דיינע קנעכט די חרפה,
וואָס איך טראָג אין מיין בוזעם פון די אַלע פיל פעלקער,

נֶאֱמָן סֶלָה׃ וְאַתָּה זָנַחְתָּ וַתִּמְאָס הִתְעַבַּרְתָּ עִם־מְשִׁיחֶךָ׃
מ נֵאַרְתָּה בְּרִית עַבְדֶּךָ חִלַּלְתָּ לָאָרֶץ נִזְרוֹ׃ פָּרַצְתָּ כָל־
גְּדֵרֹתָיו שַׂמְתָּ מִבְצָרָיו מְחִתָּה׃ שַׁסֻּהוּ כָּל־עֹבְרֵי דָרֶךְ הָיָה
חֶרְפָּה לִשְׁכֵנָיו׃ הֲרִימוֹתָ יְמִין צָרָיו הִשְׂמַחְתָּ כָּל־אוֹיְבָיו׃
מה אַף־תָּשִׁיב צוּר חַרְבּוֹ וְלֹא הֲקֵמֹתוֹ בַּמִּלְחָמָה׃ הִשְׁבַּתָּ
מִטְּהָרוֹ וְכִסְאוֹ לָאָרֶץ מִגַּרְתָּה׃ הִקְצַרְתָּ יְמֵי עֲלוּמָיו
הֶעֱטִיתָ עָלָיו בּוּשָׁה סֶלָה׃ עַד־מָה יְהוָה תִּסָּתֵר לָנֶצַח
תִּבְעַר כְּמוֹ־אֵשׁ חֲמָתֶךָ׃ זְכָר־אֲנִי מֶה־חָלֶד עַל־מַה־שָּׁוְא
בָּרָאתָ כָל־בְּנֵי־אָדָם׃ מִי גֶבֶר יִחְיֶה וְלֹא יִרְאֶה־מָּוֶת יְמַלֵּט
נ נַפְשׁוֹ מִיַּד־שְׁאוֹל סֶלָה׃ אַיֵּה ׀ חֲסָדֶיךָ הָרִאשֹׁנִים ׀ אֲדֹנָי
נִשְׁבַּעְתָּ לְדָוִד בֶּאֱמוּנָתֶךָ׃ זְכֹר אֲדֹנָי חֶרְפַּת עֲבָדֶיךָ שְׂאֵתִי
בְחֵיקִי כָּל־רַבִּים עַמִּים׃ אֲשֶׁר חֵרְפוּ אוֹיְבֶיךָ ׀ יְהוָה אֲשֶׁר
חֵרְפוּ עִקְּבוֹת מְשִׁיחֶךָ׃ בָּרוּךְ יְהוָה לְעוֹלָם אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃

ספר רביעי

צ תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן
אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר׃ בְּטֶרֶם ׀ הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל

נב מיט וואָס סע האָבן געלעסטערט דיינע פיינט, גאָט,
מיט וואָס זיי האָבן געלעסטערט די טריט פון דיין געזאַלבטן!

נג געבענטשט איז גאָט אַף אייביק!
אָמן און אָמן!

דאָס פערטע ספר

צ תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ־הָאֱלֹהִים

א אַ תפילה פון משהן, דעם געטלעכן מענטש.

גאָט, אַ וואוינאָרט ביסטו געווען פאַר אונז דור נאָך דור.

ב אײדער די בערג זענען געבוירן געוואָרן,
און דו האָסט געקראַיסט מיט ערד און װעלט,
יאָ, פון אײביק ביז אײביק ביסטו גאָט.

ג דו קערסט אום דעם מענטש ביז צעמערשטונג,
און דו זאָגסט: קערט אײך אום, מענטשנקינדער!—
ד וואָרן טויזנט יאָר זענען אין דײַנע אויגן
ווי דער נעכטיקער טאָג, ווען ער איז פאַרבײַגעגאַן,
אָדער אַ וואַך אין דער נאַכט.—

ה דו שווענקסט זיי אַוועק, אַ שלאָף ווערן זיי,
אין דער פרי זענען זיי ווי גראָז, וואָס שיסט אַרויס:
ו אין דער פרי האָט עס געבליט און אַרויסגעשאָסן,
צו אָוונט־צו איז עס געשניטן און פאַרטריקנט.

ז פאַרוואָר, מיר ווערן פאַרלענדט דורך דײַן צאָרן,
און דורך דײַן גרימצאָרן ווערן מיר געפּלעפט:
ח דו האָסט געשטעלט אונזערע שולדיקייטן דיר אַנטקעגן,
אונזער פאַרהוילונג—פאַר דעם ליכט פון דײַן פּנים.
ט פאַרוואָר, אַלע אונזערע טעג ווערן אָפּגעווענדט דורך דײַן צאָרן־אויסבראָך,
מיר לאָזן פאַרלענדט ווערן אונזערע יאָרן ווי אַ געמורמל.

י די טעג פון אונזערע יאָרן—אין זיי זענען זיבעציק יאָר,
און אויב בײַ קרעפטן—אַכציק יאָר,
און זייער געליאַרעם איז מי און אומגליק,
וואָרן סע ווערט אָפּגעשניטן, אײַלט אַוועק, און מיר זענען פאַרפלויגן.

יא ווער קאָן פאַרשטיין די מאַכט פון דײַן צאָרן,
און נאָך דײַן פאָרכטיקייט נאָך—דײַן צאָרן־אויסבראָך?
יב צו צײלן אונזערע טעג—לאָז רעכט קענען,
כּדי מיר זאָלן אַרײַנברענגען אַ האַרץ פון חכמה.

אֶרֶץ וְתֵבֵל וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל ׃ תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־
דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם ׃ כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם
ה אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה ׃ זְרַמְתָּם שֵׁנָה יִהְיוּ
בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף ׃ בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף לָעֶרֶב יְמוֹלֵל
וְיָבֵשׁ ׃ כִּי־כָלִינוּ בְאַפֶּךָ וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ ׃ שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ
לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ ׃ כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ
י כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה ׃ יְמֵי־שְׁנוֹתֵינוּ ׀ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה
וְאִם בִּגְבוּרֹת ׀ שְׁמוֹנִים שָׁנָה וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן כִּי־גָז חִישׁ
וַנָּעֻפָה ׃ מִי־יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ ׃ לִמְנוֹת
יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע וְנָבִא לְבַב חָכְמָה ׃ שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי
וְהִנָּחֵם עַל־עֲבָדֶיךָ ׃ שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה
טו בְּכָל־יָמֵינוּ ׃ שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה ׃
יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל־בְּנֵיהֶם ׃ וִיהִי ׀ נֹעַם
אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה
יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ ׃ צא יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי צא

צ׳ ח׳ שתה ק׳ יב׳ פתח באתנח

יג קער דיך אום, גאָט! — ביז ווי לאַנג?! —
און באַריי איבער דיינע קנעכט!

יד זעטיק אונז אין דער פרי פון דיין חסד,
און לאָמיר קענען יובלען און זיך פרייען אין אַלע אונזערע טעג.
טו דערפריי אונז נאָך די טעג נאָך, וואָס דו האָסט אונז געפּייניקט,
די יאָרן נאָך, וואָס מיר האָבן געזען שלעכטס.

טז זאָל ווערן געוויזן דיין ווערק פאַר דיינע קנעכט,
און דיין גלאַנץ — איבער זייערע קינדער!
יז און זאָל זיין די ליבלעכקייט פון גאָט, אונזער גאָט, איבער אונז!
און די טוואונג פון אונזערע הענט ריכט אויף איבער אונז,
יאָ, די טוואונג פון אונזערע הענט, ריכט דאָס אויף!

צא ישֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן

א —ווער סע זיצט אין דער פאַרבאָרגעניש פון דעם אייבערשטן,
וועט נעכטיקן אין דעם שאָטן פון דעם אַלמעכטיקן...

ב –איך זאָג: „פון גאָט איז מיין באַשירעמונג און מיין פעסטונג,
מיין גאָט, וואָס איך פאַרזיכער מיך אין אים."

ג –פאַרוואָר, ער וועט דיך מציל זיין פון דער פאַלנעץ
פון דעם פאַרשטריקער,
פון דער פעסט פון פאַרדאַרבונג.
ד מיט זיין פלעדער וועט ער דיך באַאָפּדאַכן,
און אונטער זיינע פליגל וועסטו דיך באַשירעמען,
אַ שילדדאַך און אַ רינגפּאַנצער איז זיין געטריישאַפט.

ה דו זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר דעם פּחד פון דער נאַכט,
פאַר דער פייל, וואָס פליט בייטאָג,
ו פאַר דער פעסט, וואָס גייט אום אין דער טונקל,
פאַר דעם זון־פיבער, וואָס פאַרגוואַלטיקט אין מיטן טאָג.

ז מעגן פאַלן ביי דיין זייט טויזנט,
און צען טויזנט – ביי דיין רעכטער האַנט,
צו דיר וועט דאָס נישט גענעענען.
ח נייערט מיט דיינע אויגן וועסטו צוקוקן,
און דאָס באַצאָלן די רשעים וועסטו זען.

ט –פאַרוואָר, דו, גאָט, ביסט מיין באַשירעמונג!

–דעם אייבערשטן האָסטו געמאַכט פאַר דיין וואוין־אָרט,
י סע וועט דיר נישט געשען קיין בייז,
און קיין פלאָג וועט נישט גענעענען צו דיין געצעלט.
יא וואָרן זיינע מלאָכים וועט ער פירגעביטן צו דיר,
צו באַהיטן דיך אין אַלע דיינע וועגן.
יב אַף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן,
טאָמער וועט זיך אָנשטויסן אָן אַ שטיין דיין פוס.
יג אַף ברילער און פיפערנאָטער וועסטו מעגן טרעטן,

יִתְלוֹנָן׃ אֹמַר לַיהוָה מַחְסִי וּמְצוּדָתִי אֱלֹהַי אֶבְטַח־בּוֹ׃
כִּי הוּא יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ מִדֶּבֶר הַוּוֹת׃ בְּאֶבְרָתוֹ׀ יָסֶךְ
ה לָךְ וְתַחַת־כְּנָפָיו תֶּחְסֶה צִנָּה וְסֹחֵרָה אֲמִתּוֹ׃ לֹא תִירָא
מִפַּחַד לָיְלָה מֵחֵץ יָעוּף יוֹמָם׃ מִדֶּבֶר בָּאֹפֶל יַהֲלֹךְ מִקֶּטֶב
יָשׁוּד צָהֳרָיִם׃ יִפֹּל מִצִּדְּךָ׀ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ
לֹא יִגָּשׁ׃ רַק בְּעֵינֶיךָ תַבִּיט וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה׃
י כִּי־אַתָּה יְהוָה מַחְסִי עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ׃ לֹא־תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ
רָעָה וְנֶגַע לֹא־יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ׃ כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה־לָּךְ לִשְׁמָרְךָ
בְּכָל־דְּרָכֶיךָ׃ עַל־כַּפַּיִם יִשָּׂאוּנְךָ פֶּן־תִּגֹּף בָּאֶבֶן רַגְלֶךָ׃
עַל־שַׁחַל וָפֶתֶן תִּדְרֹךְ תִּרְמֹס כְּפִיר וְתַנִּין׃ כִּי בִי חָשַׁק
טו וַאֲפַלְּטֵהוּ אֲשַׂגְּבֵהוּ כִּי־יָדַע שְׁמִי׃ יִקְרָאֵנִי׀ וְאֶעֱנֵהוּ עִמּוֹ־
אָנֹכִי בְצָרָה אֲחַלְּצֵהוּ וַאֲכַבְּדֵהוּ׃ אֹרֶךְ יָמִים אַשְׂבִּיעֵהוּ
צב וְאַרְאֵהוּ בִּישׁוּעָתִי׃ צב מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם
הַשַּׁבָּת׃ טוֹב לְהֹדוֹת לַיהוָה וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן׃
לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת׃ עֲלֵי־עָשׂוֹר וַעֲלֵי־

דו וועסט צעטראַמפּלען דעם יונגן לייב און דראַך.

יד — ווייל ער האָט באַגערט אין מיר, דערפֿאַר וועל איך אים לאָזן אַנטרינען,
איך וועל אים דערהייכן, וואָרן ער האָט דערקענט מיין נאָמען.
טו ער וועט מיך רופן, און איך וועל אים ענטפערן,
מיט אים בין איך אין דער באַדרענגונג,
איך וועל אים אופשנירן און אים אָנטון כָּבוד.
טז מיט לאַנגע טעג וועל איך אים זעטיקן.
און איך וועל אים לאָזן זען מיין ישועה.

צב מִזְמוֹר, שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת

א אַ מִזמור, אַ געזאַנג פאַר דעם טאָג פון שַבּת.

ב גוט איז צו דאַנקלויבן גאָט,
און צו לויבשפּילן צו דיין נאָמען, אייבערשטער,
ג צו פאַרקינדיקן דיין חֶסד אין דער פרי,
און דיין געטריישאַפט אין די נעכט,

ד אַף אַ צענסטרונער און אַף אַ ציטער,
אַף דעם אופקלינגען מיט דער האַרף.

ה וואָרן דו האָסט מיך דערפרייט, גאָט, מיט דיין ווערק,
איך וויל יובלען איבער די מַעשׂים פון דיינע הענט.
ו ווי גרויס זענען דיינע מַעשׂים, גאָט!
דיינע מַחשָבות זענען זייער טיף!
ז אַ מענטש, אַ פאַרגרעבטער, קאָן נישט פאַרשטיין,
און אַ נאַר קאָן דאָס נישט באַגרייַפן.

ח ווען די רשָעים האָבן געגרינט אַזוי ווי קרייַטעך,
און סע האָבן געבליט אַלע ווערקער פון אומרעכט, —
כּדֵי זיי זאָלן ווערן פאַרטיליקט ביז אַף אייביק.

ט און דו ביסט דערהויבן אַף אייביק, גאָט.
י וואָרן זע, דיינע פיינט, גאָט,
וואָרן זע, דיינע פיינט וועלן ווערן פאַרלוירן,
סע וועלן ווערן צעשטרייַט אַלע ווערקער פון אומרעכט.

יא און דו האָסט דערהויבן מיין האָרן ווי אַ בופל־אָקס,
איך בין געזאַלבט מיט צווייַגהאַפטן אייל.
יב און מיין אויג האָט געקוקט אַף מיינע נאָכלויגערס,
וועגן די אופשטענדיקע קעגן מיר, די בייזווערקער,
האָבן זיך אָנגעהערט מיינע אויערן.

יג דער גערעכטער, ווי דער טייטלבוים וועט ער גרינען,
ווי דער צעדערבוים אַף דעם לבָנון וועט ער ווערן דערהייכט.

יד די פאַרפלאַנצטע אין דעם הויז פון גאָט,
אין די הויפן פון אונזער גאָט וועלן זיי גרינען,
טו זיי וועלן נאָך געדייַען אין דער גראָער עלטער,

ה נָבֶל עֲלֵי הִגָּיוֹן בְּכִנּוֹר׃ כִּי שִׂמַּחְתַּנִי יְהוָה בְּפָעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂי
יָדֶיךָ אֲרַנֵּן׃ מַה־גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ יְהוָה מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבֹתֶיךָ׃
אִישׁ־בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא־יָבִין אֶת־זֹאת׃ בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים ׀
כְּמוֹ עֵשֶׂב וַיָּצִיצוּ כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן לְהִשָּׁמְדָם עֲדֵי־עַד׃ וְאַתָּה
י מָרוֹם לְעֹלָם יְהוָה׃ כִּי הִנֵּה אֹיְבֶיךָ ׀ יְהוָה כִּי־הִנֵּה
אֹיְבֶיךָ יֹאבֵדוּ יִתְפָּרְדוּ כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ וַתָּרֶם כִּרְאֵים קַרְנִי
בַּלֹּתִי בְּשֶׁמֶן רַעֲנָן׃ וַתַּבֵּט עֵינִי בְּשׁוּרָי בַּקָּמִים עָלַי מְרֵעִים
תִּשְׁמַעְנָה אָזְנָי׃ צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יִשְׂגֶּה׃
טו שְׁתוּלִים בְּבֵית יְהוָה בְּחַצְרוֹת אֱלֹהֵינוּ יַפְרִיחוּ׃ עוֹד
יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים יִהְיוּ׃ לְהַגִּיד כִּי־יָשָׁר יְהוָה
צג צוּרִי וְלֹא־עַלָתָה בּוֹ׃ צג יְהוָה מָלָךְ גֵּאוּת
לָבֵשׁ לָבֵשׁ יְהוָה עֹז הִתְאַזָּר אַף־תִּכּוֹן תֵּבֵל בַּל־תִּמּוֹט׃
נָכוֹן כִּסְאֲךָ מֵאָז מֵעוֹלָם אָתָּה׃ נָשְׂאוּ נְהָרוֹת ׀ יְהוָה נָשְׂאוּ
נְהָרוֹת קוֹלָם יִשְׂאוּ נְהָרוֹת דָּכְיָם׃ מִקֹּלוֹת ׀ מַיִם רַבִּים

צב׳ טו׳ עולתה ק׳ צג׳ א׳ כולו קמץ

פעט און צווײַגהאַפט וועלן זיי זײַן,
טז צו פאַרקינדיקן, אַז רעכטפאַרטיק איז גאָט,
מײַן פעלזנשטיין, און קיין עוולה איז נישטאָ אין אים.

צג יְהוָה מָלָךְ, גֵּאוּת לָבֵשׁ

א גאָט איז געוואָרן מלך, שטאָלצקייט האָט ער זיך באַקלײדט,
באַקלײדט האָט זיך גאָט, מאַכט האָט ער זיך אָנגעגורט,
באַפעסטיקט איז אויך די וועלט, זי וועט נישט וואַנקען.

ב דײַן שטול איז באַפעסטיקט פון לאַנג אָן,
פון אײביק אָן ביסטו.

ג אופגעהויבן די שטראָמען, גאָט,
אופגעהויבן האָבן די שטראָמען זייער קול,
סע הײבן אוף די שטראָמען זייער געברויז.
ד איבער די קולות פון וואַסערן אַ סך,

די מעכטיקע, די וואַלן פון יַם,
איז מעכטיק גאָט אין דער הײך.

ה דײַנע באַצײַגונגען זענען זײער באַגלײבט,
פאַר דײַן הויז איז שיין הייליקייט,
גאָט, אַף לאַנגע טעג.

צד אֵל־נְקָמוֹת יְהוָה

א גאָט פון נקמות, גאָט,
גאָט פון נקמות, שטראַל אוף!
ב דערהײב דיך, ריכטער פון דער ערד,
קער אום אַ פאַרגעלטונג צו די האָפערדיקע!

ביז ווי לאַנג וועלן די רשעים, גאָט,
ביז ווי לאַנג וועלן אָנקוועלן די רשעים,
ד וועלן גאַווערן, רעדן האַרב,
וועלן זיך איבערהײבן — אַלע ווערקער פון אומרעכט?

ה דײַן פאָלק, גאָט, צעמערשטן זיי,
און דײַן אַרבטייל פײַניקן זיי,
ו אַלמנה און גר הרגענען זיי,
און יתומים מאָרדן זיי.
ז און זיי זאָגן: „גאָט טוט נישט זען,"
און: „דער גאָט פון יַעקב טוט נישט מערקן!"

ח באַגרײַפט, איר פאַרגרעבטע צווישן פאָלק!
און איר נאַראָנים, ווען וועט איר אײַך באַקלערן?
ט דער, וואָס האָט פאַרפלאַנצט דעם אויער, צי וועט ער נישט הערן?
אָדער — וואָס האָט געפערעמט דאָס אויג, צי וועט ער נישט קוקן?

ה אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי־יָם אַדִּיר בַּמָּרוֹם יְהוָה׃ עֵדֹתֶיךָ ׀ נֶאֶמְנוּ
מְאֹד לְבֵיתְךָ נַאֲוָה־קֹדֶשׁ יְהוָה לְאֹרֶךְ יָמִים׃
צד אֵל־נְקָמוֹת יְהוָה אֵל נְקָמוֹת הוֹפִיעַ׃
הִנָּשֵׂא שֹׁפֵט הָאָרֶץ הָשֵׁב גְּמוּל עַל־גֵּאִים׃ עַד־מָתַי רְשָׁעִים ׀
יְהוָה עַד־מָתַי רְשָׁעִים יַעֲלֹזוּ׃ יַבִּיעוּ יְדַבְּרוּ עָתָק יִתְאַמְּרוּ
ה כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ עַמְּךָ יְהוָה יְדַכְּאוּ וְנַחֲלָתְךָ יְעַנּוּ׃
אַלְמָנָה וְגֵר יַהֲרֹגוּ וִיתוֹמִים יְרַצֵּחוּ׃ וַיֹּאמְרוּ לֹא יִרְאֶה־יָּהּ
וְלֹא־יָבִין אֱלֹהֵי יַעֲקֹב׃ בִּינוּ בֹּעֲרִים בָּעָם וּכְסִילִים מָתַי
תַּשְׂכִּילוּ׃ הֲנֹטַע אֹזֶן הֲלֹא יִשְׁמָע אִם־יֹצֵר עַיִן הֲלֹא יַבִּיט׃
י הֲיֹסֵר גּוֹיִם הֲלֹא יוֹכִיחַ הַמְלַמֵּד אָדָם דָּעַת׃ יְהוָה יֹדֵעַ
מַחְשְׁבוֹת אָדָם כִּי־הֵמָּה הָבֶל׃ אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר־תְּיַסְּרֶנּוּ
יָּהּ וּמִתּוֹרָתְךָ תְלַמְּדֶנּוּ׃ לְהַשְׁקִיט לוֹ מִימֵי רָע עַד יִכָּרֶה
לָרָשָׁע שָׁחַת׃ כִּי ׀ לֹא־יִטֹּשׁ יְהוָה עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב׃
טו כִּי־עַד־צֶדֶק יָשׁוּב מִשְׁפָּט וְאַחֲרָיו כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃ מִי־יָקוּם
לִי עִם־מְרֵעִים מִי־יִתְיַצֵּב לִי עִם־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ לוּלֵי יְהוָה

י דער, וואָס מוסרט די שטאַמען, צי וועט ער נישט באַשטראָפֿן?
דער, וואָס לערנט דעם מענטש דערקענטעניש,
יא גאָט קען די מַחשָבות פֿון דעם מענטש:
פֿאַרוואָר, זיי זענען נישטיקייט.

יב וואויל איז דעם מענטש, וואָס דו מוסרסט אים, גאָט,
און פֿון דיין תּורה באַלערנסטו אים,
יג צו באַרואיקן אים פֿון די טעג פֿון שלעכטס,
ביז ס'ע וועט זיין געגראָבן אַ גרוב פֿאַר דעם רָשע.

יד וואָרן גאָט וועט נישט אָפּלענען זיין פֿאָלק,
און זיין אַרבטייל וועט ער נישט פֿאַרלאָזן.
טו וואָרן צו דער גערעכטיקייט וועט זיך אומקערן דאָס רעכט,
און נאָך אים – אַלע רעכטפֿאַרטיקע פֿון האַרץ.

טז ווער וועט אופֿשטיין פֿאַר מיר קעגן די בייזוועקער?
ווער וועט זיך שטעלן פֿאַר מיר קעגן די ווערקער פֿון אומרעכט?

יז וואָלט גאָט נישט געווען קיין הילף פאַר מיר –
וואָלט מיין נֶפש שוין כּמעַט גערוט אין דער טיפשטילקייט.

יח אויב איך וואָלט געזאָגט: מיין פוס האָט געוואַנקט! –
דיין חֶסד, גאָט, האָט מיך אונטערגעלענט.
יט ביי דער מערונג פון מיינע צווייפלען דרינען אין מיר –
דיינע טרייסטונגען האָבן דערקוויקט מיין נֶפש.

כ צי קאָן זיך דיר צוגעזעלן דער שטול פון פאַרדאַרבונג,
וואָס פערעמט אומגליק „נאָך דעם געזעץ נאָך"?!
כא זיי קלויבן זיך צונויף אַף דעם נֶפש פון דעם צַדיק,
און אומשולדיק בלוט באַשולדיקן זיי.

כב נאָר גאָט איז געוואָרן פאַר מיר אַ בורג,
און מיין גאָט – פאַר מיין פעלזנשטיין פון מיין באַשירעמונג.
כג און ער האָט אומגעקערט אַף זיי זייער אומרעכט,
און אין זייער שלעכטס וועט ער זיי אויסראָטן,
סע וועט זיי אויסראָטן גאָט, אונזער גאָט.

צה לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָֹה

א קומט, לאָמיר יובלען צו גאָט,
לאָמיר שאַלן צום פעלזנשטיין פון אונזער ישועה,
ב לאָמיר זיך פעדערן קעגן זיין פנים מיט דאַנקלויב,
מיט לויבשפּילן לאָמיר שאַלן צו אים!
ג וואָרן אַ גרויסער גאָט איז גאָט,
און אַ גרויסער מֶלך איבער אַלע געטער,
ד וואָס אין זיין האַנט זענען די שאַכטן פון דער ערד,
און די שפּיצן פון די בערג געהערן אים,
ה וואָס אים געהערט דער יַם, וואָרן ער האָט אים געמאַכט,

עֶזְרָתָה לִּי כִּמְעַט שָׁכְנָה דוּמָה נַפְשִׁי׃ אִם־אָמַרְתִּי מָטָה
רַגְלִי חַסְדְּךָ יְהוָה יִסְעָדֵנִי׃ בְּרֹב שַׂרְעַפַּי בְּקִרְבִּי תַּנְחוּמֶיךָ
כ יְשַׁעַשְׁעוּ נַפְשִׁי׃ הַיְחָבְרְךָ כִּסֵּא הַוּוֹת יֹצֵר עָמָל עֲלֵי־חֹק׃
יָגוֹדּוּ עַל־נֶפֶשׁ צַדִּיק וְדָם נָקִי יַרְשִׁיעוּ׃ וַיְהִי יְהוָה לִי
לְמִשְׂגָּב וֵאלֹהַי לְצוּר מַחְסִי׃ וַיָּשֶׁב עֲלֵיהֶם ׀ אֶת־אוֹנָם
וּבְרָעָתָם יַצְמִיתֵם יַצְמִיתֵם יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃
צה לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ׃ נְקַדְּמָה
פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִרוֹת נָרִיעַ לוֹ׃ כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ
גָּדוֹל עַל־כָּל־אֱלֹהִים׃ אֲשֶׁר בְּיָדוֹ מֶחְקְרֵי־אָרֶץ וְתוֹעֲפוֹת
ה הָרִים לוֹ׃ אֲשֶׁר־לוֹ הַיָּם וְהוּא עָשָׂהוּ וְיַבֶּשֶׁת יָדָיו יָצָרוּ׃ בֹּאוּ
נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי־יְהוָה עֹשֵׂנוּ׃ כִּי הוּא
אֱלֹהֵינוּ וַאֲנַחְנוּ עַם מַרְעִיתוֹ וְצֹאן יָדוֹ הַיּוֹם אִם־בְּקֹלוֹ
תִשְׁמָעוּ׃ אַל־תַּקְשׁוּ לְבַבְכֶם כִּמְרִיבָה כְּיוֹם מַסָּה בַּמִּדְבָּר׃
י אֲשֶׁר נִסּוּנִי אֲבוֹתֵיכֶם בְּחָנוּנִי גַּם־רָאוּ פָעֳלִי׃ אַרְבָּעִים שָׁנָה ׀
אָקוּט בְּדוֹר וָאֹמַר עַם תֹּעֵי לֵבָב הֵם וְהֵם לֹא־יָדְעוּ דְרָכָי׃
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי בְאַפִּי אִם־יְבֹאוּן אֶל־מְנוּחָתִי׃

צד׳ כא׳ דגש אחר חולם

און די יַבָּשה, וואָס זיינע הענט האָבן געפֿערעמט.

ו קומט אַריין, לאָמיר זיך בוקן און זיך אַנידערוואַרפֿן,
לאָמיר קניען פֿאַר ג אָ ט, וואָס האָט אונז געמאַכט.
ז וואָרן ער איז אונזער גאָט,
און מיר זענען דאָס פֿאָלק פֿון זיין פּיטערונג, און די שאָף פֿון זיין האַנט,
היינט נאָך, וואָלט איר אייך נייַערט איינהערן אין זיין קול:
ח „איר זאָלט נישט פֿאַהאַרטן אייער האַרץ ווי ביי מריבֶה,
ווי דעם טאָג פֿון מַסה אין דער מִדבר,
ט ווען מיך האָבן געפּריווט אייערע אָבות,
האָבן מיך פּרובירט, הַגם זיי האָבן געזען מיין ווערק.
י פֿערציק יאָר האָב איך מיך געעקלט מיט דעם דור,
און איך האָב געזאָגט: אַ פֿאָלק–פֿאַרפּירטע פֿון האַרצן זענען זיי,
און ז י י האָבן נישט דערקענט מיינע וועגן.–
יא דערפֿאַר האָב איך געשוואוירן אין מיין צאָרן:
‚זיי וועלן נישט קומען צו מיין מנוחה!‘‟

צו שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ, שִׁירוּ לַיהוָה כָּל־הָאָרֶץ

א זינגט צו גאָט אַ נײַ געזאַנג,
זינגט צו גאָט, אַל די ערד!
ב זינגט צו גאָט, בענטשט זיין נאָמען,
פון טאָג צו טאָג זייט מבַשׂר זיין ישועה!
ג דערציילט צווישן די שטאַמען זיין הערלעכקייט,
צווישן אַלע פעלקער – זיינע וואונדער!

ד וואָרן גרויס איז גאָט און איז זייער געלויבט,
פאָרכטיק איז ער איבער אַלע געטער.
ה וואָרן אַלע געטער פון די פעלקער זענען אָפּגעטער,
און גאָט האָט געמאַכט דעם הימל.
ו פּראַכט און גלאַנץ זענען פאַר זיין פּנים,
מאַכט און ציראַט זענען אין זיין הייליקטום.

ז ברענגט צו גאָט, איר מִשפּחות פון די פעלקער,
ברענגט צו גאָט כָּבוד און מאַכט!
ח ברענגט צו גאָט דעם כָּבוד פון זיין נאָמען!
טראָגט געשאַנק, און קומט אין זיינע הויפן,
ט בוקט אייך פאַר גאָט אין דעם אויפגלאַנץ פון הייליקונג,
קראַיסט פאַר זיין פּנים, אַל די ערד!
זאָגט אָן צווישן די שטאַמען: גאָט איז געוואָרן מֶלך, –
באַפעסטיקט איז אויך די וועלט, זי וועט נישט וואַנקען, –
ער וועט דַן זיין די פעלקער מיט רעכטפאַרטיקייט.

יא זאָלן זיך פרייען די הימלען, און זאָל זיין לוסטיק די ערד,
זאָל דונערן דער יָם און זיין פולקייט,
יב זאָל אָנקוועלן דאָס פעלד און אַלץ, וואָס איז אין אים,
דעמאָלט זאָלן יובלען אַלע ביימער פון וואַלד

צו שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ שִׁירוּ לַיהוָה כׇּל־הָאָרֶץ :
שִׁירוּ לַיהוָה בָּרְכוּ שְׁמוֹ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם־לְיוֹם יְשׁוּעָתוֹ : סַפְּרוּ
בַגּוֹיִם כְּבוֹדוֹ בְּכׇל־הָעַמִּים נִפְלְאוֹתָיו : כִּי־גָדוֹל יְהוָה
ה וּמְהֻלָּל מְאֹד נוֹרָא הוּא עַל־כׇּל־אֱלֹהִים : כִּי ׀ כׇּל־אֱלֹהֵי
הָעַמִּים אֱלִילִים וַיהוָה שָׁמַיִם עָשָׂה : הוֹד־וְהָדָר לְפָנָיו עֹז
וְתִפְאֶרֶת בְּמִקְדָּשׁוֹ : הָבוּ לַיהוָה מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים הָבוּ
לַיהוָה כָּבוֹד וָעֹז : הָבוּ לַיהוָה כְּבוֹד שְׁמוֹ שְׂאוּ־מִנְחָה
וּבֹאוּ לְחַצְרוֹתָיו : הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַדְרַת־קֹדֶשׁ חִילוּ
י מִפָּנָיו כׇּל־הָאָרֶץ : אִמְרוּ בַגּוֹיִם ׀ יְהוָה מָלָךְ אַף־תִּכּוֹן תֵּבֵל
בַּל־תִּמּוֹט יָדִין עַמִּים בְּמֵישָׁרִים : יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל
הָאָרֶץ יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ : יַעֲלֹז שָׂדַי וְכׇל־אֲשֶׁר־בּוֹ אָז יְרַנְּנוּ
כׇּל־עֲצֵי־יָעַר : לִפְנֵי יְהוָה ׀ כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ
צז יִשְׁפֹּט־תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בֶּאֱמוּנָתוֹ : צז יְהוָה
מָלָךְ תָּגֵל הָאָרֶץ יִשְׂמְחוּ אִיִּים רַבִּים : עָנָן וַעֲרָפֶל סְבִיבָיו
צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאוֹ : אֵשׁ לְפָנָיו תֵּלֵךְ וּתְלַהֵט סָבִיב
ה צָרָיו : הֵאִירוּ בְרָקָיו תֵּבֵל רָאֲתָה וַתָּחֵל הָאָרֶץ : הָרִים

צו׳ י׳ כלו קמץ

יג פֿאַר דעם פּנים פֿון גאָט, וואָרן ער קומט אָן,
וואָרן ער קומט אָן, צו משפּטן די ערד:
ער וועט משפּטן די וועלט מיט גערעכטיקייט,
און די פֿעלקער מיט זיין געטרייַשאַפֿט.

צז יְהוָה מָלָךְ, תָּגֵל הָאָרֶץ

א גאָט איז געוואָרן מלך, זאָל זיין לוסטיק די ערד,
זאָלן זיך פֿרייַען די פֿיל אינזלען!

ב וואָלקן און נעפּל זענען רונדאַרום אים,
גערעכטיקייט און רעכט זענען די פֿעסטיקייט פֿון זיין שטול.
ג פֿייַער גייט פֿאָראויס פֿאַר אים
און פֿלאַקערט רונדאַרום זיינע באַדרענגער.

ד זיינע בליצן באַלייַכטן דעם וועלטרוים,

די ערד האָט געזען, און זי האָט געקראַיסט,
ה די בערג זענען געוואָרן צעגאַנגען ווי וואַקס פון פאַר דעם פנים פון גאָט,
פון פאַר דעם פנים פון דעם האַר פון דער גאַנצער ערד.
ו די הימלען האָבן פאַרקינדיקט זיין גערעכטיקייט,
און אַלע פעלקער האָבן געזען זיין הערלעכקייט.

ז זאָלן ווערן פאַרשעמט אַלע דינער פון אַן אָפּבילד,
די, וואָס רימען זיך מיט די אָפּגעטער, —
סע האָבן זיך געבוקט פאַר אים אַלע געטער.
ח ציון האָט געהערט און זיך געפרייט,
און די טעכטער פון יהודה זענען געווען לוסטיק
פונוועגן דיינע משפּטים, גאָט.
ט וואָרן דו, גאָט, ביסט דער אייבערשטער איבער דער גאַנצער ערד,
דו ביסט זייער דערהויבן איבער אַלע געטער.

י איר, וואָס האָט ליב גאָט, האָט פיינט שלעכטס!
ער באַהיט די נפשות פון זיינע פרומע,
פון דער האַנט פון די רשעים וועט ער זיי מציל זיין.
יא ליכט איז אויסגעזייט פאַר דעם צדיק,
און פאַר די רעכטפאַרטיקע פון האַרץ — פרייד.
יב פרייט אייך, צדיקים, מיט גאָט,
און טוט דאַנקלויבן ביי דעם געדעכעניש פון זיין הייליקייט!

צח מִזְמוֹר. שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ, כִּי־נִפְלָאוֹת עָשָׂה

א אַ מִזמור.

זינגט צו גאָט אַ נייַ געזאַנג,
וואָרן וואונדער האָט ער געטון,
אַ ישועה איז געווען פאַר אים זיין רעכטע האַנט,

כַּדּוֹנַג נָמַסּוּ מִלִּפְנֵי יְהוָֹה מִלִּפְנֵי אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ : הִגִּידוּ
הַשָּׁמַיִם צִדְקוֹ וְרָאוּ כָל־הָעַמִּים כְּבוֹדוֹ : יֵבֹשׁוּ ׀ כָּל־עֹבְדֵי
פֶסֶל הַמִּתְהַלְלִים בָּאֱלִילִים הִשְׁתַּחֲווּ־לוֹ כָּל־אֱלֹהִים : שָׁמְעָה
וַתִּשְׂמַח ׀ צִיּוֹן וַתָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה לְמַעַן מִשְׁפָּטֶיךָ יְהוָֹה :
כִּי־אַתָּה ׀ יְהוָֹה עֶלְיוֹן עַל־כָּל־הָאָרֶץ מְאֹד נַעֲלֵיתָ עַל־כָּל־
י אֱלֹהִים : אֹהֲבֵי יְהוָֹה שִׂנְאוּ רָע שֹׁמֵר נַפְשׁוֹת חֲסִידָיו מִיַּד
רְשָׁעִים יַצִּילֵם : אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי־לֵב שִׂמְחָה :
שִׂמְחוּ צַדִּיקִים בַּיהוָֹה וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ :
צח מִזְמוֹר שִׁירוּ לַיהוָֹה ׀ שִׁיר חָדָשׁ כִּי־נִפְלָאוֹת
עָשָׂה הוֹשִׁיעָה־לּוֹ יְמִינוֹ וּזְרוֹעַ קָדְשׁוֹ : הוֹדִיעַ יְהוָֹה יְשׁוּעָתוֹ
לְעֵינֵי הַגּוֹיִם גִּלָּה צִדְקָתוֹ : זָכַר חַסְדּוֹ ׀ וֶאֱמוּנָתוֹ לְבֵית
יִשְׂרָאֵל רָאוּ כָל־אַפְסֵי־אָרֶץ אֵת יְשׁוּעַת אֱלֹהֵינוּ : הָרִיעוּ
ה לַיהוָֹה כָּל־הָאָרֶץ פִּצְחוּ וְרַנְּנוּ וְזַמֵּרוּ : זַמְּרוּ לַיהוָֹה בְּכִנּוֹר
בְּכִנּוֹר וְקוֹל זִמְרָה : בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי ׀
הַמֶּלֶךְ יְהוָֹה : יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ : נְהָרוֹת

יאָ, דער אָרעם פון זיין הייליקונג.

ב גאָט האָט געלאָזט קענען זיין ישועה,
פאַר די אויגן פון די וועלטשטאַמען האָט ער אַנטפּלעקט זיין גערעכטיקייט.
ג ער האָט געדענקט זיין חֶסד און זיין געטריישאַפט פאַר דעם הויז פון ישׂראל,
אַלע ראַנדן פון דער ערד האָבן געזען
די ישועה פון אונזער גאָט.

ד שאַלט צו גאָט, אַל די ערד!
ברעכט אויס און יובלט און טוט לויבשפּילן!
ה טוט לויבשפּילן צו גאָט מיט דער האַרף,
מיט דער האַרף און דעם קול פון לויבשפּיל!
ו מיט טרומייטערס און דעם קול פון שופר
שאַלט אויף פאַר גאָט, דעם מֶלך!

ז זאָל דונערן דער יַם און זיין פולקייט,
די וועלט און די באַוואוינער אין איר.
ח די שטראָמען זאָלן פּאַטשן די האַנט,
· אינאיינעם זאָלן יובלען די בערג

ט פֿאַר גאָט, וואָרן ער קומט אָן, צו מִשפּטן די ערד:
ער וועט מִשפּטן די וועלט מיט גערעכטיקייט,
און די פֿעלקער מיט רעכטפֿאַרטיקייט.

צט יְהוָה מָלָךְ יִרְגְּזוּ עַמִּים

א גאָט איז געוואָרן מֶלך, זאָלן ציטערן די פֿעלקער!
ער זיצט איבער כּרובים, — זאָל וואַנקען די ערד!
ב גאָט אין צִיון איז גרויס,
און דערהויבן איז ער איבער אַלע פֿעלקער.

ג זיי זאָלן דאַנקלויבן דיין נאָמען,
— „גרויס און פֿאָרכטיק,
הייליק איז ער!" —
ד און די מאַכט פֿון מֶלך, וואָס האָט ליב רעכט.
דו, דו האָסט באַפֿעסטיקט רעכטפֿאַרטיקייט,
רעכט און גערעכטיקייט אין יַעקב האָסטו געטון.
ה דערהייבט גאָט, אונזער גאָט,
און בוקט אייך צו דעם פֿוסבענקל פֿון זיינע פֿיס,
הייליק איז ער!

ו משה און אַהרן — צווישן זיינע כּוהנים,
און שמואל — צווישן די, וואָס רופֿן זיין נאָמען, —
זיי האָבן גערופֿן צו גאָט, און ער, ער האָט זיי געענטפֿערט.
ז אין דעם וואָלקנזייַל האָט ער גערעדט צו זיי,
זיי האָבן אָפּגעהיט זיינע באַצייַגונגען און דאָס געזעץ,
וואָס ער האָט זיי געגעבן.
ח גאָט, אונזער גאָט, דו האָסט זיי געענטפֿערט,
אַ גאָט, וואָס פֿאַרטראָגט, ביסטו געווען פֿאַר זיי,
און וואָס האָט זיך נוקם געווען פֿאַר זייערע האַנדלונגען.

יִמְחֲאוּ־כָף יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ׃ לִפְנֵי־יְהוָה כִּי־בָא לִשְׁפֹּט
הָאָרֶץ יִשְׁפֹּט־תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בְּמֵישָׁרִים׃
צט יְהוָה מָלָךְ יִרְגְּזוּ עַמִּים יֹשֵׁב כְּרוּבִים תָּנוּט
הָאָרֶץ׃ יְהוָה בְּצִיּוֹן גָּדוֹל וְרָם הוּא עַל־כָּל־הָעַמִּים׃ יוֹדוּ
שִׁמְךָ גָּדוֹל וְנוֹרָא קָדוֹשׁ הוּא׃ וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב אַתָּה
ה כּוֹנַנְתָּ מֵישָׁרִים מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב ׀ אַתָּה עָשִׂיתָ׃ רוֹמְמוּ
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לַהֲדֹם רַגְלָיו קָדוֹשׁ הוּא׃ מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן ׀ בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקֹרְאֵי שְׁמוֹ קֹרְאִים אֶל־יְהוָה וְהוּא
יַעֲנֵם׃ בְּעַמּוּד עָנָן יְדַבֵּר אֲלֵיהֶם שָׁמְרוּ עֵדֹתָיו וְחֹק נָתַן־
לָמוֹ׃ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אַתָּה עֲנִיתָם אֵל נֹשֵׂא הָיִיתָ לָהֶם וְנֹקֵם
עַל־עֲלִילוֹתָם׃ רוֹמְמוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לְהַר קָדְשׁוֹ
ק כִּי־קָדוֹשׁ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ ק מִזְמוֹר לְתוֹדָה הָרִיעוּ
לַיהוָה כָּל־הָאָרֶץ׃ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו
בִּרְנָנָה׃ דְּעוּ כִּי־יְהוָה הוּא אֱלֹהִים הוּא עָשָׂנוּ וְלֹא ׀ אֲנַחְנוּ
עַמּוֹ וְצֹאן מַרְעִיתוֹ׃ בֹּאוּ שְׁעָרָיו ׀ בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה

צט׳ א׳ כולו קמץ   ו׳ הא׳ נחה   ק׳ ג ולו קרי

ט דערהייבט גאָט, אונזער גאָט,
און בוקט אייך צו דעם באַרג פון זיין הייליקטום,
וואָרן הייליק איז גאָט, אונזער גאָט.

ק מִזְמוֹר לְתוֹדָה. הָרִיעוּ לַיהוָה כָּל־הָאָרֶץ

א אַ מִזמור, צום דאַנק־אָפּער.

שאַלט צו גאָט, אַל די ערד!
ב דינט גאָט מיט שׂמחה!
קומט פֿאַר זיין פּנים מיט יובל!

ג דערקענט, אַז גאָט, ער איז גאָט,
ער האָט אונז געמאַכט, און אים געהערן מיר,
זיין פֿאָלק, און די שאָף פון זיין פּיטערונג.

ד קומט אַריין אין זיינע טויערן מיט דאַנקלויב,
אין זיינע הויפן מיט לויבגעזאַנג!
טוט אים דאַנקלויבן, בענטשט זיין נאָמען!

ה וואָרן גוט איז גאָט, אַף אייביק איז זיין חֶסד,
און ביז אַף דור־דורות – זיין געטריַישאַפט.

קא לְדָוִד, מִזְמוֹר. חֶסֶד־וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה

א פון דָוִדן, אַ מִזמור.

חֶסד און רעכט וויל איך באַזינגען,
צו דיר, גאָט, וויל איך לויבשפּילן.
ב איך וויל מיך באַקלערן אין דעם וועג פון גאַנצקייט:
ווען וועסטו קומען צו מיר?

איך טו מיר אומגיין אין דער גאַנצקייט פון מיין האַרץ
דרינען אין מיין הויז.
ג איך וויל נישט שטעלן פאַר מיינע אויגן קיין שאַלקהאַפטיקע זאַך.
די טואונג פון די אָפּווייַכער האַס איך,
זי וועט זיך נישט באַהעפטן אין מיר.
ד אַ פאַרקרימט האַרץ מוז אָפּקערן פון מיר,
קיין שלעכטן וויל איך נישט קענען.
ה ווער סע באַרעדט זיין פריינט אין פאַרבאָרגעניש –
דעם וועל איך אויסראָטן,
ווער סע האָט פאַרריסענע אויגן און אַ פראַלעריש האַרץ –
דעם קען איך נישט ליַידן.
ו מיינע אויגן זענען אַף די געטריַיע אין לאַנד, צו זיצן מיט מיר,
ווער סע גייט אין דעם וועג פון גאַנצקייט –
דער וועט מיר דינען.

ז דרינען אין מיין הויז וועט נישט זיצן דער, וואָס טוט באַטרוג,
ווער סע רעדט ליגנס –
וועט נישט קאָנען פעסטשטיין קעגן מיינע אויגן.
ח אין די פרימאָרגנס וועל איך אויסראָטן אַלע רְשָעים פון לאַנד,
צו פאַרשניידן פון דער שטאָט פון גאָט אַלע ווערקער פון אומרעכט.

ה הוֹדוּ לוֹ בָּרְכוּ שְׁמוֹ׃ כִּי־טוֹב יְהוָה לְעוֹלָם חַסְדּוֹ וְעַד־דֹּר
קא וָדֹר אֱמוּנָתוֹ׃ קא לְדָוִד מִזְמוֹר חֶסֶד־וּמִשְׁפָּט
אָשִׁירָה לְךָ יְהוָה אֲזַמֵּרָה׃ אַשְׂכִּילָה ׀ בְּדֶרֶךְ תָּמִים מָתַי
תָּבוֹא אֵלָי אֶתְהַלֵּךְ בְּתָם־לְבָבִי בְּקֶרֶב בֵּיתִי׃ לֹא־
אָשִׁית ׀ לְנֶגֶד עֵינַי דְּבַר־בְּלִיָּעַל עֲשֹׂה־סֵטִים שָׂנֵאתִי לֹא
ה יִדְבַּק בִּי׃ לֵבָב עִקֵּשׁ יָסוּר מִמֶּנִּי רָע לֹא אֵדָע׃ מְלָושְׁנִי
בַסֵּתֶר ׀ רֵעֵהוּ אוֹתוֹ אַצְמִית גְּבַהּ־עֵינַיִם וּרְחַב לֵבָב אֹתוֹ
לֹא אוּכָל׃ עֵינַי ׀ בְּנֶאֶמְנֵי־אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי הֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ
תָּמִים הוּא יְשָׁרְתֵנִי׃ לֹא־יֵשֵׁב ׀ בְּקֶרֶב בֵּיתִי עֹשֵׂה רְמִיָּה
דֹּבֵר שְׁקָרִים לֹא־יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי׃ לַבְּקָרִים אַצְמִית כָּל־
רִשְׁעֵי־אָרֶץ לְהַכְרִית מֵעִיר־יְהוָה כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃
קב תְּפִלָּה לְעָנִי כִי־יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יְהוָה יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ׃
יְהוָה שִׁמְעָה תְפִלָּתִי וְשַׁוְעָתִי אֵלֶיךָ תָבוֹא׃ אַל־תַּסְתֵּר
פָּנֶיךָ ׀ מִמֶּנִּי בְּיוֹם צַר־לִי הַטֵּה־אֵלַי אָזְנֶךָ בְּיוֹם אֶקְרָא מַהֵר
ה עֲנֵנִי׃ כִּי־כָלוּ בְעָשָׁן יָמָי וְעַצְמוֹתַי כְּמוֹקֵד נִחָרוּ׃ הוּכָּה

קא׳ ה׳ יתיר ו׳ קב׳ ה׳ דגש אחר שורק

קב תְּפִלָּה לְעָנִי כִי־יַעֲטֹף

א אַ תּפילה פון דעם אָרימאַן, ווען ער טוט פאַרשמאַכטן,
און ער גיסט אויס פאַר גאָט זיין קלאָג.

ב גאָט, דערהער מיין תּפילה,
און מיין הילפגעשריי זאָל קומען פאַר דיר!
ג דו זאָלסט נישט פאַרבאָרגן דיין פּנים פון מיר
אין דעם טאָג, וואָס איך בין באַדרענגט,
נייג צו צו מיר דיין אויער,
אין דעם טאָג, וואָס איך טו רופן, גיך ענטפער מיר!
ד וואָרן מיינע טעג זענען געוואָרן פאַרלענדט אין רויך,
און מיינע ביינער זענען געוואָרן צעגלימערט ווי בראַנד.
ה געשלאָגן ווי קרייטעך און פאַרטריקנט איז מיין האַרץ,
פאַרוואָר, איך האָב פאַרגעסן צו עסן מיין ברויט.
ו פונוועגן דעם קול פון מיין זיפצן—
האָט מיין געביין זיך באַהעפט אָן מיין פלייש.

ז איך בין געגליכן צו דער קראָפּגאַנז פון מִדבר,
איך בין געוואָרן ווי די סאָווע פון חורבות.
ח איך האָב געוואַכט, און איך בין געוואָרן
ווי אַ פויגל, אַ פאַראיינזאַמטער, אַף אַ דאַך.
ט דעם גאַנצן טאָג האָבן מיך געלעסטערט מיינע פיינט,
די, וואָס ווילדעווען קעגן מיר, טוען זיך שווערן ביי מיר.
י פאַרוואָר, אַש ווי ברויט האָב איך געגעסן,
און מיינע געטראַנקען האָב איך געמישט מיט געוויין,
יא פונוועגן דיין צערענען און דיין גרימען,
וואָרן דו האָסט מיך אופגעהויבן און אַוועקגעוואָרפן.
יב מיינע טעג זענען ווי דער שאָטן, וואָס נייגט זיך,
און איך, ווי קרייטעך ווער איך פאַרטריקנט.

יג און דו, גאָט, אַף אייביק וועסטו זיצן,
און דיין געדעכעניש וועט זיין אַף דור־דורות.
יד דו, דו וועסט אופשטיין, דו וועסט דיך דערבאַרעמען אַף צִיון,
וואָרן עס איז די שָעה, זי צו לייטזעליקן,
פאַרוואָר, עס איז געקומען די באַשטימטע צייט.
טו וואָרן דיינע קנעכט איז וואוילגעפעלן אירע שטיינער,
און איר שטויב טוען זיי לייטזעליקן.
טז און די וועלטשטאַמען וועלן זיך פאָרכטן פאַר דעם נאָמען פון גאָט
און אַלע מלָכים פון דער ערד – פאַר דיין הערלעכקייט.
יז „פאַרוואָר, גאָט האָט אופגעבויט ציון,
ער האָט זיך באַוויזן אין זיין הערלעכקייט,
יח ער האָט זיך צוגעווענדט צו דער תּפילה פון דעם פאַרוואָרלאָזטן,
יאָ, ער האָט נישט פאַראַכט זייער תּפילה.“

יט פאַרשריבן וועט דאָס ווערן פאַר דעם שפּעטערדיקן דור,
און דאָס ניי־געשאַפענע פאָלק וועט לויבן גאָט.
כ וואָרן ער האָט אַראָפּגעלוגט פון דער הייך פון זיין הייליקייט,

כָעֵשֶׂב וַיִּבַשׁ לִבִּי כִּי שָׁכַחְתִּי מֵאֲכֹל לַחְמִי׃ מִקּוֹל אַנְחָתִי
דָּבְקָה עַצְמִי לִבְשָׂרִי׃ דָּמִיתִי לִקְאַת מִדְבָּר הָיִיתִי כְּכוֹס
חֳרָבוֹת׃ שָׁקַדְתִּי וָאֶהְיֶה כְּצִפּוֹר בּוֹדֵד עַל־גָּג׃ כָּל־הַיּוֹם
י חֵרְפוּנִי אוֹיְבָי מְהוֹלָלַי בִּי נִשְׁבָּעוּ׃ כִּי־אֵפֶר כַּלֶּחֶם אָכָלְתִּי
וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי׃ מִפְּנֵי־זַעַמְךָ וְקִצְפֶּךָ כִּי נְשָׂאתַנִי
וַתַּשְׁלִיכֵנִי׃ יָמַי כְּצֵל נָטוּי וַאֲנִי כָּעֵשֶׂב אִיבָשׁ׃ וְאַתָּה
יְהוָה לְעוֹלָם תֵּשֵׁב וְזִכְרְךָ לְדֹר וָדֹר׃ אַתָּה תָקוּם תְּרַחֵם
טו צִיּוֹן כִּי־עֵת לְחֶנְנָהּ כִּי־בָא מוֹעֵד׃ כִּי־רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת־
אֲבָנֶיהָ · וְאֶת־עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ׃ וְיִירְאוּ גוֹיִם אֶת־שֵׁם יְהוָה
וְכָל־מַלְכֵי הָאָרֶץ אֶת־כְּבוֹדֶךָ׃ כִּי־בָנָה יְהוָה צִיּוֹן נִרְאָה
בִּכְבוֹדוֹ׃ פָּנָה אֶל־תְּפִלַּת הָעַרְעָר וְלֹא בָזָה אֶת־תְּפִלָּתָם׃
כ תִּכָּתֶב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל־יָהּ׃ כִּי־הִשְׁקִיף
מִמְּרוֹם קָדְשׁוֹ יְהוָה מִשָּׁמַיִם ׀ אֶל־אֶרֶץ הִבִּיט׃ לִשְׁמֹעַ
אֶנְקַת אָסִיר לְפַתֵּחַ בְּנֵי תְמוּתָה׃ לְסַפֵּר בְּצִיּוֹן שֵׁם יְהוָה
וּתְהִלָּתוֹ בִּירוּשָׁלָםִ׃ בְּהִקָּבֵץ עַמִּים יַחְדָּו וּמַמְלָכוֹת לַעֲבֹד
כה אֶת־יְהוָה׃ עִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחוֹ קִצַּר יָמָי׃ אֹמַר אֵלִי אַל־
תַּעֲלֵנִי בַּחֲצִי יָמָי בְּדוֹר דּוֹרִים שְׁנוֹתֶיךָ׃ לְפָנִים הָאָרֶץ

כד׳ כחי קרי כו׳ פתח באתנח

גאָט האָט פון הימל אַראָפּגעקוקט צו דער ערד,
כא צו הערן דאָס קרעכצן פון דעם געבונדענעם,
צו עפענען פרייַ די קינדער פון שטאַרבן,
כב כדי צו דערציילן אין ציון פון דעם נאָמען פון גאָט,
און זיין לויבגעזאַנג אין ירושלים,
כג ווען די פעלקער וועלן זיין פאַרזאַמלט אינאיינעם,
און די מלוכות, צו דינען גאָט.

כד ער האָט געפּייַניקט אין וועג מיין כוח,
ער האָט געקירצט מיינע טעג.
כה איך זאָג: מיין גאָט, דו זאָלסט מיך נישט לאָזן
אופגיין ביי דער העלפט פון מיינע טעג,
איבער דור־דורות זענען דיינע יאָרן.
כו פון פאַרצייַטנס האָסטו געגרונטפעסטיקט די ערד,
און די טוואונג פון דיינע הענט זענען די הימלען.

כז זיי, זיי וועלן ווערן פאַרלוירן, און דו, דו וועסט באַשטיין,
יאָ, זיי אַלע וועלן פאַרפאַלבן ווי אַ בגד,
ווי אַ מלבוש וועסטו זיי בייטן, און געביטן וועלן זיי זיין.
כח און דו ביסט דערזעלביקער,
און דיינע יאָרן וועלן זיך נישט אויסלאָזן.
כט די קינדער פון דיינע קנעכט וועלן בלייבן וואוינען,
און זייער זאָמען וועט בלייבן פעסט פאַר דיין פּנים.

קג לְדָוִד, בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה, וְכָל־קְרָבַי אֶת־שֵׁם קָדְשׁוֹ

א פון דוִדן.

בענטש, נשמה מיינע, גאָט,
און אַלע מיינע אינעווייניקייטן — דעם נאָמען פון זיין הייליקונג!
ב בענטש, נשמה מיינע, גאָט,
און דו זאָלסט נישט פאַרגעסן אַלע זיינע פאַרגעלטונגען:
ג דעם, וואָס פאַרגיט דיין איטלעכע שולד,
וואָס היילט אַלע דיינע קראַנקהייטן,
ד וואָס לייזט אויס דיין לעבן פון דעם גרוב,
וואָס באַקריינט דיך מיט חסד און רחמים.
ה וואָס זעטיקט מיט גוטס דיין רייפקייט, —
עס זאָל זיך באַנייען ווי דער אָדלער דיין יוגנט.

ו גאָט טוט גערעכטיקייטן,
און רעכטשאַפונגען פאַר אַלע באַדריקטע.
ז ער האָט משהן געלאָזט קענען זיינע וועגן,
זיינע האַנדלונגען — די קינדער פון ישׂראל.
ח דערבאַרעמדיק און לייטזעליק איז גאָט,
געדולדיק און רייך אין חסד.
ט נישט אַף אייביק וועט ער קריגן,
און נישט אַף אייביק וועט ער אופהיטן.

יָסַדְתָּ וּמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ שָׁמָיִם׃ הֵמָּה ׀ יֹאבֵדוּ וְאַתָּה תַּעֲמֹד
וְכֻלָּם כַּבֶּגֶד יִבְלוּ כַּלְּבוּשׁ תַּחֲלִיפֵם וְיַחֲלֹפוּ׃ וְאַתָּה הוּא
וּשְׁנוֹתֶיךָ לֹא יִתָּמּוּ׃ בְּנֵי־עֲבָדֶיךָ יִשְׁכּוֹנוּ וְזַרְעָם לְפָנֶיךָ
קג יִכּוֹן׃ קג לְדָוִד ׀ בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה וְכָל־
קְרָבַי אֶת־שֵׁם קָדְשׁוֹ׃ בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה וְאַל־תִּשְׁכְּחִי
כָּל־גְּמוּלָיו׃ הַסֹּלֵחַ לְכָל־עֲוֺנֵכִי הָרֹפֵא לְכָל־תַּחֲלֻאָיְכִי׃
ה הַגּוֹאֵל מִשַּׁחַת חַיָּיְכִי הַמְעַטְּרֵכִי חֶסֶד וְרַחֲמִים׃ הַמַּשְׂבִּיעַ
בַּטּוֹב עֶדְיֵךְ תִּתְחַדֵּשׁ כַּנֶּשֶׁר נְעוּרָיְכִי׃ עֹשֵׂה צְדָקוֹת יְהוָה
וּמִשְׁפָּטִים לְכָל־עֲשׁוּקִים׃ יוֹדִיעַ דְּרָכָיו לְמֹשֶׁה לִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל עֲלִילוֹתָיו׃ רַחוּם וְחַנּוּן יְהוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב־
י חָסֶד׃ לֹא־לָנֶצַח יָרִיב וְלֹא לְעוֹלָם יִטּוֹר׃ לֹא כַחֲטָאֵינוּ
עָשָׂה לָנוּ וְלֹא כַעֲוֺנֹתֵינוּ גָּמַל עָלֵינוּ׃ כִּי כִגְבֹהַּ שָׁמַיִם
עַל־הָאָרֶץ גָּבַר חַסְדּוֹ עַל־יְרֵאָיו׃ כִּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב
הִרְחִיק מִמֶּנּוּ אֶת־פְּשָׁעֵינוּ׃ כְּרַחֵם אָב עַל־בָּנִים רִחַם
יְהוָה עַל־יְרֵאָיו׃ כִּי־הוּא יָדַע יִצְרֵנוּ זָכוּר כִּי־עָפָר אֲנָחְנוּ׃
טו אֱנוֹשׁ כֶּחָצִיר יָמָיו כְּצִיץ הַשָּׂדֶה כֵּן יָצִיץ׃ כִּי רוּחַ עָבְרָה־
בּוֹ וְאֵינֶנּוּ וְלֹא־יַכִּירֶנּוּ עוֹד מְקוֹמוֹ׃ וְחֶסֶד יְהוָה ׀ מֵעוֹלָם
וְעַד־עוֹלָם עַל־יְרֵאָיו וְצִדְקָתוֹ לִבְנֵי בָנִים׃ לְשֹׁמְרֵי בְרִיתוֹ

י נישט נאָך אונזער זינד נאָך האָט ער אונז געטון,
און נישט נאָך אונזערע שולדיקייטן האָט ער אונז פאַרגעלט,
יא נייערט ווי עס איז הויך דער הימל איבער דער ערד —
איז געוואַלטיק זיין חסד איבער זיינע פאָרכטיקע,
יב ווי ווייט עס איז מזרח פון מערב —
האָט ער דערווייטערט פון אונז אונזערע אָפּטריניקייטן.
יג ווי סע דערבאַרעמט זיך אַ פאָטער איבער קינדער —
האָט זיך גאָט דערבאַרעמט איבער זיינע פאָרכטיקע.
יד וואָרן ער, ער קען אונזער פערעמונג,
ער געדענקט, אַז שטויב זענען מיר.

טו דער מענטש, ווי גראָז זענען זיינע טעג,
ווי די בלום פון דעם פעלד — אַזוי בליט ער:
טז וואָרן אַ ווינט איז איבערגעפאָרן איבער אים — און ער איז נישטאָ,
און זיין אָרט דערקענט אים נישט מער.

יז נאָר דער חֶסד פון גאָט איז פון אייביק און ביז אייביק
איבער זיינע פאָרכטיקע,
און זיין גערעכטיקייט איז פאַר קינדסקינדער,
יח פאַר די היטער פון זיין בונד,
און פאַר די, וואָס געדענקען זיינע באַפעלן, זיי צו טון.

יט גאָט האָט אין הימל געפעסטיקט זיין שטול,
און זיין מַלכות געוועלטיקט איבער אַלץ.
כ בענטשט גאָט, איר מַלאָכים זיינע, —
גיבורים אין כּוח, טוער פון זיין וואָרט, —
ביים צוהערן זיך צום קול פון זיין וואָרט!
כא בענטשט גאָט, איר אַלע זיינע הערשאַרן,
איר באַדינער זיינע, טוער פון זיין ווילן!
כב בענטשט גאָט, איר אַלע זיינע מַעשׂים
אין אַלע ערטער פון זיין געוועלטיקונג!
בענטש, נשָמה מיינע, גאָט!

קד בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה

א בענטש, נשָמה מיינע, גאָט!

גאָט, מיין גאָט, דו ביסט זייער געגרייסט,
פּראַכט און גלאַנץ האָסטו דיר באַקליידט.
ב דער, וואָס הילט אַרום זיך דאָס ליכט ווי אַ געוואַנט,
טוט צעשפּאַנען דעם הימל ווי אַ פאָרהאַנג.

ג דער, וואָס באַלקנט אין וואַסער זיינע אייבער־קאַמערן,
דער, וואָס מאַכט וואָלקנס פאַר זיין רייטוואָגן,
דער, וואָס גייט זיך אום אויף די פליגלען פון ווינט,
ד וואָס מאַכט ווינטן פאַר זיינע באָטשאַפטער,
פלאַקערדיק פייער — זיינע באַדינער, —

וּלְזֹכְרֵי פִקֻּדָיו לַעֲשׂוֹתָם׃ יְהוָה בַּשָּׁמַיִם הֵכִין כִּסְאוֹ
כ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה׃ בָּרְכוּ יְהוָה ׀ מַלְאָכָיו גִּבֹּרֵי כֹחַ
עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ׃ בָּרְכוּ יְהוָה כָּל־צְבָאָיו
מְשָׁרְתָיו עֹשֵׂי רְצוֹנוֹ׃ בָּרְכוּ יְהוָה ׀ כָּל־מַעֲשָׂיו בְּכָל־
מְקֹמוֹת מֶמְשַׁלְתּוֹ בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה׃
קד בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה יְהוָה אֱלֹהַי גָּדַלְתָּ
מְּאֹד הוֹד וְהָדָר לָבָשְׁתָּ׃ עֹטֶה אוֹר כַּשַּׂלְמָה נוֹטֶה שָׁמַיִם
כַּיְרִיעָה׃ הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו הַשָּׂם עָבִים רְכוּבוֹ
הַמְהַלֵּךְ עַל־כַּנְפֵי־רוּחַ׃ עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת מְשָׁרְתָיו
ה אֵשׁ לֹהֵט׃ יָסַד־אֶרֶץ עַל־מְכוֹנֶיהָ בַּל־תִּמּוֹט עוֹלָם וָעֶד׃
תְּהוֹם כַּלְּבוּשׁ כִּסִּיתוֹ עַל־הָרִים יַעַמְדוּ־מָיִם׃ מִן־גַּעֲרָתְךָ
יְנוּסוּן מִן־קוֹל רַעַמְךָ יֵחָפֵזוּן׃ יַעֲלוּ הָרִים יֵרְדוּ בְקָעוֹת
אֶל־מְקוֹם זֶה ׀ יָסַדְתָּ לָהֶם׃ גְּבוּל־שַׂמְתָּ בַּל־יַעֲבֹרוּן בַּל־
י יְשׁוּבוּן לְכַסּוֹת הָאָרֶץ׃ הַמְשַׁלֵּחַ מַעְיָנִים בַּנְּחָלִים בֵּין
הָרִים יְהַלֵּכוּן׃ יַשְׁקוּ כָּל־חַיְתוֹ שָׂדָי יִשְׁבְּרוּ פְרָאִים צְמָאָם׃

ה דער האָט געגרונטפעסטיקט די ערד אַף אירע גרונטפעסטן,
זי זאָל נישט וואַנקען אײביק און אײביק.

ו דער תהום — ווי אַ לבוש, דו האָסט אים צעדעקט,
איבער די בערג זענען געשטאַנען וואַסערן.
ז פון דײַן אָנשרײַען זענען זיי אַנטלאָפן,
פון דעם קול פון דײַן דונער האָבן זיי זיך אַוועקגעאײַלט,
ח — זענען אופגעגאַנגען בערג, האָבן אַראָפגענידערט טאָלן, —
צו דעם אָרט, וואָס דו האָסט געגרונטפעסטיקט פאַר זיי.
ט אַ גרעניץ האָסטו געמאַכט, זיי זאָלן נישט אַריבערגיין,
זיי זאָלן זיך נישט אומקערן, צו באַדעקן די ערד.

י דער, וואָס שיקט אַרויס קוואַלן אין די באָכנבעטן,
— צווישן די בערג טוען זיי גיין,
יא זיי טרינקען אָן אַלע חיות פון פעלד,
וואַלד־אײזלען ברעכן זייער דאָרשט.
יב איבער זיי רוט דאָס געפליגל פון הימל,
פון צווישן די בלעטער גיבן זיי אַרויס אַ קול, —

יג דער טרינקט אָן די בערג פון זיינע אײבער־קאַמערן,
פון דער פרוכט פון דיינע מַעשׂים ווערט געזעטיקט די ערד.

יד ער לאָזט שפּראָצן גראָז פאַר דער בהמה,
און קרייַטעך פאַר דעם דינסט פון דעם מענטש,
אַרויסצוציִען ברויט פון דער ערד,
טו און ווייַן, וואָס דערפרייט דאָס האַרץ פון לייַט,
צו דערהייַטערן דאָס פּנים מער ווי פון אייל,
יאָ, ברויט, וואָס לענט אונטער דאָס האַרץ פון לייַט.
טז סע ווערן געזעטיקט די בייַמער פון גאָט,
די צעדערן פון לבָנון, וואָס ער האָט געפלאַנצט,
יז וואָס דאָרטן נעסטן זיך פייגל:
דער שטאָרך — ציפּרעסן זענען זיין הויז.
יח בערג, די הויכע, זענען פאַר די שטיינבעק,
פעלזן זענען אַ באַשירעמונג פאַר די שפּרינגהאָזן.

יט ער האָט געמאַכט די לבָנה פאַר די צייַט־באַשטימונגען,
די זון, וואָס זי קען איר אונטערגאַנג.
כ דו מאַכסט פינסטערניש, און ווערט עס נאַכט —
ווימלען זיך אין איר אַלע חיות פון וואַלד:
כא די יונגע לייבן ברילן נאָך פאַרצוקונג,
און פאָדערן פון גאָט זייער נערונג.
כב שייַנט אויף די זון — זאַמלען זיי זיך איַין,
און אין זייערע וואוין־נאָרעס הויערן זיי,
כג דער מענטש גייט אַרויס צו זיין ווערק,
און צו זיין אַרבעט ביז פאַרנאַכט.

כד ווי פילצאָליק זענען דיינע מַעשׂים, גאָט!
זיי אַלע האָסטו געמאַכט מיט חָכמה.
די ערד איז פאַרפול פון דיין אייגנס.

עֲלֵיהֶם עוֹף־הַשָּׁמַיִם יִשְׁכּוֹן מִבֵּין עֳפָאיִם יִתְּנוּ־קוֹל : מַשְׁקֶה
הָרִים מֵעֲלִיּוֹתָיו מִפְּרִי מַעֲשֶׂיךָ תִּשְׂבַּע הָאָרֶץ : מַצְמִיחַ ׀
חָצִיר ׀ לַבְּהֵמָה וְעֵשֶׂב לַעֲבֹדַת הָאָדָם לְהוֹצִיא לֶחֶם מִן־
טו הָאָרֶץ : וְיַיִן ׀ יְשַׂמַּח לְבַב־אֱנוֹשׁ לְהַצְהִיל פָּנִים מִשָּׁמֶן
וְלֶחֶם לְבַב־אֱנוֹשׁ יִסְעָד : יִשְׂבְּעוּ עֲצֵי יְהוָה אַרְזֵי לְבָנוֹן
אֲשֶׁר נָטָע : אֲשֶׁר־שָׁם צִפֳּרִים יְקַנֵּנוּ חֲסִידָה בְּרוֹשִׁים
בֵּיתָהּ : הָרִים הַגְּבֹהִים לַיְּעֵלִים סְלָעִים מַחְסֶה לַשְׁפַנִּים :
כ עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים שֶׁמֶשׁ יָדַע מְבוֹאוֹ : תָּשֶׁת־חֹשֶׁךְ וִיהִי
לָיְלָה בּוֹ־תִרְמֹשׂ כָּל־חַיְתוֹ־יָעַר : הַכְּפִירִים שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף
וּלְבַקֵּשׁ מֵאֵל אָכְלָם : תִּזְרַח הַשֶּׁמֶשׁ יֵאָסֵפוּן וְאֶל־מְעוֹנֹתָם
יִרְבָּצוּן : יֵצֵא אָדָם לְפָעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ עֲדֵי־עָרֶב : מָה־
רַבּוּ ׀ מַעֲשֶׂיךָ ׀ יְהוָה כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ מָלְאָה הָאָרֶץ
כה קִנְיָנֶךָ : זֶה ׀ הַיָּם גָּדוֹל וּרְחַב יָדָיִם שָׁם־רֶמֶשׂ וְאֵין מִסְפָּר
חַיּוֹת קְטַנּוֹת עִם־גְּדֹלוֹת , שָׁם אֳנִיּוֹת יְהַלֵּכוּן לִוְיָתָן זֶה ׀
יָצַרְתָּ לְשַׂחֶק־בּוֹ : כֻּלָּם אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּן לָתֵת אָכְלָם בְּעִתּוֹ :
תִּתֵּן לָהֶם יִלְקֹטוּן תִּפְתַּח יָדְךָ יִשְׂבְּעוּן טוֹב : תַּסְתִּיר פָּנֶיךָ
ל יִבָּהֵלוּן תֹּסֵף רוּחָם יִגְוָעוּן וְאֶל־עֲפָרָם יְשׁוּבוּן : תְּשַׁלַּח

קד׳ יח׳ השין רפה

כה דאָ איז דער יַם, גרויס און ברייַט־הענטיק,
דאָרט איז אַווימלונג, און אָן אַ צאָל:
חַיוֹת, קליינע מיט גרויסע!

כו דאָרט טוען אומגיין שיפן,
דער לִוְיָתָן—דעם, וואָס דו האָסט געפערעמט, צו שפּילן זיך אין אים.

כז זיי אַלע טוען האַרן אַף דיר,
צו געבן זייער נערונג אין איר שָעה.

כח דו גיסט זיי, זיי קלויבן אוף,
דו עפנסט דיין האַנט, זעטיקן זיי זיך מיט גוטס.

כט דו פאַרבאָרגסט דיין פָּנים, ווערן זיי געפּלעפט,
דו זאַמלסט איין זייער אָטעם, פאַרגייען זיי,
און צו זייער שטויב קערן זיי זיך אום.

ל דו שיקסט אַרויס דיין אָטעם, ווערן זיי באַשאַפן,
און דו באַנייַסט דאָס פָּנים פון דער ערד.

לא זאָל זיין דער כָּבוד פון גאָט אַף אייביק,
זאָל פרייען זיך גאָט אין זיינע מַעשׂים!
לב דער, וואָס קוקט אַראָפּ צו דער ערד, און זי ציטערט,
דער רירט אָן די בערג, און זיי רייכערן זיך.
לג איך וויל זינגען צו גאָט ביי מיין לעבן,
איך וויל לויבשפּילן צו מיין גאָט אין מיין דאַאיקייט.
לד זאָל אים זיין אָנגענעם מיין דיכטן!
איך, איך טו מיך פרייען מיט גאָט.
לה זאָלן זיך אויסלאָזן די זינדיקע פון דער ערד,
און די רשָעים, זיי זאָלן מער נישט זיין.

בענטש, נשָמה מיינע, גאָט!
הַלְלוּיָה — לויבט גאָט!

קה הוֹדוּ לַיהוָֹה, קִרְאוּ בִשְׁמוֹ

א טוט דאַנקלויבן גאָט, רופט אויס זיין נאָמען,
לאָזט קענען צווישן די אומות זיינע האַנדלונגען!
ב זינגט צו אים, טוט לויבשפּילן צו אים,
שמועסט וועגן אַלע זיינע וואונדער!
ג רימט אייך אין דעם נאָמען פון זיין הייליקונג,
לאָז זיך פרייען דאָס האַרץ פון די זוכער פון גאָט.
ד פאָרשט גאָט און זיין מאַכט,
זוכט תָּמיד זיין פָּנים!
ה געדענקט זיינע וואונדער, וואָס ער האָט געטון,
זיינע מופתים און די רעכטשאָפונגען פון זיין מויל,
ו זאָמען פון אַבְרָהָמען, זיין קנעכט,
זין פון יַעקבן, זיינע אויסדערוויילטע!

ז ער איז גאָט, אונזער גאָט,
איבער דער גאַנצער ערד זענען זיינע רעכטשאָפונגען.

רוּחֲךָ יִבָּרֵאוּן וּתְחַדֵּשׁ פְּנֵי אֲדָמָה׃ יְהִי כְבוֹד יְהוָה
לְעוֹלָם יִשְׂמַח יְהוָה בְּמַעֲשָׂיו׃ הַמַּבִּיט לָאָרֶץ וַתִּרְעָד יִגַּע
בֶּהָרִים וְיֶעֱשָׁנוּ׃ אָשִׁירָה לַיהוָה בְּחַיָּי אֲזַמְּרָה לֵאלֹהַי
לה בְּעוֹדִי׃ יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּיהוָה׃ יִתַּמּוּ
חַטָּאִים ׀ מִן־הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים ׀ עוֹד אֵינָם בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־
קה יְהוָה הַלְלוּ־יָהּ׃ קה הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ
הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ שִׁירוּ־לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל־
נִפְלְאוֹתָיו׃ הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב ׀ מְבַקְשֵׁי
ה יְהוָה׃ דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד׃ זִכְרוּ
נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו׃ זֶרַע אַבְרָהָם
עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ
מִשְׁפָּטָיו׃ זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר׃
י אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃ וַיַּעֲמִידֶהָ
לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת־
אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃ בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט
וְגָרִים בָּהּ׃ וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל־גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם
אַחֵר׃ לֹא־הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים׃

ח ער געדענקט אַף אייביק זיין בונד,
—דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געבאָטן, ביז דעם טויזנטסטן דור,—
ט וואָס ער האָט פאַרשניטן מיט אַברָהָמען,
און זיין שבועה צו יִצחָקן;
י און ער האָט דאָס אופגעשטעלט פאַר יַעקבן פאַר אַ חָק,
פאַר יִשׂרָאלן—אַן אייביקן בונד,
יא אַזוי צו זאָגן: „דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד כּנַען,
די מעסטשנור פון אייער נַחלה."

יב ווען זיי זענען געווען געציילטע לייט,
אַזוי ווינציק, און גֵרים דערין,
יג און זיי זענען אומגעגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט,
פון אַ מלוכה צו אַ פאָלק, אַן אַנדערן,
יד האָט ער נישט געלאָזט קיין מענטש, זיי צו באַדריקן,
און ער האָט געשטראָפט איבער זיי מלָכים:

טו „איר זאָלט נישט אָנרירן מיינע געזאַלבטע,
און מיינע נביאים זאָלט איר נישט טון קיין בייז!"

טז ווען ער האָט גערופן אַ הונגער איבערן לאַנד,
האָט צעבראָכן איטלעכן שטאָב ברויט, —
יז האָט ער געשיקט פאָראויס פאַר זיי אַ מענטש:
פאַר אַ קנעכט איז יוסף געוואָרן פאַרקויפט.
יח זיי האָבן געפּייַניקט זיין פוס מיט דער קייט,
אין אייַזן אַריין איז געקומען זיין נֶפש,
יט ביז דער שָעה, ווען עס איז געקומען זיין וואָרט,
דער זאָג פון גאָט האָט אים דורכגעשמאָלצן:
כ ער האָט געשיקט אַ מֶלך, און דער האָט אים אופגעבונדן,
אַ געוועלטיקער פון פעלקער, און דער האָט אים געעפנט,
כא ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער זיין הויז,
און פאַר אַ געוועלטיקער איבער זיין גאַנץ אייגנס,
כב צו קענען בינדן זיינע האַרן דורך זיין נֶפש,
און זיינע עלטסטע זאָל ער מאַכן קלוג.
כג אַזוי איז יִשׂרָאֵל געקומען קיין מִצרַיִם,
און יַעקב איז געבליבן וויילן אין דעם לאַנד פון חָם.

כד און ער האָט געלאָזט זיין פאָלק פרוכפּערן זיך,
און האָט זיי געמאַכט שטאַרקער פון זיינע באַדרענגער.
כה ער האָט פאַרקערט זייער האַרץ, פייַנט צו האָבן זיין פאָלק,
צו קליגן זיך קעגן זיינע קנעכט.
כו ער האָט געשיקט משהן, זיין קנעכט,
אַהרֹנען, וואָס ער האָט אים אויסדערווײלט.
כז זיי האָבן געטון אין זיי די רייד פון זיינע צייכנס,
און מוֹפתים אין דעם לאַנד פון חָם:
כח ער האָט געשיקט פינסטערניש, און עס איז געוואָרן פינסטער,
— און זיי האָבן נישט ווידערגעשפּעניקט זיין וואָרט. —

טו אַל־תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל־תָּרֵעוּ׃ וַיִּקְרָא רָעָב עַל־
הָאָרֶץ כָּל־מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר׃ שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד
נִמְכַּר יוֹסֵף׃ עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלָיו בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ׃ עַד־
כ עֵת בֹּא־דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ׃ שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ
מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־
קִנְיָנוֹ׃ לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ וַיָּבֹא
יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם׃ וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד
כה וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו׃ הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל
בַּעֲבָדָיו׃ שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר־בּוֹ׃ שָׂמוּ־בָם
דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃ שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא
מָרוּ אֶת־דְּבָרָיו׃ הָפַךְ אֶת־מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת־דְּגָתָם׃
ל שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃ אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים
בְּכָל־גְּבוּלָם׃ נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ וַיַּךְ
גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם׃ אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה וְיֶלֶק
לה וְאֵין מִסְפָּר׃ וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃
וַיַּךְ כָּל־בְּכוֹר בְּאַרְצָם רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃ וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף

קה׳ יח׳ רגלו קרי **כח׳ דברו ק׳**

כט ער האָט פאַרקערט זייערע וואַסערן אין בלוט,
און ער האָט געטייט זייערע פיש.
ל ער האָט געלאָזט ווידמענען זייער לאַנד פרעש,
אין די קאַמערן אַריין פון זייערע מלכים.
לא ער האָט געזאָגט, און עס איז געקומען די שטעכפליג,
לייז – אין זייער גאַנצער גרעניץ.
לב ער האָט שטאָט זייערע רעגנס געגעבן האָגל,
פלאַמען פייער אין זייער לאַנד,
לג און ער האָט געשלאָגן זייער ווייַנשטאָק און זייער פייַגנבוים,
און האָט צעבראָכן דאָס געהילץ פון זייער גרעניץ.
לד ער האָט געזאָגט, און עס איז געקומען דער הייַשעריק,
און דער זעגוואָרים, גאָר אָן אַ צאָל,
לה און ער האָט אופגעפרעסן איטלעכן קרייַטעך אין זייער לאַנד,
און האָט אופגעפרעסן די פרוכט פון זייער ערד.
לו און ער האָט דערשלאָגן איטלעכן בכור אין זייער לאַנד,
דעם ערשטלינג פון זייער גאַנצער מענערקראַפט.

לז און ער האָט זיי אַרויסגעצויגן מיט זילבער און גאָלד,
און עס איז נישט געווען צווישן זיינע שבָטים קיין שטרויכלדיקער.
לח מִצרַיִם האָט זיך געפרייט מיט זייער אַרויסגיין,
ווארן זייער פַּחד איז געפאַלן אַף זיי.

לט ער האָט אויסגעשפרייט אַ וואָלקן פאַר אַ דעק,
און אַ פייַער, צו באַלייַכטן די נאַכט.
מ מע האָט פאַרלאַנגט, און ער האָט געברענגט דעם וואַכטל,
און מיט דעם ברויט פון הימל האָט ער זיי געזעטיקט.
מא ער האָט געעפנט אַ פעלזנשטיין, און גערונען זענען וואַסערן,
זיי זענען געגאַנגען, אַ שטראָם אין די ווּסטענישן.
מב ווארן ער האָט געדענקט זיין הייליק וואָרט
צו אַברָהָמען, זיין קנעכט.
מג און ער האָט אַרויסגעצויגן זיין פאָלק אין אַנטציקן,
אין יובל – זיינע אויסדערוויילטע.
מד און ער האָט זיי געגעבן די לענדער פון די וועלטשטאַמען,
און די מי פון די אומות האָבן זיי געירשנט,
מה כדי זיי זאָלן קענען היטן זיינע געזעצן,
און זיינע לערנונגען זאָלן זיי קענען באַוואָרן.

הַלְלוּיָה – לויבט גאָט!

קו הַלְלוּיָה. הוֹדוּ לַיהוָֹה, כִּי־טוֹב, כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. מִי יְמַלֵּל גְּבוּרוֹת יְהוָֹה

א הַלְלוּיָה – לויבט גאָט!

– טוט דאַנקלויבן גאָט, ווארן ער איז גוט,
ווארן אַף אייביק איז זיין חֶסד.

ב – ווער קאָן אויסרעדן די גבורות פון גאָט,
לאָזן הערן אַל זיין לויבגעזאַנג?!

וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל׃ שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם כִּי־נָפַל
פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה׃
מ שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ
מָיִם הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר׃ כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ אֶת־
אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃ וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן בְּרִנָּה אֶת־בְּחִירָיו׃
מה וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ בַּעֲבוּר ׀
קו יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ הַלְלוּ־יָהּ׃ קו הַלְלוּ
יָהּ ׀ הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ מִי יְמַלֵּל
גְּבוּרוֹת יְהוָה יַשְׁמִיעַ כָּל־תְּהִלָּתוֹ׃ אַשְׁרֵי שֹׁמְרֵי מִשְׁפָּט
עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל־עֵת׃ זָכְרֵנִי יְהוָה בִּרְצוֹן עַמֶּךָ פָּקְדֵנִי
ה בִּישׁוּעָתֶךָ׃ לִרְאוֹת ׀ בְּטוֹבַת בְּחִירֶיךָ לִשְׂמֹחַ בְּשִׂמְחַת
גּוֹיֶךָ לְהִתְהַלֵּל עִם־נַחֲלָתֶךָ׃ חָטָאנוּ עִם־אֲבוֹתֵינוּ הֶעֱוִינוּ
הִרְשָׁעְנוּ׃ אֲבוֹתֵינוּ בְמִצְרַיִם ׀ לֹא־הִשְׂכִּילוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ לֹא
זָכְרוּ אֶת־רֹב חֲסָדֶיךָ וַיַּמְרוּ עַל־יָם בְּיַם־סוּף׃ וַיּוֹשִׁיעֵם
לְמַעַן שְׁמוֹ לְהוֹדִיעַ אֶת־גְּבוּרָתוֹ׃ וַיִּגְעַר בְּיַם־סוּף וַיֶּחֱרָב

קה׳ מ׳ שליו קרי

ג —וואויל איז די היטער פון רעכט,
ווער סע טוט גערעכטיקייט אין יעדער שָעה.

ד —געדענק מיך, גאָט, ביי דער באַוויליקונג פון דיין פאָלק,
דערמאַן מיך אין דיין ישועה,
ה צו קענען זען דאָס גוטס פון דיינע אויסדערוויילטע,
צו פרייען מיך אין דער פרייד פון דיין שטאַם,
צו רימען מיך מיט דיין אַרבטייל!

ו מיר מיט אונזערע אָבות האָבן געזינדיקט,
מיר האָבן זיך פאַרשולדיקט, מיר האָבן געטון רְשעות.

ז אונזערע אָבות אין מִצרַיִם האָבן נישט באַקלערט דיינע וואונדער,
זיי האָבן נישט געדענקט די פולע פון דיינע חֲסָדים.
און זיי האָבן ווידערגעשפעניקט לעבן יַם, ביי דעם יַם־סוף.
ח דאָך ער האָט זיי באַפרייט פון זיין נאָמען וועגן,
צו לאָזן דערקענען זיין גבורה.

ט אונ ער האָט אָנגעשריגן אַף דעם יַם־סוף, און ער איז געוואָרן טרוקן,
און ער האָט זיי געפירט דורך די תּהומען ווי דורך אַ מִדבר.
י און ער האָט זיי באַפרייט פון דער האַנט פון דעם שׂונא,
און האָט זיי אויסגעלייזט פון דער האַנט פון דעם פּײַנט.
יא און די וואַסערן האָבן באַדעקט זייערע באַדרענגער,
קיין איינציקער פון זיי איז נישט איבערגעבליבן.
יב און זיי האָבן געגלייבט אין זיינע רייד,
זיי האָבן געזונגען זיין לויבגעזאַנג.

יג גיך האָבן זיי פאַרגעסן זיינע מַעשׂים,
זיי האָבן נישט געוואַרט אַף זיין עֵצה,
יד און זיי האָבן געגלוסט אַ גלוסטונג אין דער מִדבר,
און האָבן געפּריווט גאָט אין דער וויסטעניש.
טו און ער האָט זיי געגעבן זייער פאַרלאַנג,
נאָר ער האָט געשיקט די אויסצערונג אין זייער נֶפש.

טז און זיי האָבן זיך מְתקַנא געווען אָן משהן אין דער מַחנה,
אָן אַהרֹנען, דעם געהייליקטן פון גאָט.
יז האָט זיך געעפנט די ערד און זי האָט איינגעשלונגען דָתָנען,
און זי האָט צוגעדעקט די געמיינדע פון אַבירָמען.
יח און אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין זייער געמיינדע,
אַ פלאַם האָט פאַרפלאַקערט די רשָעים.

יט זיי האָבן געמאַכט אַן עֵגל אין חורב,
און זיי האָבן זיך געבוקט צו אַ גאָסבילד.
כ און זיי האָבן פאַרביטן זייער הערלעכן
אַף דער געשטאַלט פון אַן אָקס, וואָס עסט קרײַטעך.
כא זיי האָבן פאַרגעסן גאָט, זייער באַפרײַער,
וואָס האָט געטון גרויסקייטן אין מִצרַיִם,
כב וואונדער אין דעם לאַנד פון חָם,
פאָרכטיקייטן ביי דעם יַם־סוף.

י וַיּוֹלִיכֵם בַּתְּהֹמוֹת כַּמִּדְבָּר : וַיּוֹשִׁיעֵם מִיַּד שׂוֹנֵא וַיִּגְאָלֵם
מִיַּד אוֹיֵב : וַיְכַסּוּ־מַיִם צָרֵיהֶם אֶחָד מֵהֶם לֹא נוֹתָר :
וַיַּאֲמִינוּ בִדְבָרָיו יָשִׁירוּ תְּהִלָּתוֹ : מִהֲרוּ שָׁכְחוּ מַעֲשָׂיו לֹא
חִכּוּ לַעֲצָתוֹ : וַיִּתְאַוּוּ תַאֲוָה בַּמִּדְבָּר וַיְנַסּוּ־אֵל בִּישִׁימוֹן :
טו וַיִּתֵּן לָהֶם שֶׁאֱלָתָם וַיְשַׁלַּח רָזוֹן בְּנַפְשָׁם : וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה
בַּמַּחֲנֶה לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ יְהוָה : תִּפְתַּח־אֶרֶץ וַתִּבְלַע דָּתָן
וַתְּכַס עַל־עֲדַת אֲבִירָם : וַתִּבְעַר־אֵשׁ בַּעֲדָתָם לֶהָבָה תְּלַהֵט
כ רְשָׁעִים : יַעֲשׂוּ־עֵגֶל בְּחֹרֵב וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְמַסֵּכָה : וַיָּמִירוּ
אֶת־כְּבוֹדָם בְּתַבְנִית שׁוֹר אֹכֵל עֵשֶׂב : שָׁכְחוּ אֵל מוֹשִׁיעָם
עֹשֶׂה גְדֹלוֹת בְּמִצְרָיִם : נִפְלָאוֹת בְּאֶרֶץ חָם נוֹרָאוֹת עַל־
יַם־סוּף : וַיֹּאמֶר לְהַשְׁמִידָם לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ עָמַד בַּפֶּרֶץ
לְפָנָיו לְהָשִׁיב חֲמָתוֹ מֵהַשְׁחִית : וַיִּמְאֲסוּ בְּאֶרֶץ חֶמְדָּה
כה לֹא־הֶאֱמִינוּ לִדְבָרוֹ : וַיֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיהֶם לֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹל
יְהוָה : וַיִּשָּׂא יָדוֹ לָהֶם לְהַפִּיל אוֹתָם בַּמִּדְבָּר : וּלְהַפִּיל
זַרְעָם בַּגּוֹיִם וּלְזָרוֹתָם בָּאֲרָצוֹת : וַיִּצָּמְדוּ לְבַעַל פְּעוֹר
וַיֹּאכְלוּ זִבְחֵי מֵתִים : וַיַּכְעִיסוּ בְּמַעַלְלֵיהֶם וַתִּפְרָץ־בָּם

כג און ער האָט געזאָגט – צו פאַרטיליקן זיי,
ווען סע וואָלט נישט געווען משה, זיין אויסדערוויילטער:
ער האָט זיך געשטעלט פאַר אים אין דעם איינבראָך,
אָפּצוקערן זיין גרימצאָרן פון דעם פאַרדאַרבן.

כד יאָ, זיי האָבן פאַרמיאוסט דאָס גלוסטיקע לאַנד,
זיי האָבן נישט געגלייבט אין זיין וואָרט,
כה און זיי האָבן געפּילדערט אין זייערע געצעלטן,
זיי האָבן זיך נישט צוגעהערט צו דעם קול פון ג א ט.
כו און ער האָט אופגעהויבן זיין האַנט קעגן זיי,
צו לאָזן פאַלן זיי אין דער מדבר,
כז און צו לאָזן פאַלן זייער זאָמען צווישן די שטאַמען,
און צו צעשויפלען זיי צווישן די לענדער.

כח און זיי האָבן זיך פאַריאָכט צו דעם בעל פון פעור,
און האָבן געגעסן שלאַכט־אָפּער פאַר טויטע.

כט און זיי האָבן דערצערנט מיט זייערע האַנדלונגען,
און סע האָט אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ מַגֵפה.
ל און פִּינחס האָט זיך אַוועקגעשטעלט און ער האָט געטומען רעכטן,
און די מַגֵפה איז געוואָרן איינגעהאַלטן.
לא און אים איז דאָס געוואָרן גערעכנט פאַר אַ גערעכטיקייט
אַף דור־דורות, ביז אייביק.

לב און זיי האָבן דערגרימט ביי דעם וואַסער פון מריבָה,
און משהן איז געשען אַ רָעה איבער זיי,
לג וואָרן זיי האָבן פאַרביטערט זיין געמיט,
און ער האָט זיך אַרויסגערעדט מיט זיינע ליפּן.

לד זיי האָבן נישט פאַרטיליקט די פעלקער,
וואָס גאָט האָט זיי אָנגעזאָגט,
לה און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די וועלטשטאַמען,
און האָבן זיך אָפּגעלערנט ווייערע מַעשים,
לו און זיי האָבן געדינט זייערע געצן,
און זיי זענען געוואָרן פאַר זיי אַ פאַרשטריקונג:
לז יאָ, זיי האָבן געשלאַכט זייערע זין
און זייערע טעכטער צו די שֵדים,
לח און זיי האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט,
בלוט פון זייערע זין און זייערע טעכטער,
וואָס זיי האָבן געשלאַכט צו די געצן פון כּנַען,—
און דאָס לאַנד איז געוואָרן איינגעריכט אין בלוטשולדיקייטן.
לט און זיי האָבן זיך מטַמֵא געווען מיט זייערע מַעשים,
און האָבן זיך פאַרבולט מיט זייערע האַנדלונגען.

מ און סע האָט געגרימט דער צאָרן פון גאָט קעגן זיין פאָלק,
און ער האָט פאַראומווערדיקט זיין אַרבטייל.
מא און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די וועלטשטאַמען,
און סע האָבן געוועלטיקט איבער זיי זייערע שונאים,

ל מַגֵּפָה׃ וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה׃ וַתֵּחָשֶׁב
לוֹ לִצְדָקָה לְדֹר וָדֹר עַד־עוֹלָם׃ וַיַּקְצִיפוּ עַל־מֵי מְרִיבָה
וַיֵּרַע לְמֹשֶׁה בַּעֲבוּרָם׃ כִּי־הִמְרוּ אֶת־רוּחוֹ וַיְבַטֵּא בִּשְׂפָתָיו׃
לד לֹא־הִשְׁמִידוּ אֶת־הָעַמִּים אֲשֶׁר אָמַר יְהֹוָה לָהֶם׃ וַיִּתְעָרְבוּ
בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם׃ וַיַּעַבְדוּ אֶת־עֲצַבֵּיהֶם וַיִּהְיוּ לָהֶם
לְמוֹקֵשׁ׃ וַיִּזְבְּחוּ אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנוֹתֵיהֶם לַשֵּׁדִים׃
וַיִּשְׁפְּכוּ דָם נָקִי דַּם־בְּנֵיהֶם וּבְנוֹתֵיהֶם אֲשֶׁר זִבְּחוּ לַעֲצַבֵּי
כְנָעַן וַתֶּחֱנַף הָאָרֶץ בַּדָּמִים׃ וַיִּטְמְאוּ בְמַעֲשֵׂיהֶם וַיִּזְנוּ
מ בְּמַעַלְלֵיהֶם׃ וַיִּחַר־אַף יְהֹוָה בְּעַמּוֹ וַיְתָעֵב אֶת־נַחֲלָתוֹ׃
וַיִּתְּנֵם בְּיַד־גּוֹיִם וַיִּמְשְׁלוּ בָהֶם שֹׂנְאֵיהֶם׃ וַיִּלְחָצוּם
אוֹיְבֵיהֶם וַיִּכָּנְעוּ תַּחַת יָדָם׃ פְּעָמִים רַבּוֹת יַצִּילֵם וְהֵמָּה
יַמְרוּ בַעֲצָתָם וַיָּמֹכּוּ בַּעֲוֹנָם׃ וַיַּרְא בַּצַּר לָהֶם בְּשָׁמְעוֹ
מה אֶת־רִנָּתָם׃ וַיִּזְכֹּר לָהֶם בְּרִיתוֹ וַיִּנָּחֵם כְּרֹב חֲסָדָו׃ וַיִּתֵּן
אוֹתָם לְרַחֲמִים לִפְנֵי כָּל־שׁוֹבֵיהֶם׃ הוֹשִׁיעֵנוּ ׀ יְהֹוָה
אֱלֹהֵינוּ וְקַבְּצֵנוּ מִן־הַגּוֹיִם לְהֹדוֹת לְשֵׁם קָדְשֶׁךָ לְהִשְׁתַּבֵּחַ

ק׳ מה׳ חסדיו קרי

מב און סע האָבן זיי איינגעקלעמט זייערע פיינט,
און זיי זענען געוואָרן אונטערטעניק אונטער זייער האַנט.
מג אַ סך מאָל האָט ער זיי מציל געווען,
נאָר זיי האָבן ווידערגעשפעניקט אין זייער באַראָטונג,
און זיי זענען געזונקען דורך זייער שולדיקייט.
מד און ער האָט זיי געזען אין דער באַדרענגטקייט,
ווען ער האָט געהערט זייער קלאָג־געשריי,
מה און ער האָט זיי געדענקט זיין בונד,
און האָט באַרייַט נאָך דער פולע נאָך פון זיינע חסדים,
מו און ער האָט זיי געגעבן, צו געפינען דערבאַרעמונג
ביי אַלע זייערע פענגער.

מז באַפריי אונז, גאָט, אונזער גאָט,
און זאַמל אונז צונויף פון צווישן די וועלטשטאַמען,
צו דאַנקלויבן דעם נאָמען פון דיין הייליקונג,
צו רימען זיך אין דיין לויבגעזאַנג.

מח געבענטשט איז גאָט, דער גאָט פון ישׂראל,
פון דער אײביקייט און ביז דער אײביקייט!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!

הללויה – לויבט גאָט!

דאָס פיפטע ספר

קז הדו ליהוה, כי־טוב, כי לעולם חסדו. יאמרו גאולי יהוה

א „טוט דאַנקלויבן גאָט, וואָרן ער איז גוט,
וואָרן אַף אײביק איז זײן חסד!"–
ב זאָלן עס זאָגן די אויסגעלײזטע פון גאָט,
די, וואָס ער האָט אויסגעלײזט פון דער האַנט פון באַדרענגונג,
ג און האָט זײ צונויפגעזאַמלט פון די לענדער,
פון מזרח און פון מערב,
פון צפון און פון דעם ים.

ד זײ האָבן געבלאָנדזשעט אין דער מדבר,
אין דער וויסטע אַ וועג,
אַ באַזעצטע שטאָט – האָבן זײ נישט געפונען.
ה הונגערנדיקע, אויך דאָרשטנדיקע,
איז זײער נפש געווען פאַרשמאַכט אין זײ.
ו און זײ האָבן געשריגן צו גאָט אין זײער באַדרענגונג,
האָט ער זײ מציל געווען פון זײערע נויטן,
ז און ער האָט זײ געלאָזט טרעטן אַף אַ גלײכן וועג,
צו גײן צו אַ באַזעצטער שטאָט:
ח זײ מעגן דאַנקלויבן גאָט פאַר זײן חסד
און זײנע וואונדער צו די מענטשנקינדער.

בִּתְהִלָּתֶךָ׃ בָּרוּךְ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מִן־הָעוֹלָם ׀ וְעַד
הָעוֹלָם וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן הַלְלוּ־יָהּ׃ ספר חמישי

ספר חמישי

קז הֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
יֹאמְרוּ גְּאוּלֵי יְהוָה אֲשֶׁר גְּאָלָם מִיַּד־צָר׃ וּמֵאֲרָצוֹת קִבְּצָם
מִמִּזְרָח וּמִמַּעֲרָב מִצָּפוֹן וּמִיָּם׃ תָּעוּ בַמִּדְבָּר בִּישִׁימוֹן
ה דֶּרֶךְ עִיר מוֹשָׁב לֹא מָצָאוּ׃ רְעֵבִים גַּם־צְמֵאִים נַפְשָׁם
בָּהֶם תִּתְעַטָּף׃ וַיִּצְעֲקוּ אֶל־יְהוָה בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם
יַצִּילֵם׃ וַיַּדְרִיכֵם בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה לָלֶכֶת אֶל־עִיר מוֹשָׁב׃
יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ כִּי־הִשְׂבִּיעַ נֶפֶשׁ
י שֹׁקֵקָה וְנֶפֶשׁ רְעֵבָה מִלֵּא־טוֹב׃ יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת אֲסִירֵי
עֳנִי וּבַרְזֶל׃ כִּי־הִמְרוּ אִמְרֵי־אֵל וַעֲצַת עֶלְיוֹן נָאָצוּ׃
וַיַּכְנַע בֶּעָמָל לִבָּם כָּשְׁלוּ וְאֵין עֹזֵר׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה בַּצַּר
לָהֶם מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם׃ יוֹצִיאֵם מֵחֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת
טו וּמוֹסְרוֹתֵיהֶם יְנַתֵּק׃ יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי

ט ווָאָרן ער האָט געזעטיקט דאָס לעכצנדיקע נֶפֶש,
און דאָס הונגערנדיקע נֶפֶש האָט ער אָנגעפילט מיט גוטס.

י די, וואָס זענען געזעסן אין פינסטערניש און טויטשאָטן,
געבונדן אין פּיַין און אײַזן,
יא —וואָרן זיי האָבן ווידערגעשפּעניקט די זאָגן פון גאָט,
און די ראָטונג פון דעם אײבערשטן האָבן זיי פאַראָפּשײַט,
יב דעריבער האָט ער געמאַכט אונטערטעניק זייער האַרץ מיט מידיקייט,
זיי האָבן געשטרויכלט, און עס איז נישט געווען קיין העלפער, —
יג און זיי האָבן געשריגן צו גאָט אין זייער באַדרענגונג,
האָט ער זיי באַפרייט פון זייערע נויטן,
יד ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון פינסטערניש און טויטשאָטן,
און האָט צעריסן זייערע בענדער:

טו זיי מעגן דאַנקלויבן גאָט פאַר זיין חֶסד
און זיינע וואונדער צו די מענטשנקינדער.
טז וואָרן ער האָט צעבראָכן די קופּערנע טירן,
און די אייַזערנע ריגלען האָט ער צעהאַקט.

יז נאַראָנים, פונוועגן דעם וועג פון זייער אָפּטריניקייט,
און פונוועגן זייערע שולדיקייטן – זענען זיי געוואָרן געפּייניקט,
יח – זייער נֶפש האָט פאַראומווערדיקט יעדע נערונג,
און זיי האָבן דערגרייכט ביז די טויערן פון טויט, –
יט און זיי האָבן געשריגן צו גאָט אין זייער באַדרענגונג,
האָט ער זיי באַפרייט פון זייערע נויטן,
כ ער האָט געשיקט זיין וואָרט, און האָט זיי געהיילט,
און ער האָט זיי געלאָזט אַנטרינען פון זייערע פאַלגריבער:
כא זיי מעגן דאַנקלויבן גאָט פאַר זיין חֶסד
און זיינע וואונדער צו די מענטשנקינדער,
כב און זיי מעגן שלאַכטן שלאַכט־אָפּער פון דאַנקלויב,
און דערציילן פון זיינע מַעשׂים מיט יובל.

כג די, וואָס נידערן אַראָפּ אין שיפן אַף דעם יַם,
וואָס טוען אַרבעט אַף גרויסע וואַסערן, –
כד זיי, זיי האָבן געזען די מַעשׂים פון גאָט,
און זיינע וואונדער אין ווירבל,
כה – ווי ער האָט געזאָגט און געלאָזט אופשטיין אַ שטורעמווינט,
און דער האָט אופגעהויבן זיינע אינדן, –
כו זיי זענען אַרוף הימל־הויך, האָבן אַראָפּגענידערט תְּהוֹמען־טיף,
זייער נֶפש איז זיך צעגאַנגען אין דעם אומגליק,
כז זיי האָבן זיך געדרייט און געוואַקלט ווי אַ שיכּור,
און זייער גאַנצע חָכמה איז געוואָרן פאַרשלונגען, –
כח און זיי האָבן געשריגן צו גאָט אין זייער באַדרענגונג,
און ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון זייערע נויטן.

אָדָם׃ כִּֽי־שִׁבַּר דַּלְתוֹת נְחֹשֶׁת וּבְרִיחֵי בַרְזֶל גִּדֵּעַ׃
אֱוִלִים מִדֶּרֶךְ פִּשְׁעָם וּמֵעֲוֺנֹתֵיהֶם יִתְעַנּוּ׃ כָּל־אֹכֶל תְּתַעֵב
נַפְשָׁם וַיַּגִּיעוּ עַד־שַׁעֲרֵי מָוֶת׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהֹוָה בַּצַּר לָהֶם
כ מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם׃ יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם וִימַלֵּט
מִשְּׁחִיתוֹתָם׃ יוֹדוּ לַיהֹוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃
וְיִזְבְּחוּ זִבְחֵי תוֹדָה וִיסַפְּרוּ מַעֲשָׂיו בְּרִנָּה׃ יוֹרְדֵי הַיָּם
בָּאֳנִיּוֹת עֹשֵׂי מְלָאכָה בְּמַיִם רַבִּים׃ הֵמָּה רָאוּ מַעֲשֵׂי יְהֹוָה
כה וְנִפְלְאוֹתָיו בִּמְצוּלָה׃ וַיֹּאמֶר וַיַּעֲמֵד רוּחַ סְעָרָה וַתְּרוֹמֵם
גַּלָּיו׃ יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת נַפְשָׁם בְּרָעָה תִתְמוֹגָג׃ יָחוֹגּוּ
וְיָנוּעוּ כַּשִּׁכּוֹר וְכָל־חָכְמָתָם תִּתְבַּלָּע׃ וַיִּצְעֲקוּ אֶל־יְהֹוָה
בַּצַּר לָהֶם וּמִמְּצֻקֹתֵיהֶם יוֹצִיאֵם׃ יָקֵם סְעָרָה לִדְמָמָה
ל וַיֶּחֱשׁוּ גַּלֵּיהֶם׃ וַיִּשְׂמְחוּ כִי־יִשְׁתֹּקוּ וַיַּנְחֵם אֶל־מְחוֹז חֶפְצָם׃
יוֹדוּ לַיהֹוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ וִירוֹמְמוּהוּ בִּקְהַל
עָם וּבְמוֹשַׁב זְקֵנִים יְהַלְלוּהוּ׃ יָשֵׂם נְהָרוֹת לְמִדְבָּר וּמֹצָאֵי
לה מַיִם לְצִמָּאוֹן׃ אֶרֶץ פְּרִי לִמְלֵחָה מֵרָעַת יוֹשְׁבֵי בָהּ׃ יָשֵׂם

קו׳ כו׳ דגש אחר חולם

כט ער האָט אָפּגעשטעלט דעם שטורעם צו שטילקייט,
און עס זענען געוואָרן רואיק זייערע אינדן.
ל און זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי זענען געוואָרן אַנטשוויגן,
און ער האָט זיי געפירט צו דעם באָרטן פון זייער באַגער:
לא זיי מעגן דאַנקלויבן גאָט פאַר זייער חֶסד
און זיינע וואונדער צו די מענטשנקינדער,
לב און זיי מעגן אים דערהייבן אין דער איינזאַמלונג פון פאָלק,
און אין דער זיצונג פון זְקֵנים מעגן זיי אים לויבן.

לג ער האָט געמאַכט שטראָמען פאַר מְדבר,
און אויסגאַנגען וואַסער — פאַר דאַרשט־לאַנד,
לד פרוכפּערדיק לאַנד — פאַר אַ זאַלץ־סטעפּ,
פונוועגן דעם בייז פון די באַוואוינער דערין.

לה ער האָט געמאַכט מְדבר פאַר אַ טייך וואַסער,
און וויסט לאַנד — פאַר אויסגאַנגען וואַסער.

לו און ער האָט באַזעצט דאָרטן הונגערנדיקע,
און זיי האָבן געגרונטפעסטיקט אַ באַזעצטע שטאָט,
לז און זיי האָבן פאַרזייט פעלדער און פאַרפלאַנצט ווייַנגערטנער,
וואָס האָבן אַרייַנגעברענגט אַן אייַנקום פון פרוכט.
לח און ער האָט זיי געבענטשט, און זיי האָבן זיך זייער פאַרמערט,
און זייערע בהמות האָט ער נישט געמינערט.

לט און האָבן זיי זיך געמינערט און געוואָרן געבויגן
פון צוואַנג־הערשאַפט, אומגליק און קומער –
מ גיסט ער אויס פאַראַכטונג אויף די אייַדלהאַרן,
און ער לאָזט זיי בלאָנדזען אין אַ ווילדערניש, אָן אַ וועג.
מא און דעם נויטבאַדערפטיקן וועט ער דערהייכן פון פּייַן,
און וועט מאַכן די משפּחות ווי די שאָף.
מב די רעכטפאַרטיקע וועלן זען און זיי וועלן זיך פרייען,
און איטלעכע עוולה וועט האָבן פאַרמאַכט איר מויל.

מג ווער עס איז קלוג – דער וועט אָפּהיטן דאָסדאָזיקע,
און זיי וועלן באַגרייפן די חסדים פון גאָט.

קח שִׁיר, מִזְמוֹר לְדָוִד. נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים

א אַ געזאַנג, אַ מִזמור פון דָוִדן.

ב מיין האַרץ איז געפעסטיקט, גאָט,
איך וויל זינגען און וויל לויבשפּילן, אויך מיין הערלעכקייט.
ג וואַך אויף, דו ציטער און האַרף,
איך וויל וואַך מאַכן דעם מאָרגנשטערן.

ד איך וויל דיר דאַנקלויבן צווישן די פעלקער, גאָט,
און איך וויל דיר לויבשפּילן צווישן די אומות.

מִדְבָּר לַאֲגַם־מַיִם וְאֶרֶץ צִיָּה לְמֹצָאֵי מָיִם׃ וַיּוֹשֶׁב שָׁם
רְעֵבִים וַיְכוֹנְנוּ עִיר מוֹשָׁב׃ וַיִּזְרְעוּ שָׂדוֹת וַיִּטְּעוּ כְרָמִים
וַיַּעֲשׂוּ פְּרִי תְבוּאָה׃ וַיְבָרְכֵם וַיִּרְבּוּ מְאֹד וּבְהֶמְתָּם לֹא
מ יַמְעִיט׃ וַיִּמְעֲטוּ וַיָּשֹׁחוּ מֵעֹצֶר רָעָה וְיָגוֹן׃ שֹׁפֵךְ בּוּז עַל־
נְדִיבִים וַיַּתְעֵם בְּתֹהוּ לֹא־דָרֶךְ׃ וַיְשַׂגֵּב אֶבְיוֹן מֵעוֹנִי וַיָּשֶׂם
כַּצֹּאן מִשְׁפָּחוֹת׃ יִרְאוּ יְשָׁרִים וְיִשְׂמָחוּ וְכָל־עַוְלָה קָפְצָה
פִּיהָ׃ מִי־חָכָם וְיִשְׁמָר־אֵלֶּה וְיִתְבּוֹנְנוּ חַסְדֵי יְהוָה׃
קח שִׁיר מִזְמוֹר לְדָוִד׃ נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים
אָשִׁירָה וַאֲזַמְּרָה אַף־כְּבוֹדִי׃ עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה
ה שָּׁחַר׃ אוֹדְךָ בָעַמִּים ׀ יְהוָה וַאֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים׃ כִּי־גָדוֹל
מֵעַל־שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ וְעַד־שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ׃ רוּמָה עַל־שָׁמַיִם
אֱלֹהִים וְעַל כָּל־הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ׃ לְמַעַן יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ
הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ וַעֲנֵנִי׃ אֱלֹהִים ׀ דִּבֶּר בְּקָדְשׁוֹ אֶעְלֹזָה
אֲחַלְּקָה שְׁכֶם וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד׃ לִי גִלְעָד ׀ לִי מְנַשֶּׁה
י וְאֶפְרַיִם מָעוֹז רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי׃ מוֹאָב ׀ סִיר רַחְצִי עַל־

יה׳ פתח באתנח   קח׳ ו׳ ועני ק׳

ה וואָרן גרויס, אַריבער דעם הימל איז דיין חֶסד,
און ביז די לופטהימלען איז דיין אֶמת.

ו דערהייב דיך איבער דעם הימל, גאָט,
און איבער דער גאַנצער ערד — דיין הערלעכקייט!

ז כדי דיינע באַליבטע זאָלן ווערן אופגעשנירט —
באַפריי מיט דיין רעכטער האַנט, און ענטפער מיר!

ח גאָט האָט גערעדט ביי זיין הייליקייט:
— איך מעג אָנקווועלן! —
איך וויל צעטיילן שכֶם,
און דעם טאָל סוכות וועל איך אויסמעסטן.

ט מיר געהערט גלעָד, מיר געהערט מנשֶה,
און אֶפרַיִם איז דער שוצקיווער פון מיין קאָפּ,
יהודה איז מיין געזעץ־קריצער. —

י מואָב איז מיין וואַשבעקן,
אַף אֶדום וועל איך וואַרפן מיין שוך,
איבער פּלֶשת וויל איך אופשאַלן.

יא ווער וועט מיך ברענגען אין דער באַפֿעסטיקטער שטאָט?
ווער וואָלט מיך געפֿירט ביז קיין אֶדום?
יב צי' נישט גאָט, וואָס דו האָסט אונז פֿאַרוואָרפֿן,
און דו ביסט נישט אַרויסגעגאַנגען, גאָט, מיט אונזערע הערשאַרן?
יג ברענג אונז הילף פֿון פֿאַר דעם באַדרענגער, —
עס איז דאָך פֿאַלש די ישועה פֿון דעם מענטש!
יד מיט גאָט וועלן מיר טון העלדישקייט,
און ער, ער וועט צעטראַמפּלען אונזערע באַדרענגער.

קט לַמְנַצֵּחַ, לְדָוִד, מִזְמוֹר. אֱלֹהֵי תְהִלָּתִי, אַל־תֶּחֱרַשׁ

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
פֿון דָוִדן, אַ מִזמור.

גאָט פֿון מיין לויבגעזאַנג, דו זאָלסט נישט שווייַגן!
ב וואָרן דאָס מויל פֿון אַ רָשע און דאָס מויל פֿון באַטרוג —
אויף מיר האָבן זיי זיך געעפֿנט,
זיי האָבן גערעדט מיט מיר מיט אַ צונג פֿון שֶקר,
ג און רייד פֿון שִׂנאה האָבן מיך אַרומגערינגלט,
און זיי האָבן מיך באַקעמפֿט אומזיסט.
ד פֿאַר מיין ליבשאַפֿט פֿאַרהאַסן זיי מיך,
— און איך בין נאָר געבעט! —
ה און זיי האָבן מיר געטון אַ רָעה פֿאַר אַ טובה,
און פֿיינטשאַפֿט פֿאַר מיין ליבשאַפֿט.

ו „דו זעץ איבער אים אַ רָשע,
און אַ קלעגער זאָל שטיין ביי זיין רעכטער האַנט.
ז ביי זיין געמִשפּט ווערן — זאָל ער אַרויסגיין רָשע־שולדיק,
און זיין תּפֿילה זאָל ווערן אַ פֿאַרזינדיקונג.
ח זיינע טעג זאָלן זיין ווינציק,
זיין פֿירגעזעצטקייט זאָל צונעמען אַן אַנדערער.

אֱדוֹם אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עֲלֵי פְלֶשֶׁת אֶתְרוֹעָע : מִי יֹבִלֵנִי עִיר
מִבְצָר מִי נָחַנִי עַד־אֱדוֹם : הֲלֹא־אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא־תֵצֵא
אֱלֹהִים בְּצִבְאֹתֵינוּ : הָבָה־לָּנוּ עֶזְרָת מִצָּר וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת
אָדָם : בֵּאלֹהִים נַעֲשֶׂה־חָיִל וְהוּא יָבוּס צָרֵינוּ :
קט לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר אֱלֹהֵי תְהִלָּתִי אַל־
תֶּחֱרַשׁ : כִּי פִי רָשָׁע וּפִי־מִרְמָה עָלַי פָּתָחוּ דִּבְּרוּ אִתִּי לְשׁוֹן
שָׁקֶר : וְדִבְרֵי שִׂנְאָה סְבָבוּנִי וַיִּלָּחֲמוּנִי חִנָּם : תַּחַת־אַהֲבָתִי
ה יִשְׂטְנוּנִי וַאֲנִי תְפִלָּה : וַיָּשִׂימוּ עָלַי רָעָה תַּחַת טוֹבָה וְשִׂנְאָה
תַּחַת אַהֲבָתִי : הַפְקֵד עָלָיו רָשָׁע וְשָׂטָן יַעֲמֹד עַל־יְמִינוֹ :
בְּהִשָּׁפְטוֹ יֵצֵא רָשָׁע וּתְפִלָּתוֹ תִּהְיֶה לַחֲטָאָה : יִהְיוּ־יָמָיו
מְעַטִּים פְּקֻדָּתוֹ יִקַּח אַחֵר : יִהְיוּ־בָנָיו יְתוֹמִים וְאִשְׁתּוֹ
י אַלְמָנָה : וְנוֹעַ יָנוּעוּ בָנָיו וְשִׁאֵלוּ וְדָרְשׁוּ מֵחָרְבוֹתֵיהֶם :
יְנַקֵּשׁ נוֹשֶׁה לְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וְיָבֹזּוּ זָרִים יְגִיעוֹ : אַל־יְהִי־לוֹ
מֹשֵׁךְ חָסֶד וְאַל־יְהִי חוֹנֵן לִיתוֹמָיו : יְהִי־אַחֲרִיתוֹ לְהַכְרִית
בְּדוֹר אַחֵר יִמַּח שְׁמָם : יִזָּכֵר ׀ עֲוֹן אֲבֹתָיו אֶל־יְהוָה וְחַטַּאת
טו אִמּוֹ אַל־תִּמָּח : יִהְיוּ נֶגֶד־יְהוָה תָּמִיד וְיַכְרֵת מֵאֶרֶץ זִכְרָם :

ט זיינע קינדער זאָלן ווערן יתומים,
און זיין ווייב – אַן אַלמָנה.
י און וואָגלען זאָלן וואָגלען זיינע קינדער און בעטלען
און זאָלן פאָדערן, פון זייערע חורבות אַרויס.
יא זאָל דער מַלווה פאַרשטריקן אַלץ, וואָס סע געהערט אים,
און פרעמדע זאָלן פּלינדערן זיין מי.
יב זאָל קיינער אים נישט אויסציִען קיין חֶסד,
און זאָל נישט זיין קיין לײַטזעליקער פאַר זיינע יתומים.
יג זאָל זיין זיין נאָכקום צום פאַרשנײַדן,
אין דעם נאָכקומענדיקן דור זאָל ווערן אויסגעמעקט זייער נאָמען.
יד זאָל די שולד פון זיינע אָבות ווערן דערמאַנט פאַר גאָט,
און זאָל די זינד פון זיין מוטער נישט ווערן אויסגעמעקט.
טו זיי זאָלן תָּמיד זיין אַנטקעגן גאָט,
און ער זאָל פאַרשניידן פון דער ערד זייער געדעכעניש,
טז דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געדאַכט פון טון חֶסד,
און ער האָט גערוידפט דעם מענטש, דעם אָרימן און נויטבאַדערפטיקן,
און דעם עלנטן פון האַרצן, צו טײַטן.

יז און ער האָט ליב געהאַט די קללָה – און זי איז אים אָנגעקומען,
און ער האָט נישט געהאַט קיין באַגער אין דער בּרָכה –
און זי האָט זיך דערווײַטערט פון אים.
יח און ער האָט זיך אָנגעטון די קללָה ווי זיין געוואַנט,
און זי איז אַרײַנגעקומען ווי וואַסער דרינען אין אים,
און ווי אײַל אין זיינע בײַנער:
יט זי זאָל זיין פאַר אים ווי אַ בֶּגֶד, וואָס ער הילט זיך אַרום,
און פאַר אַ רימען, מיט וואָס ער גורט זיך תָּמיד אַרום."
כ דאָס איז דער ווערקלוין פון גאָט פאַר מיינע האַסער,
און פאַר די, וואָס רעדן שלעכטס אַף מיין נֶפש.

כא און דו, גאָט דער האַר, טו מיט מיר פון דיין נאָמען וועגן!
פאַרוואָר, גוט איז דיין חֶסד, זײַ מיך מַציל!
כב וואָרן אָרים און נויטבאַדערפטיק בין איך,
און מיין האַרץ איז דערשלאָגן דרינען אין מיר.
כג ווי אַ שאָטן, בעֵת ער נײַגט זיך, לאָזט מען מיך אַוועקגיין,
איך בין געוואָרן אויסגעטרעסלט ווי אַ היישעריק.
כד מיינע קני האָבן געשטרויכלט פון פאַסטן,
און מיין פלייש איז געוואָרן אויסגעצערט פון פעט־מאַנגל.
כה און איך – איך בין געוואָרן אַ חֶרפּה פאַר זיי,
זעען זיי מיך – שאָקלען זיי זייער קאָפּ.

כו העלף מיר, גאָט, מיין גאָט,
באַפריי מיך נאָך דיין חֶסד נאָך!
כז און זאָלן זיי דערקענען, אַז דיין האַנט איז דאָס,
דו גאָט, האָסט עס געטון.
כח זיי מעגן שעלטן, און דו, דו וועסט בענטשן,
זענען זיי אופגעשטאַנען – ערשט, זיי וועלן ווערן פאַרשעמט,
און דיין קנעכט וועט זיך פרײַען.
כט מעגן מיינע האַסער אָנקליידן זיך שמאַך,
און ווי אַ מאַנטל זיך אַרומהילן זייער בושה.

יַ֗עַן אֲשֶׁ֤ר ׀ לֹ֥א־זָכַר֮ עֲשׂ֪וֹת חָ֥סֶד וַיִּרְדֹּ֡ף אִישׁ־עָנִ֣י וְ֭אֶבְיוֹן
וְנִכְאֵ֥ה לֵ֝בָ֗ב לְמוֹתֵֽת׃ וַיֶּאֱהַ֣ב קְ֭לָלָה וַתְּבוֹאֵ֑הוּ וְלֹא־חָפֵ֥ץ
בִּ֝בְרָכָ֗ה וַתִּרְחַ֥ק מִמֶּֽנּוּ׃ וַיִּלְבַּ֥שׁ קְלָלָ֗ה כְּמַ֫דּ֥וֹ וַתָּבֹ֣א כַמַּ֣יִם
בְּקִרְבּ֑וֹ וְ֝כַשֶּׁ֗מֶן בְּעַצְמוֹתָֽיו׃ תְּֽהִי־ל֭וֹ כְּבֶ֣גֶד יַעְטֶ֑ה וּ֝לְמֵ֗זַח
כ תָּמִ֥יד יַחְגְּרֶֽהָ׃ זֹ֤את ׀ פְּעֻלַּ֣ת שֹׂ֭טְנַי מֵאֵ֣ת יְהוָ֑ה וְהַדֹּבְרִ֥ים
רָ֝֗ע עַל־נַפְשִֽׁי׃ וְאַתָּ֤ה ׀ יֱהֹוִ֣ה אֲדֹנָי֮ עֲשֵׂה־אִ֭תִּי לְמַ֣עַן שְׁמֶ֑ךָ
כִּי־ט֥וֹב חַ֝סְדְּךָ֗ הַצִּילֵֽנִי׃ כִּי־עָנִ֣י וְאֶבְי֣וֹן אָנֹ֑כִי וְ֝לִבִּ֗י חָלַ֥ל
בְּקִרְבִּֽי׃ כְּצֵל־כִּנְטוֹת֥וֹ נֶהֱלָ֑כְתִּי נִ֝נְעַ֗רְתִּי כָּאַרְבֶּֽה׃ בִּ֭רְכַּי
כה כָּשְׁל֣וּ מִצּ֑וֹם וּ֝בְשָׂרִ֗י כָּחַ֥שׁ מִשָּֽׁמֶן׃ וַאֲנִ֤י ׀ הָיִ֣יתִי חֶרְפָּ֣ה
לָהֶ֑ם יִ֝רְא֗וּנִי יְנִיע֥וּן רֹאשָֽׁם׃ עָ֭זְרֵנִי יְהוָ֣ה אֱלֹהָ֑י ה֝וֹשִׁיעֵ֗נִי
כְחַסְדֶּֽךָ׃ וְ֭יֵדְעוּ כִּי־יָ֣דְךָ זֹּ֑את אַתָּ֖ה יְהוָ֣ה עֲשִׂיתָֽהּ׃
יְקַלְלוּ־הֵמָּה֮ וְאַתָּ֪ה תְבָ֫רֵ֥ךְ קָ֤מוּ ׀ וַיֵּבֹ֗שׁוּ וְֽעַבְדְּךָ֥ יִשְׂמָֽח׃
ל יִלְבְּשׁ֣וּ שׂוֹטְנַ֣י כְּלִמָּ֑ה וְיַעֲט֖וּ כַמְעִ֣יל בָּשְׁתָּֽם׃ אוֹדֶ֣ה יְהוָ֣ה
מְאֹ֣ד בְּפִ֑י וּבְת֖וֹךְ רַבִּ֣ים אֲהַֽלְלֶֽנּוּ׃ כִּֽי־יַ֭עֲמֹד לִימִ֣ין אֶבְי֑וֹן
קי לְ֝הוֹשִׁ֗יעַ מִשֹּׁפְטֵ֥י נַפְשֽׁוֹ׃ קי לְדָוִ֗ד מִ֫זְמ֥וֹר נְאֻ֤ם
יְהוָ֨ה ׀ לַֽאדֹנִ֗י שֵׁ֥ב לִֽימִינִ֑י עַד־אָשִׁ֥ית אֹ֝יְבֶ֗יךָ הֲדֹ֣ם לְרַגְלֶֽיךָ׃
מַטֵּֽה־עֻזְּךָ֗ יִשְׁלַ֣ח יְ֭הוָה מִצִּיּ֑וֹן רְ֝דֵ֗ה בְּקֶ֣רֶב אֹיְבֶֽיךָ׃ עַ֥מְּךָ֣

ל איך וויל זייער דאַנקלויבן גאָט מיט מיין מויל,
און אין דער מיט פֿון אַ סך וויל איך אים לויבן,
לא וואָרן ער טוט שטיין ביי דער רעכטער האַנט פֿון דעם נויטבאַדערפֿטיקן,
צו באַפֿרייַען פֿון די, וואָס פֿאַרמשפּטן זיין נפֿש.

קי לְדָוִד, מִזְמוֹר. נְאֻם יְהוָֹה לַאדֹנִי

א פֿון דָוִדן, אַ מִזמוֹר.

אַן אויסשפּראַך פֿון גאָט צו מיין האַר: „זיץ ביי מיין רעכטער האַנט,
ביז איך וועל מאַכן דיינע פֿיינט פֿאַר דעם פֿוסבענקל פֿון דיינע פֿיס!"

ב דעם שטאַב פֿון דיין מאַכט וועט גאָט אויסשטרעקן פֿון צִיוֹן:
דו שאַלט דרינען צווישן דיינע פֿיינט!

ג דיין פֿאָלק איז ווילִיקייטן אין דעם טאָג פֿון דיין קריגצוג,
אין הייליקע פּרעכטיקייטן, פֿון דער טראַכט פֿון דעם מאָרגנשטערן אָן–
געהערט דיר דער טוי פֿון דיין יונגקייט.

ד גאָט האָט געשוואוירן, און ער וועט נישט באַרייַען:
„דו ביסט כּוהן אַף אייַביק,
אַף דעם שטייַגער פון מַלכּי־צֶדק.“

ה גאָט איז ביי דיין רעכטער האַנט,
ער צעשמעטערט מלָכים אין דעם טאָג פון זיין צאָרן.
ו ער וועט דַן זיין צווישן די שטאַמען דעם, וואָס האָט אָנגעהויפּט פּגרים,
האָט צעשמעטערט דעם קאָפּ איבער גרויסן לאַנד.
ז דעם, וואָס האָט געטרונקן אַף דעם וועג פון דעם באָך,
האָט ער דעריבער דערהויבן דעם קאָפּ.

קיא הַלְלוּיָהּ. אוֹדֶה יְהוָֹה בְּכָל־לֵבָב

א הַללויָה – לויבט גאָט!

א איך וויל דאַנקלויבן גאָט מיט דעם גאַנצן האַרץ
ב אין דעם באַראָט פון די רעכטפאַרטיקע און דער געמייַנדע.

ג ב גרויס זענען די מַעשׂים פון גאָט,
ד זיי ווערן געפאָרשט פון אַלע, וואָס באַגערן זיי.
ה ג פּראַכט און גלאַנץ איז זיין ווערק,
ו און זיין גערעכטיקייט באַשטייט אַף אייַביק.
ז ד אַ געדעכעניש האָט ער געמאַכט פאַר זיינע וואונדער.

ח לייַטזעליק און דערבאַרעמדיק איז גאָט,
ט ה צערונג האָט ער געגעבן פאַר זיינע פאָרכטיקע,
י ער וועט גדעדענקען זיין בונד אַף אייַביק.
כ ו דעם כּוח פון זיינע מַעשׂים האָט ער פאַרקינדיקט פאַר זיין פאָלק,
ל צו געבן זיי די נַחלה פון די ערדשטאַמען.
מ ז די מַעשׂים פון זיינע הענט זענען אֶמת און רעכט,
נ באַגלייַבט זענען אַלע זיינע באַפעלן,

נְדָבֹת בְּיוֹם חֵילֶךָ בְּהַדְרֵי־קֹדֶשׁ מֵרֶחֶם מִשְׁחָר לְךָ טַל
יַלְדֻתֶךָ׃ נִשְׁבַּע יְהוָה ׀ וְלֹא יִנָּחֵם אַתָּה־כֹהֵן לְעוֹלָם עַל־
ה דִּבְרָתִי מַלְכִּי־צֶדֶק׃ אֲדֹנָי עַל־יְמִינְךָ מָחַץ בְּיוֹם־אַפּוֹ מְלָכִים׃
יָדִין בַּגּוֹיִם מָלֵא גְוִיּוֹת מָחַץ רֹאשׁ עַל־אֶרֶץ רַבָּה׃ מִנַּחַל
קיא בַּדֶּרֶךְ יִשְׁתֶּה עַל־כֵּן יָרִים רֹאשׁ׃ קיא הַלְלוּ
יָהּ ׀ אוֹדֶה יְהוָה בְּכָל־לֵבָב בְּסוֹד יְשָׁרִים וְעֵדָה׃ גְּדֹלִים
מַעֲשֵׂי יְהוָה דְּרוּשִׁים לְכָל־חֶפְצֵיהֶם׃ הוֹד־וְהָדָר פָּעֳלוֹ
וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃ זֵכֶר עָשָׂה לְנִפְלְאֹתָיו חַנּוּן וְרַחוּם
ה יְהוָה׃ טֶרֶף נָתַן לִירֵאָיו יִזְכֹּר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ׃ כֹּחַ
מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם׃ מַעֲשֵׂי יָדָיו
אֱמֶת וּמִשְׁפָּט נֶאֱמָנִים כָּל־פִּקּוּדָיו׃ סְמוּכִים לָעַד לְעוֹלָם
עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר׃ פְּדוּת ׀ שָׁלַח לְעַמּוֹ צִוָּה לְעוֹלָם
י בְּרִיתוֹ קָדוֹשׁ וְנוֹרָא שְׁמוֹ׃ רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת יְהוָה
שֵׂכֶל טוֹב לְכָל־עֹשֵׂיהֶם תְּהִלָּתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃
קיב הַלְלוּ יָהּ ׀ אַשְׁרֵי־אִישׁ יָרֵא אֶת־יְהוָה בְּמִצְוֺתָיו חָפֵץ

ס ח זיי זענען אונטערגעלענט אַף אייביק, אַף אייביק,
ע זיי זענען געטון געוואָרן מיט אֶמת און יושר.
פ ט אַן אויסלייזונג האָט ער געשיקט פאַר זיין פאָלק,
צ ער האָט פירגעבאָטן זיין בונד אַף אייביק.

ק הייליק און פאָרכטיק איז זיין נאָמען.
ר י דער אָנהייב פון חָכמה איז גאָטס פאָרכטיקייט,
ש וואויל־פאַרשטענדיקייט פאַר אַלע, וואָס טוען דאָס.
ת זיין לויבגעזאַנג באַשטייט אַף אייביק.

קיב הַלְלוּיָה. אַשְׁרֵי־אִישׁ יָרֵא אֶת־יְהוָה

א הַלְלוּיָה — לויבט גאָט!

א וואויל איז דעם מענטש, וואָס פאָרכט זיך פאַר גאָט,
ב נאָך זיינע מִצוות באַגערט ער זייער.
ג ב העלדיש וועט זיין זיין זאָמען אַף דער ערד,
ד „אַ דור פון רעכטפאַרטיקע," — וועט ער ווערן געבענטשט.

ה ג פאַרמעגן און רייכקייט זענען אין זיין הויז,
ו און זיין גערעכטיקייט באַשטייט אַף אייביק.
ז ד סע שיינט אוף אין דער פינסטערניש אַ ליכט פאַר די רעכטפאַרטיקע,
ח לײַטזעליק און דערבאַרעמדיק און גערעכט.
ט ה גוט איז דעם מענטש, וואָס איז לײַטזעליק און ער פאַרלײַט,
י ער פאַרזאָרגט זיינע זאַכן מיט רעכט.
כ ו וואָרן ער וועט נישט וואַנקען אַף אײַביק.
ל אַף אַן אײַביק געדעכעניש וועט זיין דער צַדיק.
מ ז פאַר אַ בײַזער שמועה וועט ער נישט דאַרפן מורא האָבן:
נ געפעסטיקט איז זיין האַרץ, איז פאַרזיכערט אין גאָט.
ס ח אונטערגעלענט איז זיין האַרץ, ער וועט נישט דאַרפן מורא האָבן,
ע ביז ער וועט קענען אַראָפּקוקן אַף זיינע באַדרענגער.
פ ט ער האָט אויסגעשטרײַט, האָט געגעבן פאַר די נויטבאַדערפטיקע,
צ זיין גערעכטיקייט באַשטייט אַף אײַביק,
ק זיין האָרן וועט ווערן דערהויבן אין כָּבוֹד.
ר י דער רָשע וועט זען און האָבן פאַרדראָס,
ש ער וועט קריצן זיינע צײַן און ווערן צעגאַנגען:
ת די תַּאווה פון די רְשָעים וועט ווערן פאַרלוירן.

קיג הַלְלוּיָהּ. הַלְלוּ עַבְדֵי יְהוָֹה, הַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָֹה. יְהִי שֵׁם יְהוָֹה מְבֹרָךְ

א הַלְלוּיָה – לויבט גאָט!

לויבט, איר קנעכט פון גאָט,
לויבט דעם נאָמען פון גאָט!
ב זאָל זיין געבענטשט דער נאָמען פון גאָט
פון אַצינד אָן און ביז אײַביק.
ג פון דעם אופשײַנען פון דער זון ביז איר אונטערגיין
ווערט געלויבט דער נאָמען פון גאָט.

מְאֹד : גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ : הוֹן
וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד : זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר
ה לַיְשָׁרִים חַנּוּן וְרַחוּם וְצַדִּיק : טוֹב־אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל
דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט : כִּי־לְעוֹלָם לֹא־יִמּוֹט לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה
צַדִּיק : מִשְּׁמוּעָה רָעָה לֹא יִירָא נָכוֹן לִבּוֹ בָּטֻחַ בַּיהוָה :
סָמוּךְ לִבּוֹ לֹא יִירָא עַד אֲשֶׁר־יִרְאֶה בְצָרָיו : פִּזַּר ׀ נָתַן
י לָאֶבְיוֹנִים צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד קַרְנוֹ תָּרוּם בְּכָבוֹד : רָשָׁע
יִרְאֶה ׀ וְכָעָס שִׁנָּיו יַחֲרֹק וְנָמָס תַּאֲוַת רְשָׁעִים תֹּאבֵד :
קיג הַלְלוּ יָהּ ׀ הַלְלוּ עַבְדֵי יְהוָה הַלְלוּ אֶת־
שֵׁם יְהוָה : יְהִי שֵׁם יְהוָה מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם :
מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ עַד־מְבוֹאוֹ מְהֻלָּל שֵׁם יְהוָה : רָם עַל־כָּל־
ה גּוֹיִם יְהוָה עַל הַשָּׁמַיִם כְּבוֹדוֹ : מִי כַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ הַמַּגְבִּיהִי
לָשָׁבֶת : הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ : מְקִימִי מֵעָפָר
דָּל מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן : לְהוֹשִׁיבִי עִם־נְדִיבִים עִם נְדִיבֵי
עַמּוֹ : מוֹשִׁיבִי ׀ עֲקֶרֶת הַבַּיִת אֵם־הַבָּנִים שְׂמֵחָה הַלְלוּ־יָהּ :

ד גאָט איז דערהויבן איבער אַלע וועלטשטאַמען,
זיין הערלעכקייט איז איבער דעם הימל.
ה ווער איז ווי גאָט, אונזער גאָט,
ער, וואָס זיצט אין דער הייך,
ו ער, וואָס קוקט אַראָפּ אין דער נידער
איבער דעם הימל און איבער דער ערד?!
ז ער שטעלט אוף דעם גערדיקטן פון דעם שטויב,
פון דעם מיסט דערהייבט ער דעם נויטבאַדערפטיקן,
ח צו לאָזן זיצן מיט די איידלהאַרן,
מיט די איידלהאַרן פון זיין פאָלק.
ט ער לאָזט זיצן די אומטראַכטערן אין הויז –
אַ פריילעכע מוטער פון קינדער.
הַלְלוּיָה – לויבט גאָט!

קיד בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם

א אַז יִשְׂרָאֵל איז אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם,
דאָס הויז פון יַעקב – פון אַ שטאַמלדיק פאָלק,

ב איז יהודה געוואָרן פֿאַר זיין הייליקטום,
ישׂראל – זיין געוועלטיקונג.

ג דער ים האָט געזען און איז אַנטלאָפֿן,
דער ירדן האָט זיך פֿאַרדרייט אַהינטער,
ד די בערג זענען געשפּרונגען ווי די ווידערס,
היגלען – ווי די יונגע שאָף.

ה וואָס איז דיר, דו ים, וואָס דו אַנטלויפֿסט,
דו ירדן, וואָס דו פֿאַרדרייסט דיך אַהינטער,
ו איר בערג, וואָס איר שפּרינגט ווי די ווידערס,
היגלען – ווי די יונגע שאָף?

ז פֿאַר דעם פּנים פֿון דעם האַר טו קראַיסן, ערד,
פֿאַר דעם פּנים פֿון דעם גאָט פֿון יעקבֿ,
ח וואָס ער פֿאַרקערט דעם פֿעלזנשטיין אין אַ טײַך וואַסער,
אַ קיזלשטיין – אַף אַ קוואַל וואַסער.

קטו לֹא לָנוּ יְהוָה, לֹא־לָנוּ

א נישט אונז, גאָט, נישט אונז,
נייַערט דיין נאָמען גיב אָפּ כּבֿוד,
צוליב דיין חסד, צוליב דיין אמת!
ב פֿאַרוואָס זאָלן די וועלטשטאַמען זאָגן:
„וואו איז פֿאָרט זייער גאָט?"
ג און אונזער גאָט איז אין הימל,
אַלץ, וואָס ער האָט באַגערט, האָט ער געטון.

ד זייערע געצן זענען זילבער און גאָלד,
טואונג פֿון די הענט פֿון אַ מענטש.

קיד בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם
לֹעֵז : הָיְתָה יְהוּדָה לְקָדְשׁוֹ יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו : הַיָּם
רָאָה וַיָּנֹס הַיַּרְדֵּן יִסֹּב לְאָחוֹר : הֶהָרִים רָקְדוּ כְאֵילִים
ה גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן : מַה־לְּךָ הַיָּם כִּי תָנוּס הַיַּרְדֵּן תִּסֹּב
לְאָחוֹר : הֶהָרִים תִּרְקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן : מִלִּפְנֵי
אָדוֹן חוּלִי אָרֶץ מִלִּפְנֵי אֱלוֹהַּ יַעֲקֹב : הַהֹפְכִי הַצּוּר אֲגַם־
קטו מָיִם חַלָּמִישׁ לְמַעְיְנוֹ־מָיִם : קטו לֹא לָנוּ יְהוָה
לֹא־לָנוּ כִּי־לְשִׁמְךָ תֵּן כָּבוֹד עַל־חַסְדְּךָ עַל־אֲמִתֶּךָ : לָמָּה
יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה־נָא אֱלֹהֵיהֶם : וֵאלֹהֵינוּ בַשָּׁמָיִם כֹּל אֲשֶׁר־
ה חָפֵץ עָשָׂה : עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם : פֶּה־
לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ : אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא
יִשְׁמָעוּ אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן : יְדֵיהֶם ׀ וְלֹא יְמִישׁוּן רַגְלֵיהֶם
וְלֹא יְהַלֵּכוּ לֹא־יֶהְגּוּ בִּגְרוֹנָם : כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר־
י בֹּטֵחַ בָּהֶם : יִשְׂרָאֵל בְּטַח בַּיהוָה עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא : בֵּית
אַהֲרֹן בִּטְחוּ בַיהוָה עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא : יִרְאֵי יְהוָה בִּטְחוּ
בַיהוָה עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא : יְהוָה זְכָרָנוּ יְבָרֵךְ יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית

ה אַ מויל האָבן זיי, און זיי קענען נישט רעדן,
אויגן האָבן זיי, און זיי קענען נישט זען,
ו אויערן האָבן זיי, און זיי קענען נישט הערן,
אַ נאָז האָבן זיי, און זיי קענען נישט שמעקן,
ז הענט ביי זיי, און זיי קענען נישט אָנטאַפּן,
פיס ביי זיי, און זיי קענען נישט גיין,
זיי לאָזן נישט אַרויס קיין טאָן מיט זייער קעל.
ח אַזוי ווי זיי – וועלן ווערן די, וואָס מאַכן זיי,
איטלעכער, וואָס פאַרזיכערט זיך אין זיי.

ט – ישׂראל, פאַרזיכער דיך אין ג אָ ט!
– זייער הילף און זייער שילד איז ער.
י – הויז פון אַהרן, פאַרזיכערט אייך אין גאָט!
– זייער הילף און זייער שילד איז ער.
יא – איר ג אָ טספאַרכטיקע, פאַרזיכערט אייך אין ג אָ ט!
– זייער הילף און זייער שילד איז ער.

יב —גאָט האָט אונז געדענקט, ער וועט בענטשן,
ער וועט בענטשן דאָס הויז פון יִשׂרָאֵל,
ער וועט בענטשן דאָס הויז פון אַהרֹן,
יג ער וועט בענטשן די גאָטספאָרכטיקע,
די קליינע מיט די גרויסע.

יד —גאָט וועט מערן אייך,
אייך און אייערע קינדער!
טו געבענטשט זענט איר פון גאָט,
וואָס האָט געמאַכט הימל און ערד!

טז —דער הימל איז הימל פאַר גאָט,
און די ערד האָט ער געגעבן פאַר די מענטשנקינדער.
יז נישט די טויטע טוען לויבן גאָט,
און נישט די אַלע, וואָס נידערן אַראָפּ אין דער טיפשטילקייט.
יח נייערט מיר, מיר וועלן בענטשן גאָט
פון אַצינד אָן און ביז אייביק.

הַללוּיָה—לויבט גאָט!

קטז אָהַבְתִּי, כִּי־יִשְׁמַע יְהֹוָה

א איך האָב ליב, וואָרן גאָט האָט דערהערט
מיין קול, מיינע געבעטן.
ב וואָרן ער האָט געניי̆גט זיין אויער צו מיר—
און איך טו רופן דורך מיינע טעג.

ג האָבן מיך אַרומגעכאַפּט שנורן פון טויט,
און באַדרענגונגען פון דער נידערוועלט האָבן מיך געפונען,
האָב איך געפונען באַדרענגונג און קומער,

יִשְׂרָאֵל יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית אַהֲרֹן : יְבָרֵךְ יִרְאֵי יְהוָה הַקְּטַנִּים
עִם־הַגְּדֹלִים : יֹסֵף יְהוָה עֲלֵיכֶם עֲלֵיכֶם וְעַל־בְּנֵיכֶם :
טו בְּרוּכִים אַתֶּם לַיהוָה עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ : הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם
לַיהוָה וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי־אָדָם : לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ־יָהּ וְלֹא
כָּל־יֹרְדֵי דוּמָה : וַאֲנַחְנוּ ׀ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם
קטז הַלְלוּ־יָהּ : קטז אָהַבְתִּי כִּי־יִשְׁמַע יְהוָה אֶת־קוֹלִי
תַּחֲנוּנָי : כִּי־הִטָּה אָזְנוֹ לִי וּבְיָמַי אֶקְרָא : אֲפָפוּנִי ׀ חֶבְלֵי־מָוֶת
וּמְצָרֵי שְׁאוֹל מְצָאוּנִי צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא : וּבְשֵׁם־יְהוָה אֶקְרָא
ה אָנָּה יְהוָה מַלְּטָה נַפְשִׁי : חַנּוּן יְהוָה וְצַדִּיק וֵאלֹהֵינוּ מְרַחֵם :
שֹׁמֵר פְּתָאיִם יְהוָה דַּלּוֹתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ : שׁוּבִי נַפְשִׁי לִמְנוּחָיְכִי
כִּי־יְהוָה גָּמַל עָלָיְכִי : כִּי חִלַּצְתָּ נַפְשִׁי מִמָּוֶת אֶת־עֵינִי מִן־
דִּמְעָה אֶת־רַגְלִי מִדֶּחִי : אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי יְהוָה בְּאַרְצוֹת הַחַיִּים :
י הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר אֲנִי עָנִיתִי מְאֹד : אֲנִי אָמַרְתִּי בְחָפְזִי

ד דעמאָלט האָב איך גערופן דעם נאָמען פון גאָט:
„איך בעט דיך, גאָט, לאָז אַנטרינען מיין נֶפֶש!"
ה לײַטזעליק איז גאָט, און גערעכט,
יאָ, אונזער גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער.
ו גאָט איז אַ היטער פון די נאַראָנים,
איך בין געווען גערדריקט, און ער האָט מיך באַפרייט.

ז קער דיך אום, מיין נֶפֶש, צו דיין מנוחה,
וואָרן גאָט האָט דיר פאַרגעלט.

ח פאַרוואָר, דו האָסט אופגעשנירט מיין נֶפֶש פון טויט,
מיין אויג – פון דער טרער,
מיין פוס – פון שטויסונג.
ט איך וועל אַרומגיין פאַר גאָט
אין די לענדערייען פון לעבן.

י איך האָב געגלייבט, ווען איך האָב געמוזט רעדן:
„איך, איך בין געוואָרן זייער געפּײַניקט!"

יא איך, איך האָב געזאָגט אין מיין האַסטיקייט:
„איטלעכער מענטש ליגנערט!"

יב וואָס קאָן איך אומקערן צו גאָט
פאַר אַלע זיינע פאַרגעלטונגען פאַר מיר?
יג דעם כּוֹס פון ישועות וועל איך אופהייבן,
און דעם נאָמען פון גאָט וועל איך אויסרופן.
יד מיינע נדרים צו גאָט וועל איך באַצאָלן,
יאָ, קעגנאיבער פון זיין גאַנצן פאָלק.

טו צו קעסטלעך איז אין די אויגן פון גאָט
דאָס שטאַרבן פון זיינע פרומע.
טז איך בעט דיך, גאָט, פאַרוואָר איך בין דיין קנעכט,
איך בין דיין קנעכט, דער זון פון דיין דינסט, —
דו האָסט געעפנט מיינע בענדער.
צו דיר וועל איך שלאַכטן אַ שלאַכט־אָפּער פון דאַנקלויב
און דעם נאָמען פון גאָט וועל איך אויסרופן.
יח מיינע נדרים צו גאָט וועל איך באַצאָלן,
יאָ, קעגנאיבער פון זיין גאַנצן פאָלק,
יט אין די הויפן פון גאָטס הויז,
אין דער מיט פון דיר, ירושלַים!

הַללויָה — לויבט גאָט!

יז הַלְלוּ אֶת־יְהוָה כָּל־גּוֹיִם

א לויבט גאָט, איר אַלע וועלטשטאַמען,
רימט אים, איר אַלע אומות!
וואָרן געשטאַרקט האָט זיך איבער אונז זיין חסד,
און דער אמת פון גאָט איז אַף אייביק.

הַללויָה — לויבט גאָט!

כָּל־הָאָדָם כֹּזֵב׃ מָה־אָשִׁיב לַיהוָה כָּל־תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי׃
כּוֹס־יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם יְהוָה אֶקְרָא׃ נְדָרַי לַיהוָה אֲשַׁלֵּם
טו נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ׃ יָקָר בְּעֵינֵי יְהוָה הַמָּוְתָה לַחֲסִידָיו׃
אָנָּה יְהוָה כִּי־אֲנִי עַבְדֶּךָ אֲנִי עַבְדְּךָ בֶּן־אֲמָתֶךָ פִּתַּחְתָּ
לְמוֹסֵרָי׃ לְךָ אֶזְבַּח זֶבַח תּוֹדָה וּבְשֵׁם יְהוָה אֶקְרָא׃ נְדָרַי
לַיהוָה אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ׃ בְּחַצְרוֹת בֵּית יְהוָה
קיז בְּתוֹכֵכִי יְרוּשָׁלָםִ הַלְלוּ־יָהּ׃ קיז הַלְלוּ אֶת־יְהוָה
כָּל־גּוֹיִם שַׁבְּחוּהוּ כָּל־הָאֻמִּים׃ כִּי גָבַר עָלֵינוּ ׀ חַסְדּוֹ
קיח וֶאֱמֶת־יְהוָה לְעוֹלָם הַלְלוּ־יָהּ׃ קיח הוֹדוּ לַיהוָה
כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יֹאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל כִּי לְעוֹלָם
חַסְדּוֹ׃ יֹאמְרוּ־נָא בֵית־אַהֲרֹן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יֹאמְרוּ־
ה נָא יִרְאֵי יְהוָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ מִן־הַמֵּצַר קָרָאתִי יָּהּ
עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָהּ׃ יְהוָה לִי לֹא אִירָא מַה־יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם׃
יְהוָה לִי בְּעֹזְרָי וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי׃ טוֹב לַחֲסוֹת בַּיהוָה

קמ״ז יט׳ קמץ בלא אס״ף

קיח הודו לַיהוָה, כּי־טוב, כּי לְעולָם חַסְדו. יאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל

א טוט דאַנקלויבן גאָט, וואָרן ער איז גוט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד!
ב זאָל דאָך זאָגן יִשׂראל:
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד!
ג זאָלן דאָך זאָגן די, פון דעם הויז פון אַהרן:
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד!
ד זאָלן דאָך זאָגן די גאָטספאַרכטיקע:
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד!

ה פון דער באַדרענגונג האָב איך גערופן גאָט,
האָט ער מיר געענטפערט אין דער גערוימיקייט.
ו גאָט איז פאַר מיר, איך האָב נישט קיין מורא,
וואָס קאָן מיר טון אַ מענטש?!
ז גאָט איז פאַר מיר, מיט מיינע העלפער,
און איך, איך וועל זען אַף מיינע שׂונאים.

ח בעסער צו באַשירעמען זיך אין גאָט,
אײדער פאַרזיכערן זיך אין מענטש.
ט בעסער צו באַשירעמען זיך אין גאָט,
אײדער פאַרזיכערן זיך אין אײַדלהאַרן.
י אַלע שטאַמען האָבן מיך אַרומגערינגלט,
אין דעם נאָמען פון גאָט, פאַרוואָר, האָב איך זיי פאַרשניטן.
יא זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, יאָ, מיך אַרומגערינגלט,
אין דעם נאָמען פון גאָט, פאַרוואָר, האָב איך זיי פאַרשניטן.
יב האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט ווי בינען —
זענען זיי געוואָרן פאַרלאָשן ווי אַ פײַער פון דערנער,
אין דעם נאָמען פון גאָט, פאַרוואָר, האָב איך זיי פאַרנשיטן.
יג שטויסן האָסטו מיך געשטויסן, צו פאַלן,
נאָר גאָט האָט מיר געהאָלפן.

יד מײַן מאַכט און לויבשפּיל איז גאָט,
ער איז געוואָרן פאַר מיר אַ ישועה.
טו אַ קול פון יובל און פון ישועה איז אין די געצעלטן פון די צדיקים:
„די רעכטע האַנט פון גאָט טוט העלדישקייט!
טז די רעכטע האַנט פון גאָט איז דערהויבן,
די רעכטע האַנט פון גאָט טוט העלדישקייט!"
יז איך וועל נישט־שטאַרבן, נייערט איך וועל לעבן
און דערצײַלן די מעשים פון גאָט.
יח מוסרן געמוסרט האָט מיך גאָט,
נאָר דעם טויט האָט ער מיך נישט איבערגעגעבן.

יט — עפנט פאַר מיר די טויערן פון גערעכטיקייט,
איך וויל אַרײַנקומען אין זיי, איך וויל דאַנקלויבן גאָט!
כ — דאָס איז דער טויער פון גאָט,
צדיקים מעגן אַרײַנקומען אין אים.
כא — איך וויל דיר דאַנקלויבן, וואָרן דו האָסט מיר געענטפערט,
און דו ביסט געוואָרן פאַר מיר אַ ישועה.

מִבְּטֹחַ בָּאָדָם׃ טוֹב לַחֲסוֹת בַּיהוָה מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים׃
י כָּל־גּוֹיִם סְבָבוּנִי בְּשֵׁם יְהוָה כִּי אֲמִילַם׃ סַבּוּנִי גַם־סְבָבוּנִי
בְּשֵׁם יְהוָה כִּי אֲמִילַם׃ סַבּוּנִי כִדְבֹרִים דֹּעֲכוּ כְּאֵשׁ קוֹצִים
בְּשֵׁם יְהוָה כִּי אֲמִילַם׃ דַּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל וַיהוָה עֲזָרָנִי׃
טו עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ וַיְהִי־לִי לִישׁוּעָה׃ קוֹל ׀ רִנָּה וִישׁוּעָה
בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים יְמִין יְהוָה עֹשָׂה חָיִל׃ יְמִין יְהוָה רוֹמֵמָה
יְמִין יְהוָה עֹשָׂה חָיִל׃ לֹא־אָמוּת כִּי־אֶחְיֶה וַאֲסַפֵּר מַעֲשֵׂי
יָהּ׃ יַסֹּר יִסְּרַנִּי יָּהּ וְלַמָּוֶת לֹא נְתָנָנִי׃ פִּתְחוּ־לִי שַׁעֲרֵי
כ צֶדֶק אָבֹא־בָם אוֹדֶה יָהּ׃ זֶה־הַשַּׁעַר לַיהוָה צַדִּיקִים יָבֹאוּ
בוֹ׃ אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי־לִי לִישׁוּעָה׃ אֶבֶן מָאֲסוּ
הַבּוֹנִים הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה׃ מֵאֵת יְהוָה הָיְתָה זֹּאת הִיא
נִפְלָאת בְּעֵינֵינוּ׃ זֶה־הַיּוֹם עָשָׂה יְהוָה נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה
כה בוֹ׃ אָנָּא יְהוָה ׀ הוֹשִׁיעָה נָּא אָנָּא יְהוָה הַצְלִיחָה נָּא׃
בָּרוּךְ הַבָּא בְּשֵׁם יְהוָה בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית יְהוָה׃ אֵל ׀ יְהוָה
וַיָּאֶר לָנוּ אִסְרוּ־חַג בַּעֲבֹתִים עַד־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ׃ אֵלִי

קח' כה' מלרע

כב – דער שטײן, װאָס די בױמײַנסטערס האָבן פאַרװאָרפן,
ער איז געװאָרן פאַר דעם הױפּט װינקלשטײן.

כג – פון גאָט איז דאָס געװאָרן!
דאָס איז װאונדערלעך אין אונזערע אױגן!

כד – דאָס איז דער טאָג, װאָס גאָט האָט געמאַכט!
– לאָמיר זײַן לוסטיק און זיך פרײען אין אים!

כה – מיר בעטן דיך, גאָט, באַפרײַ דאָך!
– מיר בעטן דיך, גאָט, לאָז דאָך באַגליקן!

כו – געבענטשט אין דעם נאָמען פון גאָט איז דער, װאָס קומט!
– מיר בענטשן אײַך פון דעם הױז פון גאָט!

כז – גאָט איז דער גאָט, און ער האָט אונז געלײַכט!

– האַלט געבונדן דעם פעסט־אָפּער מיט צװײַגן
ביז די הערנער פון דעם מִזבֵּח!

כח – מיין גאָט ביסטו, און דיר וויל איך דאַנקלויבן,
מיין גאָט, דיך וויל איך דערהויבן.

כט – טוט דאַנקלויבן גאָט, וואָרן ער איז גוט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד!

קיט אַשְׁרֵי תְמִימֵי־דָרֶךְ

א וואויל איז די, וואָס זענען גאַנץ אין וועג,
וואָס גייען אין דער תּורה פון גאָט.
ב וואויל איז די, וואָס היטן זיינע באַצייַגונגען,
וואָס פאָרשטן אים מיט דעם גאַנצן האַרץ,
ג וואָס האָבן אויך נישט געווערקט קיין עַוולֶה,
אין זיינע וועגן זענען זיי געגאַנגען.
ד דו, דו האָסט פירגעבאָטן דיינע באַפעלן,
זייער אָפּצוהיטן.
ה הַלוואַי זאָלן זיין באַפעסטיקט מיינע וועגן,
אָפּצוהיטן דיינע געזעצן!
ו דעמאָלט וואָלט איך נישט ווערן פאַרשעמט,
ווען איך קוק מיך צו צו אַלע דיינע געבאָטן.
ז איך וויל דיר דאַנקלויבן מיט דער רעכטפאַרטיקייט פון האַרץ,
ווען איך לערן די רעכט פון דיין גערעכטיקייט.
ח דיינע געזעצן וויל איך אָפּהיטן –
דו זאָלסט מיך נישט פאַרלאָזן גאָר אינגאַנצן.

בַּמֶּה

ט מיט וואָס קאָן אַ ייִנגל לײַטערן זיין שטעג? –
צו היטן זיך נאָך דיין וואָרט נאָך.
י מיט מיין גאַנצן האַרץ האָב איך דיך געפאָרשט –
דו זאָלסט מיך נישט לאָזן אַוועקוואַנדערן פון דיינע געבאָטן.

אַתָּה וְאוֹדֶךָּ אֱלֹהַי אֲרוֹמְמֶךָּ׃ הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם
קיט חַסְדּוֹ׃ קיט אַשְׁרֵי תְמִימֵי־דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת
יְהוָה׃ אַשְׁרֵי נֹצְרֵי עֵדֹתָיו בְּכָל־לֵב יִדְרְשׁוּהוּ׃ אַף לֹא־
פָעֲלוּ עַוְלָה בִּדְרָכָיו הָלָכוּ׃ אַתָּה צִוִּיתָה פִקֻּדֶיךָ לִשְׁמֹר
ה מְאֹד׃ אַחֲלַי יִכֹּנוּ דְרָכָי לִשְׁמֹר חֻקֶּיךָ׃ אָז לֹא־אֵבוֹשׁ בְּהַבִּיטִי
אֶל־כָּל־מִצְוֺתֶיךָ׃ אוֹדְךָ בְּיֹשֶׁר לֵבָב בְּלָמְדִי מִשְׁפְּטֵי
צִדְקֶךָ׃ אֶת־חֻקֶּיךָ אֶשְׁמֹר אַל־תַּעַזְבֵנִי עַד־מְאֹד׃
י בַּמֶּה יְזַכֶּה־נַּעַר אֶת־אָרְחוֹ לִשְׁמֹר כִּדְבָרֶךָ׃ בְּכָל־
לִבִּי דְרַשְׁתִּיךָ אַל־תַּשְׁגֵּנִי מִמִּצְוֺתֶיךָ׃ בְּלִבִּי צָפַנְתִּי אִמְרָתֶךָ
לְמַעַן לֹא אֶחֱטָא־לָךְ׃ בָּרוּךְ אַתָּה יְהוָה לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃
בִּשְׂפָתַי סִפַּרְתִּי כֹּל מִשְׁפְּטֵי־פִיךָ׃ בְּדֶרֶךְ עֵדְוֺתֶיךָ שַׂשְׂתִּי
טו כְּעַל כָּל־הוֹן׃ בְּפִקֻּדֶיךָ אָשִׂיחָה וְאַבִּיטָה אֹרְחֹתֶיךָ׃
בְּחֻקֹּתֶיךָ אֶשְׁתַּעֲשָׁע לֹא אֶשְׁכַּח דְּבָרֶךָ׃ גְּמֹל עַל־
עַבְדְּךָ אֶחְיֶה וְאֶשְׁמְרָה דְבָרֶךָ׃ גַּל־עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת

קיט׳ ה׳ קמץ בלא אס״ף יג׳ פתח באתנח

יא אין מיין האַרץ האָב איך באַהאַלטן דיין זאָג,
כּדי איך זאָל נישט זינדיקן קעגן דיר.
יב געבענטשט ביסטו, גאָט,
לערן מיך דיינע געזעצן.
יג מיט מיינע ליפּן האָב איך איבערדערציילט
אַלע רעכטשפּראָכן פֿון דיין מויל.
יד אין דעם וועג פֿון דיינע באַצייַגונגען האָב איך מיך אַנטציקט
ווי איבער אַ גאַנץ פֿאַרמעגן.
טו אין דיינע באַפֿעלן וויל איך נאָכקלערן,
און איך וויל אָנקוקן דיינע שטעגן.
טז אין דיינע געזעצן וויל איך מיך דערקוויקן,
איך טו נישט פֿאַרגעסן דיין וואָרט.

גִמּוֹל

יז פֿאַרגעלט דיין קנעכט: לאָמיך לעבן,
און לאָמיך אָפּהיטן דיין וואָרט.
יח אַנטפּלעק מיינע אויגן, און לאָמיך אָנקוקן
די וואונדער פֿון דיין תּורה.

תהלים

ט אַ גֵר בין איך אַף דער ערד,
דו זאָלסט נישט פאַרבאָרגן פון מיר דיינע געבאָטן.
מיין נֶפֶש איז צעבראָכן פון גאַרן
נאָך דיינע רעכטשפּראָכן אין איטלעכער שָׁעה.
א דו האָסט פאַרשריגן די מוטוויליקע, די פאַרשאָלטענע,
וואָס וואַנדערן אַוועק פון דיינע געבאָטן.
ב קײַקל אַראָפּ פון מיר חֶרפּה און פאַראַכטונג,
וואָרן דיינע באַצײַגונגען האָב איך אופּבאַוואָרנט.
ג זאָלן אַפילו זיצן האַרן, צונויפרעדן זיך קעגן מיר—
דיין קנעכט טוט נאָכקלערן אין דיינע געזעצן.
ד יאָ, דיינע באַצײַגונגען זענען מיינע דערקוויקונגען,
מענטשן פון מיין ראָט.

דָבְקָה

ה מיין נֶפֶש האָט זיך באַהעפט צו דעם שטויב,
באַלעב מיך נאָך דיין וואָרט נאָך.
ו איך האָב דערציילט פון מיינע וועגן, און דו האָסט מיר געענטפערט—
לערן מיך דיינע געזעצן.
ז דעם וועג פון דיינע באַפעלן לאָז מיך פאַרשטיין,
און לאָמיך נאָכקלערן אין דיינע וואונדער.
ח מיין נֶפֶש צערינט פון קומער,—
דערהאַלט מיך נאָך דיין וואָרט נאָך.
ט דעם וועג פון שֶקר טו אָפּ פון מיר,
און לײַטזעליק מיך מיט דיין תּורה.
דעם וועג פון געטרײַשאַפט האָב איך אויסדערוויילט,
דיינע רעכטשפּראָכן—מיר קעגנגעשטעלט.
א איך האָב מיך באַהעפט אין דיינע באַצײַגונגען—
גאָט, דו זאָלסט מיך נישט פאַרשעמען!
דעם וועג פון דיינע געבאָטן וויל איך לויפן,
וואָרן דו וועסט מאַכן גערוימיק מיין האַרץ.

מִתּוֹרָתֶךָ׃ גֵּר אָנֹכִי בָאָרֶץ אַל־תַּסְתֵּר מִמֶּנִּי מִצְוֺתֶיךָ׃
כ גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה אֶל־מִשְׁפָּטֶיךָ בְכָל־עֵת׃ גָּעַרְתָּ זֵדִים
אֲרוּרִים הַשֹּׁגִים מִמִּצְוֺתֶיךָ׃ גַּל מֵעָלַי חֶרְפָּה וָבוּז כִּי
עֵדֹתֶיךָ נָצָרְתִּי׃ גַּם יָשְׁבוּ שָׂרִים בִּי נִדְבָּרוּ עַבְדְּךָ יָשִׂיחַ
כה בְּחֻקֶּיךָ׃ גַּם־עֵדֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי אַנְשֵׁי עֲצָתִי׃ דָּבְקָה
לֶעָפָר נַפְשִׁי חַיֵּנִי כִּדְבָרֶךָ׃ דְּרָכַי סִפַּרְתִּי וַתַּעֲנֵנִי לַמְּדֵנִי
חֻקֶּיךָ׃ דֶּרֶךְ־פִּקּוּדֶיךָ הֲבִינֵנִי וְאָשִׂיחָה בְּנִפְלְאוֹתֶיךָ׃
דָּלְפָה נַפְשִׁי מִתּוּגָה קַיְּמֵנִי כִּדְבָרֶךָ׃ דֶּרֶךְ־שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי
ל וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי׃ דֶּרֶךְ אֱמוּנָה בָחָרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ שִׁוִּיתִי׃
דָּבַקְתִּי בְעֵדְוֺתֶיךָ יְהוָה אַל־תְּבִישֵׁנִי׃ דֶּרֶךְ־מִצְוֺתֶיךָ אָרוּץ
כִּי תַרְחִיב לִבִּי׃ הוֹרֵנִי יְהוָה דֶּרֶךְ חֻקֶּיךָ וְאֶצְּרֶנָּה
עֵקֶב׃ הֲבִינֵנִי וְאֶצְּרָה תוֹרָתֶךָ וְאֶשְׁמְרֶנָּה בְכָל־לֵב׃
לה הַדְרִיכֵנִי בִּנְתִיב מִצְוֺתֶיךָ כִּי־בוֹ חָפָצְתִּי׃ הַט־לִבִּי אֶל־
עֵדְוֺתֶיךָ וְאַל אֶל־בָּצַע׃ הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ
חַיֵּנִי׃ הָקֵם לְעַבְדְּךָ אִמְרָתֶךָ אֲשֶׁר לְיִרְאָתֶךָ׃ הַעֲבֵר
מ חֶרְפָּתִי אֲשֶׁר יָגֹרְתִּי כִּי מִשְׁפָּטֶיךָ טוֹבִים׃ הִנֵּה תָּאַבְתִּי

לג׳ הצ׳ בח׳ק

הוֹרֵנִי

לג טו מיר צוואווײַזן, גאָט, דעם וועג פון דיינע געזעצן,
און איך וועל אים אופבאַוואָרן – עס איז שׂכר.

לד לאָז מיך פאַרשטיין, און איך וועל באַוואָרן דיין תורה,
און איך וועל זי אָפּהיטן מיטן גאַנצן האַרץ.

לה לאָז מיך טרעטן אין דעם שטעג פון דיינע געבאָטן,
וואָרן אים האָב איך באַגערט.

לו נייַג צו מיין האַרץ צו דיינע באַצייַגונגען,
און נישט צו קיין געווינס.

לז צי אָפּ מיינע אויגן פון זען פאַלשקייט,
באַלעב מיך אין דיין וועג.

לח זייַ מקיים צו דיין קנעכט דיין זאָג,
וואָס איז פאַר דעם, וואָס פאָרכט זיך פאַר דיר.

לט צי אָפּ מיין חרפּה, וואָס שוידערט מיך,
וואָרן דיינע רעכטשפּראָכן זענען גוט.

מ זע, איך האָב געגאַרט נאָך דיינע באַפעלן,
באַלעב מיך אין דיין גערעכטיקייט.

וִיבֹאוּנִי

מא און זאָלן קומען אַף מיר דיינע חסָדים, גאָט,
דיין ישועה — נאָך דיין זאָג נאָך,
מב אַז איך זאָל קענען ענטפערן מיין לעסטערער אַ וואָרט,
וואָרן איך האָב מיך פאַרזיכערט אין דיין וואָרט.
מג דו זאָלסט נישט אַרויסרײַסן פון מיין מויל גאָר אין גאַנצן דאָס וואָרט פון אֶמת,
וואָרן איך האָב געוואַרט אַף דיין מִשפּט.
מד און איך וויל תָּמיד אָפּהיטן דיין תּורה,
אַף אײַביק און אײַביקייט.
מה און לאָמיך מיר אומגיין אין דער גערוימיקייט,
וואָרן איך האָב געפאָרשט דיינע באַפעלן.
מו און איך וויל רעדן פון דיינע באַצײַגונגען פאַר מלָכים,
און איך וועל נישט ווערן פאַרשעמט.
מז און איך וועל מיך דערקוויקן אין דיינע געבאָטן,
וואָס איך האָב ליב געקריגן.
מח און איך וועל אופהײַבן מיינע הענט צו דיינע געבאָטן,
וואָס איך האָב ליב געקריגן,
און איך וועל נאָכקלערן אין דיינע געזעצן.

זְכָר

מט געדענק צו דיין קנעכט דאָס וואָרט,
אַף דעם, וואָס דו האָסט מיך געלאָזט האָרן.
נ דאָס איז מיין טרײַסט אין מיין פּײַן,
וואָס דיין זאָג האָט מיך באַלעבט.
נא מוטוויליקע האָבן מיך באַוויצלט זייער שטאַרק —
פון דיין תּורה האָב איך מיך נישט אָפּגענייגט.
נב איך האָב געדענקט דיינע רעכטשפּראָכן פון אייביק אָן, גאָט,

לְפִקּוּדֶיךָ בְּצִדְקָתְךָ חַיֵּנִי׃ וִיבֹאֻנִי חֲסָדֶךָ יְהוָה תְּשׁוּעָתְךָ
כְּאִמְרָתֶךָ׃ וְאֶעֱנֶה חֹרְפִי דָבָר כִּי־בָטַחְתִּי בִּדְבָרֶךָ׃ וְאַל־
תַּצֵּל מִפִּי דְבַר־אֱמֶת עַד־מְאֹד כִּי לְמִשְׁפָּטֶךָ יִחָלְתִּי׃ וְאֶשְׁמְרָה
מה תוֹרָתְךָ תָמִיד לְעוֹלָם וָעֶד׃ וְאֶתְהַלְּכָה בָרְחָבָה כִּי פִקֻּדֶיךָ
דָרָשְׁתִּי׃ וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ׃
וְאֶשְׁתַּעֲשַׁע בְּמִצְוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי׃ וְאֶשָּׂא כַפַּי אֶל־
מִצְוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָהַבְתִּי וְאָשִׂיחָה בְחֻקֶּיךָ׃ זְכֹר־דָּבָר
נ לְעַבְדֶּךָ עַל אֲשֶׁר יִחַלְתָּנִי׃ זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ
חִיָּתְנִי׃ זֵדִים הֱלִיצֻנִי עַד־מְאֹד מִתּוֹרָתְךָ לֹא נָטִיתִי׃ זָכַרְתִּי
מִשְׁפָּטֶיךָ מֵעוֹלָם ׀ יְהוָה וָאֶתְנֶחָם׃ זַלְעָפָה אֲחָזַתְנִי מֵרְשָׁעִים
נה עֹזְבֵי תּוֹרָתֶךָ׃ זְמִרוֹת הָיוּ־לִי חֻקֶּיךָ בְּבֵית מְגוּרָי׃ זָכַרְתִּי
בַלַּיְלָה שִׁמְךָ יְהוָה וָאֶשְׁמְרָה תּוֹרָתֶךָ׃ זֹאת הָיְתָה־לִּי
כִּי פִקֻּדֶיךָ נָצָרְתִּי׃ חֶלְקִי יְהוָה אָמַרְתִּי לִשְׁמֹר
דְּבָרֶיךָ׃ חִלִּיתִי פָנֶיךָ בְכָל־לֵב חָנֵּנִי כְּאִמְרָתֶךָ׃ חִשַּׁבְתִּי
ס דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל־עֵדֹתֶיךָ׃ חַשְׁתִּי וְלֹא הִתְמַהְמָהְתִּי

און איך האָב מיך געטרייסט.
נג אַ גלוטונג האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר די רשָעים,
וואָס פאַרלאָזן דיין תּורה.
נד זמירות זענען געוואָרן פאַר מיר דיינע געזעצן
אין דעם הויז פון מיין ווײַלן.
נה איך האָב געדענקט ביינאַכט דיין נאָמען, גאָט,
און איך האָב אָפּגעהיט דיין תּורה.
נו דאָס האָב איך געהאַט,
וואָרן איך האָב אופּבאַוואָרנט דיינע באַפעלן.

חֶלְקִי

נז „מיין טייל איז גאָט,"
האָב איך געזאָגט: אָפּצוהיטן דיינע רייד.
נח איך האָב דערהאַרט דיין פּנים מיט דעם גאַנצן האַרץ –
לייַטזעליק מיך נאָך דיין זאָג נאָך.
נט איך האָב באַטראַכט מיינע וועגן,
און האָב אומגעקערט מיינע פיס צו דיינע באַצייַגונגען.

תהלים

י איך האָב מיך געאײַלט, און האָב מיך נישט פאַרזאַמט,
אָפּצוהיטן דײַנע געבאָטן.
א די שנורן פון די רשָעים האָבן מיך אַרומגעוויקלט –
דיין תּורה האָב איך נישט פאַרגעסן.
ב האַלבע נאַכט וועל איך אופשטיין, דיר צו דאַנקלויבן
פאַר די רעכטשפּראָכן פון דיין גערעכטיקייט.
ג אַ חַבר בין איך צו אַלע, וואָס פאָרכטן זיך פאַר דיר,
און צו די היטער פון דײַנע באַפעלן.
ד דיין חֶסד, גאָט, האָט אָנגעפילט די ערד,
לערן מיך דײַנע געזעצן.

טוֹב

י גוטס האָסטו געטון מיט דיין קנעכט,
גאָט, נאָך דיין וואָרט נאָך.
לערן מיך די גוטסקייט פון באַנעמען און פאַרשטיין,
וואָרן איך האָב געגלייבט אין דײַנע געבאָטן.
אייִדער איך האָב געליטן פּיין, בין איך געווען אַן אַוועקגעוואַנדערטער,
נאָר אַצינד טו איך אָפּהיטן דיין זאָג.
י גוט ביסטו און טוסט גוטס,
לערן מיך דײַנע געזעצן.
י די מוטווילִיקע האָבן אָנגעקלעפּט אַף מיר שֶקר,
איך, מיט דעם גאַנצן האַרץ וועל איך אופבאַוואָרן דײַנע באַפעלן.
פאַרפעטיקט ווי חֵלב איז זייער האַרץ,
איך, אין דיין תּורה טו איך מיך דערקוויקן.
גוט איז מיר, וואָס איך בין געוואָרן געפּייַניקט,
כּדֵי איך זאָל לערנען דײַנע געזעצן.
בעסער איז פאַר מיר די תּורה פון דיין מויל,
איידער טויזנטער פון גאָלד און זילבער.

יָדֶיךָ

דײַנע הענט האָבן מיך געמאַכט און מיך באַפעסטיקט,

לִשְׁמֹר מִצְוֺתֶיךָ : חֶבְלֵי רְשָׁעִים עִוְּדֻנִי תּוֹרָתְךָ לֹא
שָׁכָחְתִּי : חֲצוֹת־לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ עַל מִשְׁפְּטֵי
צִדְקֶךָ : חָבֵר אָנִי לְכָל־אֲשֶׁר יְרֵאוּךָ וּלְשֹׁמְרֵי פִּקּוּדֶיךָ :
סה חַסְדְּךָ יְהֹוָה מָלְאָה הָאָרֶץ חֻקֶּיךָ לַמְּדֵנִי : טוֹב עָשִׂיתָ
עִם־עַבְדְּךָ יְהֹוָה כִּדְבָרֶךָ : טוּב טַעַם וָדַעַת לַמְּדֵנִי כִּי
בְמִצְוֺתֶיךָ הֶאֱמָנְתִּי : טֶרֶם אֶעֱנֶה אֲנִי שֹׁגֵג וְעַתָּה אִמְרָתְךָ
שָׁמָרְתִּי : טוֹב־אַתָּה וּמֵטִיב לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ : טָפְלוּ עָלַי
ע שֶׁקֶר זֵדִים אֲנִי בְּכָל־לֵב ׀ אֱצֹּר פִּקּוּדֶיךָ : טָפַשׁ כַּחֵלֶב
לִבָּם אֲנִי תּוֹרָתְךָ שִׁעֲשָׁעְתִּי : טוֹב־לִי כִי־עֻנֵּיתִי לְמַעַן אֶלְמַד
חֻקֶּיךָ : טוֹב־לִי תוֹרַת־פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף : יָדֶיךָ
עָשׂוּנִי וַיְכוֹנְנוּנִי הֲבִינֵנִי וְאֶלְמְדָה מִצְוֺתֶיךָ : יְרֵאֶיךָ יִרְאוּנִי
עה וְיִשְׂמָחוּ כִּי לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי : יָדַעְתִּי יְהֹוָה כִּי־צֶדֶק מִשְׁפָּטֶיךָ
וֶאֱמוּנָה עִנִּיתָנִי : יְהִי־נָא חַסְדְּךָ לְנַחֲמֵנִי כְּאִמְרָתְךָ לְעַבְדֶּךָ :
יְבֹאוּנִי רַחֲמֶיךָ וְאֶחְיֶה כִּי־תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי : יֵבֹשׁוּ זֵדִים כִּי־
שֶׁקֶר עִוְּתוּנִי אֲנִי אָשִׂיחַ בְּפִקּוּדֶיךָ : יָשׁוּבוּ לִי יְרֵאֶיךָ וְיֹדְעֵו
פ עֵדֹתֶיךָ : יְהִי־לִבִּי תָמִים בְּחֻקֶּיךָ לְמַעַן לֹא אֵבוֹשׁ :

קיט׳ סה׳ שוא באתנח   עט׳ וידעי קרי

לאָמיך באַגרײַפן, און לאָמיך לערנען דײַנע געבאָטן.
עד דײַנע פאָרכטיקע װעלן מיך זען און װעלן זיך פרײען,
װאָרן אַף דײַן װאָרט האָב איך געהאַרט.
עה איך װײס, גאָט, אַז דײַנע מִשְׁפָּטִים זענען גערעכט,
און פון געטרײַשאַפט האָסטו מיך געפּײַניקט.
עו זאָל זײַן דאָך דײַן חֶסד, מיך צו טרײסטן
נאָך דײַן זאָג נאָך צו דײַן קנעכט.
עז זאָלן קומען אַף מיר דײַנע דערבאַרעמדיקײטן, און לאָמיך לעבן,
װאָרן דײַן תּורה איז מײַן דערקװיקונג.
עח זאָלן די מוטװיליקע װערן פאַרשעמט, װאָרן זײ האָבן שֶׁקֶריש מיך געקרימט,
איך, אין דײַנע באַפעלן װעל איך נאָכקלערן.
עט זאָלן זיך קערן צו מיר דײַנע פאָרכטיקע,
און די, װאָס קענען דײַנע באַצײַגונגען.
פ זאָל מײַן האַרץ זײַן גאַנץ אין דײַנע געזעצן,
כּדי איך זאָל נישט װערן פאַרשעמט.

כָּלְתָה

פא מיין נֶפש לאָזט זיך אויס נאָך דיין ישועה,
אַף דיין וואָרט טו איך האַרן.
פב מיינע אויגן לאָזן זיך אויס נאָך דיין זאָג,
אַזוי צו זאָגן: ווען וועסטו מיך טרייסטן?
פג וואָרן איך בין געוואָרן אַ לאָגל אין דער רייכערונג, –
דיינע געזעצן האָב איך נישט פאַרגעסן.
פד וויפל זענען די טעג פון דיין קנעכט?!
ווען וועסטו טון מִשפּט איבער מיינע נאָכיאָגערס?
פה די מוטוויליקע האָבן געגראָבן גראָבנס פאַר מיר,
וואָס דאָס איז נישט נאָך דיין תּורה נאָך.
פו אַלע דיינע געבאָטן זענען באַגלייבט,
שֶקֶריש האָבן זיי מיך געטרוידעפט, – העלף מיר!
פז זיי האָבן מיך שיר פאַרלענדט אַף דער ערד,
און איך, איך האָב נישט פאַרלאָזט דיינע באַפעלן.
פח באַלעב מיך נאָך דיין חֶסד נאָך,
און לאָמיך קענען אָפּהיטן די באַצייגונג פון דיין מויל.

לְעוֹלָם

פט אַף אייביק איז גאָט!
דיין וואָרט איז פעסטגעשטעלט מיט דעם הימל.
צ אַף דור־דורות איז דיין געטריישאַפט,
דו האָסט באַפעסטיקט די ערד און זי איז געבליבן שטיין.
צא לויט דיינע רעכטשפּראָכן שטייען זיי היינט,
וואָרן דאָס אַלץ – זענען דיינע קנעכט.
צב וואָלט דיין תּורה נישט געווען מיין דערקוויקונג, –
דעמאָלט וואָלט איך געוואָרן פאַרלוירן אין מיין פּיין.
צג איך וועל אַף אייביק נישט פאַרגעסן דיינע באַפעלן,
וואָרן דורך זיי האָסטו מיך באַלעבט.
צד דיר געהער איך, – באַפריי מיך,

כָּלְתָה לִתְשׁוּעָתְךָ נַפְשִׁי לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי׃ כָּלוּ
עֵינַי לְאִמְרָתֶךָ לֵאמֹר מָתַי תְּנַחֲמֵנִי׃ כִּי־הָיִיתִי כְּנֹאד
בְּקִיטוֹר חֻקֶּיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃ כַּמָּה־יְמֵי־עַבְדֶּךָ מָתַי תַּעֲשֶׂה
פה בְרֹדְפַי מִשְׁפָּט׃ כָּרוּ־לִי זֵדִים שִׁיחוֹת אֲשֶׁר לֹא כְתוֹרָתֶךָ׃
כָּל־מִצְוֺתֶיךָ אֱמוּנָה שֶׁקֶר רְדָפוּנִי עָזְרֵנִי׃ כִּמְעַט כִּלּוּנִי
בָאָרֶץ וַאֲנִי לֹא־עָזַבְתִּי פִקֻּדֶיךָ׃ כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי וְאֶשְׁמְרָה
צ עֵדוּת פִּיךָ׃ לְעוֹלָם יְהוָה דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם׃ לְדֹר
וָדֹר אֱמוּנָתֶךָ כּוֹנַנְתָּ אֶרֶץ וַתַּעֲמֹד׃ לְמִשְׁפָּטֶיךָ עָמְדוּ הַיּוֹם
כִּי הַכֹּל עֲבָדֶיךָ׃ לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי׃
לְעוֹלָם לֹא־אֶשְׁכַּח פִּקּוּדֶיךָ כִּי־בָם חִיִּיתָנִי׃ לְךָ־אֲנִי הוֹשִׁיעֵנִי
צה כִּי פִקּוּדֶיךָ דָרָשְׁתִּי׃ לִי קִוּוּ רְשָׁעִים לְאַבְּדֵנִי עֵדֹתֶיךָ
אֶתְבּוֹנָן׃ לְכָל־תִּכְלָה רָאִיתִי קֵץ רְחָבָה מִצְוָתְךָ מְאֹד׃
מָה אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ כָּל־הַיּוֹם הִיא שִׂיחָתִי׃ מֵאֹיְבַי
תְּחַכְּמֵנִי מִצְוֺתֶךָ כִּי לְעוֹלָם הִיא־לִי׃ מִכָּל־מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי
ק כִּי עֵדְוֺתֶיךָ שִׂיחָה לִי׃ מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי׃
מִכָּל־אֹרַח רָע כָּלִאתִי רַגְלָי לְמַעַן אֶשְׁמֹר דְּבָרֶךָ׃ מִמִּשְׁפָּטֶיךָ

קיט' צט' פתח באתנח

וואָרן איך האָב געפאָרשט דיינע באַפעלן.

צה אַף מיר האָבן געהאָפּט די רשעים, מיך אומצוברענגען, –
דיינע באַצײַגונגען וויל איך באַגרײַפן.

צו צו איטלעכער פאַרענדיקטקייט האָב איך געזען אַ סוף –
דיין געבאָט איז זייער גערוימיק.

מָה־אָהַבְתִּי

צז ווי ליב איך האָב דיין תורה!
דעם גאַנצן טאָג איז זי מיין נאָכקלערונג.

צח דיין געבאָט מאַכט מיך קליגער פון מיינע פיינט,
וואָרן אַף אײביק געהערט עס מיר.

צט פון אַלע מיינע לערער בין איך געוואָרן פאַרשטענדיקער,
וואָרן דיינע באַצײַגונגען זענען מיין נאָכקלערונג.

ק איך טו באַגרײַפן מער פון די זקֵנים,
וואָרן דיינע באַפעלן האָב איך אופּבאַוואָרנט.

קא פון יעדן שטעג פון שלעכטס האָב איך געצאַמט מיינע פיס,
כּדי איך זאָל קענען היטן דיין וואָרט.

קב איך האָב נישט אָפּגעקערט פון דיינע רעכטשפּראָכן,
וואָרן דו, דו האָסט מיר צוגעוויזן.
קג ווי זאַנפט זענען דיינע זאָגן פאַר מיין גומען,
זענען מער פון האָניק פאַר מיין מויל!
קד פון דיינע באַפעלן ווער איך באַגרייפנדיקער,
דעריבער האָב איך פיינט יעדן שטעג פון שקר.

נֵר־לְרַגְלִי

קה דיין וואָרט איז אַ לעכט פאַר מיין פוס,
און אַ לייכטונג פאַר מיין פוסשטעג.
קו איך האָב געשוואוירן, און איך האָב מקיים געווען,
אָפּצוהיטן די רעכטשפּראָכן פון דיין גערעכטיקייט.
קז איך בין געפּייניקט זייער שטאַרק,
גאָט, באַלעב מיך נאָך דיין וואָרט נאָך.
קח די פרייגיביקייטן פון מיין מויל באַוויליק דאָך, גאָט,
און לערן מיך דיינע רעכטשפּראָכן.
קט מיין נפש איז תמיד אין מיין האַנט,–
און דיין תורה האָב איך נישט פאַרגעסן.
קי די רשעים האָבן געלייגט אַ פאַלנעץ פאַר מיר,–
און פון דיינע באַפעלן האָב איך נישט אַוועקגעבלאָנדזעט.
קיא איך האָב געאַרבט דיינע באַצייגונגען אַף אייביק,
וואָרן זיי זענען דאָס אַנטציקן פון מיין האַרץ.
קיב איך האָב גענייגט מיין האַרץ, צו טון דיינע געזעצן,
אַף אייביק איז עס שכר.

סֵעֲפִים

קיג איך האָב פיינט די געשפּאָלטענע,
און דיין תורה האָב איך ליב.

קג מעגלעך: ווי זאַנפט זיי זענען פאַר מיין גומען, דיין זאָג איז מער פון האָניק פאַר מיין מויל.

לֹא־סָרְתִּי כִּי־אַתָּה הוֹרֵתָנִי׃ מַה־נִּמְלְצוּ לְחִכִּי אִמְרָתֶךָ
מִדְּבַשׁ לְפִי׃ מִפִּקּוּדֶיךָ אֶתְבּוֹנָן עַל־כֵּן שָׂנֵאתִי ׀ כׇּל־אֹרַח
קה שָׁקֶר׃ נֵר־לְרַגְלִי דְבָרֶךָ וְאוֹר לִנְתִיבָתִי׃ נִשְׁבַּעְתִּי
וָאֲקַיֵּמָה לִשְׁמֹר מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ׃ נַעֲנֵיתִי עַד־מְאֹד יְהֹוָה
חַיֵּנִי כִדְבָרֶךָ׃ נִדְבוֹת פִּי רְצֵה־נָא יְהֹוָה וּמִשְׁפָּטֶיךָ לַמְּדֵנִי׃
קי נַפְשִׁי בְכַפִּי תָמִיד וְתוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃ נָתְנוּ רְשָׁעִים
פַּח לִי וּמִפִּקּוּדֶיךָ לֹא תָעִיתִי׃ נָחַלְתִּי עֵדְוֺתֶיךָ לְעוֹלָם
כִּי־שְׂשׂוֹן לִבִּי הֵמָּה׃ נָטִיתִי לִבִּי לַעֲשׂוֹת חֻקֶּיךָ לְעוֹלָם
עֵקֶב׃ סֵעֲפִים שָׂנֵאתִי וְתוֹרָתְךָ אָהָבְתִּי׃ סִתְרִי
קטו וּמָגִנִּי אָתָּה לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי׃ סוּרוּ מִמֶּנִּי מְרֵעִים וְאֶצְּרָה
מִצְוֺת אֱלֹהָי׃ סׇמְכֵנִי כְאִמְרָתְךָ וְאֶחְיֶה וְאַל־תְּבִישֵׁנִי
מִשִּׂבְרִי׃ סְעָדֵנִי וְאִוָּשֵׁעָה וְאֶשְׁעָה בְחֻקֶּיךָ תָמִיד׃ סָלִיתָ
כׇּל־שׁוֹגִים מֵחֻקֶּיךָ כִּי־שֶׁקֶר תַּרְמִיתָם׃ סִגִים הִשְׁבַּתָּ
קכ רִשְׁעֵי־אָרֶץ לָכֵן אָהַבְתִּי עֵדֹתֶיךָ׃ סָמַר מִפַּחְדְּךָ בְשָׂ
וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ יָרֵאתִי׃ עָשִׂיתִי מִשְׁפָּט וָצֶדֶק בַּל־תַּנִּיחֵנִי

קיד מיין פֿאַרבאָרגעניש און מיין שילד ביסטו,
אַף דיין וואָרט טו איך האַרן.

קטו קערט אָפּ פֿון מיר, איר בייזווערקער,
און לאָמיך אופֿבאַוואָרן די געבאָטן פֿון מיין גאָט.

קטז לען מיך אונטער נאָך דיין זאָג נאָך, און לאָמיך לעבן,
און דו זאָלסט מיך נישט לאָזן ווערן פֿאַרשעמט איבער מיין האָפֿן.

קיז שטיץ מיך אונטער, און לאָמיך האָבן אַ ישועה,
און איך וועל תָּמיד נאָכקוקן אין דיינע געזעצן.

קיח דו האָסט פֿאַרוואָרפֿן אַלע אָוועקוואַנדערער פֿון דיינע געזעצן,
וואָרן שֶׁקר איז זייער באַטרוג־קונסט.

קיט דו האָסט פֿאַרשטערט אַלע רשָעים פֿון דער ערד ווי פּיז,
דעריבער האָב איך ליב דיינע באַצייַגונגען.

קכ אופֿגעשוידערט פֿון דיין פַּחד איז מיין פֿלייש,
און איך האָב מורא פֿאַר דיינע מִשפָּטים.

עָשִׂיתִי

קכא איך האָב געטון רעכט און גערעכטיקייט, —
דו זאָלסט מיך נישט איבערלאָזן צו מיינע באַדריקער.

קכב זײַ ערב פאַר דעם וואויל פון דײַן קנעכט,
זאָלן מיך נישט באַדריקן די מוטוויליקע.
קכג מײַנע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָזט נאָך דײַן ישועה,
און נאָך דעם זאָג פון דײַן גערעכטיקייט.
קכד טו מיט דײַן קנעכט נאָך דײַן חֶסד נאָך,
און לערן מיך דײַנע געזעצן.
קכה דײַן קנעכט בין איך, לאָז מיך באַגרײַפן,
און לאָמיך פאַרשטײן דײַנע באַצײַגונגען.
קכו עס איז די שָעה פאַר ג אָ ט צו טון:
זיי האָבן צעשטערט דײַן תּורה.
קכז דעריבער האָב איך ליב דײַנע געבאָטן
מער פון גאָלד און פון גינגאָלד,
קכח דעריבער האַלט איך רעכטפאַרטיק אַלע באַפעלן וועגן אַלץ,
יעדן שטעג פון שֶקר האָב איך פײַנט.

פְּלָאוֹת

קכט וואונדער זענען דײַנע באַצײַגונגען,
דעריבער האָט מײַן נֶפש זיי אופבאַוואָרנט.
קל די עפענונג פון דײַנע רייד מאַכט ליכטיק,
זי מאַכט באַגרײַפן די נאַראָנים.
קלא מײַן מויל האָב איך אופגעריסן און האָב געשנאַפּט,
וואָרן איך האָב געגאַרט נאָך דײַנע געבאָטן.
קלב ווענד דיך צו צו מיר, און לײַטזעליק מיך
נאָך דעם רעכט נאָך פון די, וואָס האָבן ליב דײַן נאָמען.
קלג באַפעסטיק מײַנע טריט מיט דײַן זאָג,
און לאָז נישט שאַלטן איבער מיר קיין שום אומרעכט.
קלד לײַז מיך אויס פון דער באַדריקונג פון דעם מענטש,
און לאָמיך קענען אָפּהיטן דײַנע באַפעלן.
קלה לאָז לײַכטן דײַן פָּנים אַף דײַן קנעכט,
און לערן מיך דײַנע געזעצן.

לְעֹשְׁקָי׃ עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל־יַעַשְׁקֻנִי זֵדִים׃ עֵינַי כָּלוּ
לִישׁוּעָתֶךָ וּלְאִמְרַת צִדְקֶךָ׃ עֲשֵׂה עִם־עַבְדְּךָ כְחַסְדֶּךָ
קכה וְחֻקֶּיךָ לַמְּדֵנִי׃ עַבְדְּךָ־אָנִי הֲבִינֵנִי וְאֵדְעָה עֵדֹתֶיךָ׃ עֵת
לַעֲשׂוֹת לַיהוָה הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ׃ עַל־כֵּן אָהַבְתִּי מִצְוֹתֶיךָ
מִזָּהָב וּמִפָּז׃ עַל־כֵּן ׀ כָּל־פִּקּוּדֵי כֹל יִשָּׁרְתִּי כָּל־אֹרַח שֶׁקֶר
שָׂנֵאתִי׃ פְּלָאוֹת עֵדְוֹתֶיךָ עַל־כֵּן נְצָרָתַם נַפְשִׁי׃
קל פֵּתַח־דְּבָרֶיךָ יָאִיר מֵבִין פְּתָיִים׃ פִּי פָעַרְתִּי וָאֶשְׁאָפָה כִּי
לְמִצְוֹתֶיךָ יָאָבְתִּי׃ פְּנֵה־אֵלַי וְחָנֵּנִי כְּמִשְׁפָּט לְאֹהֲבֵי
שְׁמֶךָ׃ פְּעָמַי הָכֵן בְּאִמְרָתֶךָ וְאַל־תַּשְׁלֶט־בִּי כָל־אָוֶן׃
קלה פְּדֵנִי מֵעֹשֶׁק אָדָם וְאֶשְׁמְרָה פִּקּוּדֶיךָ׃ פָּנֶיךָ הָאֵר בְּעַבְדֶּךָ
וְלַמְּדֵנִי אֶת־חֻקֶּיךָ׃ פַּלְגֵי־מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא־שָׁמְרוּ
תוֹרָתֶךָ׃ צַדִּיק אַתָּה יְהוָה וְיָשָׁר מִשְׁפָּטֶיךָ׃ צִוִּיתָ
צֶדֶק עֵדֹתֶיךָ וֶאֱמוּנָה מְאֹד׃ צִמְּתַתְנִי קִנְאָתִי כִּי־שָׁכְחוּ
קמ דְבָרֶיךָ צָרָי׃ צְרוּפָה אִמְרָתְךָ מְאֹד וְעַבְדְּךָ אֲהֵבָהּ׃
צָעִיר אָנֹכִי וְנִבְזֶה פִּקֻּדֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃ צִדְקָתְךָ צֶדֶק
לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת׃ צַר־וּמָצוֹק מְצָאוּנִי מִצְוֹתֶיךָ

קלו בעכן וואַסער האָבן אַראָפּגענידערט מיינע אויגן
איבער דעם, וואָס זיי האָבן נישט אָפּגעהיט דיין תּורה.

צדיק

קלז גערעכט ביסטו, גאָט,
און רעכטפאַרטיק זענען דיינע רעכטשפּראָכן.
קלח דיינע באַצייגונגען, וואָס דו האָסט געבאָטן, זענען גערעכט
און זייער געטריי.
קלט מיין קנאה האָט מיך צעריבן,
וואָרן מיינע באַדרענגער האָבן פאַרגעסן דיינע רייד.
קמ דיין זאָג איז זייער אויסגעשמאָלצן,
און דיין קנעכט האָט אים ליב.
קמא מינדער בין איך און פאַראַכט, —
דיינע באַפעלן האָב איך נישט פאַרגעסן.
קמב דיין גערעכטיקייט איז אַ גערעכטיקייט אַף אייביק,
און דיין תּורה איז אמת.
קמג האָבן באַדרענגונג און נויט מיך געפונען, —

דיינע געבאָטן זענען מיינע דערקוויקונגען.
מד גערעכט זענען דיינע באַצײַגונגען אַף אײביק,
לאָז מיך באַגרײַפן, און איך וועל קענען לעבן.

קָרָאתִי

מה איך האָב גערופן מיט דעם גאַנצן האַרץ: ענטפער מיר, ג א ָ ט!
איך וויל אופבאַוואָרן דיינע געזעצן.
מו איך האָב דיך גערופן, באַפרײַ מיך,
און לאָמיך אָפּהיטן דיינע באַצײַגונגען.
מז איך האָב מיך געפעדערט אין דער דעמערונג, און איך האָב געשריגן:
אַף דיין וואָרט האָב איך געהאַרט.
מח מיינע אויגן האָבן זיך געפעדערט פאָראויס פאַר די נאַכטוואַכן,
נאָכצוקלערן אין דיין זאָג.
מט הער מיין קול נאָך דיין חֶסד נאָך,
ג אָ ט, נאָך דיין רעכט נאָך באַלעב מיך.
נ האָבן גענעענט די נאָכיאָגער פון לײסטפּלאַנונג,
– פון דיין תּורה האָבן זיי זיך דערווײַטערט, –
נא ביסטו, ג אָ ט, נאָענט,
און אַלע דיינע געבאָטן זענען אֶמת.
נב פון פאַרצײַטנס האָב איך דערקענט דיינע באַצײַגונגען,
אַז אַף אײביק האָסטו זיי געגרונטפעסטיקט.

רְאֵה

נג זע מיין פּײַן, און שניר מיך אוף,
וואָרן דיין תּורה האָב איך נישט פאַרגעסן.
נד קריג מיין קריג, און לייז מיך אויס,
באַלעב מיך לויט דיין זאָג.
נה ווייט פון די רשָעים איז די ישועה,
וואָרן דיינע געזעצן האָבן זיי נישט געפאָרשט.
נו דיינע דערבאַרעמדיקייטן, ג אָ ט, זענען אַ סך,

שַׁעֲשֻׁעָי׃ צֶדֶק עֵדְוֺתֶיךָ לְעוֹלָם הֲבִינֵנִי וְאֶחְיֶה׃
קמה קָרָאתִי בְכָל־לֵב עֲנֵנִי יְהֹוָה חֻקֶּיךָ אֶצֹּרָה׃ קְרָאתִיךָ
הוֹשִׁיעֵנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדֹתֶיךָ׃ קִדַּמְתִּי בַנֶּשֶׁף וָאֲשַׁוֵּעָה לִדְבָרְיךָ
יִחָלְתִּי׃ קִדְּמוּ עֵינַי אַשְׁמֻרוֹת לָשִׂיחַ בְּאִמְרָתֶךָ׃ קוֹלִי שִׁמְעָה
קנ כְחַסְדֶּךָ יְהֹוָה כְּמִשְׁפָּטֶךָ חַיֵּנִי׃ קָרְבוּ רֹדְפֵי זִמָּה מִתּוֹרָתְךָ
רָחָקוּ׃ קָרוֹב אַתָּה יְהֹוָה וְכָל־מִצְוֺתֶיךָ אֱמֶת׃ קֶדֶם יָדַעְתִּי
מֵעֵדֹתֶיךָ כִּי לְעוֹלָם יְסַדְתָּם׃ רְאֵה־עָנְיִי וְחַלְּצֵנִי כִּי־
תוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃ רִיבָה רִיבִי וּגְאָלֵנִי לְאִמְרָתְךָ חַיֵּנִי׃
קנה רָחוֹק מֵרְשָׁעִים יְשׁוּעָה כִּי־חֻקֶּיךָ לֹא דָרָשׁוּ׃ רַחֲמֶיךָ
רַבִּים ׀ יְהֹוָה כְּמִשְׁפָּטֶיךָ חַיֵּנִי׃ רַבִּים רֹדְפַי וְצָרָי מֵעֵדְוֺתֶיךָ
לֹא נָטִיתִי׃ רָאִיתִי בֹגְדִים וָאֶתְקוֹטָטָה אֲשֶׁר אִמְרָתְךָ לֹא
שָׁמָרוּ׃ רְאֵה כִּי־פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי יְהֹוָה כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי׃
קס רֹאשׁ־דְּבָרְךָ אֱמֶת וּלְעוֹלָם כָּל־מִשְׁפַּט צִדְקֶךָ׃ שָׂרִים
רְדָפוּנִי חִנָּם וּמִדְּבָרְיךָ פָּחַד לִבִּי׃ שָׂשׂ אָנֹכִי עַל־אִמְרָתֶךָ
כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב׃ שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי וָאֲתַעֵבָה תּוֹרָתְךָ אָהָבְתִּי׃

קיט' קמו' יתיר י'   קסא' יתיר י'

נאָך דיינע רעכטשפּראָכן נאָך באַלעב מיך.

קנז אַ סך זענען מיינע נאָכיאָגער און מיינע באַדרענגער,
פון דיינע באַצייַגונגען האָב איך נישט אָפּגענייגט.

קנח איך האָב געזען די פאַררעטער, און מיך האָט געעקלט,
וואָס זיי האָבן נישט אָפּגעהיט דיין זאָג.

קנט זע, וואָרן איך האָב ליב דיינע באַפעלן,
גאָט, נאָך דיין חֶסד נאָך באַלעב מיך.

קס דער הויפּט פון דיין וואָרט איז אֶמת,
און אַף אייביק איז איטלעכער רעכטשפּראָך פון דיין גערעכטיקייט.

שָׂרים

קסא האַרן האָבן מיך גערוידעפט אומזיסט,
דאָך נאָר פאַר דיין וואָרט האָט געהאַט פַּחד מיין האַרץ.

קסב איך בין אַנטציקט איבער דיין זאָג,
ווי איינער, וואָס געפינט אַ סך זאַקרויב.

קסג שֶׁקר האָב איך פייַנט געהאַט און פאַראומווערדיקט,
דיין תּורה האָב איך ליב.

קסד זיבן מאָל אין טאָג טו איך דיך לוֹ-ן
איבער די רעכטשפּראָכן פון דיין גערעכטיקייט.
קסה אַ סַך שָלום איז פאַר די וואָס האָבן ליב דיין תּוֹרה,
און עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין שטרויכלונג.
קסו איך האָב געהאַרט אַף דיין ישועה, גאָט,
און דיינע געבאָטן האָב איך געטון.
קסז מיין נֶפש האָט אָפּגעהיט דיינע באַצייַגונגען,
און איך האָב זיי זייער ליב.
קסח איך האָב אָפּגעהיט דיינע באַפעלן און דיינע באַצייַגונגען,
וואָרן אַלע מיינע וועגן זענען דיר אַנטקעגן.

תִקרַב

קסט זאָל גענענען מיין אופגעשריַ פאַר דיר, גאָט,
לאָז מיך באַגרייַפן נאָך דיין וואָרט נאָך.
קע זאָל קומען פאַר דיר מיין געבעט,
זיַ מיך מַציל נאָך דיין זאָג נאָך.
קעא זאָלן שפּרודלען מיינע ליפּן אַ לויבגעזאַנג,
וואָרן דו ווּעסט מיך לערנען דיינע געזעצן.
קעב מיין צונג וועט איבערזינגען דיין זאָג,
וואָרן אַלע דיינע געבאָטן זענען גערעכט.
קעג זאָל זיין דיין האַנט אַף צו העלפן מיר,
וואָרן דיינע באַפעלן האָב איך אויסדערוויילט.
קעד איך האָב געגאַרט נאָך דיין ישועה, גאָט,
און דיין תּורה איז מיין דערקוויקונג.
קעה זאָל לעבן מיין נֶפש און זאָל דיך לויבן,
און זאָלן דיינע רעכטשפּראָכן מיר העלפן.
קעו האָב איך געבלאָנקעט, ווי אַ פאַרלוירן לאַם זוך אוף דיין קנעכט,
וואָרן דיינע געבאָטן האָב איך נישט פאַרגעסן.

קסה שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ : שָׁלוֹם רָב
לְאֹהֲבֵי תוֹרָתֶךָ וְאֵין לָמוֹ מִכְשׁוֹל : שִׂבַּרְתִּי לִישׁוּעָתְךָ
יְהוָה וּמִצְוֹתֶיךָ עָשִׂיתִי : שָׁמְרָה נַפְשִׁי עֵדֹתֶיךָ וָאֹהֲבֵם מְאֹד :
שָׁמַרְתִּי פִקּוּדֶיךָ וְעֵדֹתֶיךָ כִּי כָל־דְּרָכַי נֶגְדֶּךָ : תִּקְרַב
קע רִנָּתִי לְפָנֶיךָ יְהוָה כִּדְבָרְךָ הֲבִינֵנִי : תָּבוֹא תְחִנָּתִי לְפָנֶיךָ
כְּאִמְרָתְךָ הַצִּילֵנִי : תַּבַּעְנָה שְׂפָתַי תְּהִלָּה כִּי תְלַמְּדֵנִי
חֻקֶּיךָ : תַּעַן לְשׁוֹנִי אִמְרָתֶךָ כִּי כָל־מִצְוֹתֶיךָ צֶּדֶק : תְּהִי־
יָדְךָ לְעָזְרֵנִי כִּי פִקּוּדֶיךָ בָחָרְתִּי : תָּאַבְתִּי לִישׁוּעָתְךָ יְהוָה
קעה וְתוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי : תְּחִי־נַפְשִׁי וּתְהַלְלֶךָּ וּמִשְׁפָּטֶךָ יַעֲזְרֻנִי :
תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי :
קכ שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אֶל־יְהוָה בַּצָּרָתָה לִּי קָרָאתִי
וַיַּעֲנֵנִי : יְהוָה הַצִּילָה נַפְשִׁי מִשְּׂפַת־שֶׁקֶר מִלָּשׁוֹן רְמִיָּה :
מַה־יִּתֵּן לְךָ וּמַה־יֹּסִיף לָךְ לָשׁוֹן רְמִיָּה : חִצֵּי גִבּוֹר שְׁנוּנִים
ה עִם גַּחֲלֵי רְתָמִים : אוֹיָה־לִי כִּי־גַרְתִּי מֶשֶׁךְ שָׁכַנְתִּי עִם
אָהֳלֵי קֵדָר : רַבַּת שָׁכְנָה־לָּהּ נַפְשִׁי עִם שׂוֹנֵא שָׁלוֹם : אֲנִי־

קכ שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. אֶל־יְהוָה בַּצָּרָתָה לִּי

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

צו גאָט אין מיין באַדרענגונג,
איך האָב גערופן, און ער האָט מיר געענטפערט.
ב גאָט, זײַ מַציל מיין נֶפש פון דער ליפּ פון שֶקר,
פון דער צונג פון באַטרוג!–
ג וואָס וועט ער דיר געבן, און וואָס וועט ער דיר מערן,
צונג פון באַטרוג?–
ד פײַלן פון גיבור, פאַרשפּיצטע,
מיט גלוטקוילן פון גינסטער.

ה ווײַ איז מיר, וואָס איך האָב געוווינט אין מֶשך,
וואָס איך האָב געוואוינט ביי די געצעלטן פון קֵדר!
ו צו לאַנג האָט געוואוינט מיין נֶפש
ביי דעם שׂונא פון שָלום.

ז איך וויל שָׁלום, נאָר אַז איך רעד –
זענען זיי פאַר מִלְחָמה.

קכא שִׁיר לַמַּעֲלוֹת. אֶשָּׂא עֵינַי אֶל־הֶהָרִים

א שִׁיר לַמַּעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

– איך הײב אויף מײנע אויגן צו די בערג:
פון וואַנען וועט קומען מײן הילף?
ב מײן הילף איז פון ג א ָט,
וואָס האָט געמאַכט הימל און ערד.

ג – ער וועט נישט געבן דײן פוס צום וואַנקען,
סע וועט נישט שלומערן דײן היטער!
ד – זע, סע טוט נישט שלומערן און סע טוט נישט שלאָפן
דער היטער פון יִשְׂרָאֵל!

ה – ג א ָט איז דײן היטער,
ג א ָט איז דײן שאָטן בײ דער זײט פון דײן רעכטער האַנט.
ו בײטאָג וועט דיך נישט שלאָגן די זון,
און די לְבָנה – בײנאַכט.

ז ג א ָט וועט דיך באַהיטן פון אַלדאָס בײז,
ער וועט באַהיטן דײן נֶפֶשׁ.
ח ג א ָט וועט באַהיטן דײן אַרויסגײן און דײן אַרײנקומען
פון אַצינד אָן און ביז אײביק.

קכב שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, לְדָוִד. שָׂמַחְתִּי בְּאֹמְרִים לִי

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען, פון דָוִדן.

קכא שָׁלוֹם וְכִי אֲדַבֵּר הֵמָּה לַמִּלְחָמָה׃ קכא שִׁיר
לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל־הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי׃ עֶזְרִי
מֵעִם יְהוָה עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ אַל־יִתֵּן לַמּוֹט רַגְלֶךָ אַל־
יָנוּם שֹׁמְרֶךָ׃ הִנֵּה לֹא־יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל׃
ה יְהוָה שֹׁמְרֶךָ יְהוָה צִלְּךָ עַל־יַד יְמִינֶךָ׃ יוֹמָם הַשֶּׁמֶשׁ לֹא־
יַכֶּכָּה וְיָרֵחַ בַּלָּיְלָה׃ יְהוָה יִשְׁמָרְךָ מִכָּל־רָע יִשְׁמֹר אֶת־
נַפְשֶׁךָ׃ יְהוָה יִשְׁמָר־צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃
קכב שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד שָׂמַחְתִּי בְּאֹמְרִים לִי
בֵּית יְהוָה נֵלֵךְ׃ עֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ יְרוּשָׁלָםִ׃
יְרוּשָׁלַםִ הַבְּנוּיָה כְּעִיר שֶׁחֻבְּרָה־לָּהּ יַחְדָּו׃ שֶׁשָּׁם עָלוּ
ה שְׁבָטִים שִׁבְטֵי־יָהּ עֵדוּת לְיִשְׂרָאֵל לְהֹדוֹת לְשֵׁם יְהוָה׃ כִּי
שָׁמָּה ׀ יָשְׁבוּ כִסְאוֹת לְמִשְׁפָּט כִּסְאוֹת לְבֵית דָּוִד׃ שַׁאֲלוּ
שְׁלוֹם יְרוּשָׁלָםִ יִשְׁלָיוּ אֹהֲבָיִךְ׃ יְהִי־שָׁלוֹם בְּחֵילֵךְ שַׁלְוָה
בְּאַרְמְנוֹתָיִךְ׃ לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי אֲדַבְּרָה־נָּא שָׁלוֹם בָּךְ׃

איך האָב מיך געפרייט, ווען זיי האָבן צו מיר געזאָגט:
„צו דעם הויז פון גאָט לאָמיר גיין!"
ב אונזערע פיס זענען געבליבן שטיין
אין דיינע טויערן, ירושָלַיִם.

ג ירושָלַיִם, דו אויפגעבויטע
ווי אַ שטאָט, וואָס געזעלט זיך אינאײנעם,
ד וואָס דאָרט אַהין זענען אַרופגעגאַנגען די שבָטים,
די שבָטים פון גאָט, — אַ באַצייגונג פאַר ישׂראל —
צו דאַנקלויבן דעם נאָמען פון גאָט.
ה וואָרן דאָרטן זענען געזעצט געוואָרן שטולן צום מִשפּט,
שטולן פאַר דעם הויז פון דָוִדן.

ו בעט אַף דעם שָלום פון ירושָלַיִם:
אין שַלוָה זאָלן זיין די, וואָס האָבן דיך ליב!
ז זאָל זיין שָלום אין דיינע וואַלן,
שַלוָה אין דיינע פּאַלאַצן.

ח פונוועגן מיינע ברידער און מיינע פריינט
ווי׳ל איך דאָך רעדן: שָלום אין דיר!
ט פונוועגן דעם הויז פון גאָט, אונזער גאָט,
ווי׳ל איך זוכן דיין גוטס.

קכג שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. אֵלֶיךָ נָשָׂאתִי אֶת־עֵינַי

א שיר המעלות – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

צו דיר האָב איך אופגעהויבן מיינע אויגן,
דו, וואָס זיצסט אין דעם הימל.
ב זע, ווי די אויגן פון קנעכט זענען צו דער האַנט פון זייערע האַרן,
ווי די אויגן פון אַ דינסט – צו דער האַנט פון איר געביטערן,
אַזוי זענען אונזערע אויגן צו גאָט, אונזער גאָט,
ביז ער טוט אונז לייַטזעליקן.

ג לייַטזעליק אונז, גאָט, לייַטזעליק אונז,
וואָרן מיר זענען געוואָרן גענוג געזעטיקט פון בזָיון,
ד גענוג האָט זיך געזעטיקט אונזער נֶפש
פון דעם שפּאָט פון די וואויל־געזיכערטע,
פון דעם בזָיון פון די האָפערדיקסטע באַדריקער.

קכד שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, לְדָוִד. לוּלֵי יְהוָה שֶׁהָיָה לָנוּ

א שיר המעלות – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען, פון דָוִדן.

ווען נישט גאָט, וואָס איז געווען פאַר אונז,
– זאָל דאָך זאָגן יִשְׂרָאֵל! –
ווען נישט גאָט, וואָס איז געווען פאַר אונז,
ווען מענטש איז אופגעשטאַנען אַף אונז,
דעמאָלט וואָלטן זיי אונז איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט,

לְמַעַן בֵּית־יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ אֲבַקְשָׁה טוֹב לָךְ׃
קכג שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אֵלֶיךָ נָשָׂאתִי אֶת־עֵינַי הַיֹּשְׁבִי
בַּשָּׁמָיִם׃ הִנֵּה כְעֵינֵי עֲבָדִים אֶל־יַד אֲדוֹנֵיהֶם כְּעֵינֵי שִׁפְחָה
אֶל־יַד גְּבִרְתָּהּ כֵּן עֵינֵינוּ אֶל־יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁיְּחָנֵּנוּ׃
חָנֵּנוּ יְהֹוָה חָנֵּנוּ כִּי־רַב שָׂבַעְנוּ בוּז׃ רַבַּת שָׂבְעָה־לָּהּ
קכד נַפְשֵׁנוּ הַלַּעַג הַשַּׁאֲנַנִּים הַבּוּז לִגְאֵיוֹנִים׃ קכד שִׁיר
הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד לוּלֵי יְהֹוָה שֶׁהָיָה לָנוּ יֹאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל׃
לוּלֵי יְהֹוָה שֶׁהָיָה לָנוּ בְּקוּם עָלֵינוּ אָדָם׃ אֲזַי חַיִּים בְּלָעוּנוּ
ה בַּחֲרוֹת אַפָּם בָּנוּ׃ אֲזַי הַמַּיִם שְׁטָפוּנוּ נַחְלָה עָבַר עַל־
נַפְשֵׁנוּ׃ אֲזַי עָבַר עַל־נַפְשֵׁנוּ הַמַּיִם הַזֵּידוֹנִים׃ בָּרוּךְ יְהֹוָה
שֶׁלֹּא נְתָנָנוּ טֶרֶף לְשִׁנֵּיהֶם׃ נַפְשֵׁנוּ כְּצִפּוֹר נִמְלְטָה מִפַּח
יוֹקְשִׁים הַפַּח נִשְׁבָּר וַאֲנַחְנוּ נִמְלָטְנוּ׃ עֶזְרֵנוּ בְּשֵׁם יְהֹוָה
קכה עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ קכה שִׁיר הַמַּעֲלוֹת

קכג׳ ד׳ לגאי יונים קרי

ווען זייער צאָרן האָט געגרימט אַף אונז;
ד דעמאָלט וואָלטן אונז פאַרפלייצט די וואַסערן,
אַ באַך וואָלט איבערגעפאָרן איבער אונזער נֶפש,
ה דעמאָלט וואָלטן איבערגעפאָרן איבער אונזער נֶפש
די אופּזידנדיקע וואַסערן.

ו געבענטשט איז גאָט,
וואָס האָט אונז נישט געגעבן פאַר זייערע ציין אַ פאַרצוקונג!
ז אונזער נֶפש איז ווי דער פויגל, וואָס איז געוואָרן אַנטרונען
פון דער פאַלנעץ פון די פאַרשטריקער,
די פאַלנעץ איז געוואָרן צעבראָכן, און מיר זענען געוואָרן אַנטרונען.
ח אונזער הילף איז אין דעם נאָמען פון גאָט,
וואָס האָט געמאַכט הימל און ערד.

קכה שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. הַבֹּטְחִים בַּיהֹוָה

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

די, וואָס פאַרזיכערן זיך אין גאָט,
זענען ווי דער באַרג ציון, וואָס ווט נישט וואַנקען,
אַף אייביק איז ער אַוועקגעזעצט.

ירושָלַיִם – בערג זענען רונדאַרום איר,
און ג אָ ט איז רונדאַרום זיין פאָלק
פון אַצינד אָן און ביז אײביק.

וואָרן די רוט פון רִשעות וועט נישט רוען אַף דעם גורל פון די צַדיקים,
כּדֵי די צַדיקים זאָלן נישט אויסשטרעקן אין אומרעכט זייערע הענט.

טו גוטס, אָ ג אָ ט, פאַר די גוטע
און פאַר די רעכטפאַרטיקע אין זייערע הערצער.
נאָר די, וואָס נײגן אָפּ אַף זייערע קרומקייטן,
זיי וועט ג אָ ט לאָזן גיין מיט די ווערקער פון אומרעכט.
שָלום אַף יִשׂרָאל!

ו שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. בְּשׁוּב יְהוָה אֶת־שִׁיבַת צִיּוֹן

שִׁיר הַמַּעלות – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

ווען ג אָ ט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון צִיון –
זענען מיר געווען ווי די, וואָס חָלומען.
דעמאָלט איז אונזער מויל געווען פול פון געלעכטער,
און אונזער צונג – יובל.
דעמאָלט האָבן זיי געזאָגט צווישן די וועלטשטאַמען:
„גרויסקייט האָט ג אָ ט געטון מיט דידאָזיקע!"
גרויסקייט האָט ג אָ ט געטון מיט אונז –
מיר זענען געוואָרן דערפרײט.

קער אום, ג אָ ט , אונזער געפאַנגענשאַפט,
וי די וואַסערבעטן אין דעם נֶגב!
י, וואָס זײען אין טרערן,
אין יובל וועלן זיי שנײַדן.

הַבֹּטְחִים בַּיהוָה כְּהַר־צִיּוֹן לֹא־יִמּוֹט לְעוֹלָם יֵשֵׁב׃ יְרוּשָׁלַםִ
הָרִים סָבִיב לָהּ וַיהוָה סָבִיב לְעַמּוֹ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃ כִּי
לֹא יָנוּחַ שֵׁבֶט הָרֶשַׁע עַל גּוֹרַל הַצַּדִּיקִים לְמַעַן לֹא־יִשְׁלְחוּ
הַצַּדִּיקִים בְּעַוְלָתָה יְדֵיהֶם׃ הֵיטִיבָה יְהוָה לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים
ה בְּלִבּוֹתָם׃ וְהַמַּטִּים עֲקַלְקַלּוֹתָם יוֹלִיכֵם יְהוָה אֶת־פֹּעֲלֵי
קכו הָאָוֶן שָׁלוֹם עַל־יִשְׂרָאֵל׃ קכו שִׁיר הַמַּעֲלוֹת
בְּשׁוּב יְהוָה אֶת־שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים׃ אָז יִמָּלֵא
שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל יְהוָה
לַעֲשׂוֹת עִם־אֵלֶּה׃ הִגְדִּיל יְהוָה לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים׃
ה שׁוּבָה יְהוָה אֶת־שְׁבוֹתֵנוּ כַּאֲפִיקִים בַּנֶּגֶב׃ הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה
בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ׃ הָלוֹךְ יֵלֵךְ ׀ וּבָכֹה נֹשֵׂא מֶשֶׁךְ־הַזָּרַע בֹּא־
קכז יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו׃ קכז שִׁיר הַמַּעֲלוֹת
לִשְׁלֹמֹה אִם־יְהוָה ׀ לֹא־יִבְנֶה בַיִת שָׁוְא עָמְלוּ בוֹנָיו בּוֹ אִם־
יְהוָה לֹא־יִשְׁמָר־עִיר שָׁוְא ׀ שָׁקַד שׁוֹמֵר׃ שָׁוְא לָכֶם מַשְׁכִּימֵי
קוּם מְאַחֲרֵי־שֶׁבֶת אֹכְלֵי לֶחֶם הָעֲצָבִים כֵּן יִתֵּן לִידִידוֹ שֵׁנָא׃

קכו׳ ד׳ שביתנו קרי   ו׳ קמץ בלא אס״ף   קכו׳ ב׳ א׳ במקום ה׳

ו גיין מעג ער גיין און וויינען,
דער, וואָס טראָגט אַרויס דעם אויסזײַ פון זאָמען,
קומען וועט ער קומען אין יובל,
דער, וואָס טראָגט אַריין זײַנע גאַרבן.

קכז שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, לִשְׁלֹמֹה. אִם־יְהוָה לֹא־יִבְנֶה בַיִת

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת — אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען, פון שלמהן.
אויב גאָט וועט ניט אופבויען אַ הויז —
האָבן אומזיסט זיך געמיט זײַנע בוימײַסטער אַף אים,
אויב גאָט וויל נישט באַוואַכן אַ שטאָט —
האָט אומזיסט געוואַכט דער וועכטער.
ב אומזיסט איז פאַר אײַך, וואָס איר פעדערט אײַך אופשטיין, פאַרזיצט שפּעט
וואָס עסט דאָס ברויט פון עצבות: —
רעכטס גיט ער זײַן באַליבטן אין שלאָף.

א אומזיסט — ווערטלעך: פאַלש, פאַלשלעך. אַזוי אויך אין אַנדערן פּסוק.

ג זע, אַן אַרבטייל פון גאָט זענען קינדער,
אַ באַלוינונג – די פּרוכט פון דעם לײַב.
ד ווי פֿײַלן אין דער האַנט פון אַ גיבור –
אַזוי זענען די קינדער פון דער יוגנט.
ה וואויל איז דעם מאַן, וואָס האָט אָנגעפילט מיט זיי זײַן פֿײַלשייד!
זיי וועלן נישט ווערן פאַרשעמט,
ווען זיי וועלן רעדן מיט די פֿײַנט אין דעם טויער.

קכח שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. אַשְׁרֵי כָּל־יְרֵא יְהוָה

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

וואויל איז איטלעכן, וואָס פאָרכט זיך פאַר גאָט,
דעם, וואָס גייט אין זיינע וועגן!
ב די מי פון דיינע הענט, אַז דו וועסט עסן,
וועט דיר זיין וואויל, און סע וועט דיר זיין גוט.
ג דיין ווייב איז ווי אַ פרוכפּערדיקער ווײַנשטאָק
אין די ענד־קאַמערן פון דיין הויז,
דיינע קינדער – ווי אײַלבערט־פלאַנצונגען,
רונדאַרום דיין טיש:
ד זע, וואָרן אַזוי ווערט געבענטשט דער מאַן,
וואָס פאָרכט זיך פאַר גאָט.

ה גאָט זאָל דיך בענטשן פון צִיון,
און דו זאָלסט זען דאָס גוטס פון ירושָלַיִם
אַלע טעג פון דיין לעבן,
ו און דו זאָלסט זען קינדער ביי דיינע קינדער!
שָׁלום אַף יִשְׂרָאֵל!

הִנֵּה נַחֲלַת יְהֹוָה בָּנִים שָׂכָר פְּרִי הַבָּטֶן׃ כְּחִצִּים בְּיַד־
ה גִּבּוֹר כֵּן בְּנֵי הַנְּעוּרִים׃ אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר מִלֵּא אֶת־
אַשְׁפָּתוֹ מֵהֶם לֹא־יֵבֹשׁוּ כִּי־יְדַבְּרוּ אֶת־אוֹיְבִים בַּשָּׁעַר׃
קכח שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אַשְׁרֵי כָּל־יְרֵא יְהֹוָה הַהֹלֵךְ
בִּדְרָכָיו׃ יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ׃
אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים
סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ׃ הִנֵּה כִי־כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא יְהֹוָה׃
ה יְבָרֶכְךָ יְהֹוָה מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ׃
וּרְאֵה־בָנִים לְבָנֶיךָ שָׁלוֹם עַל־יִשְׂרָאֵל׃
קכט שִׁיר הַמַּעֲלוֹת רַבַּת צְרָרוּנִי מִנְּעוּרָי יֹאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל׃
רַבַּת צְרָרוּנִי מִנְּעוּרָי גַּם לֹא־יָכְלוּ לִי׃ עַל־גַּבִּי חָרְשׁוּ
חֹרְשִׁים הֶאֱרִיכוּ לְמַעֲנוֹתָם׃ יְהֹוָה צַדִּיק קִצֵּץ עֲבוֹת
ה רְשָׁעִים׃ יֵבֹשׁוּ וְיִסֹּגוּ אָחוֹר כֹּל שֹׂנְאֵי צִיּוֹן׃ יִהְיוּ כַּחֲצִיר
גַּגּוֹת שֶׁקַּדְמַת שָׁלַף יָבֵשׁ׃ שֶׁלֹּא מִלֵּא כַפּוֹ קוֹצֵר וְחִצְנוֹ

קכח׳ ד׳ קמץ בלא אס ף   קכט׳ ג׳ למעניהם קרי

קכט   שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. רַבַּת צְרָרוּנִי מִנְּעוּרָי

א שיר המַעלות – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

צופיל האָבן זיי מיך באַדרענגט פון מיין יוגנט אָן,
– זאָל דאָך זאָגן ישׂראל! –
ב צופיל האָבן זיי מיך באַדרענגט פון מיין יוגנט אָן,
דאָך האָבן זיי מיך נישט בייַגעקומען.
ג אַף מיין רוקן האָבן געאַקערט די אַקערער,
זיי האָבן געמאַכט לאַנג זייער אַקערשניט.
ד גאָט, דער גערעכטער,
ער האָט צעהאַקט די שטריק פון די רשעים.

ה זיי זאָלן ווערן פאַרשעמט, און זאָלן וויַיכן אַהינטער
אַלע שונאים פון ציון,
ו זיי זאָלן ווערן ווי דאָס גראָז פון דעכער,
וואָס איידער מע האָט עס אַרויסגעצויגן – ווערט עס פאַרטריקנט,

ז פון וואָס דער שניטער פילט נישט אָן זיין האַנט,
און דער גאַרבנבינדער – זיין פּאָלע,
ח און די פאַרבייגייער טוען נישט זאָגן:
„גאָטס בְּרָכָה אַף אייך!"
„מיר בענטשן אייך מיט דעם נאָמען פון גאָט!"

קל שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ יְהֹוָה

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.
מִמַּעֲמַקִּים – פון די טיפענישן האָב איך דיך גערופן, גאָט!
ב גאָט, דערהער מיין קול!
זאָלן זיין דיינע אויערן געהאָרכיק
צו דעם קול פון מיינע געבעטן.

ג אויב דו וואָלטסט אָפּגעהיט שולדיקייטן, גאָט,
האַר, ווער וואָלט געקאָנט באַשטיין?!
ד ביי דיר איז דאָך די פאַרגעבונג,
כְּדֵי דו זאָלסט ווערן געפאָרכטן.

ה איך האָב דערהאָפט גאָט, געהאָפט האָט מיין נֶפֶש,
און אַף זיין וואָרט האָב איך געהאַרט.
ו מיין נֶפֶש איז צו גאָט,
מער ווי וועכטער אַף דעם פרימאָרגן
וואַכן אַף דעם פרימאָרגן.

ז האַר, יִשְׂרָאֵל, אַף גאָט,
וואָרן ביי גאָט איז דער חֶסֶד,
און ביי אים איז אַ סַך אויסלייזונג.
ח און ער, ער וועט אויסלייזן יִשְׂרָאֵל
פון אַלע זיינע שולדיקייטן.

מֵעֹמֶר׃ וְלֹא אָמְרוּ ׀ הָעֹבְרִים בִּרְכַּת־יְהוָה אֲלֵיכֶם בֵּרַכְנוּ
קל אֶתְכֶם בְּשֵׁם יְהוָה׃ קל שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים
קְרָאתִיךָ יְהוָה׃ אֲדֹנָי שִׁמְעָה בְקוֹלִי תִּהְיֶינָה אָזְנֶיךָ
קַשֻּׁבוֹת לְקוֹל תַּחֲנוּנָי׃ אִם־עֲוֹנוֹת תִּשְׁמָר־יָהּ אֲדֹנָי מִי
ה יַעֲמֹד׃ כִּי־עִמְּךָ הַסְּלִיחָה לְמַעַן תִּוָּרֵא׃ קִוִּיתִי יְהוָה
קִוְּתָה נַפְשִׁי וְלִדְבָרוֹ הוֹחָלְתִּי׃ נַפְשִׁי לַאדֹנָי מִשֹּׁמְרִים
לַבֹּקֶר שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר׃ יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה כִּי־עִם־יְהוָה
הַחֶסֶד וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת׃ וְהוּא יִפְדֶּה אֶת־יִשְׂרָאֵל מִכֹּל
קלא עֲוֹנוֹתָיו׃ קלא שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד יְהוָה ׀ לֹא־
גָבַהּ לִבִּי וְלֹא־רָמוּ עֵינַי וְלֹא־הִלַּכְתִּי ׀ בִּגְדֹלוֹת וּבְנִפְלָאוֹת
מִמֶּנִּי׃ אִם־לֹא שִׁוִּיתִי ׀ וְדוֹמַמְתִּי נַפְשִׁי כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ
כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי׃ יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה מֵעַתָּה וְעַד־
קלב עוֹלָם׃ קלב שִׁיר הַמַּעֲלוֹת זְכוֹר־יְהוָה לְדָוִד
אֵת כָּל־עֻנּוֹתוֹ׃ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַיהוָה נָדַר לַאֲבִיר יַעֲקֹב׃

קל׳ ז׳ סגול באתנח

קלא שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, לְדָוִד. יְהוָה, לֹא־גָבַהּ לִבִּי

א שִׁיר הַמַעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען, פון דָודן.

גאָט, מיין האַרץ איז נישט האָפערדיק, און מיינע אויגן זענען נישט פאַרריסן
און איך בין נישט אומגעגאַנגען אין גרויסקייטן,
און אין וואָס עס איז צו וואונדערלעך פאַר מיר.

ב פאַרוואָר, איך האָב נישט געמאַכט גלייך און איינגעשטילט מיין נֶפֶש:
ווי אַן אַנטוויינטס ביי זיין מוטער,
ווי דאָס אַנטוויינטע איז ביי מיר מיין נֶפֶש.

ג האַר, יִשׂרָאֵל, אַף גאָט
פון אַצינד אָן און ביז אייביק.

קלב שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. זְכוֹר־יְהוָה לְדָוִד

א שִׁיר הַמַעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

געדענק, גאָט, דָודן
זיין גאַנץ געפּייניקט זיין,

תהלים

וואָס ער האָט צוגעשוואוירן צו גאָט,
האָט אַ נֶדר געטון צו דעם געוואַלטיקן פון יַעקב:
„אויב איך וועל ווען קומען אין דעם געצעלט פון מיין הויז,
אויב איך וועל ווען אַרופגיין אַף דעם געלעגער,
וואָס איז אויסגעברייט פאַר מיר,
אויב איך וועל ווען געבן שלאָף פאַר מיינע אויגן,
פאַר מיינע ווימפּערן – שלומער,
ביז איך וועל געפינען אַן אָרט פאַר גאָט,
אַ וואוינונג פאַר דעם געוואַלטיקן פון יַעקב."

זע, מיר האָבן געהערט פון דעם אין אֶפרָתָה,
מיר האָבן אים געפונען אין די פעלדער פון יָעַר.
לאָמיר קומען אין זיינע וואוינונגען,
לאָמיר זיך בוקן צו דעם פוסבענקל פון זיינע פיס.
שטיי אוף, גאָט, – צו דיין מנוחה,
דו און דער אָרון פון דיין מאַכט!
דיינע כּוהֲנים זאָלן זיך באַקליידן אין גערעכטיקייט,
און דיינע פרומע זאָלן יובלען!
פונוועגן דָודן, דיין קנעכט,
זאָלסטו נישט אָפּקערן דאָס פָּנים פון דיין געזאַלבטן.

גאָט האָט צוגעשוואוירן דָודן,
אֶמת, ער וועט נישט אָפּקערן פון דעם:
„פון דער פרוכט פון דיין לַײב
וועל איך דיר זעצן אַף דעם שטול.

ה אַ וואוינונג – וואָס זאָל זיין בית־המקדש. ווערטלעך: וואוינונגען.
ס באַציט זיך אַף די דריי טיילן פון בית־המקדש. די מערצאָל אַנשטאָט
ינצאָל ווערט געוויינלעך גענוצט אין פּאָעטישן זין, צו דער פאַרשענערונג
ן דעם בילד.

אִם־אָבֹא בְּאֹהֶל בֵּיתִי אִם־אֶעֱלֶה עַל־עֶרֶשׂ יְצוּעָי : אִם־
ה אֶתֵּן שְׁנַת לְעֵינָי לְעַפְעַפַּי תְּנוּמָה : עַד־אֶמְצָא מָקוֹם
לַיהוָה מִשְׁכָּנוֹת לַאֲבִיר יַעֲקֹב : הִנֵּה שְׁמַעֲנוּהָ בְאֶפְרָתָה
מְצָאנוּהָ בִּשְׂדֵי־יָעַר : נָבוֹאָה לְמִשְׁכְּנוֹתָיו נִשְׁתַּחֲוֶה לַהֲדֹם
רַגְלָיו : קוּמָה יְהוָה לִמְנוּחָתֶךָ אַתָּה וַאֲרוֹן עֻזֶּךָ : כֹּהֲנֶיךָ
י יִלְבְּשׁוּ־צֶדֶק וַחֲסִידֶיךָ יְרַנֵּנוּ : בַּעֲבוּר דָּוִד עַבְדֶּךָ אַל־תָּשֵׁב
פְּנֵי מְשִׁיחֶךָ : נִשְׁבַּע־יְהוָה ׀ לְדָוִד אֱמֶת לֹא־יָשׁוּב מִמֶּנָּה
מִפְּרִי בִטְנְךָ אָשִׁית לְכִסֵּא־לָךְ : אִם־יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ ׀ בְּרִיתִי
וְעֵדֹתִי זוֹ אֲלַמְּדֵם גַּם־בְּנֵיהֶם עֲדֵי־עַד יֵשְׁבוּ לְכִסֵּא־לָךְ :
כִּי־בָחַר יְהוָה בְּצִיּוֹן אִוָּהּ לְמוֹשָׁב לוֹ : זֹאת־מְנוּחָתִי עֲדֵי־
טו עַד פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ : צֵידָהּ בָּרֵךְ אֲבָרֵךְ אֶבְיוֹנֶיהָ
אַשְׂבִּיעַ לָחֶם : וְכֹהֲנֶיהָ אַלְבִּישׁ יֶשַׁע וַחֲסִידֶיהָ רַנֵּן יְרַנֵּנוּ :
שָׁם ׀ אַצְמִיחַ קֶרֶן לְדָוִד עָרַכְתִּי נֵר לִמְשִׁיחִי : אוֹיְבָיו

יב אויב דיינע זין וועלן אָפּהיטן מיין בונד
און מיין באַצייַגונג, וואָס איך וועל זיי לערנען,
וועלן אויך זייערע זין, ביז דער אייביקייט,
זיצן אַף דעם שטול, וואָס געהערט דיר.״

יג וואָרן גאָט האָט אויסדערווייַלט ציון,
ער האָט אים געגאַרט האָבן פאַר זיין וואוינזיץ:
יד „דאָס איז מיין מנוחה ביז דער אייביקייט,
דאָ וועל איך זיצן, וואָרן איך האָב אים געגאַרט האָבן.
טו בענטשן וועל איך בענטשן זיין שפּייז,
זיינע נויטבאַדערפטיקע וועל איך זעטיקן מיט ברויט,
טז און זיינע כּוהנים וועל איך באַקליידן מיט ישועה,
און יובלען וועלן יובלען זיינע פרומע.
יז דאָרט וועל איך לאָזן שפּראָצן אַ האָרן פאַר דודן,
איך האָב אָנגעבריייט אַ לעכט פאַר מיין געזאַלבטן.
יח זיינע פייַנט וועל איך באַקלייַדן מיט בושה,
און אַף אים וועט בליען זיין קרוינקראַנץ.״

קלג שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, לְדָוִד. הִנֵּה מַה־טּוֹב וּמַה־נָּעִים

א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת – אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען, פון דודן.

זע, ווי גוט עס איז און ווי ליב עס איז
דאָס זיצן פון ברידער אויך אינאײנעם!
ב עס איז ווי דער גוטער אײל אַף דעם קאָפּ,
ער נידערט אַראָפּ אַף דער באָרד, אַהרנס באָרד,
וואָס נידערט אַראָפּ אַף דער עפענונג פון זיינע געווענדער,
ג ווי דער טוי פון חרמון,
וואָס נידערט אַראָפּ אַף די בערג פון ציון,
וואָרן דאָרט אַהין האָט גאָט פירגעבאָטן די ברכה,
לעבן ביז אַף אײביק.

קלד שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. הִנֵּה בָּרְכוּ אֶת־יְהוָה, כָּל־עַבְדֵי יְהוָה

א שיר המעלות — אַ געזאַנג פון די אַרופגאַנגען.

זע, בענטשט גאָט, אַלע קנעכט פון גאָט,
איר, וואָס שטייט אין דעם הויז פון גאָט אין די נעכט!
ב הײבט אוף אייערע הענט אין הייליקונג און בענטשט גאָט!

ג — בענטשן פון ציון זאָל דיך גאָט,
ער, וואָס האָט געמאַכט הימל און ערד!

לה הַלְלוּיָהּ. הַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָה, הַלְלוּ עַבְדֵי יְהוָה, שֶׁעֹמְדִים בְּבֵית יְהוָה

א הללויה — לויבט גאָט!

לויבט דעם נאָמען פון גאָט,
לויבט, איר קנעכט פון גאָט,

ד ב. אין הייליקונג — אין געבעט. אָדער: צום הייליקטום, צום קודש־הקדשים, וואו סע האָט גערוט די שכינה.

קלג אַלְבִּישׁ בֹּשֶׁת וְעָלָיו יָצִיץ נִזְרוֹ׃ קלג שִׁיר
הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד הִנֵּה מַה־טּוֹב וּמַה־נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם־
יָחַד׃ כַּשֶּׁמֶן הַטּוֹב ׀ עַל־הָרֹאשׁ יֹרֵד עַל־הַזָּקָן זְקַן־אַהֲרֹן
שֶׁיֹּרֵד עַל־פִּי מִדּוֹתָיו׃ כְּטַל חֶרְמוֹן שֶׁיֹּרֵד עַל־הַרְרֵי צִיּוֹן
כִּי שָׁם ׀ צִוָּה יְהוָה אֶת־הַבְּרָכָה חַיִּים עַד־הָעוֹלָם׃
קלד שִׁיר הַמַּעֲלוֹת הִנֵּה ׀ בָּרְכוּ אֶת־יְהוָה כָּל־
עַבְדֵי יְהוָה הָעֹמְדִים בְּבֵית־יְהוָה בַּלֵּילוֹת׃ שְׂאוּ־יְדֵכֶם
קֹדֶשׁ וּבָרְכוּ אֶת־יְהוָה׃ יְבָרֶכְךָ יְהוָה מִצִּיּוֹן עֹשֵׂה שָׁמַיִם
קלה וָאָרֶץ׃ קלח הַלְלוּ יָהּ ׀ הַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָה
הַלְלוּ עַבְדֵי יְהוָה׃ שֶׁעֹמְדִים בְּבֵית יְהוָה בְּחַצְרוֹת בֵּית
אֱלֹהֵינוּ׃ הַלְלוּ־יָהּ כִּי־טוֹב יְהוָה זַמְּרוּ לִשְׁמוֹ כִּי נָעִים׃
ה כִּי־יַעֲקֹב בָּחַר לוֹ יָהּ יִשְׂרָאֵל לִסְגֻלָּתוֹ׃ כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי־
גָדוֹל יְהוָה וַאֲדֹנֵינוּ מִכָּל־אֱלֹהִים׃ כֹּל אֲשֶׁר־חָפֵץ יְהוָה
עָשָׂה בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ בַּיַּמִּים וְכָל־תְּהֹמוֹת׃ מַעֲלֶה נְשִׂאִים
מִקְצֵה הָאָרֶץ בְּרָקִים לַמָּטָר עָשָׂה מוֹצֵא רוּחַ מֵאוֹצְרוֹתָיו׃
שֶׁהִכָּה בְּכוֹרֵי מִצְרָיִם מֵאָדָם עַד־בְּהֵמָה׃ שָׁלַח ׀ אֹתוֹת

קה׳ ח׳ א׳ נשה

ב וואָס איר שטייט אין דעם הויז פון גאָט,
אין די הויפן פון דעם הויז פון אונזער גאָט!
ג לויבט גאָט, וואָרן גוט איז גאָט
טוט לויבשפּילן צו זיין נאָמען, וואָרן ער איז ליבלעך!
ד וואָרן יַעקבן האָט גאָט אויסדערוויילט פאַר זיך,
יִשׂרָאלן — פאַר זיין אוצר.
ה — פאַרוואָר, איך ווייס, אַז גרויס איז גאָט,
און אונזער האַר איז איבער אַלע געטער.
ו אַלץ, וואָס גאָט האָט באַגערט, האָט ער געטון
אין הימל און אויף דער ערד,
אין די יַמים און אַלע תהומען:
ז ער ברענגט אַרויף נעפּלען פון דעם עק פון דער ערד,
בליצן האָט ער געמאַכט צום רעגן,
ער ציט אַרויס דעם ווינט פון זיינע שאַצקאַמערן.
ח ער, וואָס האָט געשלאָגן די בכורים פון מִצרַיִם,
פון דעם מענטש ביז דער בְּהֵמה —

ט ער האָט געשיקט צייכנס און וואונדער אין דיין מיט, מִצרַיִם,
קעגן פַּרעהן און קעגן אַלע זיינע קנעכט,
י ער, וואָס האָט געשלאָגן אַ סך וועלטשטאַמען,
און האָט געהאַרגעט שטאַרקע מלָכים:
יא סיחון, דעם מֶלך פון דעם אֶמורי,
און עוג, דעם מֶלך פון דעם בָשָן,
און אַלע מלוכות פון כּנַען,
יב און ער האָט געגעבן דאָס לאַנד זייערס אַ נַחלה,
אַ נַחלה פאַר יִשׂרָאֵל, זיין פאָלק.

יג גאָט, דיין נאָמען איז אַף אייביק,
גאָט, דיין געדעכעניש איז אַף דור־דורות.

יד פאַרוואָר, גאָט וועט דַן זיין זיין פאָלק,
און איבער זיינע קנעכט וועט ער באַרייַען.

טו די געצן פון די וועלטשטאַמען זענען זילבער און גאָלד,
טואונג פון די הענט פון אַ מענטש.
טז אַ מויל האָבן זיי, און זיי קענען נישט רעדן,
אויגן האָבן זיי, און זיי קענען נישט זען,
יז אויערן האָבן זיי, און זיי קענען נישט פאַרנעמען,
עס איז אויך נישטאָ קיין אָטעם אין זייער מויל.
יח אַזוי ווי זיי — וועלן ווערן די, וואָס מאַכן זיי,
איטלעכער, וואָס פאַרזיכערט זיך אין זיי.

יט — הויז פון יִשׂרָאֵל, בענטשט גאָט!
— הויז פון אַהרן, בענטשט גאָט!
כ — הויז פון לֵוִי, בענטשט גאָט!
— איר גאָטספאָרכטיקע, בענטשט גאָט!

כא — געבענטשט פון צִיון איז גאָט,
וואָס וואוינט אין ירושָלַיִם!

הַללויָה — לויבט גאָט!

י וּמֹפְתִים בְּתוֹכֵכִי מִצְרָיִם בְּפַרְעֹה וּבְכׇל־עֲבָדָיו׃ שֶׁהִכָּה
גּוֹיִם רַבִּים וְהָרַג מְלָכִים עֲצוּמִים׃ לְסִיחוֹן ׀ מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי
וּלְעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וּלְכֹל מַמְלְכוֹת כְּנָעַן׃ וְנָתַן אַרְצָם
נַחֲלָה נַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ׃ יְהוָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם יְהוָה
זִכְרְךָ לְדֹר־וָדֹר׃ כִּי־יָדִין יְהוָה עַמּוֹ וְעַל־עֲבָדָיו יִתְנֶחָם׃
טו עֲצַבֵּי הַגּוֹיִם כֶּסֶף וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם׃ פֶּה־לָהֶם וְלֹא
יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ׃ אׇזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יַאֲזִינוּ אַף
אֵין־יֶשׁ־רוּחַ בְּפִיהֶם׃ כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר־בֹּטֵחַ
בָּהֶם׃ בֵּית יִשְׂרָאֵל בָּרְכוּ אֶת־יְהוָה בֵּית אַהֲרֹן בָּרְכוּ
כ אֶת־יְהוָה׃ בֵּית הַלֵּוִי בָּרְכוּ אֶת־יְהוָה יִרְאֵי יְהוָה בָּרְכוּ
אֶת־יְהוָה׃ בָּרוּךְ יְהוָה ׀ מִצִּיּוֹן שֹׁכֵן יְרוּשָׁלָ͏ִם הַלְלוּ־יָהּ׃
קלו הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
הוֹדוּ לֵאלֹהֵי הָאֱלֹהִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ הוֹדוּ לַאֲדֹנֵי
הָאֲדֹנִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ
ה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ לְעֹשֵׂה הַשָּׁמַיִם בִּתְבוּנָה כִּי לְעוֹלָם
חַסְדּוֹ׃ לְרֹקַע הָאָרֶץ עַל־הַמָּיִם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃

כא׳ קמץ בלא אס״ף   קלו׳ ג׳ א׳ נעה

קלו הודו לַיהוָה, כִּי־טוֹב, כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ.
הודו לֵאלֹהֵי הָאֱלֹהִים

א טוט דאַנקלויבן גאָט, וואָרן ער איז גוט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד.

ב טוט דאַנקלויבן דעם גאָט פון די געטער,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד.

ג טוט דאַנקלויבן דעם האַר פון די האַרן,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;

ד דעם, וואָס טוט גרויסע וואונדער אַליין,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;

ה דעם, וואָס האָט געמאַכט דעם הימל מיט פאַרשטענדיקייט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;

ו דעם, וואָס האָט אויסגעוועלבט די ערד איבער די וואַסערן,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;

ז דעם, וואָס האָט געמאַכט גרויסע ליכטער,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
ח די זון, פאַר אַ געוועלטיקונג בייטאָג,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
ט די לבָנה און די שטערן, פאַר געוועלטיקונגען ביינאַכט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;
י דעם, וואָס האָט געשלאָגן מִצרַיִם מיט זיינע בכוֹרים,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
יא און ער האָט אַרויסגעצויגן יִשׂרָאֵל פון זייער מיט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
יב מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;
יג דעם, וואָס האָט צעשניטן דעם יַם־סוף אַף שניטן,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
יד און ער האָט אַריבערגעפירט יִשׂרָאֵל דורך זיין מיט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
טו און האָט אַריינגעטרעסלט פּרעהן און זיין חַיִל אין יַם־סוף,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;
טז דעם, וואָס האָט געפירט זיין פאָלק דורך דער מִדבר,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;
יז דעם, וואָס האָט געשלאָגן גרויסע מלָכים,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
יח און האָט געהאַרגעט מעכטיקע מלָכים,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד:
יט סיחון, דעם מֶלך פון דעם אֱמוֹרי,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
כ און עוֹג, דעם מֶלך פון דעם בָּשָׁן,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד.

י מיט זיינע בכוֹרים — ווערטלעך: אין, אָדער: מיט זייערע בכוֹרים.

לְעֹשֵׂה אוֹרִים גְּדֹלִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ אֶת־הַשֶּׁמֶשׁ
לְמֶמְשֶׁלֶת בַּיּוֹם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ אֶת־הַיָּרֵחַ וְכוֹכָבִים
י לְמֶמְשְׁלוֹת בַּלָּיְלָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ לְמַכֵּה מִצְרַיִם
בִּבְכוֹרֵיהֶם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וַיּוֹצֵא יִשְׂרָאֵל מִתּוֹכָם
כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה כִּי לְעוֹלָם
חַסְדּוֹ׃ לְגֹזֵר יַם־סוּף לִגְזָרִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וְהֶעֱבִיר
ט יִשְׂרָאֵל בְּתוֹכוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וְנִעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ
בְיַם־סוּף כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ לְמוֹלִיךְ עַמּוֹ בַּמִּדְבָּר כִּי
לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ לְמַכֵּה מְלָכִים גְּדֹלִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
וַיַּהֲרֹג מְלָכִים אַדִּירִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ לְסִיחוֹן מֶלֶךְ
כ הָאֱמֹרִי כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וּלְעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן כִּי לְעוֹלָם
חַסְדּוֹ׃ וְנָתַן אַרְצָם לְנַחֲלָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ נַחֲלָה
לְיִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ שֶׁבְּשִׁפְלֵנוּ זָכַר לָנוּ כִּי
לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וַיִּפְרְקֵנוּ מִצָּרֵינוּ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
מה נֹתֵן לֶחֶם לְכָל־בָּשָׂר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ הוֹדוּ לְאֵל
קלז הַשָּׁמָיִם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ קלז עַל־נַהֲרוֹת ׀

כא און ער האָט געגעבן דאָס לאַנד זייערס פאַר אַ נחלה,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
כב אַ נחלה פאַר יִשׂראל, זיין קנעכט,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;
כג וואָס אין אונזער שִיפלות האָט ער געדאַכט אָן אונז,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד,
כד און ער האָט אונז אַרויסגעריסן פון אונזערע באַדרענגער,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד;
כה וואָס גיט ברויט פאַר איטלעכן פלייש,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד.
כו טוט דאַנקלויבן גאָט פון דעם הימל,
וואָרן אַף אייביק איז זיין חֶסד.

קלז עַל־נַהֲרוֹת בָּבֶל

א ביי די שטראָמען פון בָבֶל,
דאָרטן זענען מיר געזעסן, און מיר האָבן געוויינט,

וועו מיר האָבן דערמאַנט צִיוֹן.
ב אַף די ווערבעס אין איר מיט
האָבן מיר אופגעהאַנגען אונזערע האַרפּן.
ג וואָרן דאָרט האָבן אונזערע פּייניקער געפאָדערט פון אונז
רייד פון געזאַנג, און אונזערע מאַטערער — פרייִלעכקייט:
„זינגט אונז פון דעם געזאַנג פון צִיוֹן!"
ד ווי קאָנען מיר זינגען דאָס געזאַנג פון ג אָ ט
אַף דער ערד פון דעם נָכרי?!
ה אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושָלַיִם,
זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן —,
ו זאָל מיין צונג ווערן באַהעפט אָן מיין גומען:
אויב איך וועל דיך נישט דערמאַנען,
אויב איך וועל נישט אַרופברענגען ירושָלַיִם
אַף דעם אויבן־אָן פון מיין שׂמחה.

ז געדענק, ג אָ ט , די זין פון אֱדוֹם
דעם טאָג פון ירושָלַיִם,
די, וואָס האָבן געזאָגט: דעקט אָפּ, דעקט אָפּ
ביז אַף דעם גרונט אין איר!

ח טאָכטער פון בָּבֶל, דו, וואָס וועסט ווערן פאַרוויסט,
וואויל איז דעם, וואָס וועט דיר אָפּצאָלן
דיין פאַרגעלטונג, וואָס דו האָסט אונז פאַרגעלט:
ט וואויל איז דעם, וואָס וועט אָנכאַפּן
און צעשמעטערן דיינע קליינע קינדער אָן אַ פעלז.

קלח לְדָוִד. אוֹדְךָ בְכָל־לִבִּי

א פון דָודן.

איך וויל דיר דאַנקלויבן מיט מיין גאַנצן האַרץ,
אַנטקעגנדאיבער די געטער וויל איך דיר לויבשפּילן.

תהלים

בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן׃ עַל־עֲרָבִים
בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ׃ כִּי שָׁם ׀ שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ
דִּבְרֵי־שִׁיר וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן׃ אֵיךְ
ה נָשִׁיר אֶת־שִׁיר־יְהֹוָה עַל אַדְמַת נֵכָר׃ אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ
יְרוּשָׁלָ͏ִם תִּשְׁכַּח יְמִינִי׃ תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי ׀ לְחִכִּי אִם־לֹא
אֶזְכְּרֵכִי אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת־יְרוּשָׁלַ͏ִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי׃
זְכֹר יְהֹוָה ׀ לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָ͏ִם הָאֹמְרִים עָרוּ ׀
עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ׃ בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־
לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ׃ אַשְׁרֵי ׀ שֶׁיֹּאחֵז ׀ וְנִפֵּץ
קלח אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל־הַסָּלַע׃ קלח לְדָוִד ׀ אוֹדְךָ
בְכָל־לִבִּי נֶגֶד אֱלֹהִים אֲזַמְּרֶךָּ׃ אֶשְׁתַּחֲוֶה ׀ אֶל־הֵיכַל
קָדְשְׁךָ וְאוֹדֶה אֶת־שְׁמֶךָ עַל־חַסְדְּךָ וְעַל־אֲמִתֶּךָ כִּי־הִגְדַּלְתָּ
עַל־כָּל־שִׁמְךָ אִמְרָתֶךָ׃ בְּיוֹם קָרָאתִי וַתַּעֲנֵנִי תַּרְהִבֵנִי
בְנַפְשִׁי עֹז׃ יוֹדוּךָ יְהֹוָה כָּל־מַלְכֵי־אָרֶץ כִּי־שָׁמְעוּ אִמְרֵי־
ה פִיךָ׃ וְיָשִׁירוּ בְּדַרְכֵי יְהֹוָה כִּי גָדוֹל כְּבוֹד יְהֹוָה׃ כִּי־
רָם יְהֹוָה וְשָׁפָל יִרְאֶה וְגָבֹהַּ מִמֶּרְחָק יְיֵדָע׃ אִם־אֵלֵךְ ׀
בְּקֶרֶב צָרָה תְּחַיֵּנִי עַל אַף אֹיְבַי תִּשְׁלַח יָדֶךָ וְתוֹשִׁיעֵנִי

קלז׳ ה׳ קמץ בלא אס״ף ו׳ פתח באתנח ז׳ קמץ בלא אס״ף

ב איך וויל מיך בוקן צו דעם הֵיכל פון דיין הײַליקטום,
און איך וויל דאַנקלויבן דיין נאָמען פון דיין חֶסד וועגן און פון דיין אֶמת וועגן,
וואָרן דו האָסט געגרײַסט איבער אַלץ דיין נאָמען, דיין זאָג.

ג אין דעם טאָג, וואָס איך האָב גערופן, און דו האָסט מיר געענטפערט,
האָסטו מיך דערמוטיקט, מאַכט איז אין מײַן נֶפֶש.

ד סע וועלן דיר דאַנקלויבן, גאָט, אַלע מלָכים פון דער ערד,
וואָרן זיי האָבן געהערט די זאָגן פון דיין מויל.

ה און זיי וועלן זינגען פון די וועגן פון גאָט,
וואָרן גרויס איז די הערלעכקייט פון גאָט.

ו וואָרן גאָט איז דערהויבן, און ער זעט דעם געפאַלענעם,
און דעם האָפערדיקן דערקענט ער פון דער וויַיטנס.

ז אויב איך מוז גיין דרין אין אַ צָרה – ווערסטו מיך באַלעבן,
קעגן דעם צאָרן פון מיינע פײַנט ווערסטו אויסשטרעקן דיין האַנט,
און מיך וועט באַפרײַען דיין רעכטע האַנט.

ח — גאָט וועט פאַרפאַרטיקן פאַר מיר! —
גאָט, דיין חֶסד איז אַף אייביק:
די טואונגען פון דיינע הענט זאָלסטו נישט אָפּלאָזן.

קלט לַמְנַצֵּחַ, לְדָוִד, מִזְמוֹר. יְהוָה חֲקַרְתַּנִי וַתֵּדָע

פאַר דעם געזאַנגמייַנסטער,
פון דָודן, אַ מִזמור.

גאָט, דו האָסט מיך געפּאָרשט, און דו ווייסט!
דו, דו ווייסט פון מיין זיצן און מיין אופשטיין,
דו פאַרשטייסט מיין רַעיון פון דער ווייטנס.
מיין שטעג און מיין הויערונג האָסטו געווינטשויפלט,
און מיט אַלע מיינע וועגן ביסטו געוואוינט.
פאַרוואָר, עס איז נישטאָ קיין וואָרט אַף מיין צונג,
זע — גאָט, דו קענסט עס שוין אין גאַנצן.
פון הינטן און פאָרנט האָסטו מיך באַדרענגט,
און דו האָסט אַרופגעלייגט אַף מיר דיין האַנט.
דאָס דערקענען איז צו וואונדערלעך פאַר מיר,
צו דערהייכט, איך קען עס נישט בייַקומען.

וואוהין זאָל איך אַוועקגיין פון דיין גייַסט,
און וואוהין זאָל איך אַנטלויפן פון דיין פָּנים?!
אויב איך וואָלט באַשטייַגן דעם הימל — ביסטו דאָרטן,
און וואָלט איך מיר אויסגעבעט די נידערוועלט — ערשט, דו ביסט דאָ!
וואָלט איך אופגעהויבן די פליגל פון מאָרגנשטערן,
וואָלט איך געוואוינט ביי דעם עקסטן יַם —
וועט אויך דאָרטן מיך פירן דיין האַנט,
און סע וועט מיך אָנכאַפּן דיין רעכטע האַנט.
און וואָלט איך זאָגן: „ווייַערט פינסטערניש וועט מיך פאַרטונקלען,
און נאַכט וועט זיין דאָס ליכט אַרום מיר,“ —

יְמִינֶךָ : יְהוָה יִגְמֹר בַּעֲדִי יְהוָה חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי
קלט יָדֶיךָ אַל־תֶּרֶף : קלט לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר יְהוָה
חֲקַרְתַּנִי וַתֵּדָע : אַתָּה יָדַעְתָּ שִׁבְתִּי וְקוּמִי בַּנְתָּה לְרֵעִי
מֵרָחוֹק : אָרְחִי וְרִבְעִי זֵרִיתָ וְכָל־דְּרָכַי הִסְכַּנְתָּה : כִּי
ה אֵין מִלָּה בִּלְשׁוֹנִי הֵן יְהוָה יָדַעְתָּ כֻלָּהּ : אָחוֹר וָקֶדֶם
צַרְתָּנִי וַתָּשֶׁת עָלַי כַּפֶּכָה : פְּלִאיָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה
לֹא־אוּכַל לָהּ : אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח :
אִם־אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ : אֶשָּׂא
י כַנְפֵי־שָׁחַר אֶשְׁכְּנָה בְּאַחֲרִית יָם : גַּם־שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי
וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ : וָאֹמַר אַךְ־חֹשֶׁךְ יְשׁוּפֵנִי וְלַיְלָה אוֹר
בַּעֲדֵנִי : גַּם־חֹשֶׁךְ לֹא־יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר
כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה : כִּי־אַתָּה קָנִיתָ כִלְיֹתָי תְּסֻכֵּנִי בְּבֶטֶן אִמִּי :
אוֹדְךָ עַל כִּי נוֹרָאוֹת נִפְלֵיתִי נִפְלָאִים מַעֲשֶׂיךָ וְנַפְשִׁי יֹדַעַת
טו מְאֹד : לֹא־נִכְחַד עָצְמִי מִמֶּךָּ אֲשֶׁר־עֻשֵּׂיתִי בַסֵּתֶר רֻקַּמְתִּי
בְּתַחְתִּיּוֹת אָרֶץ : גָּלְמִי ׀ רָאוּ עֵינֶיךָ וְעַל־סִפְרְךָ כֻּלָּם

קלט׳ ג׳ פתח בס״פ ו׳ פליאה קרי

יב וועט אויך פינסטערניש נישט פינסטערן פֿאַר דיר,
און די נאַכט וועט לײַכטן ווי דער טאָג:
אַזוי די פינסטערניש, אַזוי דאָס ליכט.

יג וואָרן דו, דו האָסט צוגעברייט מײַנע נירן,
דו האָסט מיך צונויפגעוועבט אין דעם בויך פון מײַן מוטער.

יד איך וויל דיר דאַנקלויבן פֿאַר דעם,
וואָס איך בין געוואָרן געמאַכט פֿאַרכטיק וואונדערלעך:
וואונדערלעך זענען דײַנע מַעשׂים,
און מײַן נֶפש פֿאַרשטייט עס וואויל.

טו מײַן געביין איז נישט געווען פֿאַרהוילן פון דיר,
ווען איך בין געוואָרן געמאַכט אין פֿאַרבאָרגעניש,
בין געוואָרן געשטריקט אין די נידערטיפֿן פון דער ערד.

טז מײַן קנויל האָבן געזען דײַנע אויגן,
און אין דײַן סֵפר זענען זיי אַלע געווען פֿירגעשריבן —
די טעג, וואָס וועלן ווערן אויסגעפֿערעמט,
דאָך פֿאַר אים זענען זיי איינער.

יז און פֿאַר מיר — ווי קעסטלעך זענען דײַנע רַעיונות, גאָט,
ווי געוואַלטיק זענען זייערע הויפּטצאָלן!
יח איך וואָלט זיי וועלן צײַלן — זענען זיי מערער פֿון דעם זאַמד! —
איך האָב מיך אופֿגעכאַפּט — ערשט, איך בין נאָך מיט דיר.

יט אָ, ווען דו, גאָט, זאָלסט אומברענגען דעם רָשע:
— איר בלוטשולדיקע מענטשן, קערט דאָך אָפּ פֿון מיר! —
כ די, וואָס רעדן פֿון דיר, אַף צו ליסטפּלאַנען,
דערהײַבן עס צו פֿאַלשקייט — דײַנע קעגנער.
כא צי האָס איך נישט דײַנע האָסערס, גאָט,
און עקלט מיך נישט פֿון די אופֿשטענדיקע קעגן דיר?
כב מיט דער גאַנצקייט פֿון דעם האָס האָס איך זיי,
פֿײַנט זענען זיי מיר געוואָרן.
כג פֿאָרש מיך, גאָט, און פֿאַרשטיי מײַן האַרץ,
פּרוביר מיך, און פֿאַרשטיי מײַנע צווײַפֿלען,
כד און זע, אויב ביי מיר איז דער וועג פֿון טריבקייט,
און פֿיר מיך אין דעם וועג פֿון אײביקייט.

קמ לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד. חַלְּצֵנִי יְהוָֹה מֵאָדָם רָע

א פֿאַר דעם געזאַנגמײַנסטער,
אַ מִזמור פֿון דָודן.

ב שניר מיך אוף, גאָט, פֿון דעם בייזן פֿאַרשוין,
פֿון דעם מענטש פֿון רויבערײַען זאָלסטו מיך באַוואָרענען,
ג די, וואָס האָבן געטראַכט בײזקייטן אין האַרץ,
זיי קלויבן זיך צונויף יעדן טאָג אַף מִלחָמות.
ד זיי האָבן געשאַרפֿט זייער צונג אַזוי ווי אַ שלאַנג,
גיפֿט פֿון אַ פּיפּערנאָטער
איז אונטער זייערע ליפּן. סֶלָה!

יִכָּתֵבוּ יָמִים יֻצָּרוּ וְלֹא אֶחָד בָּהֶם: וְלִי מַה־יָּקְרוּ רֵעֶיךָ
אֵל מֶה עָצְמוּ רָאשֵׁיהֶם: אֶסְפְּרֵם מֵחוֹל יִרְבּוּן הֱקִיצֹתִי
וְעוֹדִי עִמָּךְ: אִם־תִּקְטֹל אֱלוֹהַּ ׀ רָשָׁע וְאַנְשֵׁי דָמִים סוּרוּ
כ מֶנִּי: אֲשֶׁר יֹמְרוּךָ לִמְזִמָּה נָשֻׂא לַשָּׁוְא עָרֶיךָ: הֲלוֹא־
מְשַׂנְאֶיךָ יְהוָה ׀ אֶשְׂנָא וּבִתְקוֹמְמֶיךָ אֶתְקוֹטָט: תַּכְלִית שִׂנְאָה
שְׂנֵאתִים לְאוֹיְבִים הָיוּ לִי: חָקְרֵנִי אֵל וְדַע לְבָבִי בְּחָנֵנִי
וְדַע שַׂרְעַפָּי: וּרְאֵה אִם־דֶּרֶךְ עֹצֶב־בִּי וּנְחֵנִי בְּדֶרֶךְ עוֹלָם:
קמ לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: חַלְּצֵנִי יְהוָה
מֵאָדָם רָע מֵאִישׁ חֲמָסִים תִּנְצְרֵנִי: אֲשֶׁר חָשְׁבוּ רָעוֹת בְּלֵב
כָּל־יוֹם יָגוּרוּ מִלְחָמוֹת: שָׁנְנוּ לְשׁוֹנָם כְּמוֹ־נָחָשׁ חֲמַת
ה עַכְשׁוּב תַּחַת שְׂפָתֵימוֹ סֶלָה: שָׁמְרֵנִי יְהוָה ׀ מִידֵי רָשָׁע
מֵאִישׁ חֲמָסִים תִּנְצְרֵנִי אֲשֶׁר חָשְׁבוּ לִדְחוֹת פְּעָמָי: טָמְנוּ־
גֵאִים ׀ פַּח לִי וַחֲבָלִים פָּרְשׂוּ רֶשֶׁת לְיַד־מַעְגָּל מֹקְשִׁים שָׁתוּ־לִי
סֶלָה: אָמַרְתִּי לַיהוָה אֵלִי אָתָּה הַאֲזִינָה יְהוָה קוֹל
תַּחֲנוּנָי: יְהוִה אֲדֹנָי עֹז יְשׁוּעָתִי סַכֹּתָה לְרֹאשִׁי בְּיוֹם
נָשֶׁק: אַל־תִּתֵּן יְהוָה מַאֲוַיֵּי רָשָׁע זְמָמוֹ אַל־תָּפֵק יָרוּמוּ סֶלָה:
י רֹאשׁ מְסִבָּי עֲמַל שְׂפָתֵימוֹ יְכַסּוּמוֹ: יִמִּיטוּ עֲלֵיהֶם גֶּחָלִים י

טז׳ ולו קרי קמ׳ י׳ יכסימו קרי יא׳ ימוטו קרי

ה באַהיט מיך, גאָט, פון די הענט פון דעם רָשע,
פון דעם מענטש פון רויבערייַען זאָלסטו מיך באַוואָרענען,
די, וואָס האָבן געטראַכט אומצושטויסן מיינע טריט.
ו די האָפּערדיקע האָבן פאַרשטעקט פאַר מיר אַ פּאַלנעץ און שטריק,
זיי האָבן אויסגעשפּרייט אַ נעץ ביי דער זייט פון דעם געלייַז,
פאַרשטריקונגען האָבן זיי געלייגט פאַר מיר. סֶלָה!

ז איך האָב געזאָגט צו גאָט: מיין גאָט ביסטו,
פאַרנעם, גאָט, דאָס קול פון מיינע געבעטן!
ח גאָט, דו גאָט, מאַכט פון מיין ישועה,
דו האָסט געמאַכט אַן אָפּדאַך פאַר מיין קאָפּ אין דעם טאָג פון באַוואָפענונג,
ט דו זאָלסט נישט נאָכגעבן, גאָט, די תּאוות פון דעם רָשע,
זיין ליסטפּלאַן זאָלסטו נישט לאָזן דערפירן —
זיי וועלן זיך איבערנעמען! סֶלָה!
י דעם קאָפּ פון מיינע אַרומרינגלער —
די פּיין פון זייערע ליפּן זאָל אים באַדעקן.

יא זאָלן ווערן גענייגט איבער זיי גלוטקוילן,
אין פייער זאָל דאָס זיי לאָזן פאַלן,
אין גראָבנס, זיי זאָלן נישט קענען אופשטיין.
יב דער לאַנג־צונגיקער מענטש זאָל נישט בלייַבן באַפעסטיקט אַף דער ערד,
דעם מענטש פון רויב – דאָס בייז,
דאָס וועט אים יאָגן צו אַראָפּשטויסונגען.

יג איך ווייס, אַז גאָט וועט טון אויספירן דעם דין פון דעם אָרימאַן,
דעם מִשפּט פון די נויטבאַדערפטיקע.
יד פאַרוואָר, די צַדיקים וועלן דאַנקלויבן דיין נאָמען,
די רעכטפאַרטיקע וועלן זיצן פאַר דיין פָּנים.

קמא מִזמוֹר לְדָוִד. יְהוָה קְרָאתִיךָ, חוּשָׁה לִּי

א אַ מִזמוֹר פון דָודן.

גאָט, איך האָב דיך גערופן, איַיל דיך צו מיר!
פאַרנעם מיין קוֹל, ווען איך רוף צו דיר!
ב מיין תּפילה זאָל זיין אָנגעברייט פאַר דיר ווי קטוֹרֶת,
דאָס אופהייבן פון מיינע הענט – דער שפּייז־אָפּער פון אָוונט.

ג שטעל, גאָט, אַ וואַך פאַר מיין מויל,
אַ באַוואָרענונג אַף דער טיר פון מיינע ליפּן.
ד דו זאָלסט נישט נייגן מיין האַרץ צו אַ בייזער זאַך,
צו באַשעפטיקן זיך מיט געשעפטן פון רְשעות,
מיט מענטשן, וואָס זענען ווערקער פון אומרעכט.
און לאָז מיך נישט פאַרזוכן פון זייערע זיסקייטן.

ה וועט מיך שמייסן דער צַדיק און מיך שטראָפן – איז עס אַ חֶסד,
אייל אַזאַ בעסטן וועט נישט פאַרניינען מיין קאָפּ.
ווייל ס'איז אַזוי נאָך – איז מיין תּפילה קעגן די בייזקייטן פון יענע.
ו וועלן זייערע ריכטער זיין אָראָפּגעשמיסן אין די הענט פון דעם פעלז –

בָּאֵשׁ יַפִּלֵם בְּמַהֲמֹרוֹת בַּל־יָקוּמוּ׃ אִישׁ לָשׁוֹן בַּל־יִכּוֹן בָּאָרֶץ
אִישׁ־חָמָס רָע יְצוּדֶנּוּ לְמַדְחֵפֹת׃ יָדַעְתָּ כִּי־יַעֲשֶׂה יְהוָה דִּין
עָנִי מִשְׁפַּט אֶבְיֹנִים׃ אַךְ צַדִּיקִים יוֹדוּ לִשְׁמֶךָ יֵשְׁבוּ יְשָׁרִים
קמא אֶת־פָּנֶיךָ׃ קמא מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה קְרָאתִיךָ
חוּשָׁה לִּי הַאֲזִינָה קוֹלִי בְּקָרְאִי־לָךְ׃ תִּכּוֹן תְּפִלָּתִי קְטֹרֶת
לְפָנֶיךָ מַשְׂאַת כַּפַּי מִנְחַת־עָרֶב׃ שִׁיתָה יְהוָה שָׁמְרָה לְפִי
נִצְּרָה עַל־דַּל שְׂפָתָי׃ אַל־תַּט לִבִּי ׀ לְדָבָר רָע לְהִתְעוֹלֵל
עֲלִלוֹת ׀ בְּרֶשַׁע אֶת־אִישִׁים פֹּעֲלֵי־אָוֶן וּבַל־אֶלְחַם בְּמַנְעַמֵּיהֶם׃
ה יֶהֶלְמֵנִי צַדִּיק ׀ חֶסֶד וְיוֹכִיחֵנִי שֶׁמֶן רֹאשׁ אַל־יָנִי רֹאשִׁי כִּי־עוֹד
וּתְפִלָּתִי בְּרָעוֹתֵיהֶם׃ נִשְׁמְטוּ בִידֵי־סֶלַע שֹׁפְטֵיהֶם וְשָׁמְעוּ
אֲמָרַי כִּי נָעֵמוּ׃ כְּמוֹ פֹלֵחַ וּבֹקֵעַ בָּאָרֶץ נִפְזְרוּ עֲצָמֵינוּ לְפִי
שְׁאוֹל׃ כִּי אֵלֶיךָ ׀ יֱהוִה אֲדֹנָי עֵינָי בְּכָה חָסִיתִי אַל־תְּעַר
נַפְשִׁי׃ שָׁמְרֵנִי מִידֵי פַח יָקְשׁוּ לִי וּמֹקְשׁוֹת פֹּעֲלֵי אָוֶן׃
י יִפְּלוּ בְמַכְמֹרָיו רְשָׁעִים יַחַד אָנֹכִי עַד־אֶעֱבוֹר׃ קמב
קמב מַשְׂכִּיל לְדָוִד בִּהְיוֹתוֹ בַמְּעָרָה תְפִלָּה׃ קוֹלִי אֶל־

דעמאָלט וועלן זיי הערן מיינע זאָגן, אַז זיי זענען ליבלעך.
ז אַזוי ווי ווען מע אַקערט און מע שפּאַלט די ערד –
זענען געוואָרן אויסגעשטרײַט אונדזערע ביינער ביי דעם
מויל פון דער נידערוועלט.

ח פאַרוואָר, צו דיר, גאָט, דו גאָט, זענען מיינע אויגן,
אין דיר האָב איך מיך באַשירעמט – דו זאָלסט נישט אויסטרייסלען מיין נ
ט באַהיט מיך פון די הענט פון דער פּאַלנעץ,
אין וואָס זיי האָבן מיך געוואָלט פאַרשטריקן,
און פון די פאַרשטריקונגען פון די ווערקער פון אומרעכט.
י זאָלן די רשָעים אַריינפאַלן, יעדער אין זיין פאַנגשטײַג,
ביז איך וועל מיר דערווייל אַריבערגיין.

קמב מַשְׂכִּיל לְדָוִד, בִּהְיוֹתוֹ בַמְּעָרָה, תְּפִלָּה

א אַ באַקלערונג פון דָודן,
ווען ער איז געווען אין דער הײל, אַ תפילה.

מיין קול איז צו גאָט — איך טו שרייַען,
מיין קול איז צו גאָט — איך טו בעטן.
איך גיס אויס פאַר אים מיין קלאָג,
מיין באַדרענגונג טו איך פאַרקינדיקן פאַר אים:
ווען סע פאַרשמאַכט אין מיר מיין גייַסט,
ביסטו דאָך דער, וואָס קען מיין פוסשטעג.
אַף דעם שטעג, וואָס איך מוז גיין,
האָבן זיי פאַרשטעקט אַ פאַלנעץ פאַר מיר.
קוק רעכטס, און זע —
עס איז דאָך נישטאָ קיינער, וואָס זאָל מיך דערקענען,
פאַרלוירן איז געוואָרן פאַר מיר די אַנטרינונג,
נישטאָ קיינער, וואָס זאָל פאָרשטן נאָך מיין נֶפש.

איך האָב געשריגן צו דיר, גאָט,
איך האָב געזאָגט: „דו ביסט מיין באַשירעמונג,
מיין טייל אין דעם לאַנד פון לעבן."
האָרך דיך צו צו מיין אויפשרייַען,
וואָרן איך בין געוואָרן זייער דערדריקט.
זיַי מיך מַציל פון מיינע נאָכיאָגער,
וואָרן זיי זענען געוואָרן שטאַרקער פון מיר.
צי אַרויס מיין נֶפש פון דער פאַרשלאָסנקייט,
צו דאַנקלויבן דיין נאָמען.
אַרום מיר וועלן זיך קרייַנען די צַדיקים,
וואָרן דו וועסט מיר פאַרגעלטן.

קמג מִזְמוֹר לְדָוִד. יְהוָה, שְׁמַע תְּפִלָּתִי

אַ מִזמור פון דָודן.

גאָט, דערהער מיין תפילה,
פאַרנעם מיינע געבעטן!

יְהוָה אֶזְעָק קוֹלִי אֶל־יְהוָה אֶתְחַנָּן : אֶשְׁפֹּךְ לְפָנָיו שִׂיחִי
צָרָתִי לְפָנָיו אַגִּיד : בְּהִתְעַטֵּף ׀ עָלַי ׀ רוּחִי וְאַתָּה יָדַעְתָּ
ה נְתִיבָתִי בְּאֹרַח־זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ פַח לִי : הַבֵּיט יָמִין ׀ וּרְאֵה
וְאֵין־לִי מַכִּיר אָבַד מָנוֹס מִמֶּנִּי אֵין דּוֹרֵשׁ לְנַפְשִׁי : זָעַקְתִּי
אֵלֶיךָ יְהוָה אָמַרְתִּי אַתָּה מַחְסִי חֶלְקִי בְּאֶרֶץ הַחַיִּים :
הַקְשִׁיבָה ׀ אֶל־רִנָּתִי כִּי־דַלּוֹתִי מְאֹד הַצִּילֵנִי מֵרֹדְפַי כִּי
אָמְצוּ מִמֶּנִּי : הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר ׀ נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת־שְׁמֶךָ
קמג בִּי יַכְתִּרוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי : קמג מִזְמוֹר
לְדָוִד יְהוָה ׀ שְׁמַע תְּפִלָּתִי הַאֲזִינָה אֶל־תַּחֲנוּנַי בֶּאֱמֻנָתְךָ
עֲנֵנִי בְּצִדְקָתֶךָ : וְאַל־תָּבוֹא בְמִשְׁפָּט אֶת־עַבְדֶּךָ כִּי לֹא־יִצְדַּק
לְפָנֶיךָ כָל־חָי : כִּי־רָדַף אוֹיֵב ׀ נַפְשִׁי דִּכָּא לָאָרֶץ חַיָּתִי
הוֹשִׁיבַנִי בְמַחֲשַׁכִּים כְּמֵתֵי עוֹלָם : וַתִּתְעַטֵּף עָלַי רוּחִי
ה בְּתוֹכִי יִשְׁתּוֹמֵם לִבִּי : זָכַרְתִּי יָמִים ׀ מִקֶּדֶם הָגִיתִי בְכָל־
פָּעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ אֲשׂוֹחֵחַ : פֵּרַשְׂתִּי יָדַי אֵלֶיךָ נַפְשִׁי ׀
כְּאֶרֶץ־עֲיֵפָה לְךָ סֶלָה : מַהֵר עֲנֵנִי ׀ יְהוָה כָּלְתָה רוּחִי

אין דײַן געטרײַשאַפט ענטפער מיר, אין דײַן גערעכטיקייט!
ב און דו זאָלסט נישט קומען אין מִשפּט מיט דײַן קנעכט,
וואָרן פאַר דיר וועט נישט בלײַבן גערעכט קיין שום לעבעדיקער.

ג וואָרן דער פײַנט האָט גערוידעפט מײַן נֶפש,
ער האָט צעמערשט מײַן לעבן אָן דער ערד,
ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אין פינסטערנישן ווי די,
וואָס זענען שוין לאַנג טויט.
ד און סע פאַרשמאַכט אין מיר מײַן גײַסט,
מיר אין דער מיט ווערט געפּלעפט מײַן האַרץ.

ה איך געדענק די טעג פון אַמאָל,
איך האָב נאָכגעטראַכט איבער דײַן גאַנץ ווערקן,
איבער דער טואונג פון דײַנע הענט קלער איך נאָך.
ו איך האָב אויסגעשפרייט מײַנע הענט צו דיר,
מײַן נֶפש צו דיר ווי אַ לעכצעדיק לאַנד. סֶלָה!

ז גיך ענטפער מיר, גאָט!

מיין גײַסט ווערט פֿאַרלענדט.
דו זאָלסט נישט פֿאַרבאָרגן דיין פּנים פֿון מיר,
אַז איך זאָל ווערן געגליכן מיט די, וואָס נידערן אַראָפּ אין גרוב.
לאָז מיך הערן אין פֿרימאָרגן דיין חֶסד,
וואָרן אין דיר האָב איך מיך פֿאַרזיכערט.
לאָז מיך קענען דעם וועג, וואָס איך זאָל גיין,
וואָרן צו דיר האָב איך אופֿגעהויבן מיין נֶפֿש.

זיי מיך מַציל פֿון מיינע פֿײַנט, גאָט!
פֿאַר דיר האָב איך אופֿגעדעקט.
לערן מיך צו טון דיין רָצון,
וואָרן דו ביסט מיין גאָט.
דיין גײַסט איז גוט,
דו זאָלסט מיך פֿירן אין דעם לאַנד פֿון רעכטפֿאַרטיקייט.

א פֿון דיין נאָמען וועגן וועסטו מיך באַלעבן,
אין דיין גערעכטיקייט וועסטו אַרויסציען מיין נֶפֿש פֿון באַדרענגונג,
ב און אין דיין חֶסד וועסטו אויסראָטן מיינע פֿײַנט,
און וועסט לאָזן פֿאַרלוירן ווערן אַלע באַדרענגער פֿון מיין נֶפֿש:
וואָרן איך בין דיין קנעכט.

מד לְדָוִד. בָּרוּךְ יְהוָֹה צוּרִי

א פֿון דָודן.

געבענטשט איז גאָט, מיין פֿעלזנשטיין,
וואָס באַלערנט מיינע הענט צו קריג,
מיינע פֿינגער – צו מִלחָמה.
ב מיין חֶסד און מיין פֿעסטונג,
מיין בורג און מיין אַנטרינונג פֿאַר מיר,

אַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי וְנִמְשַׁלְתִּי עִם־יֹרְדֵי בוֹר׃ הַשְׁמִיעֵנִי
בַבֹּקֶר ׀ חַסְדֶּךָ כִּי־בְךָ בָטָחְתִּי הוֹדִיעֵנִי דֶּרֶךְ־זוּ אֵלֵךְ כִּי־אֵלֶיךָ
נָשָׂאתִי נַפְשִׁי׃ הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי ׀ יְהוָה אֵלֶיךָ כִסִּתִי׃
י לַמְּדֵנִי ׀ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ כִּי־אַתָּה אֱלוֹהָי רוּחֲךָ טוֹבָה תַּנְחֵנִי
בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר׃ לְמַעַן־שִׁמְךָ יְהוָה תְּחַיֵּנִי בְּצִדְקָתְךָ ׀
תוֹצִיא מִצָּרָה נַפְשִׁי׃ וּבְחַסְדְּךָ תַּצְמִית אֹיְבָי וְהַאֲבַדְתָּ
קמד כָּל־צֹרְרֵי נַפְשִׁי כִּי אֲנִי עַבְדֶּךָ׃ קמד לְדָוִד ׀
בָּרוּךְ יְהוָה ׀ צוּרִי הַמְלַמֵּד יָדַי לַקְרָב אֶצְבְּעוֹתַי לַמִּלְחָמָה׃
חַסְדִּי וּמְצוּדָתִי מִשְׂגַּבִּי וּמְפַלְטִי־לִי מָגִנִּי וּבוֹ חָסִיתִי
הָרוֹדֵד עַמִּי תַחְתָּי׃ יְהוָה מָה־אָדָם וַתֵּדָעֵהוּ בֶּן־אֱנוֹשׁ
וַתְּחַשְּׁבֵהוּ׃ אָדָם לַהֶבֶל דָּמָה יָמָיו כְּצֵל עוֹבֵר׃

קמג׳ ח׳ קמץ בלא אס״ף   י׳ קמץ בלא אס״ף   יב׳ קמץ בלא אס״ף

מיין שילד, און וואָס אין אים האָב איך מיך באַשירעמט,
דער, וואָס האָט געמאַכט אונטערטעניק פעלקער אונטער מיר!

ג גאָט, וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים וועלן קענען,
דאָס מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט דיך רעכענען מיט אים?
ד דער מענטש איז געגליכן צו אַ הויך,
זיינע טעג זענען ווי אַ שאָטן, וואָס גייט פאַרביי.

ה גאָט, נייג דיינע הימלען און נידער אַראָפּ!
ריר אָן די בערג, און זאָלן זיי זיך רייכערן!
ו טו בליצן אַ בליץ, און דו זאָלסט זיי צעשפּרייטן,
שיק אַרויס דיינע פייַלן, און דו זאָלסט זיי צעטומלען!

ב פעלקער — ווערטלעך: מיין פאָלק. די מסורה ווייזט אָן, אַז דאָס איז איינע פון די דריי שטעלן אין תנ״ך, וואו סע שטייט עמי, און מ׳דאַרף לייענען און פאַרשטיין ווי עמים. די אַנדערע צוויי שטעלן זענען אין שמואל ב׳ כד, מד, און אין איכה ג, יד. אַזוי די פשיטא, תרגום און טייל אַנדערע אַלטע ווערזיעס, וואָס לייענען עמים, ווי אין יח, מח. אַזוי אויך בובער און ראָזענצווייג. דאָס שטימט מיט פסוק ו, וואו סע רעדט זיך וועגן די שונאים. מעגלעך, אַז עמי איז דאָ אַן אָפּקירצונג פון עמים, ווי החיצי אַנשטאָט החיצים אין שמואל א׳ כ, לח. וואָרן מ׳קאָן פרעגן, וואָסער מלך, סיידן אַן אכזר, וועט ליבן גאָט, וואָס האָט אים געהאָלפן אונטערטעניק מאַכן זיין אייגן פאָלק.

שטרעק אויס דיינע הענט פון דער הײך,
רײס מיך אַרויס, און זײַ מיך מַציל פון די וואַסערן אַ סך,
פון דער האַנט פון די זין פון דער פרעמד,
ח וואָס זייער מויל רעדט פאַלשקייט,
און זייער רעכטע האַנט איז אַ רעכטע האַנט פון שֶקר.

ט גאָט, אַ נײַ געזאַנג וויל איך זינגען צו דיר,
אַף אַ צענסטרוניקער ציטער וויל איך לויבשפּילן צו דיר,
י וואָס גיט אַ ישועה פאַר די מלָכים,
וואָס רײַסט אַרויס זיין קנעכט דָוד פון דער בייזער שווערד,
יא רײַס מיך אַרויס, און זײַ מיך מַציל פון דער האַנט
פון די זין פון דער פרעמד,
וואָס זייער מויל רעדט פאַלשקייט,
און זייער רעכטע האַנט איז אַ רעכטע האַנט פון שֶקר:
יב וואָס אונזערע זין זענען ווי פלאַנצונגען,
גרויס־געוואַקסענע אין זייער יוגנט,
אונזערע טעכטער זענען ווי ווינקלזײַלן,
אויסגעשניצטע – אַ געבײַ פון אַ פּאַלײ.
יג אונזערע שפּײַכלערס זענען פאַרפול,
ברענגען אַרויס פון מין צו מין,
אונזערע שאָף פאַרטויזנטפאַכן זיך,
פאַרצענטויזנטפאַכן זיך אַף אונזערע פלורן,
אונזערע רינדער זענען באַלאָדן;
נישטאָ קיין דורכברעכונג און נישט קיין אויסצוג,
און נישט קיין געוואַלד אין אונזערע גאַסן:
טו וואויל איז דעם פאָלק, וואָס ביי אים איז אַזוי!
וואויל איז דעם פאָלק, וואָס גאָט איז זיין גאָט!

מה תְּהִלָּה לְדָוִד. אֲרוֹמִמְךָ אֱלוֹהַי הַמֶּלֶךְ

א אַ לויבגעזאַנג פון דָודן.

ה יְהוָה הַט־שָׁמֶיךָ וְתֵרֵד גַּע בֶּהָרִים וְיֶעֱשָׁנוּ׃ בְּרוֹק בָּרָק
וּתְפִיצֵם שְׁלַח חִצֶּיךָ וּתְהֻמֵּם׃ שְׁלַח יָדֶיךָ מִמָּרוֹם פְּצֵנִי
וְהַצִּילֵנִי מִמַּיִם רַבִּים מִיַּד בְּנֵי נֵכָר׃ אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר־שָׁוְא
וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר׃ אֱלֹהִים שִׁיר חָדָשׁ אָשִׁירָה לָּךְ בְּנֵבֶל
י עָשׂוֹר אֲזַמְּרָה־לָּךְ׃ הַנּוֹתֵן תְּשׁוּעָה לַמְּלָכִים הַפּוֹצֶה
אֶת־דָּוִד עַבְדּוֹ מֵחֶרֶב רָעָה׃ פְּצֵנִי וְהַצִּילֵנִי מִיַּד בְּנֵי־נֵכָר
אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר־שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר׃ אֲשֶׁר בָּנֵינוּ ׀
כִּנְטִעִים מְגֻדָּלִים בִּנְעוּרֵיהֶם בְּנוֹתֵינוּ כְזָוִיֹּת מְחֻטָּבוֹת
תַּבְנִית הֵיכָל׃ מְזָוֵינוּ מְלֵאִים מְפִיקִים מִזַּן אֶל־זַן צֹאונֵנוּ
מַאֲלִיפוֹת מְרֻבָּבוֹת בְּחוּצוֹתֵינוּ׃ אַלּוּפֵינוּ מְסֻבָּלִים אֵין
טו פֶּרֶץ וְאֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה בִּרְחֹבֹתֵינוּ׃ אַשְׁרֵי הָעָם
שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁיְהוָה אֱלֹהָיו׃

קמה תְּהִלָּה לְדָוִד אֲרוֹמִמְךָ אֱלוֹהַי הַמֶּלֶךְ וַאֲבָרְכָה שִׁמְךָ
לְעוֹלָם וָעֶד׃ בְּכָל־יוֹם אֲבָרְכֶךָּ וַאֲהַלְלָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם
וָעֶד׃ גָּדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל מְאֹד וְלִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר׃ דּוֹר
ה לְדוֹר יְשַׁבַּח מַעֲשֶׂיךָ וּגְבוּרֹתֶיךָ יַגִּידוּ׃ הֲדַר כְּבוֹד הוֹדֶךָ
וְדִבְרֵי נִפְלְאֹתֶיךָ אָשִׂיחָה׃ וֶעֱזוּז נוֹרְאֹתֶיךָ יֹאמֵרוּ וּגְדוּלֹּתֶיךָ
אֲסַפְּרֶנָּה׃ זֵכֶר רַב־טוּבְךָ יַבִּיעוּ וְצִדְקָתְךָ יְרַנֵּנוּ׃ חַנּוּן

קמה׳ ו׳ וגדולתך קרי

א איך וויל דיך דערהויבן, מיין גאָט, דו מֶלך,
און איך וויל בענטשן דיין נאָמען אַף אייביק און אייביקייט.

ב ב אַלע טאָג וויל איך דיך בענטשן,
און איך וויל לויבן דיין נאָמען אַף אייביק און אייביקייט:

ג ג „גרויס איז גאָט, און איז זייער געלויבט,
און צו זיין גרויסקייט איז נישטאָ קיין דערפאָרשונג."

ד ד דור צו דור וועט רימען דיינע מַעשׂים,
און זיי וועלן פאַרקינדיקן דיינע גבורות.

ה ה דעם גלאַנץ פון דיין פּרעכטיקער הערלעכקייט
און די זאַכן פון דיינע וואונדער וויל איך באַטראַכטן,

ו ו אַז די מאַכט פון דיינע פאָרכטיקייטן זאָלן זיי אַרויסזאָגן,
און דיין גרויסקייט, איך וויל זי אויסדערציילן:

ז ז דאָס געדעכעניש פון דיין פילפאַכער גוטסקייט זאָלן זיי אויסשפּרודלען,
און דיין גערעכטיקייט זאָלן זיי אויסיובלען.

תהלים

ח לײַטזעליק און דערבאַרעמדיק איז גאָט,
גערולדיק און גרויס אין גענאָד.
ט גוט איז גאָט צו איטלעכן,
און זײַנע דערבאַרעמדיקייטן זענען איבער אַלע זײַנע מַעשׂים.
י דיר וועלן דאַנקלויבן, גאָט, אַלע דײַנע מַעשׂים,
און דײַנע פֿרומע וועלן דיך בענטשן.
יא די הערלעכקייט פֿון דײַן מַלכות וועלן זיי אַרויסזאָגן,
און פֿון דײַן גבֿורה וועלן זיי רעדן:
יב „צו לאָזן קענען די מענטשנקינדער זײַנע גבֿורות,
און די פּרעכטיקע הערלעכקייט פֿון זײַן מַלכות.‟
יג דײַן מלוכה איז אַ מלוכה פֿון אַלע אייבּיקייטן,
און דײַן געוועלטיקונג איז איבער אַלע דור־דורות.

יד גאָט איז אַן אונטערלענער פֿאַר אַלע פֿאַלנדיקע,
און אַן אופֿריכטער פֿאַר אַלע געבויגענע.

טו די אויגן פֿון איטלעכן האַרן אַף דיר,
און דו גיסט זיי זייער נערונג אין איר שָעה.
טז דו עפֿנסט דײַן האַנט,
און זעטיקסט אָן יעדן לעבעדיקן מיט גוטוויליקייט.
יז גערעכט איז גאָט אין אַלע זײַנע וועגן,
און גענעדיק אין אַלע זײַנע מַעשׂים.
יח נאָענט איז גאָט צו אַלע, וואָס רופֿן אים,
צו אַלע, וואָס רופֿן אים אין אֶמת.
יט דעם רָצון פֿון זײַנע פֿאָרכטיקע וועט ער טון,
און זייער הילפֿגעשריי וועט ער דערהערן, און וועט זיי באַפֿרײַען.
גאָט היט אָפּ אַלע, וואָס האָבן אים ליב,
און די אַלע רשָעים וועט ער פֿאַרטיליקן.
א פֿון דעם לויבגעזאַנג פֿון גאָט וועט רעדן מײַן מויל,
און זאָל איטלעך פֿלייש בענטשן דעם נאָמען פֿון זײַן הייליקונג
אַף אייבּיק און אייבּיקייט.

וְרַחוּם יְהֹוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל־חָסֶד׃ טוֹב־יְהֹוָה לַכֹּל
י וְרַחֲמָיו עַל־כָּל־מַעֲשָׂיו׃ יוֹדוּךָ יְהֹוָה כָּל־מַעֲשֶׂיךָ וַחֲסִידֶיךָ
יְבָרְכוּכָה׃ כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ יֹאמֵרוּ וּגְבוּרָתְךָ יְדַבֵּרוּ׃
לְהוֹדִיעַ ׀ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתוֹ׃
מַלְכוּתְךָ מַלְכוּת כָּל־עֹלָמִים וּמֶמְשַׁלְתְּךָ בְּכָל־דּוֹר וָדֹר׃
טו סוֹמֵךְ יְהֹוָה לְכָל־הַנֹּפְלִים וְזוֹקֵף לְכָל־הַכְּפוּפִים׃ עֵינֵי־כֹל
אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן־לָהֶם אֶת־אָכְלָם בְּעִתּוֹ׃ פּוֹתֵחַ
אֶת־יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל־חַי רָצוֹן׃ צַדִּיק יְהֹוָה בְּכָל־דְּרָכָיו
וְחָסִיד בְּכָל־מַעֲשָׂיו׃ קָרוֹב יְהֹוָה לְכָל־קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר
יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת׃ רְצוֹן־יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה וְאֶת־שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע
כ וְיוֹשִׁיעֵם׃ שׁוֹמֵר יְהֹוָה אֶת־כָּל־אֹהֲבָיו וְאֵת כָּל־הָרְשָׁעִים
יַשְׁמִיד׃ תְּהִלַּת יְהֹוָה יְדַבֶּר־פִּי וִיבָרֵךְ כָּל־בָּשָׂר שֵׁם קָדְשׁוֹ
קמו לְעוֹלָם וָעֶד׃ קמו הַלְלוּ יָהּ הַלְלִי נַפְשִׁי אֶת־
יְהֹוָה׃ אֲהַלְלָה יְהֹוָה בְּחַיָּי אֲזַמְּרָה לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי׃ אַל־
תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן־אָדָם ׀ שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה׃ תֵּצֵא רוּחוֹ
ה יָשֻׁב לְאַדְמָתוֹ בַּיּוֹם הַהוּא אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו׃ אַשְׁרֵי שֶׁאֵל
יַעֲקֹב בְּעֶזְרוֹ שִׂבְרוֹ עַל־יְהֹוָה אֱלֹהָיו׃ עֹשֶׂה ׀ שָׁמַיִם וָאָרֶץ

ח׳ יתיר ו׳

קמו הַלְלוּיָהּ. הַלְלִי נַפְשִׁי אֶת־יְהֹוָה

א הַלְלוּיָה – לויבט גאָט!
לויב, נשמה מיינע, גאָט!
ב איך וויל לויבן גאָט ביי מיין לעבן,
איך וויל לויבשפּילן צו מיין גאָט נאָך אין מיין דאָאיקייט.

ג איר זאָלט אייך נישט פֿאַרזיכערן אין די איידלהאַרן,
אין קיין מענטשנקינד, וואָס ביי אים איז נישטאָ קיין ישועה.
ד גייט אַרויס זיין גײַסט – קערט ער זיך אום צו זיין ערד,
אין דעמזעלביקן טאָג ווערן פֿאַרלוירן זיינע אײַנפֿאַלן.

ה וואויל איז דעם, וואָס דער גאָט פֿון יַעקב איז זיין הילף,
זיין האַרן איז אַף גאָט, זיין גאָט,
ו וואָס האָט געמאַכט הימל און ערד,
דעם ים, און אַלץ, וואָס איז אין זיי,

דער, וואָס היט אָפּ אֶמת אַף אײביק,
ז וואָס טוט רעכטשאַפונג פֿאַר די באַדריקטע,
וואָס גיט ברויט פֿאַר די הונגעריקע.
גאָט, בינדט אויף די געבונדענע,
ח גאָט העלט אויף די בלינדע,
גאָט ריכט אויף די געבויגענע,
גאָט האָט ליב די צדיקים,
ט גאָט היט אָפּ די גֵרים,
יָתום און אַלְמָנה דערהאַלט ער,
און דעם וועג פֿון רשָעים פֿאַרקרימט ער.

י גאָט וועט קיניגן אַף אײביק,
דײַן גאָט, צִיון, אַף דור־דורות.
הַללויה – לויבט גאָט!

קמז הַלְלוּיָה. כִּי־טוֹב זַמְּרָה אֱלֹהֵינוּ

א הַללויה – לויבט גאָט!

וואָרן עס איז גוט צו לויבשפּילן אונזער גאָט,
וואָרן עס איז ליבלעך, שײן איז לויבגעזאַנג.
ב דער אופֿבויער פֿון ירושָלַיִם איז גאָט,
די פֿאַרשטויסענע פֿון יִשְׂרָאֵל טוט ער אײַנזאַמלען,
ג ער, וואָס איז דער הײלער פֿון די צעבראָכענע אין האַרץ,
און וואָס בינדט אַרום זײערע שמאַרצונגען.
ד ער צײלט־צו די צאָל פֿון די שטערן,
זײ אַלע רופֿט ער אָן מיט נעמען.
ה גרויס איז אונזער האַר, און פֿול מיט כּוֹחַ,
צו זײן פֿאַרשטענדיקײט איז נישטאָ קײן צאָל.
ו גאָט דערהאַלט די קלײנמוטיקע,
די רשָעים דערנידעריקט ער ביז צו דער ערד.

אֶת־הַיָּם וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּם הַשֹּׁמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם׃ עֹשֶׂה
מִשְׁפָּט ׀ לָעֲשׁוּקִים נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים יְהוָה מַתִּיר אֲסוּרִים׃
יְהוָה ׀ פֹּקֵחַ עִוְרִים יְהוָה זֹקֵף כְּפוּפִים יְהוָה אֹהֵב צַדִּיקִים׃
יְהוָה ׀ שֹׁמֵר אֶת־גֵּרִים יָתוֹם וְאַלְמָנָה יְעוֹדֵד וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים
י יְעַוֵּת׃ יִמְלֹךְ יְהוָה ׀ לְעוֹלָם אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן לְדֹר וָדֹר הַלְלוּ־
קמז יָהּ׃ קמז הַלְלוּ יָהּ ׀ כִּי־טוֹב זַמְּרָה אֱלֹהֵינוּ כִּי־
נָעִים נָאוָה תְהִלָּה׃ בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַםִ יְהוָה נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל
יְכַנֵּס׃ הָרֹפֵא לִשְׁבוּרֵי לֵב וּמְחַבֵּשׁ לְעַצְּבוֹתָם׃ מוֹנֶה
ה מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם שֵׁמוֹת יִקְרָא׃ גָּדוֹל אֲדוֹנֵינוּ וְרַב־
כֹּחַ לִתְבוּנָתוֹ אֵין מִסְפָּר׃ מְעוֹדֵד עֲנָוִים יְהוָה מַשְׁפִּיל
רְשָׁעִים עֲדֵי־אָרֶץ׃ עֱנוּ לַיהוָה בְּתוֹדָה זַמְּרוּ לֵאלֹהֵינוּ
בְכִנּוֹר׃ הַמְכַסֶּה שָׁמַיִם ׀ בְּעָבִים הַמֵּכִין לָאָרֶץ מָטָר
הַמַּצְמִיחַ הָרִים חָצִיר׃ נוֹתֵן לִבְהֵמָה לַחְמָהּ לִבְנֵי עֹרֵב
אֲשֶׁר יִקְרָאוּ׃ לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ לֹא בְשׁוֹקֵי הָאִישׁ
יִרְצֶה׃ רוֹצֶה יְהוָה אֶת־יְרֵאָיו אֶת־הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ׃

ז טוט וועטזינגען צו גאָט מיט דאַנקלויב,
טוט לויבשפּילן צו אונזער גאָט מיט דער האַרף.
ח דעם, וואָס באַדעקט דעם הימל מיט וואָלקנס,
דעם, וואָס ברייט אָן רעגן פֿאַר דער ערד,
דעם, וואָס לאָזט שפּראָצן די בערגער גראָז,
ט וואָס גיט דער בהמה איר שפּייַז,
פֿאַר די יונגע ראָבן – דאָס, נאָך וואָס זיי רופֿן.
י נישט אין דער גבורה פֿון דעם פֿערד איז זיין באַגער,
נישט אין די שענקלען פֿון דעם מענטש האָט ער באַווייליקונג.
יא גאָט וואוילבאַווייליקט זיינע פֿאָרכטיקע,
די, וואָס האַרן אַף זיין חסד.

יב רים, ירושלים, גאָט,
לויב דיין גאָט, ציון!
יג וואָרן ער האָט געמאַכט שטאַרק די ריגלען פֿון דיינע טויערן,
ער האָט געבענטשט דיינע קינדער דרינען אין דיר.
יד דער, וואָס האָט פֿאַרשאַפֿט שלום דיין גרעניץ,

פון דעם פעטס פון ווייצן וועט ער דיך זעטיקן.
טו דער, וואָס שיקט אַרויס דיין זאָג אַף דער ערד–
זייער גיך לויפט זיין וואָרט–
טז דער, וואָס גיט שניי ווי וואָל,
ער שטרייט אויס דעם פרי־פראָסט ווי אַש,
יז ער צעוואַרפט זיין אייז ווי ברעקלעך,–
פאַר זיין קעלט–ווער קאָן באַשטיין?
יח ער שיקט אַרויס זיין וואָרט, און עס צעשמעלצט זיי,
ער לאָזט בלאָזן זיין ווינט–רינען וואַסערן.
יט ער פאַרקינדיקט זיינע רייד צו יַעקב,
זיינע געזעצן און זיינע רעכטשפּראָכן צו יִשׂרָאל.
כ ער האָט אַזוי נישט געטון פאַר איטלעכן שטאַם,
און די רעכטשפּראָכן, זיי זענען זיי געבליבן נישט באַקאַנט.

הַללויה–לויבט גאָט!

קמח הַלְלוּיָהּ. הַלְלוּ אֶת־יְהוָה מִן־הַשָּׁמַיִם

א הַללויה–לויבט גאָט!

לויבט גאָט פון דעם הימל אַרויס,
לויבט אים אין די הייכן!
ב לוייבט אים, איר אַלע זיינע מַלאָכים,
לויבט אים, איר אַלע זיינע הערשאַרן!
ג לויבט אים, זון און לבָנה,
לויבט אים, איר אַלע לייכטנדיקע שטערן!
ד לויבט אים, איר הימלען פון דעם הימל,
און איר וואַסערן, וואָס זענט איבער דעם הימל!

ה זיי זאָלן לויבן דעם נאָמען פון גאָט,
וואָרן ער האָט געבאָטן, און זיי זענען געוואָרן באַשאַפן,
ו און ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אַף אייביק, אַף אייביק,

שַׁבְּחִי יְרוּשָׁלַםִ אֶת־יְהוָה הַלְלִי אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן׃ כִּי־חִזַּק
בְּרִיחֵי שְׁעָרָיִךְ בֵּרַךְ בָּנַיִךְ בְּקִרְבֵּךְ׃ הַשָּׂם־גְּבוּלֵךְ שָׁלוֹם
טו חֵלֶב חִטִּים יַשְׂבִּיעֵךְ׃ הַשֹּׁלֵחַ אִמְרָתוֹ אָרֶץ עַד־מְהֵרָה
יָרוּץ דְּבָרוֹ׃ הַנֹּתֵן שֶׁלֶג כַּצָּמֶר כְּפוֹר כָּאֵפֶר יְפַזֵּר׃ מַשְׁלִיךְ
קַרְחוֹ כְפִתִּים לִפְנֵי קָרָתוֹ מִי יַעֲמֹד׃ יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיַמְסֵם
יַשֵּׁב רוּחוֹ יִזְּלוּ־מָיִם׃ מַגִּיד דְּבָרָו לְיַעֲקֹב חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו
כ לְיִשְׂרָאֵל׃ לֹא־עָשָׂה כֵן ׀ לְכָל־גּוֹי וּמִשְׁפָּטִים בַּל־יְדָעוּם
קמח הַלְלוּ־יָהּ׃ קמח הַלְלוּ יָהּ ׀ הַלְלוּ אֶת־יְהוָה
מִן־הַשָּׁמַיִם הַלְלוּהוּ בַּמְּרוֹמִים׃ הַלְלוּהוּ כָל־מַלְאָכָיו
הַלְלוּהוּ כָּל־צְבָאָו׃ הַלְלוּהוּ שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ הַלְלוּהוּ כָּל־
כּוֹכְבֵי אוֹר׃ הַלְלוּהוּ שְׁמֵי הַשָּׁמָיִם וְהַמַּיִם אֲשֶׁר ׀ מֵעַל
ה הַשָּׁמָיִם׃ יְהַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָה כִּי הוּא צִוָּה וְנִבְרָאוּ׃
וַיַּעֲמִידֵם לָעַד לְעוֹלָם חָק־נָתַן וְלֹא יַעֲבוֹר׃ הַלְלוּ אֶת־
יְהוָה מִן־הָאָרֶץ תַּנִּינִים וְכָל־תְּהֹמוֹת׃ אֵשׁ וּבָרָד שֶׁלֶג
וְקִיטוֹר רוּחַ סְעָרָה עֹשָׂה דְבָרוֹ׃ הֶהָרִים וְכָל־גְּבָעוֹת
י עֵץ פְּרִי וְכָל־אֲרָזִים׃ הַחַיָּה וְכָל־בְּהֵמָה רֶמֶשׂ וְצִפּוֹר
כָּנָף׃ מַלְכֵי־אֶרֶץ וְכָל־לְאֻמִּים שָׂרִים וְכָל־שֹׁפְטֵי אָרֶץ׃

סמ' יט' דבריו ק' קמח' א' פתח באתנח ב' צבאיו קרי

ער האָט געגעבן אַ געזעץ, און מע וועט עס נישט איבערטרעטן.

ז לויבט גאָט פון דער ערד אַרויף,
איר יַם־דראַכן און אַלע תהומען,
ח פֿײַער און האָגל, שנײ און דאַמף,
שטורעמווינט, וואָס טוט זײַן וואָרט,
ט איר בערג און אַלע היגלען,
פרוכטבוים און אַלע צעדערן,
י דו חיה און איטלעכע בהמה,
ווימלונג און געפֿליגלטער פֿויגל,
יא מלכים פון דער ערד און אַלע אומות,
האַרן און אַלע ריכטער פון דער ערד,
יב בחורים און אויך מײדן,
זקנים מיט ייִנגלעך.
יג זיי זאָלן לויבן דעם נאָמען פון גאָט,

וואָרן זײַן נאָמען אַלײן בלײַבט דערהײַכט,
זײַן פּראַכט איז איבער ערד און הימל.
יד און ער האָט דערהויבן דעם האָרן פֿאַר זײַן פֿאָלק, –
עס איז אַ לויבגעזאַנג פֿאַר אַלע זײַנע פֿרומע,
פֿאַר די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל, דעם פֿאָלק פֿון זײַן נאָענטקײט.

הַללויה – לויבט גאָט!

קמט הַלְלוּיָהּ. שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ, תְּהִלָּתוֹ בִּקְהַל חֲסִידִים

א הַללויה – לויבט גאָט!

זינגט צו גאָט אַ נײַ געזאַנג,
זײַן לויבגעזאַנג – אין דער אײנזאַמלונג פֿון די פֿרומע!
ב זאָל זיך פֿרײען יִשׂרָאֵל מיט דעם, וואָס האָט אים געמאַכט,
די קינדער פֿון צִיוֹן זאָלן זײַן לוסטיק מיט זײער מֶלך.
ג זײ זאָלן לויבן זײַן נאָמען אין טאַנץ,
מיט פּויק און האַרף זאָלן זײ לויבשפּילן צו אים.
ד וואָרן גאָט האָט וואוילבאַוויליקונג אין זײַן פֿאָלק,
ער באַצירט די קלײַנמוטיקע מיט ישועה.

ה זאָלן אָנקוועלן די פֿרומע אין דער הערלעכקײט,
זײ זאָלן יובלען אַף זײערע געלעגערס.
ו דערהײַבונגען פֿון גאָט אין זײער קעל,
און אַ צווײ־שנײַדיקע שווערד אין זײער האַנט:
ז צו טון אויספֿירן נְקָמה אין די וועלטשטאַמען,
שטראָפֿונגען – אין די אומות,
ח צו בינדן זײערע מְלָכים מיט לינוועס,
און זײערע הערלעכע – אין אײַזערנע קײטן,
ט צו טון אויספֿירן אין זײ דעם געשריבענעם משפּט, –
גלאַנץ איז דאָס פֿאַר אַלע זײַנע פֿרומע.

הַללויה – לויבט גאָט!

בַּחוּרִים וְגַם־בְּתוּלוֹת זְקֵנִים עִם־נְעָרִים׃ יְהַלְלוּ ׀ אֶת־
שֵׁם יְהוָה כִּי־נִשְׂגָּב שְׁמוֹ לְבַדּוֹ הוֹדוֹ עַל־אֶרֶץ וְשָׁמָיִם׃
וַיָּרֶם קֶרֶן ׀ לְעַמּוֹ תְּהִלָּה לְכָל־חֲסִידָיו לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עַם
קמט קְרֹבוֹ הַלְלוּ־יָהּ׃ קמט הַלְלוּ יָהּ ׀ שִׁירוּ
לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּתוֹ בִּקְהַל חֲסִידִים׃ יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל
בְּעֹשָׂיו בְּנֵי־צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם׃ יְהַלְלוּ שְׁמוֹ בְמָחוֹל בְּתֹף
וְכִנּוֹר יְזַמְּרוּ־לוֹ׃ כִּי־רוֹצֶה יְהוָה בְּעַמּוֹ יְפָאֵר עֲנָוִים
ה בִּישׁוּעָה׃ יַעְלְזוּ חֲסִידִים בְּכָבוֹד יְרַנְּנוּ עַל־מִשְׁכְּבוֹתָם׃
רוֹמְמוֹת אֵל בִּגְרוֹנָם וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם׃ לַעֲשׂוֹת נְקָמָה
בַּגּוֹיִם תּוֹכֵחוֹת בַּלְאֻמִּים׃ לֶאְסֹר מַלְכֵיהֶם בְּזִקִּים
וְנִכְבְּדֵיהֶם בְּכַבְלֵי בַרְזֶל׃ לַעֲשׂוֹת בָּהֶם ׀ מִשְׁפָּט כָּתוּב
קנ הָדָר הוּא לְכָל־חֲסִידָיו הַלְלוּ־יָהּ׃ קנ הַלְלוּ
יָהּ ׀ הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ׃ הַלְלוּהוּ
בִגְבוּרֹתָיו הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ׃ הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר
הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר׃ הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל הַלְלוּהוּ
ה בְּמִנִּים וְעוּגָב׃ הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי
תְרוּעָה׃ כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּ־יָהּ׃

קנ הַלְלוּיָה. הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ

א הַללויה — לויבט גאָט!

לויבט גאָט אין זיין הייליקטום,
לויבט אים אין דער אויסוועלבונג פון זיין מאַכט!
ב לויבט אים פאַר זיינע גבורות,
לויבט אים נאָך דער פולע נאָך פון זיין גרויסקייט!
ג לויבט אים מיט דעם בלאָזן פון שופר,
לויבט אים מיט ציטער און האַרף,
ד לויבט אים מיט פויק און טאַנץ,
לויבט אים מיט סטרונעשפּילן און פייפל,
ה לויבט אים מיט געקלאַנג פון צימבלען,
לויבט אים מיט געשאַל פון צימבלען,
ו אַלץ, וואָס האָט אָטעם, זאָל לויבן גאָט!

הַללויה — לויבט גאָט!

ביכער פון נפתלי גראָס:

פּסאַלמען (94 פיר שורהדיקע לידער) 1919.
לידער, 1920.
דער וויסער רייטער (לידער און באַלאַדן) 1925.
יידן, לידער און באַלאַדן פון אונזערע שטעטלשטעט, 1929.
דעבס, אַ מעשׂה פון אַ מענטשן, 1933.
בילדער פון יידישן אַרבעטער לעבן אין אַמעריקע, 1935.
מעשׂות, אילוסטרירט פון חיים גראָס, 1935.
די פינף מגילות, מיט אַ קאָמענטאַר צו איכה, 1936.
וולאַדימיר מעדעם, 1938.
יידן, צווייט בוך, אונזערע געמאַרקן, 1938.
תּהלים מיט אַן אַריינפיר, 1948.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום
אַרבעטער רינג:
W. C. Educational Department
175 East Broadway, New York, N. Y.

גרייט צום דרוק:

חומש
דער מאַמעס לידער פון לילי גראָס
מעשׂות (צווייט בוך)
לידער פאַר קינדער
יעקבס חלום פון ריכאַרד בער־האָפמאַן
קאַליל גיבראַנס מעשׂהלעך
מעשׂות פון טויזנט און איין נאַכט
היינריך היינעס לידער
מעשׂהלעך און משלים
ר' ישׂראל בעל־שם־טוב
יידן, דריט בוך, לידער אַף אונזער בראָך